דר. ל. הערש

פּריוואַט-דאָצענט אין גענפער אוניווערזיטעט.


22915

# די יודישע עמיגראַציע

איהר גרויס, אייגענאַרטיגקייט, סבות, בעדייטונג און רעגולירונג.

מיט 37 סטאַטיסטישע טאַבעלען און 7 דיאַגראַמען.


Tartu Juudi Raamatukogu

Dr. J. E. ESTi nimel.

№ 13082

דארפּעטער קהלה ביבליאטעק



פערלאַג „די וועלט“ ווילנאַ, טראָקער גאַס 15.

1914.

Bibliotheca Universitatis Tartuensis
1941: 12730

דרוקעריי פון ב. א. קלעצקין, ווילנא.

מיין בליהענד-יונג-געשטאָרבענער מוטער
צום אנדענקען
אָן איהר גרויסער, איינפאַכער צואה.

דאָס 24-טע יאָהר נאָך איהר טויט.

Tartu Juudi Raamatukogu
Dr. J. EIGES'i nimel.
№
דארפּטער קהלה ביבליאָטעק
«ד״ר. אייגעס»

# אַפּאָר ווערטער צו דער יודישער אויסגאַבע.

דאָס בוך, וואָס דער לעזער האָט דאָ פאַר די אויגען, איז צוערשט ערשינען אויף פראַנצויזיש אונטער׳ן נאָמען: Le Juif errant d'aujourd'hui די יודישע אויסגאַבע איז אָבער בשום אופן ניט קיין איבערזעצונג פונ׳ם פראַנצויזישען אָריגינאַל; דאָס איז אַנ׳אָריגינאַל פאַר זיך, געשריבען לכתחלה אויף יודיש, און אונטערשיידעט זיך באמת אין געוויסע הינזיכטען פון דעם פראַנצויזישען טעקסט. וועגען די וויכטיגסטע אונטערשיידען צווישען די ביידע אויסגאַבען וויל איך טאַקע זאָגען אַפּאָר ווערטער

1. אין דער פראַנצויזישער אויסגאַבע איז פאַראַן אַ הקדמה, אין וועלכער עס ווערט געגעבען דעם מערב־אייראָפּעאישען לעזער אַ געוויסער בעגריף וועגען דעם, וואָס ביי היינטיגער צייט שטעלט אַזוינס פאָר דאָס יודישע פאָלק אין מזרח־אייראָפּע. פאַר דעם יידישען לעזער איז, פערשטעהט זיך, אַזאַ הקדמה איבעריג, האָב איך זי דאָ אַרויסגעלאָזען *). איך האָב אויסגעלאָזען אויך אַ געוויסע צאָהל איינצעלהייטען, וועלכע בעציהען זיך אויף די עמיגראַציע פון אַנדערע פעלקער, אָדער וועלכע ענטהאַלטען אַ צו־פערפלאָנטערטע קריטיק פון די סטאַטיסטישע קוועלען: אין אַזעלכע פאַלען מערק איך אָבער שטענדיג אָן, אַז די גענויערע פרטים קען מען געפינען אין דער פראַנצויזישער אויסגאַבע, כדי דער לעזער, וואָס אינטערעסירט זיך מיט יענע פרטים, אָדער וואָס וויל קאָנטראָלירען מיין בעציהונג צו די קוועלען, זאָל קענען זיין וואונש צופרידענשטעלען. דעסגלייכען אין די אינטערנאַציאָנאַלע טאַבעלען האָב איך זיך געוועהנליך בענוגעגט מיט רעלאַטיווע צאָהלען; אויב עמיצער וויל קאָנטראָלירען, צי זיי זענען ריכטיג אויסגערעכענט געוואָרען, קען ער אין דער פראַנצויזישער אויסגאַבע געפינען אויך די אַבסאָלוטע ציפערען, וואָס אויף זייער סמך האָב איך די רעלאַטיווע צאָהלען בעקומען. לסוף האָב איך אויסענגעלאָזען אויך דעם טעאָרעטישען טייל פונ׳ם שלוס־וואָרט, אין וועלכען עס ווערען אָנגעמערקט די הויפּטשטריכען פון אַנ׳אַלגעמיינער עמיגראַציאָנס־טעאָריע, און וועלכער געהט שוין אייגענטליך אַרויס פון די ראַהמען פון אונזער אַרבייט איבער די יודישע עמיגראַציע.

*) הגם געוויסע צייטשריפטען, און צווישען אנדערע אויך דער „נאָווי וואָסחאָד״ האָבען גראָד פערצייכענט טאַקי אָט די הקדמה.

2. פון דער אַנדער זייט אָבער געפינט זיך אין דער יודישער אויסגאַבע אַ גרויסע אָבטיילונג (זיבען קאַפּיטלאַך), וועלכע בעהאַנדעלט די רעגולירונג פון דער יודישער עמיגראַציע, און וועלכע איז אינ'ם פראַנצויזישען טעקסט גאָר אינגאַנצען ניטאָ.

אין דער אונטערשטער שורה דאַרף מען אויף אַזאַנ'אַרט אָנערקענען, אז די יודישע אויסגאַבע איז בעדייטענד ברייטער ווי די פראַנצויזישע. אין דער פראַנצויזישער אויסגאַבע האָב איך געזוכט בלויז פעסטצושטעלען, וואָס איז אַזוינס די יודישע עמיגראַציע: ווי גרויס איז זי? וואָס פאַר אַ כאַראַקטער טראָגט זי? וואָס זענען איהרע סבות? צום טייל אויך, וואָס פאַר אַ פאָלגען האָט זי?—אין דער יודישער בעהאַנדעל איך, אַחוץ דעם, אויך די פראַגע: וואָס דאַרף מען טאָן בנוגע צו דער יודישער עמיגראַציע?

ווילאַנג איך האָב זיך בעשעפטיגט מיט אונטערזוכען, וואָס די יודישע עמיגראַציע איז אין דער ווירקליכקייט, איז נאָך ניט נויטיג געווען, איך זאָל זיך שטעלען אויפ'ן שטאַנדפונקט פון געוויסע אינטערעסען: די איינציגע זאַך, וואָס פון מיר האָט זיך געפאָדערט, איז דאָס, אַז די פאַקטען, וועלכע איך אונטערזוך, זאָלען אונטערזוכט ווערען אַזוי שטרענג-וויסענשאַפטליך, ווי נור מעגליך. און היפּשזעכליך דעריבער איז עס מעגליך געווען, אַז מיין בוך אין דעם אומפאַנג, ווי ער איז ערשינען אויף פראַנצויזיש, האָט געקענט מיט סימפּאַטיע אויפגענומען ווערען ביי די פערשידענסטע ריכטונגען, ווי צ. ב. ביי דעם גרויס-בורזשואַזען פראַנצויזישען „טאַן" און דער שטרענג-מאַרקסיסטישער דייטשער „נייע צייט", ביים יודיש-נאַציאָנאַלען „פריינד" און אַנטיסעמיטיש-נאַראָדאָווען „קוריער וואַרשאַווסקי", א. ד. גל.

בעהאַנדעל איך אָבער די פראַגע: וואָס דאַרף מען טאָן?—דאַן מוז איך זיך באַלד שטעלען אויפ'ן שטאַנדפונקט פון געוויסע אינטערעסען. וואָרום דאָס, וואָס דאַרף געטאָן ווערען כדי צו ברענגען נוצען די שיפס-געזעלשאַפטען צ. ב., איז, פערשטעהט זיך, ווייט ניט דאָס, וואָס ליעגט אין די אינטערעסען פון דער עמיגרירענדער מאַסע, און דאָס, וואָס וואָלט זיין צו טאָן לויט'ן וואונש פון די פוילישע נאַראָדאָוצעס, איז ניט שטענדיג אין די אינטערעסען פון זייערע יודישע מיטבירגער.

עס איז איבעריג אויסצוטייטשען, וועמענס אינטערעסען עס ווערען פערטיידיגט אין דיזען בוך.

דער פערפאַסער.

Juudi usu Koguduse Valitsus * Tartus *

# די יודישע עמיגראציע.

# אײנלײטונג.

די עמיגראַציע איז געװיס אײנע פֿון די װיכטיגסטע ערשײנונגען אין דעם יודישען לעבען בכלל, אין דעם לעבען פֿון דער יודישער אַרבײטענדער מאַסע בפרט. צי איז אָבער דיעזע װיכטיגע ערשײנונג װי געהעריג ערפֿאָרשט און בעטראַכט געװאָרען? — אויף דעם מוז מען ענטפֿערען: נײן.

די יודישע עמיגראַציע, װי יעדע גרויסע געשעהעניש, האָט בעשאַפֿען איהרע לעגענדען, אַרויסגערופֿען גאַנץ פֿאַנטאַסטישע פֿאָרשטעלונגען װעגען איהר אמת'ן אינהאַלט און בעדײטונג, און אין דעם זינן האָט זי געשאַפֿען אַ גאַנץ ברײטע ליטעראַטור. אין אַן'אונענדליכער רײהע פֿון צײטונגס-אַרטיקלען און פּאָליטישע בראָשורען איז אַזוי אָדער אַנדערש בעריהרט געװאָרען די יודישע עמיגראַציע; דיעזע אַרטיקלען און בראָשורען זענען אָבער אַלע, אַ חוץ אַ צװײ-דרײ אויסנאַהמען, אַלײן געװעזען דער אויסדרוק פֿון די פֿערשיעדענע עמיגראַציאָנס-לעגענדען און האָבען נור מיטגעהאָלפֿען געדיכטער צו מאַכען דעם לעגענדאַרען נעבעל, װאָס האָט פֿון אַלע זײטען אַרומגענומען די יודישע עמיגראַציע. אויף דעם יסוד פֿון דיעזע לעגענדען, אָדער אויף פּראָסט יודיש באָבע-מעשה'ס, האָט מען געבויט פֿערשיעדענאַרטיגע לופֿט-שלעסער אויף צו ראַטעװען דאָס אונטערגעהענדע אָדער פֿערװעלקענדע יודישע פֿאָלק, און אויף אַזאַ נ'אַרט זענען די לעגענדען װעגען דער יודישער עמיגראַציע אַרײן אין פּאָליטישע פּאַרטײ-פּראָגראַמען, און פֿון אונשולדיגע מעשה'לעך זענען זײ פֿערװאַנדעלט געװאָרען אין שעדליכע אוטאָפּיסטישע סאָציאַל-פּאָליטישע שטרעמונגען.

און אפשר זענען די אוטאָפּיסטישע שטרעמונגען געװעזען נישט פֿרוכט פֿון דיעזע מעשה'לעך, נור דער בוים, אויף װעלכע די מעשה'לעך זענען אויפֿגעװאַקסען. די אוטאָפּיסטישע שטרעמונגען האָבען עקזיסטירט פֿון לאַנג-אָן, זײ האָבען אָבער געדאַרפֿט אַ פּאָזיטיװען, „װיסענשאַפֿטליכען" יסוד פֿאַר זיך; האָבען זײ זיך געװענדעט צו דער יודישער עמיגראַציע און בעשאַפֿען די לעגענדען, װעלכע זענען געװען נויטיג פֿאַר זײער סאָציאַל-פּאָליטישען פּראָגראַם. די פֿולע אומװיסענהײט אין אַלץ, װאָס איז נוגע דער עמיגראַציע בכלל און דער יודישער עמיגראַציע

בפרט, האט דערביי נור פערלייכטערט די „בעגרינדער" פון פערשידענע פארטיי-פראגראמען זייער אויפגאבע.

אזוי אדער אזוי, פערשידענע אוטאפיסטישע שטרעמונגען שטיצען זיך אויף די יודישע עמיגראציאנס-לעגענדען. צערשטרעהען דיזע לעגענדען, בעקאנט-מאכען דאס ברייטע פובליקום, און ספעציעל די בעוואוסטזיניגע ארבייטערשאפט, מיט דעם, וואס די יודישע עמיגראציע, דיזע וויכטיגע ערשיינונג אינ'ם יודישען לעבען, שטעלט-פאר אין דער ווירקליכקייט, איז דעריבער גופא שוין א העכסט-נוצליכע ארבייט. א ריכטיגער בעגריף וועגען די יודישע עמיגראציע רייסט-אונטער דעם יסוד, אויף וועלכען עס שטיצען זיך די געגנער פון דער סאציאל-דעמאקראטיע אינ'ם יודישען ארבייטער-לאגער. נור א חוץ דעם, א קלארער בעגריף וועגען דעם אמת'ן כאראקטער פון דער יודישער עמיגראציע וועט אונז גופא אויך געבען די מעגליכקייט צו פארמולירען אונזערע אויפגאבען בנוגע צו דער גרויסער עמיגראציאנס-בעוועגונג.

לאזענדיג אפילו אויף א זייט דעם ריין-טעארעטישען ווערטה פון דעם ערפארשונג פון דער געגענווערטיגער יודישער וואנדערונג, האט זי אלזא פאר אונז קודם כל א גרויסע פראקטישע, פארטיי-פאליטישע בעדייטונג.

צושטערען די פערשידענארטיגע עמיגראציאנס-לעגענדען, געבען א ריכטיגען בעגריף וועגען דער וואנדערונגס-בעוועגונג איז אבער מעגליך נור מיט דער הילף פון גענויע, אויספיהרליכע און זיכערע סטאטיסטישע ידיעות. ליידער. וועגען אזעלכע סטאטיסטישע ידיעות איבער די גאנצע געגענווערטיגע יודישע וואנדערונג נישט פאראן. מיר האבען זיכערע און רעכט-אויספיהרליכע סטאטיסטישע ידיעות בלויז וועגען יענעם טייל פון דער יודישער וואנדערונג, וועלכער געהט אין די פעראייניגטע שטאאטען פון צפון אמעריקא; וועגען די יודישע עמיגראנטען, וואס געהען אין אנדערע לענדער, האבען מיר אויסערסט-קנאפע און זעהר אלגעמיינע, אויבערפלעכליכע ידיעות. א חוץ דעם, אפילו פון די פעראייניגטע שטאאטען האבען מיר גענויע ידיעות ערשט זייט דעם 1-טען יולי 1898, *) בעת מען האט אנגעהויבען רעגיסטרירען די עמי-

* דאס אמעריקאנישע פיסקאל-יאהר, וואס ווערט אויך געברויכט אין דער סטאטיסטיק, רעכענט זיך פון 1-טען יולי פאריגעס יאהר ביז'ן 30 יוני פונ'ם לויפענדען יאהר (און נישט פון 1-טען יאנואר ביז'ן 31 דעצעמבער). דאס פיסקאל—יאהר 1899 נעהמט אלזא ארום די צייט פון 1-טען יולי 1898 ביז'ן 30-טען יוני 1898; דאס פיסקאל — יאהר 1906 הייסט דיא צייט פון 1-טען יולי 1905 ביז'ן 30 יוני 1906 א. אז. וו.—אונטער אלע יאהר—בעצייכנונגען, וואס געפינען זיך ווייטער אין דיזען ווערק, ווערט אומעטום געמיינט דאס פיסקאל-יאהר, סיידען ווען איך זאג בפירוש דאס בירגערליכע יאהר.

Tartu Juudi Raamatukogu
Dr. J. … nimel.

גראַנטען נישט בלויז לויט זייער הערקונפֿט־לאַנד, נאָר אויך און הויפּטזעכליך לויט זייער נאַציאָנאַליטעט, לויט דעם פֿאָלק צו וועלכען זיי געהערען. פֿריהער פֿלעגען די יודען פֿון רוסלאַנד נישט זיין אויסגעטיילט פֿון די איבעריגע רוסלענדער וואַנדערער, די יודען פֿון פּוילען פֿלעגען נישט זיין אויסגעטיילט פֿון די פּוילישע וואַנדערער און אַז. וו., קיין סטאַטיסטיק ספּעציעל וועגען די יודישע וואַנדערער איז נישט געווען, אַזוי ווי ס'איז נישט געווען קיין סטאַטיסטיק וועגען די רוטענישע, סלאָוואַקישע און אַנדערע וואַנדערער. וועגען די יודישע וואַנדערונג אין די פֿעראייניגטע שטאַטען פֿון פֿאַר דעם 1־טען יולי 1898 האָבען מיר אַלזאָ אויך נור פּריוואַטע, נישט־גענוג זיכערע און זעהר אויבערפֿלעכליכע ידיעות.

ווילען מיר אַלזאָ האָבען אַ גענויען, זיכערען און רעכט־אויספֿיהרליכען בעגריף וועגען די יודישע וואַנדערענדע מאַסע, מוזען מיר זיך בעגנוגענען מיט דער איינוואַנדערונג־סטאַטיסטיק אין די פֿעראייניגטע שטאַטען פֿון 1899־טען יאָהר אָן. — פֿון דער צווייטער זייט, האָט אָבער דיעזע סטאַטיסטיק אַ גרויסען ווערטה פֿאַר דער ערקענטניש פֿון דער געגענווערטיגער יודישער וואַנדערונג בכלל. מען דאַרף ראשית נישט פֿערגעסען, דאָס זי נעהמט שוין איצט אַרום אַ רעכט־לאַנגען פּעריאָד, אין פֿערלויף פֿון וועלכע זענען פֿאָרגעקומען זעהר וויכטיגע געשעהענישען אין יודישען לעבען, וואָס האָבען אַזוי אָדער אַנדערש זיך אויסגעדריקט אין די שוואַנקונגען פֿון דער יודישער וואַנדערונג און פֿון איהרע בעשטאַנד־טיילען; מען דאַרף אויך נישט פֿערגעסען, אַז דער לעצטער יאָהרצעהנדליג איז געווען די צייט פֿון דער גרעסטער יודישער וואַנדערונג פֿון איראָפּע; צום סוף, איז דאָס אויך די לעצטע פּעריאָד. די סטאַטיסטיק, וואָס נעהמט זיי אַרום, ווייזט אונז די געגענוואַרט אין מעגליך ענגסטען זינן פֿון וואָרט, בעת די פֿריהערדיגע יודישע וואַנדערונג געהערט שוין אין אַ געוויסען זינן צו דער פֿערגאַנגענהייט, צו דער היסטאָריע. אויסער אַלעם דעם, די יודישע איינוואַנדערער אין די פֿעראייניגטע שטאַטען בילדען נישט ווייניגער, ווי 80 פּראָצ., לויט אַנדערע אָבשאַצונגען אַפֿילו 85 ביז 90 פּראָצענט, פֿון דער גאַנצער יודישער וואַנדערונג פֿון היינטיגער צייט. מען קען, אַלזאָ, לויט די סטאַטיסטישע ידיעות וועגען די יודישע איינוואַנדערונג אין די פֿעראייניגטע שטאַטען זיך מאַכען אַ רעכט־גענויען בעגריף איבער די געגענווערטיגע יודישע וואַנדערונג אין גאַנצען. אונזערע ווייטערדיגע אויספֿיהרונגען וועלען אַלזאָ האָבען גרויסע שאַדען פֿאַר די ערקענטניס פֿון דער געגענווערטיגער יודישער עמיגראַציע, זיין געבויט אויסשליסליך אויפֿן יסוד פֿון דער יודישער אימיגראַציע אין די פֿעראייניגטע שטאַטען זייט דעם יאָהר 1899.

געוויס, וואָלט געווען אַ טעות צו מיינען, דאָס מיט 1899 יאָהר הויבט

זיך ערשט אן די מאדערנע יודישע עמיגראציע. ליידער אבער ביז 1898 האבען מיר וועגען איהר קיין שום זיכערע ידיעות נישט. *) איין זאך קאנען מיר אבער זאגען מיט זיכערהייט: פאר 1870 איז כמעט נאך קיין שום יודישע עמיגראציע פון אייראפע קיין אמעריקא נישט געוועזען; לויט די אפיציעלע איינוואנדערונג־סטאטיסטיק פון די פעראייניגטע שטאאטען, האבען אין פערלויף פון די פופציג יאהר, 1820—1870, בסך־הכל (יודען און נישט־יודען צוזאמען) איינגעוואנדערט אהין 7,550 מענשען פון רוסלאנד און פוילען און 7,800 פון עסטרייך־אונגארן. אין דעם יאהרצעהנדיג 1871—1880 זענען אהין געקומען 52,254 עמיגראנטען. פון רוסלאנד און פוילען און 72,969 פון עסטרייך־אונגארן. מ'דארף דעריבער רעכענען, דאס א מערקבארע צאהל יודען האט שוין גענומען אויסוואנדערען פון מזרח־אייראפע אין די זיבעציגער יאהרען פון פאריגען יאהרהונדערט (1871—1880). די יודישע עמיגראציע האט אבער אנגענומען א מאסען־כאראקטער נאך דעם יאהר 1880. ווי געזאגט, איז אונמעגליך אנצואווייזען די צאהל פון די יודישע וואנדערער; דער פאקט גופא אונטערליגט אבער קיין שום ספק ניט. בסך הכל האבען אין דעם יאהרצעהנדליג 1881—1890 איינגעוואנדערט אין די פעראייניגטע שטאאטען 265,088 מענשען פון רוסלאנד און פוילען און 353,719 פון עסטרייך־אונגארן, ד. ה. אין יעדער פון דיעזע מלוכות איז די עמיגראציע געווארען פינף מאל אזוי גרויס ווי אין פאריגען יאהרצעהנדליג. אין פערלויף פון אלט יאהר 1891—1898 האבען אהין איינגעוואנדערט 425,116 מענשען פון רוסלאנד און פוילען און 419,709 פון עסטרייך־אונגארן. פון 1899־טען יאהר אן האבען מיר שוין, ווי געזאגט, גענויע און אויספיהרליכע אפיציעלע ידיעות וועגען די יודישע איינוואנדערער אין די פעראייניגטע שטאאטען.

* אין דער פראנצויזישער אויסגאבע פון דיזען ווערק דערוויז איך, דאס די צאהלען, וועלכע זענען אנגעגעבען אין דער „דזשואיש ענציקלאפעדיא" און וועלכע זענען נאכדעם איבערגעחזר'ט געווארען דורך פערשידענע אויטארען, זענען דורכאויס פעהלערהאפט. איך האלט דעריבער פאר איבעריג אפילו זיי דא צו ציטירען.

# ערשטער טייל.

## ערשטע אבטיילונג:

## די גרויס פון דער יודישער עמיגראציע.

### קאפיטעל I. אבסאלוטע צאהלען.

ווי גרויס איז די געגענווערטיגע יודישע וואנדערונג? אויף דעם מוז געגעבען ווערען א ענטפער באלד, ווי מיר טרעטען נור צו צו דער בעטראכטונג פון דער יודישער עמיגראציע. און כדי זיך צו מאכען וועגען דעם א ריכטיגען בעגריף, מוזען מיר קודם כל פעסטשטעלען, ווי גרויס איז די אבסאלוטע צאהל פון די יודישע וואנדערער. אין דער פאלגענדער טאבעלע געפינען מיר א גענויען ענטפער אויף דיזע פראגע, אויף וויפיעל עס האנדעלט זיך וועגען די יודישע וואנדערונג, וואס געהט אין די פעראייניגטע שטאטען פון צפון-אמעריקא.

### טאבעלע 1.

די יודישע און די אלגעמיינע איינוואנדערונג אין די פעראייניגטע שטאטען

| יאהר. | יודישע איינוואנדערונג. פון רוסלאנד | פון עסטרייך—אונגארן. | פון רומעניען. | אין גאנצען. | אלגעמיינע איינוואנדערער. | יודען צווישען 1000 איינוואנדערער |
|---|---|---|---|---|---|---|
| 1899 | 24 275 | 11.071 | 1.343 | 37.415 | 311.715 | 120 |
| 1900 | 37.011 | 16.920 | 6 183 | 60.764 | 448 572 | 135 |
| 1901 | 37.660 | 13.006 | 6.827 | 58 098 | 487 918 | 119 |
| 1902 | 37 846 | 12.848 | 6 589 | 57.688 | 648.743 | 89 |
| 1903 | 47.689 | 8 759 | 8.562 | 76.203 | 857.046 | 89 |
| 1904 | 77.544 | 20.211 | 6.446 | 106.236 | 812 870 | 131 |
| 1905 | 92 388 | 17.352 | 3 854 | 129 910 | 1.062.499 | 127 |
| 1906 | 125 234 | 14.884 | 3.872 | 153.748 | 1.100.735 | 140 |
| 1907 | 114 932 | 18.885 | 3.605 | 149.182 | 1.285.349 | 116 |
| 1908 | 71 978 | 15.392 | 4.455 | 103.387 | 782 870 | 132 |
| 1909 | 39 151 | 8.431 | 1 390 | 57.551 | 751.786 | 77 |
| 1910 | 59 824 | 13.142 | 1.701 | 84.260 | 1.041.570 | 81 |
| 1899 1910 | 765 529 | 180 901 | 54.827 | 1 074.442 | 9.554.673 | 112 |

מיר זעהען, דאס אין פערלויף פון די 12 יאהר 1899—1910 האבען אין די פעראייניגטע שטאטען איינגעוואנדערט איין מיליאן 74 טויזענד מאן יודען. דורכשניטליך מאכט דאס אויס אונגעפעהר 90 טויזענד מאן יעהרליך. לויט אונזער טאבעלע איז אבער לייכט צו בעמערקען, דאס די יודישע אימיגראציע איז נישט אלע יאהר גלייך גרויס; מיר בעמערקען אין איהר גרויסע שוואנקונגען: דא הויבט זי זיך זעהר שטארק און דא פאלט זי. בכלל, פערגלייכענדיג די ציפער פון דער גאנצער יודישער איינוואנדערונג און פון דער אלגעמיינער איינוואנדערונג אין די פעראייניגטע שטאטען, זעהען מיר, דאס ווען די אלגעמיינע וואנדערונג פערגרעסערט זיך, פערגרעסערט זיך אויך די יודישע, און דאס בעת די אלגעמיינע וואנדערונג פערקלענערט זיך, פערקלענערט זיך אויך די יודישע. די סבות, וואס ווירקען אויף די שוואנקונגען פון דער אימיגראציע בכלל, ווירקען אלזא אויך אויף די שוואנקונגען פון דער יודישער איינוואנדערונג. די עקאנאמישע דעפרעסיע אין אייראפע אין די יאהרען 1900—1903 און דער מעכטיגער עקאנאמישער אויפשוואונג אין אמעריקא ביז אין הערבסט 1907, רופען ארויס א כסדר'דיגען וואוקס פון דער איינוואנדערונג אין די פעראייניגטע שטאטען, ביז עס האט ניט אויסגעבראכען דער גרויסער עקאנאמישער קריזיס; צוזאמען אבער מיט'ן קריזיס פאלט די איינוואנדערונג אהין; אינ'ם לעצטען יאהר איז דער קריזיס שוין אזוי גוט ווי איבער, ווידער הויבט זיך אן אנעקאנאנאמישע אויפלעבונג אין די פעראייניגטע שטאטען, און דורכדעם וואקסט ווידער די איינוואנדערונג אהין אינ'ם יאהר 1910. דאס ווירקט סיי אויף די אלגעמיינע, סיי אויף די יודישע איינוואנדערונג.

אויף די יודישע אויסוואנדערונג פון רוסלענדער מלוכה ווירקען נאך ספעציעלע, ארטיגע סבות, וואס הויבען־אויף די יודישע וואנדערונג בעזונדער הויך אין די יאהרען 1904—1908. די אונמענשליכע פערפאלגונגען וואס די יודען זענען אויסגעשטאנען אין רוסלענדער מלוכה ערב די גרויסע רעוואלוציאנערע בעוועגונג פונ'ם יאהר 1905, אין דער צייט פון דיעזער בעוועגונג און באלד נאך איהר, דער ערשטער פאגראם אין קישינעוו און איבערהויפט דער מבול פון בלוטיגע פאגראמען, וואס האט זיך א גאס געטאן אויף די יודישע בעפעלקערונג אין רוסלאנד באלד נאך דעם כלומר'שדיגען קאנסטיטוציאנס־מאניפעסט פון אקטאבער 1905 (1906 לויט דער אמעריקאנישער פיסקאל־יאהר־רעכענונג) האבען שוין אין 1904, נור הויפטזעכליך טאקי אין 1906, ארויסגערופען ביי די יודען אנ'אמת'ע לויפעניש פון רוסלאנד און אנ'אויסערגעוועהנליך הויכע וואנדערונג נאך אמעריקא. אין איין יאהר 1906 האבען אין אמעריקא איינגעוואנדערט העכער 125 טויזענד רוסלענדער יודען. דאס איז אבער געווען א לויפעניש פון פייער, א לויפעניש, כדי

דאס לעבען צו ראטעוועט, וועלכע האט בשום אופן נישט געקענט לענגער אנהאלטען, און אין פאלגענדען (1907) יאהר, ניט קוקענדיג אויף די וואקסענדע עקאנאמישע אויפבליהונג אין אמעריקא, איז שוין די צאהל יודישע איינוואנדערער אהין פון רוסלענדער מלוכה קלענער אויף צעהן טויזענד, ווי אין 1906. די יודישע איינוואנדערונג בלייבט אבער נאך אויבערסט הויך אין 1907, ווען א חוץ די גלענצענדע לאגע אין אמעריקא האט אויף די יודישע אויסוואנדערונג פון רוסלאנד געווירקט נאך דער קריגס-צושטאנד אין די געגענדען פון רוסלענדער מלוכה, וואו די יודען וואוינען, די שרעקליכע קאפיטאליסטישע רעאקציע נאך דער מפלה פון דער רעוואלוציע, די פערערגערונג פון די ארבייטס-בעדינגונגען, די פערקלענערונג פון'ם ארבייטס-לויהן כמעט אין אלע פראדוקציאנס-בראנזשען און די לאנגע און גרויזאמע לאקאוטען, מיט וועלכע די אונטערנעהמער האבען זיך נוקם געווען פאר די מעכטיגע און זיעגרייכע שטרייק-בעוועגונג פון 1905-טען יאהר. די עקזיסטענץ פון'ם ארבייטער איז געווארען סיי אין גייסטיגען סיי אין מאטעריעלען זינן אונערטרעגליך, און מאסענווייז האבען די יודישע ארבייטער פערלאזען דאס לאנד, וואס זיי האבען אנגעזויגט מיט זייער שווייס און מיט זייער בלוט. — די יודישע אויסוואנדערונג פון רוסלאנד איז נאך געבליבען זעהר גרויס אין די ערשטע חדשים פון'ם פיסקאל-יאהר 1908 (יולי — אקטאבער 1907) ביז עס האט אויסגעבראכען דער קריזיס; און דעריבער, הגם אין פיסקאל-יאהר 1908 איז שוין בכלל די יודישע אויסוואנדערונג פון רוסלאנד און איינוואנדערונג אין צפון-אמעריקא שטארק געפאלען, בלייבט זי נאך פונדעסטוועגען גענוג הויך: העכער 100 טויזענד (103,387) יודען האבען איינגעוואנדערט אין דעם יאהר, און גענויע 72 טויזענד פון זיי זענען געקומען פון רוסלענדער מלוכה. אין 1909, אין סאמע קריזיס-צייט, איז די איינוואנדערונג פון רוסלענדער יודען ווייניגער ווי א דריטטעל אין פערגלייך מיט דעם יאהר 1906, און הגם אין דעם לעצטען יאהר (1910), בעת די עקאנאמישע לאגע אין אמעריקא האט זיך שטארק אויפגעהויבען, איז די איינוואנדערונג פון רוסלענדער יודען אויך פיעל גרעסער ווי אין 1909-טען יאהר, בלייבט אבער פארט די יודישע איינוואנדערונג אין גאנצען און די איינוואנדערונג פון רוסלענדער יודען בעזונדער — נידעריגער ווי אין אלע פריהערדיגע יאהרען זייט 1904. —

אין גאנצען האבען פאר די לעצטע צוועלף יאהר איינגעוואנדערט אין די פעראייניגטע שטאטען העכער דריי פיערטעל מיליאן (765,529) רוסלענדער יודען, אדער אין דורכשניט 64 טויזענד יעהרליך. ווי מיר האבען אבער געזעהן, איז די יעהרליכע וואנדערונג פון רוסלענדער מלוכה געווען אונטערווארפען אויסערסט-גרויסע שוואנקונגען: זי בויגט זיך צווישען 24 טויזענד (אין 1899) און 125 טוי-

זענד (אין 1906), און איהרע שוואנקונגען הענגען אב, ווי מיר האבען געזעהן, נישט נור פון די עקאנאמישע בעדינגונגען אין אמעריקא, נאר זעהר פיעל אויך פון דער עקאנאמישער און סאציאל-פאליטישער לאגע אין רוסלענדער מלוכה.

וועניגער שוואנקונגען שטעלט פאר די יודישע וואנדערונג פון עסטרייך-אונגארן. דיעזע שוואנקונגען הענגען הויפטזעכליך אב פון דער עקאנאמישער קאניונקטור אין אמעריקא. אין די יאהרען 1903—1907 איז די יודישע איינוואנדערונג פון עסטרייך-אונגארן אין די פעראייניגטע שטאאטען, פערהעלטניסמעסיג הויך; זי שטייגט אריבער אין 1904 דעם ציפער פון 20 טויזענד און אין 1903 און 1907 איז זי קרוב צו 19 טויזענד; זי פאלט אין דער צייט פונ'ם אמעריקאנישען קריזיס, און אינ'ם פיסקאל-יאהר 1909 איז זי קוים העכער פון 8 טויזענד; זי הויבט זיך ווידער אויף (העכער 13 טויזענד) אינ'ם לעצטען, 1910-טען יאהר. בכלל האבען פאר די לעצטע 12 יאהר איינגעוואנדערט פון עסטרייך-אונגארן העכער 180 טויזענד יודען, ד. ה. דורכשניטליך 15 טויזענד מאן. א יאהר *).

## קאפיטעל II.

### פערהעלטניסמעסיגע גרויס פון דער יודישער עמיגראציע.

כדי אבער צו וויסען, וואס פאר א פלאץ די יודישע עמיגראציע פערנעהמט אין פערגלייך מיט דער עמיגראציע פון אנדערע פעלקער, קען מען זיך מיט די אבסאלוטע צאהלען פון די יודישע וואנדערער נישט בעגנוגענען. מיר דארפען ראשית וויסען אויך, וואס פאר א חלק פון אלע וואנדערער בילדען די יודישע עמיגראנטען. אויך אויף דיעזע פראגע גיט אונז אנ'ענטפער אונזער טאבעלע. מיר זעהען, דאס דורכשניטליך פאר די לעצטע 12 יאהר בילדען די יודען 11 פראצענט (112 פון טויזענד) פון אלע איינוואנדערער אין די פעראייניגטע שטאאטען. נישט יעדעס יאהר בילדען אבער די יודען אזא פראצענט: ווי די אבסאלוטע צאהל, אזוי אויך דער פראצענט פון די יודישע איינוואנדערער איז אונטערווארפען גרויסע שוואנקונגען; ער בויגט זיך צווישען 14 פראצענט (אין דעם פאגראם-יאהר 1906) און 8 פראצ. (אין די לעצטע 2 יאהר).

* בעזונדערע ידיעות וועגען עסטרייך און בעזונדערע וועגען אונגארן געפינען מיר אין די בעריכטען פון דעם גענעראל-קאמיסאר איבער די איינוואנדערונג פאר דאס יאהר 1905 און 1910. פון זיי איז צו זעהען, דאס אין 1905 האבען אין די פעראייניגטע שטאאטען איינגעוואנדערט 11.114 יודען פון עסטרייך און 6.238 פון אונגארן; אין 1910 האבען פון עסטרייך איינגעוואנדערט 10.704 יודען, און פון אונגארן—2,438.

עס שטעלט זיך ווידער אַ פֿראַגע: דער פּראָצענט, וואָס יודען פֿערנעהמען צווישען די וואַנדערער, ניט קוקענדיג אויף זייגע יעהרליכע שוואַנקונגען, האַלט אין ווערען גרעסער אָדער אין ווערען קלענער? שוואַנקענדיג געהט ער מעהר אַרויף אָדער מעהר אַראָב? — אונזערע טאַבעלען ווייזען אונז, דאָס בּיי היינטיגער צייט האָט שוין דער פּראָצענט, וואָס בּילדען די יודען צווישען די איינוואַנדערער, אַ מערקבּאַרע טענדענץ צו זינקען. אין אמת'ן, אין די בּיידע לעצטע יאָהרען, סיי אין דעם קריזיס־יאָהר 1909, ווען די אַלגעמיינע איינוואַנדערונג איז זעהר געפֿאַלען, סיי אין 1910, אין דעם יאָהר פֿון געוויסער אויפֿלעבּונג און פֿין אויפֿשוואַנונג פֿון דער אימיגראַציע האָבּען די יודען בּעטראָפֿען בּלויז 8 פּראָצענט פֿון אַלע איינוואַנדערער, ד. ה. נידעריגער ווי אין אַלע 10 פֿריהערדיגע יאָהרען *) געוויס דאַרף מען פֿון דעם ניט שליסען, אַז די יודישע איינוואַנדערער וועלען שוין קיינמאָל מעהר נישט זיין ווי 8 פּראָצענט פֿון אַלע אימיגראַנטען; דיעזער פּראָצענט, ווי מיר האָבּען געזעהן בּיי די פֿריהערדיגע יאָהרען, איז אונטערוואָרפען גרויסע שוואַנקונגען; אָבּער שוואַנקענדיג, זיגזאַגענווייז, זעהען מיר, האַלט איצטער שוין דיזער פּראָצענט אין פֿאַלען.

נאָך בּולט'ער בּעווייזט זיך דיעזע טענדענץ, בּעת מען פֿערגלייכט די צאָהל יודישע אימיגראַנטען נישט מיט דער אַלגעמיינער אימיגראַציע בּכלל, נור מיט דער אימיגראַציע פֿון יענע פֿעלקער צווישען וועלכע יודען וואוינען.. מיר זעהען עס זעהר קלאָר בּעת מיר פֿערגלייכען

* דאָס, וואָס דער פּראָצענט פֿון די יודען איז געשטיגען אין 1908 ערקלעהרט זיך מיט פֿאָלגענדעם: בּיי די פֿעלקער פֿון דרום און מזרח אייראָפּע (איטאַליענער, סלאַווען, מאַדשיאַרען) זעהר אַ גרויסער טייל, אָפּטמאָל דער גרעסטער טייל פֿון די וואַנדערער בּעשטעהט פֿון ערד־און שטיין־אַרבּייטער און זייער איינוואַנדערונג איז בּעזונדער גרויס אין די פֿריהלינג־מאָנאַטען; אַזוי ווי אין פֿריהלינג פֿונ'ם יאָהר 1908 האָט שוין דער קריזיס געהערשט מיט פֿולער מאַכט איז אין 1908 זייער איינוואַנדערונג מיט אַ מאָל שטאַרק געפֿאַלען. בּיי די פֿעלקער אָבּער, וואו די צאָהל ערד־אַרבּייטער איז פֿערהעלטניסמעסיג זעהר קליין צווישען די וואַנדערער, ווערט די וואַנדערונג נישט אַזוי קאָנצענטרירט אַרום די פֿריהלינג־מאָנאַטען; אַ רעכט גרויסער טייל פֿון זייערע וואַנדערער זענען דעריבּער געקומען אין אַמעריקא אין יולי—אָקטאָבּער 1907 איידער דער קריזיס האָט נאָך אויסגעבּראָכען, פֿערקעהרט בּעת די אויפֿבּליהונג האָט געהאַט דערגרייכט איהר לעצטע שטופֿע. די איינוואַנדערונג פֿון דיזע פֿעלקער (ענגלענדער, דייטשען, יודען) איז אין די נאָכדעמדיגע חדשים בּאמת זעהר קלענער געוואָרען, אָבּער אין גאַנצען פֿיסקאַל־יאָהר 1908 איז זייער צאָהל ווענינער געפֿאַלען, ווי בּיי די סלאַווען, איטאַליענער און אַנדערע; דער פּראָצענט ענגלענדער, דייטשען, יודען האָט זיך דעריבּער אין פֿיסקאַל־יאָהר 1908 אויפֿגעהויבּען.

די צאהל פון די יודישע איינוואנדערער צ. ב. מיט די פוילישע אדער רוטענישע. מיר בעקומען דאן פאלגענדע טאבעלע:

## טאבעלע II.

די יודישע, פוילישע אין רוטענישע איינוואנדערונג אין די פעראייניגטע שטאאטען:

| יאהר. | די צאהל פון די איינוואנדערער. | | | יודען אויף 100 איינגעוואנד | |
|---|---|---|---|---|---|
| | יודען. | פאלאקען. | רוטענער. | פאלאקען. | רוטענער |
| 1899 | 37.415 | 28 466 | 1.400 | 131 | 2.673 |
| 1900 | 60.764 | 46 938 | 2 832 | 130 | 2.146 |
| 1901 | 58.098 | 43.617 | 5.288 | 133 | 1.099 |
| 1902 | 57.688 | 69 620 | 7.533 | 83 | 766 |
| 19 3 | 76.203 | 82.343 | 9.843 | 93 | 774 |
| 1904 | 106.236 | 67.757 | 9,592 | 156 | 1.108 |
| 1905 | 129 910 | 102.437 | 14.473 | 127 | 898 |
| 1906 | 153.748 | 95 835 | 16.257 | 160 | 946 |
| 1907 | 149.182 | 138.033 | 24.081 | 108 | 620 |
| 1908 | 103.387 | 68.105 | 12.361 | 152 | 836 |
| 1909 | 57.551 | 77.565 | 15.808 | 74 | 364 |
| 1910 | 84.260 | 128 348 | 17 907 | 66 | 302 |
| 1899 1910 | 1.074.442 | 949.064 | 147.375 | 113 | 729 |

**בסך הכל** פאר די 12 יאהר 1899—1910 איז די צאהל, יודישע אימיגראנטען אין די פעראייניגטע שטאאטען בעדייטענד גרעסער (אויף 13 פראצ.) ווי די צאהל פוילישע און 7 מאל אזוי גרויס ווי די צאהל רוטענער, וואס האבען אהין עמיגרירט. נור אויך דא זעהען מיר **גרויסע יעהרליכע שוואנקונגען** אין דער צאהל פון די יודישע אימיגראנטען, וואס קומט אויס אויף הונדערט אימיגראנטען פון אנדערע פעלקער; אויך דא זעהען מיר, דאס דיעזער פראצענט איז בעזונדער הויך אין 1904 (נאך דעם קישינעווער פאגראם) און אין 1906 (נאך די אקטאבער-פאגראמען); דיעזער פראצענט איז אויך זעהר הויך אין 1908, צוליעב דער סבה, וואס איז אנגעוויזען געווארען אין אונזער לעצטער אנמערקונג. וויל מען אבער זוכען **אנ'אלגעמיינע טענדענץ** פאר די גאנצע 12 יאהר, דאן איז לייכט צו בעמערקען, דאס אין אנהויב פון דיעזער פעריאד קומען אויס העכער 130 יודישע איינוואנדערער אויף יעדע הונדערט פוילישע, בעת צום סוף פון דיעזע 12 יאהר אויף הונדערט פוילישע איינוואנדערער קומט אויס נור אנ'ערך 70 יודישע; אנדערס גערעדט, אויף 3 פוילישע איינוואנדערער פאלען אין אנפאנג אויס 4 יודישע, און צום סוף אויף 3 פוילישע פאלען אויס נור 2 יודישע. בעזונדער ווארפט זיך אין די אויגען דיעזע טענדענץ, בעת מען פערגלייכט די יודישע וואנדערונג מיט דער רוטענישער: אויף הונדערט רוטענישע איינוואנדערער קומט אין אנפאנג אויס העכער 2000 יודישע און

לסוף נור עטוואָס העכער ווי 300; אָדער מיט אַנדערע ווערטער: אויף איין רומענישען אימיגראַנט איז אין אָנפאַנג געוועזען ביז 27 יודישע און לסוף נור אַ דריי־פיער יודישע. — פון אונזער טאַבעלע איז אָבער לייכט צו זעהען, אַז דער פּראָצענט, וואָס מאַכען אויס די יודישע וואַנדערער צווישען די וואַנדערער פֿון אַנדערע פֿעלקער, האַלט אין פֿאַלען נישט אַזוי דערפֿאַר, וואָס די יודישע עמיגראַציע פֿאַלט, ווי דורכדעם, וואָס די עמיגראַציע פֿון אַנדערע פֿעלקער, פֿון יענע פֿעלקער, צווישען וועלכע די יודישע בעפֿעלקערונג איז קאָנצענטרירט, האַלט אין איין וואַקסען. אין פֿערגלייך מיט'ן יאָהר 1899 איז די פּוילישע אײַנוואַנדערונג אין 1910 געוואָרען 4½ מאָל אַזוי גרויס, די רומענישע 20 מאָל אַזוי גרויס, בעת די יודישע איז געוואָרען 2½ מאָל גרעסער.

ביז איצט האָבען מיר פֿערגליכען די יודישע אײַנוואַנדערונג אין גאַנצען מיט דער גאַנצער פּוילישער און מיט דער גאַנצער רומענישער אײַנוואַנדערונג. צוליעב די גאַנץ פֿערשיעדענע בעדינגונגען, וואָס הערשען אָבער אין די צוויי וויכטיגסטע יודישע אויסוואַנדערונגס־לענדער (רוסלאַנד און עסטרייך־אונגאַרן), איז זעהר וויכטיג צו פֿערגלייכען די אימיגראַציע פֿון די יודען און פֿון די אַרומיגע פֿעלקער, בעזונדער אין רוסלענדער מלוכה און בעזונדער אין עסטרייך־אונגאַרן. מיר וועלען דעריבער פֿערגלייכען די צאָהל יודישע עמיגראַנטען, וואָס זענען אין די פֿעראייניגטע שטאַאַטען געקומען פֿון רוסלענדער מלוכה, מיט דער צאָהל פּאָליאַקען און ליטווינער, וואָס האָבען אַהין אײַנגעוואַנדערט פֿון דערזעלבער מלוכה. *) און דאָס זעלבע אויך די יודען, וואָס האָבען אײַנגעוואַנדערט פֿון עסטרייך־אונגאַרן, מיט די פּאָליאַקען און רוטענער, וואָס זענען געקומען פֿון דאָרטען. מיר בעקומען דאַן פֿאָלגענדע טאַבעלע: (ז. ז. 12).

בכך הכל פֿאַר די ערשטע 10 יאָהר פֿון צוואַנציגסטען יאָהרהונדערט איז די יודישע עמיגראַציע פֿון רוסלענדער מלוכה אַלזאָ געוועזען אויף 270 טויזענד מאַן (אָדער אויף צוויי דריטעל) גרעסער ווי די פּוילישע עמיגראַציע פֿון דאָרטען און אויף 550 טויזענד מאַן (אָדער כמעט 5 מאָל אַזוי גרויס) ווי די ליטווישע אויסוואַנדערונג פֿון דערזעלבער מלוכה. — פֿערקעהרט, די צאָהל יודישע עמיגראַנטען פֿון עסטרייך־אונגאַרן איז אונגעפֿעהר גלייך צו דער צאָהל רוטענער, וואָס האָבען פֿון דאָרטען אויסגעוואַנדערט פֿאַר די זעלביגע 10 יאָהר (109 יודישע אויף 100 רוטענישע עמיגראַנטען), און שטעלט אפילו נישט פֿאַר קיין צוויי פֿינפֿטעל פֿון דער צאָהל פּאָליאַקען אויסגעוואַנדערטע

* די רוסען גופא לאָזען מיר אָן אַ זייט, ווייל אונגעפעהר 95 פּראָצענט פון זייערע וואַנדערער געהען נישט קיין צפון־אַמעריקא, נור קיין סיביריען.

# טאַבעלע III.

יודישע, פוילישע, ליטווישע און רוטענישע עמיגראַציע פון רוסלענדער מלוכה און פון עסטרייך=אונגאַרן אין די פערא״ניגטע שטאַטען.

| יאָהר. | פון רוסלענדער מלוכה. | | | | | פון עסטרייך=אונגארן. | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | די צאָהל וואַנדערער. | | | יודישע עמיגראנטען אויף 100 | | די צאָהל וואַנדערער. | | | יודישע עמיגראנטען אויף יע״ע 100 | |
| | יודען. | פּאָלאַקען. | ליטווישע. | פוילישע. | ליטווישע. | יודען. | פּאָלאַקען. | רוטענער. | פוילישע | רוטענישע. |
| 1901 | 37.660 | 21.475 | 8.805 | 175 | 428 | 13.006 | 20 288 | 5.276 | 64 | 250 |
| 1902 | 37.846 | 33.859 | 9.975 | 112 | 380 | 12.848 | 32.429 | 7.533 | 40 | 171 |
| 1903 | 47.689 | 39.548 | 14.420 | 121 | 331 | 18.759 | 37.499 | 9.819 | 50 | 191 |
| 1904 | 77.544 | 32.577 | 12.707 | 238 | 610 | 20.211 | 30.243 | 9 415 | 67 | 215 |
| 1905 | 92.388 | 47.224 | 17.649 | 196 | 523 | 17.352 | 50.785 | 14.250 | 34 | 122 |
| 1906 | 125.234 | 46.204 | 13.697 | 271 | 914 | 14.884 | 43.803 | 15 689 | 34 | 95 |
| 1907 | 114.932 | 73.122 | 24.811 | 157 | 463 | 18.885 | 59.719 | 23.751 | 32 | 80 |
| 1908 | 71.978 | 37.947 | 13 270 | 19[illegible] | 542 | 15.293 | 26 423 | 12.100 | 58 | 126 |
| 1909 | 39.150 | 37.724 | 14.595 | 104 | 268 | 4.831 | 36.483 | 15 236 | 23 | 55 |
| 1910 | 59.824 | 63.635 | 21.676 | 94 | 276 | 13.142 | 60.675 | 27.488 | 22 | 48 |
| 1901 1910 | 704.243 | 433.315 | 151 605 | 162 | 465 | 152 811 | 398.347 | 140.557 | 38 | 109 |

פון דיזער מלוכה (38 יודישע אויף יעדער 100 פוילישע).

עס איז ווערט צו בעמערקען דאס אין 1906, אינ'ם יאהר פון די אקטאבער-פאגראמען, איז דער פראצענט יודען צווישען די וואנדערער פון עסטרייך-אונגארן געוועזען נידעריגער ווי אין אלע פריהערדיגע יאהרען (34 יודען אויף 100 פאליאקען און 95 יודען אויף 100 רוטענער); פערקעהרט, צווישען די עמיגראנטען פון רוסלענדער מלוכה האט אין יענעם יאהר דער פראצענט יודען געהאט דערגרייכט זיין העכסטער מדרגה (271 יודען אויף 100 פאליאקען און 914 יודען אויף 100 ליטווישע).

פונדעסטוועגען, אפילו צווישען די וואנדערער פון רוסלענדער מלוכה קענען מיר בעמערקען, אז דער פראצענט יודען האלט די לעצטע צייט אין פאלען אדאנק דעם גרויסען וואוקס פון דער עמיגראציע ביי די אנדערע פעלקער פון דיזער מלוכה. אזוי, אויב מיר לאזען אפילו אן א זייט די אויסערגעוועהנליכע יאהרען 1904—1907, אויב מיר פערגלייכען די עמיגראציע פונ'ם יאהר 1910 מיט דעם ערשטען יאהר פון צוואנציגסטען יאהרהונדערט, בעמערקען מיר, דאס די יודישע עמיגראציע האט זיך אויפגעהויבען אויף גענויע 60 פראצענט (פון 37,660 אויף 59,824); די ליטווישע האט זיך אבער אונטערדעסען אויפגעהויבען אויף גענויע 150 פראצענט (פון 8,805 אויף 21,676) און די פוילישע אויף גענויע 200 פראצענט פון 21,475 אויף 63,635). אנשטאט וואס אין 1901 זענען אויף 100 ליטווישע עמיגראנטען פון רוסלענדער מלוכה געוועזען 428 יודישע, איז אין 1910 אויף 100 ליטווישע געווען 276 יודישע; אנשטאט 175 אויף יעדע 100 פוילישע, איז אין 1910 פאראן בלויז 94 יודישע אויף 100 פוילישע עמיגראנטען פון רוסלענדער מלוכה.

נור בעזונדער אינטערעסאנט איז צוצוקוקען זיך צו די יעהרליכע שוואנקונגען פון דער יודישער און נישט-יודישער עמיגראציע פון עסטרייך-אונגארן. זיי ווייזען אונז, ערשטענס, דאס בעת סיי ביי די פאליאקען, סיי ביי די רוטענער, האט דאס לעצטע יאהר געבראכט אזא גרויסע וואנדערונג, ווי אין קיין פריהערדיגען יאהר, איז פערקעהרט, דאס יאהר 1910 געווען ביי די יודען אזא קליינע וואנדערונג, וואס א חוץ דאס קריזיס-יאהר 1909, איז נאך אזוינס נישט געווען זייט 1902. דאס גופא ווייזט אונז שוין, ווי שטארק עס לאזט זיך בעמערקען די אויבענדערמאהנטע טענדענץ, דאס פאלען פון דער יודישער עמיגראציע אין פערגלייך מיט דער עמיגראציע פון די פעלקער, צווישען וועלכע יודען וואוינען, — אויב מיר לאזען רוסלאנד אן א זייט. דיזע טענדענץ ווייזט זיך ארויס נאך גענויער, בעת מיר בעטראכטען די רעלאטיווע צאהלען, וויפיעל יודישע אימיגראנטען ס'קומט אויס אויף הונדערט איינגעוואנ-

דערטע פּאָליאַקען און רוטענער (זעה אויך אונזער דיאַגראַמע נומ. 1). אַ חוץ דאָס יאָהר 1908, וועגען וועלכען די רעדע איז שוין אויבען געוועזען, האַלטען דיעזע צאָהלען אין איין אונאויפהערליכען פאַלען זייט 1904. אין די לעצטע יאָהרען איז די צאָהל יודישע וואַנדערער פון עסטרייך-אונגאַרן וועניגער, ווי אַ פערטעל פון די צאָהל פוילישע וואַנדערער און אונגעפעהר אַ העלפט פון די רוטענישע, בעת נאָך מיט אַ יאָהר 7—8 צוריק, זענען די יודישע וואַנדערער געוועזען גלייך אין צאָהל צו אַ העלפט ביז צוויי דריטעל פון די פוילישע און צוויי מאָל אַזוי פיעל ווי די רוטענישע. *)

עס איז אַלזאָ אַ פעסטגעשטעלטער פאַקט, דאָס די יודישע עמיגראַציע האַלט אין ראַשען פאַלען אין פערגלייך מיט דער עמיגראַציע פון יענע פעלקער, צווישען וועלכע זיי וואוינען. די בעהויפטונג פון אונזערע היימישע סאָציאַל-פּאַטריאָטען ווי אויך פון געוויסע אַנטיסעמיטען, דאָס די יודישע עמיגראַציע האַלט אין איין וואַקסען, דאָס זי האַלט אין איין שטאַרקער ווערען אין פערגלייך מיט דער אַלגעמיינער עמיגראַציע, און דאָס די יודען שטעהט אויף אַזאַ נ'אַרט פאַר אַרויסגעשטופט צו ווערען דורך די אָרטיגע נישט-יודישע בעפעלקערונג, איז אַלזאָ נישט מעהר ווי אַ לעגענדע, וואָס איז געבויט נור אויף אונוויסענקייט. לופט-שלעסער — זענען שוין ממילא אויך יענע „טעאָריעס", וואָס ווילען מיט פערשיעדענאַרטיגע סברות דערקלערען, פאַר וואָס די יודען מוזען אַרויסגעשטופט ווערען מיט אַ כלומר'שדיגער „היסטאָרישער נויטווענדיגקייט".

## קאַפּיטעל III. די אויסוואַנדערונגם-שטופע.

נוג. כדי צו קריגען אַ גענויען בעגריף וועגען די ראָלע, וואָס די עמיגראַציע שפּילט ביי פערשיעדענע פעלקער, איז נאָך נישט גענוג אין

* ווי געזאָגט, האָבען מיר פאַר די יאָהרען 1905 און 1910 בעזונדערע אָנגאָבען וועגען ביידע העלפט פון דער האַבסבורגער מאָנאַרכיע. ווילען מיר אָנשטאָט עסטרייך—אונגאַרן צוזאַמען, נעהמען די יודישע, פוילישע און רוטענישע אימיגראַנטען בלויז פון עסטרייך, איז דער רעזולטאַט אַלץ דערזעלביגער. אין 1905 זענען געווען 11.114 יודישע, 50.450 פוילישע און 10.982 רוטענישע אימיגראַנטען פון עסטרייך, ד. ה. 22 יודישע אויף הונדערט פוילישע און 101 יודישע אויף הונדערט רוטענישע; אין 1910 געפינען מיר 10,704 יודישע, 60.565 פוילישע און 4,005 רוטענישע אימיגראַנטען פון עסטרייך, ד. ה. בלויז 18 יודישע אויף הונדערט פוילישע און 45 יודישע אויף הונדערט רוטענישע. די טענדענץ פון דער יודישער וואַנדערונג צו ווערען קלענער אין פערגלייך מיט דער פוילישער און רוטענישער איז אַלזאָ פאַר עסטרייך בעזונדער אויך פאָלקאָם קלאָר.

אָנבּעֶטראַכט צו נעֶהמעֶן די צאָהל וואַנדעֶרעֶר בּײַ יעֶדעֶן פֿון זײ; מעֶן דאַרף נאָך אין אַכט נעֶהמעֶן די גרויסקייט פֿון דיעזעֶ פֿעֶלקעֶר, די צאָהל פֿון זייערעֶ מיטגליעדעֶר; אַ קליינעֶ צאָהל עֶמיגראַנטעֶן בּײַ אַ קליין פֿאָלק קען פֿערהעֶלטניסמעֶסיג אָבּרײַסעֶן פֿון איהם אַ גרעֶסעֶרעֶן חלק, ווי אַ גרעֶסעֶרעֶ צאָהל עֶמיגראַנטעֶן בּײַ זעֶהר אַ גרויסעֶן פֿאָלק. מ׳דאַרף אַלזאָ בּעֶטראַכטעֶן, אַ חוץ די צאָהל עֶמיגראַנטעֶן פֿון יעֶדעֶם פֿאָלק, אויך די צאָהל מיטגליעדעֶר פֿון דיעזעֶן פֿאָלק און אויסרעֶכעֶנעֶן, וואָס פֿאַר אַ חלק פֿון דעֶר בּעֶפֿעֶלקעֶרונג וואַנדעֶרט אוים בּײַ דעֶם אָדעֶר יעֶנעֶם פֿאָלק; דיעזעֶר חלק, דיעזעֶר בּרוך־טייל, ווײַזט אונז די עמי־גראַציאָנס־שטופֿעֶ. בּײַ אַ געֶוויסעֶן פֿאָלק, און מיר וועֶלעֶן עֶס טאַקי אַזוי אָנרופֿעֶן.

די וואַנדעֶרונגס־שטופֿעֶ איז בּײַ די יודעֶן אַנ׳אוי־בּעֶרסט־הויכעֶ, ד. ה. די עֶמיגראַנטעֶן בּילדעֶן אַנ׳אויבּעֶרסט גרוי־סעֶן טייל פֿון דעֶר יודישעֶר בּעֶפֿעֶלקעֶרונג; מיר קאָנעֶן עֶס געֶנוי זעֶהעֶן אויף פֿאָלגעֶנדעֶר טאַבּעֶלעֶ:*).

## טאַבּעֶלעֶ IV.

פֿון יעדע 10000 יודען האָבּען איינגעוואַנדערט יעהרליך אין די פֿעראיי־ניגטע שטאַטען:

| יאהר | 1899 | 1900 | 1901 | 1902 | 1903 | 1904 | 1905 | 1906 | 1907 | 1908 | 1909 | 1910 | 1899<br>1910 |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| פֿון רוסלאַנ־דער מליכה | 47 | 71 | 72 | 72 | 91 | 149 | 177 | 240 | 220 | 138 | 75 | 115 | 122 |
| פֿון עסטר.־אונגארן | 53 | 82 | 63 | 62 | 90 | 97 | 81 | 72 | 91 | 74 | 41 | 63 | 73 |

אין דורכשניט אַלזאָ אימיגרירעֶן אין די פֿעֶראייניג־

* אין דיזער און אין פֿאָלגענדער טאַבּעלע ווערט די צאָהל פֿון די וואַנדע־רער פֿערגליכען מיט דער צאָהל פֿון דער בעפֿעלקערונג, לויט ווי זי איז פֿעסטגע־שטעלט געוואָרען: אין רוסלענדער מלוכה דורך די פֿאָלקס־צעהלונג פֿון 1897 און אין עסטרייך־אונגאַרן דורך די פֿאָלקס־צעהלונג פֿין 1900. דער צו־וואוקס פֿון דער בעפֿעלקערונג איז דערבּיי בּיי אַלע פֿעלקער געלאָזען אָן אַ זייט, ווייל ס׳איז אונמעגליך צו בעשטימען דעם יעהרליכען צו־וואוקס בּיי יעדען פֿאָלק בעזונ־דער; אויסרעכענען דיזען צו־וואוקס וועט ערשט מעגליך זיין, ווענן עס וועלען פּובּליקירט ווערען די גענויע רעזולטאַטען פֿון דער עסטרייכישער פֿאָלקס־צעהלונג פֿון 1910 און ווענן אין רוסלאַנד וועט געמאַכט ווערען אַ צווייטע צעהלונג, די אמת׳ע וואַנדערונגס־שטופֿע איז אַלזאָ אין דער ווירקליכקייט בּיי אַלע פֿעלקער עטוואָס קלענער ווי אויף אונזערע טאַבּעלען.

טע שטאַטען פון יעדע 10,000 רוסלענדער יודען 122 פערזאָן יעהרליך. ווען מ'זאָל נאָך צורעכענען די, וואָס וואַנדערען אין אַנדערע לענדער, אַ חוץ די פעראייניגטע שטאַטען, און וועלכע דאַרפען בילדען פון 15 ביז 20 פּראָצענט פון די יודישע וואַנדערער, קומען מיר צום בעשלוס, דאָס אין גאַנצען וואַנדערען יעדעס יאָהר פון רוסלענדער מלוכה אונגעפעהר 150 פון יעדע 10,000 (אָדער קורצער, 15 פון טויזענד) רוסלענדער יודען. אַזאַ הויכע דורכשניטליכע אויסוואַנדערונגס־שטופע געפינען מיר זעהר זעלטען אין דער היסטאָריע פון דער מאָדערנער עמיגראַציע: מיר געפינען זי בלויז ביי די אירלענדער אין מיטען פון 19־טען יאָהרהונדערט און אין די אַכציגער יאָהרען; מיר געפינען זי ביי היינטיגער צייט נור ביי די איטאַליענער (ביי די לעצטע איז זי אין פערלויף פון 20־טען יאָהרהונדערט אַפילו נאָך פיעל העכער); מיר געפינען זי לסוף נאָך ביי אַ פּאָר קליינע דרום־סלאַווישע פעלקער. די איטאַליענישע און די דרום־סלאַווישע עמיגראַציע איז אָבער, פון דער אַנדער זייט, מעהר ווי ביי אַנדערע פעלקער נור אַ צייטווייליגע, זעהר אָפט בלויז אַ סעזאָן־וואַנדערונג.

הויך איז אויך די אויסוואַנדערונגס־שטופע ביי די יודען פון עסטרייך־אונגאַרן: 73 פון יעדע 10,000 יודען עמיגרירען יעהרליך פון עסטרייך־אונגאַרן אין די פעראייניגטע שטאַטען. ווען מ'זאָל נאָך צורעכענען די, וואָס אימיגרירען אַנדערסוואו, דאַן קומען מיר צום בעשלוס, דאָס דורכשניטליך פון יעדע טויזענד יודען, וואָס וואוינען אין דער האַבסבורגער מאָנאַרכיע, וואַנדערן־אויס יעהרליך 8 ביז 9 מענשען (85—90 פון 10,000). אויך דאָס איז אַ הויכע עמיגראַציאָנס־שטופע. זי איז אָבער בשום אופן נישט קיין אויסנאַהם און קיין זעלטענקייט. מיר געפינען ביי היינטיגער צייט אַזאַ וואַנדערונג־שטופע, נישט רעדענדיג שוין פון די אירלענדער, ביי די ענגלענדער, שפּאַניער, פּאָרטוגעזען, סקאַנדינאַווען און ביי געוויסע סלאַווישע פעלקער. בכלל גענומען, אויב מען וויל פערגלייכען די אויסוואַנדערונגס־שטופע ביי די יודען פון רוסלענדער מלוכה און ביי די יודען פון עסטרייך־אונגאַרן, דאַן קען מען זאָגען, אַז ביי אַ גלייכער צאָהל יודישע איינוואוינער וואַנדערען פון רוסלענדער מלוכה פינף יודען און פון עסטרייך־אונגאַרן נור דריי. *)

* די יודישע אויסוואַנדערונגס־שטופע איז אָבער פיעל העכער אין עסטרייך ווי אין אונגאַרן. אַזוי זעהען מיר, דאָס אין 1910 האָבען פון עסטרייך איינגעמאַנדערט אין די פעראייניגטע שטאַטען 10.704 יודען און פון אונגאַרן 2.438, ד. ה. פון יעדע 10.000 יודען האָבען פון עסטרייך געוואַנדערט 89 און פון אונגאַרן בלויז 29, ד. ה. פונקט דריי מאָל ווייניגער פון אונגאַרן ווי פון עסטרייך.

ס'איז אָבער לײַכט צו באַמערקן, דאָס דער אונטערשיד צווישן דער אויסוואַנדערונגס-שטופֿע בײַ די רוסלענדער און די האַבסבורגער יודען איז אין אָנפֿאַנג נישט שטאַרק; ער פֿאַרשטאַרקט זיך ערשט זײַט 1904, ד. ה.. זײַט עס האָט זיך אָנגעהויבן די בלוטיגע סדרה פּאָגראָמען אין רוסלאַנד; ער דערגרייכט זײַן העכסטען פּונקט אין דעם פּאָגראָם-יאָהר par excellence אין 1906, ווען די אויסוואַנדערונגס-שטופֿע בײַ די יודען פֿון רוסלאַנד איז מעהר ווי דרײַ מאָל אַזוי גרויס, ווי בײַ די יודען פֿון עסטרײַך-אונגאַרן; נאָכדעם ווערט דיזער אונטערשיד צוריק שוואַכער; ביז היינט איז ער אָבער געבליבען נאָך גענוג שטאַרק.

לכּוף וועלען מיר נאָך פֿערגלײַכען די וואַנדערונגס-שטופֿע בײַ יודען מיט דער וואַנדערונגס-שטופֿע בײַ יענע פֿעלקער, צווישען וועלכע די וואוינען; נאָך דעם, וואָס איך האָב פֿריהער געזאָגט וועגען די בעדײַטונג פֿון דער וואַנדערונגס-שטופֿע, וועט יעדערער פֿערשטעהן די וויכטיגקײַט פֿון אַזאַ פֿערגלײַכונג. פֿערגלײַכענדיג די וואַנדערונגס-שטופֿע בײַ די יודען פֿון רוסלענדער מלוכה מיט דער וואַנדערונגס-שטופֿע בײַ די פּאָליאַקען און די ליטווינער פֿון דערזעלבער מלוכה, און די וואַנדערונגס-שטופֿע בײַ די יידען פֿון עסטרײַך-אונגאַרן מיט דער פּוילישער און רוטענישער פֿון עסטרײַך-אונגאַרן, בעקומען מיר פֿאַר'ן ערשטען יאָהר-צעהנדליג פֿון 20-טען יאָהרהונדערט פֿאָלגענדע טאַבעלע:

## טאַבעלע V.

פֿון 10,000 בירגער פֿון יעדען פֿאָלק האָבען אײַנגעוואַנדערט אין די פֿעראײניגטע שטאַטען:

| | יאָהר | 1901 | 1902 | 1903 | 1904 | 1905 | 1906 | 1907 | 1908 | 1909 | 1910 | 19[illegible] 191[illegible] |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| אין רוסלאַנד | בײַ יודען | 72 | 72 | 91 | 149 | 177 | 240 | 220 | 138 | 75 | 115 | 135 |
| | „ פּאָלאַקען | 27 | 43 | 50 | 41 | 60 | 58 | 92 | 48 | 48 | 80 | 55 |
| | „ ליטווינער | 28 | 32 | 47 | 41 | 57 | 44 | 80 | 43 | 47 | 70 | 49 |
| פֿון עסטר.-אונגאַרן | בײַ יודען* | 63 | 62 | 90 | 97 | 84 | 72 | 91 | 74 | 41 | 63 | 74 |
| | „ פּאָלאַקען* | 56 | 94 | 103 | 83 | 140 | 120 | 164 | 73 | 103 | 167 | 110 |
| | „ רוטענער* | 14 | 20 | 26 | 25 | 38 | 42 | 63 | 32 | 40 | 73 | 37 |

* אַזוי ווי אין עסטרײַך—אונגאַרן ווערען די יודען אין דער פֿאָלקס-צעהלונג פֿעררעכענט בלויז אַלס רעליגיאָנס—גרופּע און נישט אַלס פֿאָלקס—גרופּע מיט אַ בעזונדער „אומגאַנגס—שפּראַך", האָבען מיר פֿון די פּאָלאַקען און רוטענער גענומען אַראָבגערעכענט די פּערזאָנען פֿון יודישען גלויבען מיט דער פּוילישער אָדער רוטענישער אומגאַנגס—שפּראַך. דאָס זעלבע טוען מיר אויך בנוגע צו די איבעריגע נאַציאָנען פֿון דער האַבסבורגער מאָנאַרכיע אין דער טאַבעלע VI.

אין רוסלענדער מלוכה איז אלזא ביי די יודען די וואנדערונגס־שטופע אין דורכשניט פון צוויי ביז דריי מאל אזוי הויך ווי ביי די אנדערע פעלקער צווישען וועלכע זיי וואוינען. דער גרעסטער אונטערשייד צווישען דער יודישער און דער נישט־יודישער עמיגראציאנס־שטופע פאלט אויס אויף דעם פאגראם־יאהר 1906, ווען זי איז ביי די יודען געווען אונגעפעהר פיער מאל גרעסער, ווי ביי די פאליאקען און זעקס מאל גרעסער, ווי ביי די ליטויער. פונדעסטוועגען, אפילו בנוגע צו רוסלענדער מלוכה זעהען מיר, דאס דער אונטערשייד צווישען דער וואנדערונגס־שטופע ביי יודען און די ארומיגע פעלקער, איז איצט פיעל קלענער, ווי מיט א יאהר צעהן צוריק: אין 1901 איז זי ביי די יודען געווען אויף 167 פראצענט העכער ווי ביי די פאליאקען (72:27) און אין 1910 בלויז אויף 44 פראצענט (80 : 115); אין 1901 איז ביי די יודען געווען אויף 159 פראצענט העכער ווי ביי די ליטויער (28 : 72) און אין 1910 בלויז אויף 64 פראצענט (70 : 115).

ס'איז אבער אין העכסטען גראד אינטערעסאנט צו פערגלייכען די יודישע וואנדערונגס־שטופע מיט דער וואנדערונגס־שטופע פון די ארומיגע פעלקער אין אזעלכע לענדער, וואו די ספעציפיש־רוסלענדישע באדינגונגען זענען נישטא. ווי מיר וועלען זעהען שפעטער, איז דאס אויסערסט וויכטיג, כדי צו קענען פעסטשטעלען די סבות פון דער יודישער וואנדערונג און די וויכטיגקייט פון יעדער סבה באזונדער. צי אין אנדערע לענדער, וואו די יודען געפינען זיך נישט אין אזא רעכטלאזער און נישט־זיכערער לאגע, ווי אין רוסלאנד, איז אויך די אויסוואנדערונגס־שטופע ביי יודען העכער ווי ביי דער ארומיגער באפעלקערונג? אדער אזא אויסנאהמסווייזע עמיגראציע איז בלויז א ספעציפיש־רוסלענדער ערשיינונג? די צווייטע העלפט פון אונזער לעצטער טאבעלע גיט אונז שוין אין א געוויסער מאס אנ׳ענטפער אויף דיזע פראגע.

מיר זעהען, דאס די וואנדערונגס־שטופע איז בכלל גענומען, אין עסטרייך־אונגארן ביי די יודען העכער ווי ביי די רוטענער, אבער ביי די פאליאקען העכער ווי ביי די יודען; פון א גלייכער צאהל באפעלקערונג וואנדערן אין די פעראייניגטע שטאאטען: ביי יודען צוויי מאל אזוי פיעל ווי ביי רוטענער (74 פון 10,000 יודען און 37 פון דער זעלבער צאהל רוטענער) און ביי פאליאקען דריי מאל אזוי פיעל ווי ביי רוטענער (110 פון 10,000 פאליאקען); אדער אנדערש גערעדט, אין דורכשניט פון יעדע 270 מענשען עמיגרירען אין די פעראייניגטע שטאאטען ביי רוטענער — איינער, ביי יודען — צוויי און ביי די פאליאקען — דריי.

די אויסוואנדערונגס־שטופע קען אלזא ביי די יודען אין עסטרייך־

אונגאַרן בשום אופן נישט פֿערגלײַכט ווערן פֿאַר אַן׳אויסנאַהמס-גרויסע, און וועגען „אַרויסגעשטיפּט” ווערן קען, פֿערשטעהט זיך, בײַ אַזעלכע בעדינגונגען, גאָר קיין רעד נישט זײַן. נור נאָך קלעהרער ווערט די ערשײַנונג, אויב מיר בעגנוגען זיך נישט מיט דעם דורכשניט פֿון די גאַנצע 10 יאָהר, נור מיר קוקען זיך צו צו די שוואַנקונגען פֿון יעדען יאָהר בעזונדער. (זעה איך אונזער דיאַגראַמע נומ. 2). מיר בעמערקען דאַמאָלס, דאָס אין פֿערלויף פֿון די ערשטע פֿיער יאָהר פֿון 20-טען יאָהרהונדערט איז די וואַנדערונג-שטופֿע בײַ די יודען און די פּאָליאַקען כמעט אַ גלײַכע; פֿערקעהרט, אין די לעצטע 2 יאָהר, אין 1909 און 1910, איז זי בײַ די פּאָליאַקען פֿון צוויי ביז דרײַ מאָל אַזוי גרויס ווי בײַ די יודען, די רוטעגישע וואַנדערונגס-שטופֿע איז אין 1901 4 ½ מאָל קלענער ווי די יודישע, זי האַלט אָבער כסדר אין וואַקסען; אין 1909 דעריאָגט זי שוין די יודישע און אין לעצטען יאָהר. אין 1910, יאָגט זי איהר שוין אַריבער. אין דיעזען לעצטען יאָהר איז אַלזאָ די יודישע אויסוואַנדערונגס-שטופֿע פֿון עסטרײַך-אונגאַרן שוין נידעריגער, אי פֿאַר די פּוילישע, אי פֿאַר די רוטענישע.

אָט אַזוי פֿאַלט אַ צווייטע לעגענדע, די לעגענדע וועגען דעם, דאָס אין אַלע גלות-לענדער איז די אויסוואַנדערונגס-שטופֿע, דער פּראָצענט פֿון דער בעפֿעלקערונג, וועלכער עמיגרירט, שטענדיג העכער בײַ די יודען, ווי בײַ דער אַרומיגער בעפֿעלקערונג.

צווישען די פּאָליאַקען און די רוטענער איז קאָנצענטרירט די הויפּט-מאַסע פֿון דער יודישער בעפֿעלקערונג פֿון דער האַבסבורגער מאָנאַרכיע. יודען וואוינען אָבער אויך צווישען אַנדערע פֿעלקער פֿון דער מלוכה; 851 טויזענד יודען האָבען אין יאָהר 1900 זיך גערעכענט אין אונגאַרן. עס איז דעריבער אינטערעסאַנט צו פֿערגלײַכען די אויסוואַנדערונגס-שטופֿע בײַ די יידען און די אַרומיגע פֿעלקער אין עסטרײַך בעזונדער און אין אונגאַרן בעזונדער. ווי איך האָב שוין אויבען געזאָגט, האָבען מיר די מעגליכקײַט עס פֿעסטצושטעלען פֿאַר די יאָהרען 1905 און 1910. פֿאַר אַלע פֿעלקער, וואָס האָבען אין דער מאָנאַרכיע נישט ווייניגער, ווי אַ האַלבען מיליאָן מיטגליעדער, בעקומען מיר פֿאָלגענדע טאַבעלע (ז. ז. 20):

דיעזע טאַבעלע ווײַזט אונז, ערשטענס, אַז די אויסוואַנדערונגס-שטופֿע איז בײַ די יודען אין אונגאַרן פֿיעל נידעריגער ווי אין עסטרײַך; צווייטענס, זעהען מיר, אַז די יודען געהערען בשום אופן נישט צו די פֿעלקער, מיט אַ בעזונדער הויכער אויסוואַנדערונגס-שטופֿע. אַ סך אַנדערע פֿעלקער האָבען אַ פֿיעל העכערע אויסוואַנדערונגס-שטופֿע, ווי די יודען. אין אונגאַרן פֿערנעהמען די יודען איינעם פֿון די לעצטע ערטער לויט זייער אויסוואַנדערונגס-שטופֿע; אין 1910 געפֿינען מיר בײַ די יו-

# טאבעלע VI.

פון 10,000 בירגער פון יעדען פאלק האבען אימיגרירט אין די פעראייניגטע שטאאטען: *)

| פאלק | פון עסטרייך 1905 | פון עסטרייך 1910 | פון אונגארן 1905 | פון אונגארן 1910 |
|---|---|---|---|---|
| יודען | 91 | 87 | 73 | 29 |
| איטאליענער | 32 | 25 | — | — |
| דייטשען | 9 | 8 | 124 | 91 |
| טשעכען | 19 | 15 | — | — |
| מאדזשיארען | — | — | 52 | 30 |
| סלאוויאקען | — | — | 250 | 150 |
| סערבען (סערבען און קראאטען און סלאווענער צוזאמען) | 185 | 231 | 22 | 40 |
| קראאטען און סלאווענער | | | 124 | 125 |
| פאליאקען | 139 | 167 | — | — |
| רוטענער | 33 | 72 | 76 | 80 |
| רומענער | — | — | 26 | 47 |

רען די קלענסטע אויסוואנדערונגס־שטופע פון אלע פעלקער, וואס וואוינען אין אונגארן.

איך קען זיך דא נישט אבשטעלען אויף די יודישע וואנדערער פון די באלקאנישע לענדער; פשוט צוליעב דעם, ווייל די צאהל פון דיעזע וואנדערער איז, א חוץ רומעניען אויסערסט קליין (אין 1910 צ. ב. האבען אין די פעראייניגטע שטאאטען איינגעוואנדערט פון בולגאריען, סערביען און מאנטאנעגרא צוזאמען 14 יודען). סיי די אבסאלוטע צאהל פון די אויסוואנדערער, סיי די אויסוואנדערונגס־שטופע פון די דארטיגע יודען איז אין דיעזע לענדער, א חוץ רומעניען, אויסערסט־קליין אי פאר זיך גענומען, אי אין פערגלייך מיט דער וואנדערונג פון די ארומיגע פעלקער, וועלכע איז די לעצטע יאהרען גראד געווארען פערהעלטניסמעסיג זעהר גרויס.

מיר זענען אויף אזא־נארט געקומען צו פאלגענדע אויספיהרונגען: 1) די אויסוואנדערונגס־שטופע איז ביי יודען באמת גאנץ אנארמאל גרויס בלויז אין רוסלענדער מלוכה. — 2) זי איז נאך אויך גע־נוג הויך אין עסטרייך; דארטען איז זי אבער אויף 40 פראצ. נידע־ריגער ווי אין רוסלאנד און פאר אויסערגעוועהנליך גרויס, פאר אנארמאל קען זי נישט פערעכענט ווערען. — 3) אין אונגארן און אין די באלקאנישע לענדער, חוץ רומעניען, איז די אויסוואנדערונגס־שטופע ביי די יודען בעדייטענד קלענער, ווי ביי דער ארומיגער בעפעלקערונג — 4) די אויסוואנדערונגס־שטופע וואקסט ביי היינטיגער צייט, אפילו אין

* די ציפער פון דער בעפעלקערונג זענען גערעכענט לויט די אנגאבען פון דער פאלקסצעהלונג פון 1900.

רוסלענדער מלוכה, ביי די יודען *לאנגזאמער*, ווי ביי די פעלקער, צווישען וועלכע זיי וואוינען.

## קאפיטעל IV. צייטווייליגע און ענדגילטיגע אויסוואנדערונג.

עס איז אבער פאראן אויסוואנדערונג און אויסוואנדערונג. איינער פון די וויכטיגסטע אונטערשיידען צווישען די פערשידענע וואנדערונגס-פארמען בעשטעהט אין דעם, צו דער עמיגראנט פערלאזט זיין פאטערלאנד אויף *שטענדיג*, צו ער וואנדערט פון דער היים בלויז *אויף א געוויסע צייט*. אין דעם ערשטען פאל האבען מיר צו טאן מיט א פאלקאמע, *ענדגילטיגע* אויסוואנדערונג, אין צווייטען איז די עמיגראציע נישט מעהר ווי א *צייטווייליגע*. כדי צו בעקומען א קלארען בעגריף איבער די יודישע עמיגראציע, דארפען מיר דעריבער פעסטשטעלען, אויך, אויף ווי ווייט די יודישע וואנדערונגס-בעוועגונג בעשטעהט פון ענדגילטיגע און ווי ווייט פון צייטווייליגע עמיגראנטען; מיר דארפען ווייטער זעהן אויך, וואס פאר א פלאץ די ביידע מינים וואנדערער פערנעהמען צווישען די עמיגראנטען פון די איבעריגע אייראפעאישע פעלקער, וואס געהען אויך אין די פעראייניגטע שטאאטען, און פערגלייכען אין דיזען פרט די עמיגראציע ביי יודען און ביי אנדערע פעלקער.

לײדער געפינען מיר אין דער אמעריקאנער וואנדערונגס-סטאטיסטיק ידיעות איבער די *צוריקוואנדערער* פון אמעריקא בלויז זייט 1908. מיר מוזען דעריבער זיך בעשרענקען אין דיזער הינזיכט בלויז מיט די רעזולטאטען פון דריי יאהר(1908, 1909 און 1910). פערגלייכען מיר די צאהל איינוואנדערער אין די פעראייניגטע שטאאטען מיט די צאהל צוריקוואנדערער פון דארטען ביי יעדען פון די אייראפעאישע פעלקער אין משך פון דיזע דריי יאהר, בעקומען מיר פאלגענדע טאבעלע (ז. ז. 22):

דער פראצענט צוריקוואנדערער פון אמעריקע איז אלזא ביי די יודישע עמיגראנטען אויסערסט קליין; אויף הונדערט יודען, וואס קומען אן אין די פעראייניגטע שטאאטען, וואנדערען פון דארטען צוריק דורכשניטליך בלויז 8 פערזאן: 92 *פון הונדערט בלייבען אין די פעראייניגטע שטאאטען*. די צייטווייליגע אויסוואנדערונג שפיעלט אלזא ביי יודען קיין שום מערקבארע ראלע נישט; *כמעט די גאנצע יודישע עמיגראציע איז אנענדגילטיגע*. — א חוץ די אירלענדער, וואס פאר זיי איז אמעריקא נישט אין גאנצען קיין פרעמדעס לאנד, ווארום די שפראך פון דער גרויסער אמעריקאנער רעפובליק (ענגליש) איז אויך זייער שפראך, געפינען מיר צווישען די וואנדערער פון קיין שום פאלק נישט אזא גרויסען פראצענט ענדגילטיגע עמיגראנטען, ווי צווישען די יודישע.

# טאבעלע VII.

איינוואנדערונג און צוריקוואנדערונג פון די פעראייניגטע שטאאטען (1908—1910).

| פעלקער. | אימיגראנטען | צוריק-וואנ-דערער. | צוריק-וואנ-דערער אויף 100 אימיגר. | פעלקער. | אימיגראנטען | צוריק-וואנ-דערער. | צוריק-וואנ-דערער אויף 100 אימיגר. |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| מאדזשיארען | 80.384 | 51 316 | 64 | פראנצויזען | 53.411 | 9.954 | 19 |
| צפון-איטאליענער | 80 630 | 49.596 | 61 | פינלענדער | 34.169 | 6.166 | 18 |
| סלאוואקען | 71.172 | 41.726 | 59 | סקאנדינאווען | 119,822 | 18.090 | 15 |
| דרום-איטאליענער | 468.468 | 259.381 | 56 | פארטוגעזען | 19 072 | 2 620 | 14 |
| קראאטען | 80 215 | 44.736 | 56 | ליטווער | 51 688 | 7 190 | 14 |
| רוסען | 44 443 | 18.314 | 41 | רוטענער | 56.076 | 6,701 | 12 |
| שפאניער | 17.412 | 6.134 | 35 | ענגלענדער **) | 148.022 | 17.418 | 12 |
| פאליאקען | 274 018 | 82,901 | 30 | טשעכען | 25.476 | 2.740 | 11 |
| רומענער | 31.869 | 8.450 | 27 | האלענדער | 30 652 | 3.293 | 11 |
| באלגארען און סערבען *) | 50.136 | 13 100 | 26 | שאטלענדער | 58.072 | 5.206 | 9 |
| גריכע | 88.205 | 21 852 | 25 | יודען | 245-198 | 19.496 | 8 |
| דייטשען | 202.952 | 41.262 | 20 | אירלענדער | 105.994 | 6.972 | 7 |
| בסך-הכל פרעמדע וואנדערער . . . . . . . . . . . | | | | | 2.576.226 | 823.941 | 32 |

* צו די בולגארען און סערבען זענען צוגערעכענט ווי די מאנטענעגרינער אזוי אויך די „דאלמאטען, באסניער און הערצאגווינער".

** צו די ענגלענדער זענען צוגערעכענט אויך די וועלשער.

דיעזער אומשטאַנד, דער אויסערסט־קלײנער פּראָצענט צוריק־װאַנ־דערער אָדער, מיט אַנדערע װערטער, דער אויסערסט־גרויסער פּראָצענט ענדגילטיגע עמיגראַנטען צװישען די יודישע װאַנדערער, אָט דאָס איז די ערשטע װיכטיגע אײגענשאַפֿט, װאָס זונדערט־אָב די יודישע עמי־גראַציע פֿון דער עמיגראַציע פֿון אַנדערע פֿעלקער פֿון מזרח און דרום־אײראָפּע. (מאַדזשיאַרען, איטאַליענער, סלאָװאַקען, קראָאַטען, רוסען, פּאָליאַקען, רומענער א. ד. גל.), בײַ װעלכע די עמיגראַציע איז, פֿערקעהרט, אין אַ גרויסער מאָס בלויז אַ צײַטװײַליגע אויסװאַנדערונג (דער פּראָצענט צוריקװאַנדערער איז בײַ זײערע עמיגראַנטען זעהר גרויס).

קוקען מיר זיך צו נעהענטער צו די פֿעלקער, צװישען װעלכע עס איז הויפּטזעכליך קאָנצענטרירט די יודישע בעפֿעלקערונג פֿון אײראָ־פּע, בעמערקען מיר, דאָס דער אונטערשייד אין דיעזער הינזיכט צװישען דער יודישער און נישט־יודישער עמיגראַציע איז פֿערהעלטניסמעסיג קלײן, בעת מען פֿערגלײַכט די יודישע עמיגראַציע מיט דער ליטװישער אָדער רוטענישער, װאָרום צוליעב געװיסע סבות, אויף װעלכע ס׳איז אונמעג־ליך דאָ זיך אָבצושטעלען, איז איך צװישען די ליטװישע און רוטענישע עמיגראַנטען זעהר קלײן דער פּראָצענט װאַנדערער, װאָס קומען צוריק (86 פּראָצענט פֿון די ליטװישע און 88 פֿון די רוטענישע עמיגראַנטען בלײַבען אין אַמעריקאַ). דער אונטערשייד איז אָבער גרויס אין דיעזער הינזיכט צװישען דער יודישער און דער פּוילישער עמיגראַציע: בעת בײַ יודען קומען 8 פּראָצענט צוריק און 92 פֿערבלײַבען אין אַמעריקאַ, קומען בײַ די פּאָליאַקען 30 פּראָצענט צוריק און בלויז 70 בלײַבען אין אַמעריקאַ.

דיעזען אונטערשייד צװישען דער יודישער און דער פּוילישער עמיגראַציע קען מען בעמערקען סײַ אין רוסלענדער מלוכה, סײַ אין עסטרײַך־אונגאַרן. מיר קענען זיך אין דעם איבערצײַגען דורך פֿאָלגענדע ציפֿער: אין משך פֿון די דרײַ יאָהר 1908—1910 זענען אין די פֿעראײניגטע שטאַאַטען געקומען פֿון רוסלאַנד 170,952 יודישע עמיגראַנטען; יודישע צוריקװאַנדערער פֿון די פֿעראײניגטע שטאַאַטען קײן רוסלאַנד איז אונ־טער דער צײַט געװען 12,723 אָדער 7½ פּראָצענט. פּוילישע עמי־גראַנטען פֿון רוסלענדער מלוכה זענען אין דערזעלבער צײַט געקומען 139,352 און צוריקגעװאַנדערט קײן רוסלאַנד פֿון די פֿעראײניגטע שטאַ־טען האָבען 33,613 אָדער 24 פּראָצענט. — פֿון עסטרײַך־אונגאַרן זענען אין דעמזעלבען משך צײַט אָנגעקומען אין די פֿעראײניגטע שטאַאַטען 38,866 יודישע עמיגראַנטען און צוריקגעװאַנדערט קײן עסטרײַך־אונגאַרן 4,565 אָדער 12½ פּראָצענט. פּוילישע עמיגראַנטען פֿון עסטרײַך־אונגאַרן זענען פֿאַר די זעלבע צײַט געקומען 123,581, צוריקגעװאַנדערט קײן עסט־רײַך־אונגאַרן האָבען אונטערדעסען 47,949, ד. ה. 39 פּראָצענט. סײַ אין

רוסלענדער מלוכה, סיי אין עסטרייך-אונגארן איז אלזא דער פראצענט עמיגראנטען, וואס קומען צוריק אהיים, דריי מאל קלענער ביי די יודישע ווי ביי די פוילישע וואנדערער.

דער הויפט-אינטערעס ליגט אבער נישט אין דער צייטווייליגער, נור אין דער ענדגילטיגער אויסוואנדערונג. ווען מיר לאזען די צייטווייליגע אויסוואנדערער אן א זייט, און אנשטאט צו בעטראכטען די גאנצע עמיגרירענדע מאסע, שטעלען מיר דיך אב בלויז אויף די ענדגילטיגע עמיגראנטען, דאן קומען מיר צו פאלגענדע אויספיהרונגען:

1) די ענדגילטיגע עמיגראציאנס-שטופע (ענדגילטיגע עמיגראנטען אויף 10,000 איינוואוינער פון יעדען פאלק) איז אין רוסלענדער מלוכה דורכשניטליך דריי מאל אזוי גרויס ביי די יודען ווי ביי די פאליאקען*).

2) די ענדגילטיגע עמיגראציאנס-שטופע איז אין עסטרייך-אונגארן ביי יודען און פאליאקען דורכשניטליך אונגעפעהר גלייך**); דער איבערפלוס פון דער פוילישער עמיגראציאנס-נארמע, וואס מיר האבען בעמערקט אין פאריגען קאפיטעל, בעשטעהט אלזא בלויז פון צייטווייליגע עמיגראנטען.

3) די ענדגילטיגע עמיגראציאנס-שטופע ביי יודען איז אין רוסלענדער מלוכה דורכשניטליך דאפעלט גרויס ווי אין עסטרייך-אונגארן: בעת אין רוסלענדער מלוכה עמיגרירען אויף שטענדיג אין אמעריקא יעהרליך 125 פערזאן פון יעדע 10,000 יודישע איינוואוינער, עמיגרירען פון עסטרייך-אונגארן בלויז 65.

די אונטערשיידונג צווישען צייטווייליגער און ענדגילטיגער עמיגראציע שטרייכעלט אלזא נאך מעהר אונטער די בעדייטונג פון דער יודישער עמיגראציע און איהר אויסנאהמסווייזען כאראקטער אין רוסלענדער מלוכה.

* ביי די יודען פון רוסלענדער מלוכה דארף זי גערעכענט ווערען $\frac{135 \times 7\frac{1}{2}}{100}$ — 135, ד. ה. 125 אויף 10,000 יודישע איינוואוינער; ביי די פאליאקען פון דיזער מלוכה דארף זי ווערען גערעכענט — $\frac{55 \times 24}{100}$ — 55, ד. ה. 42 אויף 10.000 פוילישע איינוואוינער.

** ביי די יודען פון עסטרייך—אונגארן: $\frac{74 \times 12\frac{1}{2}}{100}$ — 74, ד. ה. 65 אויף 10.000 יודישע איינוואוינער; ביי די פאליאקען פון דער זעלבער מלוכה $\frac{100 \times 39}{100}$ — 110, ד. ה. 67 ענטגילטיגע עמיגראנטען אויף 10.000 פוילישע איינוואוינער.

# צווייטע אבטיילונג:

## די יודישע עמיגראַנטען.

ביז איצט האָבען מיר אין דער עמיגרירענדער מאַסע געזעהען בלויז איין זאַך: וואַנדערער. קוקט מען אָבער זיך צו נעהנטער צו דיזער מאַסע, דערזעהט מען באַלד, דאָס זי איז ווייט ניט קיין איינהייטליכע, נור דאָס זי בעשטעהט פון גאַנץ פערשידענע עלעמענטען. מיר קענען דעריבער זיך נישט בענוגענען מיט דעם, וואָס מיר וויסען די צאָהל פון די עמיגראַנטען; מיר דאַרפען אויך וויסען, ווער זענען זיי, וואָס פאַר מענשען זענען זיי. אַחוץ דעם יעדער וואָס איז פּועל־יוצא בעקאַנט מיט דער אַלגעמיינער עמיגראַציע, ווייס, דאָס נישט ביי אַלע פעלקער בעשטעהט די עמיגרירענדע מאַסע פון איינעם און דעם זעלבען מין וואַנדערער, נור דאָס פערקעהרט, די עמיגראַנטען פון פערשידענע פעלקער אונטערשיידען זיך צווישען זיך אין פיעלע הינזיכטען לויט די ספּעציעלע סאָציאַל־עקאָנאָמישע בעדינגונגען, אין וועלכע די פערשידענע פעלקער לעבען. ווילען מיר זיך בעקענען מיט דער יודישער עמיגראַציע, דאַרפען מיר זיך דעריבער אויך קלאָר מאַכען, וועמען זי נעהמט אַרום. און באמת די יודישע וואַנדערענדע מאַסע האָט אַ גאַנץ אָריגינעלען, אַ גאַנץ אייגענאַרטיגען בעשטאַנד.

עס מוז אָבער באַלד אָנגעמערקט ווערען, דאָס אויב בנוגע צו דער צאָהל פון די יודישע וואַנדערער, גיט אונז די אַמעריקאַנישע סטאַטיסטיק ידיעות פאַר יעטוועדעס אויסוואַנדערונגס־לאַנד בעזונדער, בעציהען זיך די ידיעות וועגען די עמיגראַנטען גופא אויף אַלע יודישע וואַנדערער צוזאַמען, אָהן אונטערשייד צו זיי זענען געקומען פון רוסלאַנד, פון עסטרייך, פון רומעניען אָדער פון ערגעץ אַנדערשוואו. מיר פערמאָגען אַלזאָ נישט קיין ידיעות וועגען דעם בעשטאַנד פון די יודישע וואַנדערער ספּעציעל פון רוסלאַנד אָדער ספּעציעל פון עסטרייך: מיר וויסען נור דעם בעשטאַנד פון דער יודישער וואַנדערענדער מאַסע בכלל, אין גאַנצען. פון וועמען בעשטעהט די יודישע וואַנדערענדע מאַסע?

## קאַפּ. I.—דאָס געשלעכט פון די יודישע וואַנדערער.

בײַ יודען, ווי בײַ אַלע אַנדערע פעלקער, עמיגרירען, פערשטעהט זיך, נישט נור מאַנסלײַט, נור אויך פרויענצימער. דער אָנטייל פון די פרויענצימער אין דער עמיגראַציע איז אָבער בײַ פערשידענע פעלקער גאַנץ פערשידען. אַזוי, צ. ב., דורכשניטליך פאַר די 12 יאָהר (1899—1910), בײַ די בולגאַרען און סערבען אָדער בײַ די גריכען, וואָס האָבען אײַנגעוואַנדערט אין די פעראייניגטע שטאַטען, זענען געווען בלויז 5 פרויענצימער צווישען הונדערט אײַנגעוואַנדערטע; בײַ די אירלענדער פערקעהרט, בילדען די פרויענצימער אין דורכשניט די מעהרהײַט פון די אימיגראַנטען: איף הונדערט אירלענדער אימיגראַנטען קומט אויס דורכשניטליך 52 פרויענצימער און 48 מאַנסלײַט. וואָס פאַר אַן אָנטייל אין דער וואַנדערונג נעמען די פרויענצימער בײַ יודען?

אַן ענטפער אויף דעם גיט אונז פאָלגענדע טאַבעלע (זעה זײַטע 27):

פון אַלע אייראָפּעאישע פעלקער געפינען מיר נור בײַ די אירלענדער אַ פערהעלטניסמעסיג־גרעסערען אָנטייל פון פרויען אין דער עמיגראַציע, ווי בײַ יודען. 43 פּראָצענט אָדער, מיט אַנדערע ווערטער, מעהר ווי צוויי פינפטעל פון די יודישע וואַנדערער זענען פרויענצימער. די מאַנסלײַט בילדען אַפילו נישט קיין דרײַ פינפטעל פון די יודישע וואַנדערער. אַזאַ בעשטאַנד פון דער עמיגרירענדער מאַסע איז מעהר עהנליך צו דעם בעשטאַנד פון די עמיגראַנטען בײַ די פעלקער פון צפון־מערב אייראָפּע: בײַ די ענגלענדער, סקאַנדינאַווען, דײַטשען, פראַנצויזען א. ד. ג., הגם אויך בײַ יענע פעלקער (אַחוץ די טשעכען) געפינען מיר צווישען די עמיגראַנטען עטוואָס אַ נידעריגערען פּראָצענט פרויענצימער, ווי בײַ יודען. דאָס זונדערט אָבער אין גאַנצען אויס די יודישע וואַנדערונג פון דער עמיגראַציע פון יענע פעלקער, צווישען וועלכע די יודען וואוינען; בעת די פעלקער, צווישען וועלכע די יודען אינען, פערנעהמען די ניעדריגסטע מדרגות לויט דעם אָנטייל פון פרויענצימער אין זייער וואַנדערונג, פערנעהמען די יודען אין דיזער הינזיכט איינע פון די העכסטע מדרגות.

ווילען מיר וויסען וואָס פאַר אַ פּראָצענט די פרויענצימער (און די מאַנסלײַט) בילדען צווישען די יודישע וואַנדערער נישט בכלל געגנומען פאַר די גאַנצע 12 יאָהר, נור יעדעס יאָהר בעזונדער, ווילען מיר זיך צוקוקען צו די שוואַנקונגען פון דער פרויען־און מענער־עמיגראַציע בײַ יודען, — דאַן דאַרפען מיר אַ קוק טאָן אויף פאָלג. טאַב. (זעה ז. 28):

בכלל קען מען בעמערקען, דאָס בײַ יודען, ווי בײַ אַלע אַנדערע פעלקער, אין די יאָהרען, ווען עס שטײַגט די עמיגראַציע, שטײַגט זי בײַ ביידע געשלעכטער. אין אויף דעם איז געווים ניטאָ וואָס צו וואונ-

## טאַבעלע VIII. צווישען 100 אימיגראַנטען פון יעדען פאָלק זענען דורכשניטליך פאַר די צייט 1899—1910 געוועזען מאַנסלייט און פרויענצימער:

| | מאַנס־לייט. | פרויענ־צימער. | | מאַנס־לייט. | פרויענ־צימער. | | מאַנס־לייט. | פרויענ־צימער. | | מאַנס־לייט. | פרויענ־צימער. |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| בולגארען און סערבען *) | 95 | 5 | דרום־איטאַליענער . . | 79 | 21 | פּאָלאַקען . . . . . | 69 | 31 | פּאָרטוגעזען. . | 60 | 40 |
| גריכען . . . . | 95 | 5 | צפון־איטאַליענער . . | 78 | 22 | פינלענדער . . . . | 66 | 34 | דייטשען . . | 59 | 41 |
| רומענער . . . . | 91 | 9 | רוטענער . . . . . | 74 | 26 | האָלענדער און פלאַמאַנדען | 66 | 34 | פראַנצויזען. . | 58 | 42 |
| קראָאַטען און סלאָווענער | 85 | 15 | מאדשיארען . . . . | 72 | 28 | שאָטלענדער . . . . | 64 | 36 | טשעכען . . | 57 | 43 |
| רוסען . . . . | 85 | 15 | ליטויער . . . . . | 71 | 29 | ענגלענדער **) | 62 | 38 | יודען . . . | 57 | 43 |
| שפאַניער. . . . | 83 | 17 | סלאָוואַקען . . . . | 71 | 29 | סקאַנדינאַווען. | 62 | 38 | אירלענדער . . | 48 | 52 |
| צווישן 100 אימיגראַנטען אין די פעראייניגטע שטאַטען אָהן אונטערשייד פון נאַציאָן . . . . . . . . . . . . | | | | | | | | | | 69 | 31 |

*) צו די „בולגארען און סערבען" זענען צוגערעכענט נישט נור די מאָנטאָנעגרען, נור אויך די דאַלמאַציער, באסניער און הערצאָגווינער.

**) צו ד' ענגלענדער" זענען צוגערעכענט די „אועלשער".

**טאַבעלע IX. די יודישע עמיגראַנטען לויט זייער געשלעכט.**

| יאָהר. | אַבסאָלוטע צאָהל אימיגראַנטען. | | | צווישען יעדע 100 אימיגר. | |
|---|---|---|---|---|---|
| | אין גאַנצען. | מאַנסלייט. | פרויענצימער. | מאַנסלייט. | פרויענצימער |
| 1899 | 37.415 | 21.153 | 16,262 | 57 | 43 |
| 1900 | 60.764 | 36.330 | 24.434 | 60 | 40 |
| 1901 | 58.098 | 32.345 | 25.753 | 56 | 44 |
| 1902 | 57.688 | 32.737 | 24.951 | 57 | 43 |
| 1903 | 76.203 | 43.985 | 32.218 | 58 | 42 |
| 1904 | 106.236 | 65.040 | 41.196 | 61 | 39 |
| 1905 | 129.910 | 82.076 | 47.834 | 63 | 37 |
| 1906 | 153.748 | 80.086 | 73.662 | 52 | 48 |
| 1907 | 149.182 | 80.530 | 68.652 | 54 | 46 |
| 1908 | 103.387 | 56.277 | 47.110 | 54 | 46 |
| 1909 | 57.551 | 31.057 | 26.494 | 54 | 46 |
| 1910 | 84.260 | 46,206 | 38.054 | 55 | 45 |
| 1899—1910 | 1.074.442 | 607.822 | 466.620 | 57 | 43 |

דערען זיך. אין דער אַלגעמיינער עמיגראַציע קען מען, אַחוץ דעם, בעמערקען, דאָס דער פּראָצענט פון מאַנסלייט (און דער פּראָצענט פון די אַרבייטס־פעהיגערע עלעמענטען בכלל) הויבט זיך און פאַלט צוזאַמען מיט'ן הויבען זיך און פאַלען פון דער וואַנדערונג אין גאַנצען, און דאָס, פערקעהרט, דער פּראָצענט פון פרויענצימער צווישען די וואַנדערער הויבט זיך בעת די וואַנדערונג פאַלט, און פאַלט בעת די וואַנדערונג הויבט זיך. דאָס זעלבע איז אין די הויפּט־שטריכען ריכטיג אויך בנוגע צו דער יודישער עמיגראַציע, ווי מיר זעהען עס אויף אונזער טאַבעלע. דאָס יאָהר 1906 ברענגט אונז אָבער אַ פּונקט פערקעהרטע ערשיינונג: די יודישע עמיגראַציע דערגרייכט איהר העכסטע שטופע, און דערביי פאַלט דער פּראָצענט פון מאַנסלייט נידעריגער ווי אין אַלע אַנדערע יאָהרען (52); דער פּראָצענט פון פרויענצימער דערלאַנגט פערקעהרט צו אַזאַ הויכער מדרגה ווי אין קיין אַנדער יאָהר (48 פּראָצ.). דיזע אויסערגעוועהנליכע ערשיינונג וועט אונז ווערען פערשטענדליך, ווען מיר וועלען זיך דערמאָנען, דאָס מיר האָבען צו טאָן מיט אַן אויסערגעוועהנליכען יאָהר, מיט'ן יאָהר פון אָקטאָבער־פּאָגראָמען, ווען דער יודישער עמיגראַנט און דער, וואָס האָט שוין פריהער געהאַט איינגעוואַנדערט אין אַמעריקא, האָבען מורא געהאַט צו לאָזען אין געפאַהר פון טוידט און פון שאַנד זייערע פרויען און קינדער, זייערע מאַמעס און

שוועסטער, ווען די פֿרויענצימער, זקנים און קינדער האָבען אַליין מורא געהאַט דאָרטען צו בלײַבען. אין 1906 גיט זיך טאַקי די וואַנדערונג פֿון יודישע פֿרויען מיט אַמאָל אַ הויב אויף 26 טויזענד מעהר ווי אין פֿאָריאָהר און דערגרייכט איהר אַבסאָלוטען מאַקסימום פֿון גענויע 74 טויזענד; די מענליכע יודישע וואַנדערונג האָט דערגרייכט איהר מאַקסימום אין 1905; פֿערקעהרט, אין 1906 איז זי שוין עטוואָס קלענער. דער וואוקס פֿון דער יודישער עמיגראַציע אין 1906 נעהמט זיך אַלזאָ נור פֿון דעם, וואָס עס איז אויסגעוואַקסען מיט אַמאָל די צאָהל פֿרויענצימער, וועלכע האָבען זיך געראַטעוועט פֿון רוסלאַנד.

נור ווי געזאָגט, איז דער פּראָצענט פֿון פֿרויענצימער צווישען די יודישע עמיגראַנטען בכלל זעהר אַ הויכער אין פֿערגלײַך מיט אַנדערע פֿעלקער. אַזוי ווי אַחוץ דעם איז די צאָהל פֿון די יודישע עמיגראַנטען אויך זעהר גרויס, קומט שוין ממילא אויס, דאָס די צאָהל וואַנדערענדע יודישע פֿרויענצימער איז בעזונדער גרויס. און באמת טאַקי, אויב מען וואָל די דרום־איטאַליענער נישט צעהלען צוזאַמען מיט די צפֿון־איטאַליענער, האָבען פֿאַר דעם משך פֿון די לעצטע 12 יאָהר אין די פֿעראייניגטע שטאַטען פֿון קיין פֿאָלק נישט אײַנגעוואַנדערט אַזוי פֿיעל פֿרויענצימער, ווי פֿון יודען. פֿון גענויע דרײַ מיליאָן (2.914.316) פֿרויענצימער, וואָס האָבען דאָרטען אײַנגעוואַנדערט פֿאַר די צײַט 1899—1910, איז אַ גענויער האַלבער מיליאָן (466.620) בעשטאַנען פֿון יודישע קינדער; אַנדערש גערעדט, יעדע־זעקסטע אימיגראַנטין איז אַ יודיש קינד.

## קאַפּ. II.—דער עלטער פֿון די יודישע עמיגראַנטען.

בײַ יודען, ווי בײַ אַנדערע פֿעלקער, עמיגרירען, פֿערשטעהט זיך, מענשען פֿון פֿערשידענע עלטערס: דערוואַקסענע און קינדער, יונגע און אַלטע. ס'פֿערשטעהט זיך אויך, אַז דאָס רוב עמיגרירען מענשען, וואָס געפֿינען זיך אין עלטער פֿון פֿולער אַרבײַטס־פֿעהיגקײַט, ד. ה. דערוואַקסענע יונגע מענשען. פֿונדעסטוועגען בײַ פֿערשידענע פֿעלקער איז דער עלטער־בעשטאַנד פֿון די עמיגראַנטען גאַנץ פֿערשידען: בײַ איינע פֿון זיי עמיגרירען כמעט אויסשליסליך יונגע און דערוואַקסענע, און דער פּראָצענט פֿון אַלטע און קינדער איז צווישען זייערע עמיגראַנטען אויסערסט־קליין; בײַ אַנדערע פֿעלקער פֿערקעהרט, איז דער אַנטייל פֿון אַלטע און פֿון קינדער אין דער אויסוואַנדערונג רעכט גרויס. וואָס פֿאַר אַנטייל אין דער עמיגראַציע נעהמען מענשען פֿון פֿערשידענע עלטערס בײַ יודען? צו אונטערשיידט זיך אויך אין דיזער הינזיכט די יודישע עמיגראַציע פֿון דער עמיגראַציע פֿון אַנדערע פֿעלקער, הויפּטזעכליך פֿון

די פעלקער, צווישען וועלכע די יודען וואינען, פונקט ווי מיר האבען עס געזעהן בנוגע צו דעם געשלעכט פון די וואנדערער?

די אמעריקאנער אימיגראציאנס-סטאטיסטיק טיילט איין די אימיגראנטען אין דריי גרופען לויט זייער עלטער: ערשטענס, יונגער, ווי 14 יאהר; צווייטענס, פון 14 ביז 45 יאהר, און דריטענס, פון 45 יאהר און עלטער. צוליב קורצקייט וועגען, וועלען מיר די ערשטע גרופע (יונגער ווי 14 יאהר) אנריפען: קינדער; די צווייטע (פון 14 ביז 45 יאהר) — דערוואקסענע יונגע; די דריטע (45 און העלטער) — בעיאהרענטע אימיגראנטען. לאמיר איצט א קוק געבען אויף דעם, ווי די וואנדערער פון פערשידענע אייראפעאישע פעלקער צוטיילען זיך צווישען דיזע דריי עלטערס-גרופען.

**טאבעלע X. צווישען 100 אימיגראנטען פון יעדען פאלק זענען דורכשניטליך פאר די צייט 1899—1910, געוועזען דערוואקסענע יונגע, קינדער און בעיאהרענטע:**

| | דערוואקסענע יונגע | קינדער | בעיאהרענטע | | דערוואקסענע יונגע | קינדער | בעיאהרענטע | | דערוואקסענע יונגע | קינדער | בעיאהרענטע |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| בולגארען און סערבען | 95 | 2 | 3 | פאלאקען | 88,5 | 9 | 2,5 | דייטשען | 76 | 17 | 7 |
| גריכען | 95 | 4 | 1 | פינלענדער | 88 | 9 | 3 | שאסלענדער | 76 | 15 | 9 |
| רומענער | 93 | 2 | 5 | סלאוואקען | 88 | 9 | 3 | פראנצויזען | 75 | 16 | 9 |
| רוטענער | 93 | 4 | 3 | צפון-איטאליענער | 87 | 9 | 4 | ענגלענדער | 74 | 15 | 11 |
| קראאטען און סלאווענער | 92,5 | 4,5 | 3 | מאדזשיארען | 87 | 9 | 4 | טשעכען | 74 | 20 | 6 |
| אירלענדער | 90,5 | 5 | 4,5 | סקאנדינאווען | 86 | 9 | 5 | האלענדער און פלאמאנדען | 72 | 21 | 7 |
| רוסען | 90,5 | 7 | 2,5 | שפאניער | 84 | 9 | 7 | יודען | 70 | 25 | 5 |
| ליטויער | 90 | 8 | 2 | דרום-איטאליענער | 82 | 12 | 6 | פארטוגעזען | 69 | 23 | 8 |
| צווישען 100 אימיגראנטען אין די פעראייניגטע שטאטען אהן אונטערשייד פון נאציאן | | | | | | | | | 83 | 12 | 5 |

מיר בעמערקען באלד אן ערשיינונג, וועלכע איז זעהר ענליך צו דעם, וואס מיר האבען פריהער געזעהען בנוגע צו דעם געשלעכט פון די וואנדערער. אחוץ די פארטוגעזען, פון וועלכע נור א קליינע טייל עמיגרירט קיין צפון-אמעריקא, געפינען מיר ביי קיין איינציגען פאלק נישט אזא פערהעלטניסמעסיג קליינעם פראצענט דערוואקסענע יונגע מענשען צווישען די עמיגראנטען, ווי ביי יודען; פערקעהרט, דער פראצענט פון די וועניגער ארבייטס-פעהיגע עמיגראנטען, פון די קינדער און בעיאהרענטע צוזאמען גענומען, איז ביי קיין פאלק, אחוץ די פארטוגעזען נישט אזוי הויך, ווי ביי

יודען. דער פּראָצענט פון קינדער צווישען די וואַנדערער איז בײַ קיין פאָלק אָדן אויסנאַהם נישט אַזוי הויך, ווי בײַ יודען: 25 פּראָצענט, אָדער פונקט אַ פערטעל פון די יודישע עמי־גראַנטען זײַנען קינדער.

אַזאַ עלטער פון די עמיגראַנטען איז ווידער עהנליך צו דעם עלטער פון די מערב־אייראָפּעאישע וואַנדערער, הגם אויך בײַ זיי איז דער אַנ־טייל פון דערוואַקסענע גרעסער ווי בײַ יודען און דער אַנטייל פון קינדער— קלענער. נור דאָס זונדערט הויפּטזעכליך אויס די יודישע עמיגראַנטען פון די עמיגראַנטען פון די מזרח־אייראָפּעאישע פעלקער, צווישען וועלכע עס איז קאָנצענטרירט די הויפּט־מאַסע פון דער יודישער בעפעלקערונג: בײַ אַלע דיזע פעלקער בילדען די קינדער און בעיאָהרענטע צוזאַמען נישט מעהר ווי 7 ביז 11 פּראָצענט פון די וואַנדערער, און אַלע איבעריגע עמיגראַנטען, ד. ה. 90 פּראָצענט אומגעפעהר, זײַנען דערוואַקסענע יונגע, בעת בײַ יודען בילדען די קינדער מיט די בעיאָהרענטע גאַנצע 30 פּראָ־צענט און די דערוואַקסענע יונגע בלויז 70.

ביז איצט האָבען מיר גערעדט נור וועגען דעם טייל וואָס די דערוואַקסענע יונגע, בעיאָהרענטע און קינדער האָבען גענומען אין דער יודישער עמיגראַציע אין דורכשניט פאַר די לעצטע 12 יאָהר. ווי לען מיר זיך איצט צוקוקען צו זייער אַנטייל אין דער עמיגראַציע יעדעס יאָהר בעזונדער, דאַן קענען מיר עס זעהען אויף פאָלגענדער טאַבעלע.

### טאַבעלע IX. די יודישע אימיגראַנטען אין די פעראייניגטע שטאַטען לויט זייער עלטער.

| יאָהר. | אבסאָלוטע צאָהל אימיגראַנטען: אין גאנצען | דערוואקסענע יונגע. | קינדער. | בעיאהרענטע. | צווישען יעדע 100 אימיגראַנטען: דערוואקסענע יונגע. | קינדער. | בעיאהרענטע. |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| 1899 | 37.415 | 26.019 | 8.987 | 2.409 | 70 | 24 | 6 |
| 1900 | 60.764 | 44.239 | 13.092 | 3.433 | 73 | 21,5 | 5,5 |
| 1901 | 58,098 | 39.830 | 14.731 | 3.537 | 69 | 25 | 6 |
| 1902 | 57.688 | 38.937 | 15.312 | 3.439 | 67,5 | 26,5 | 6 |
| 1903 | 76.203 | 53.074 | 19.044 | 4.085 | 70 | 25 | 5 |
| 1904 | 106.236 | 77.224 | 23.529 | 5.483 | 73 | 22 | 5 |
| 1905 | 129.910 | 95.964 | 28.553 | 5.393 | 74 | 22 | 4 |
| 1906 | 153.748 | 101.875 | 43.620 | 8.253 | 66 | 28,5 | 5,5 |
| 1907 | 149.182 | 103.779 | 37.696 | 7.707 | 70 | 25 | 5 |
| 1908 | 103.387 | 71.388 | 26.013 | 5.986 | 69 | 25 | 6 |
| 1909 | 57.551 | 38.465 | 15.210 | 3.876 | 67 | 26 | 7 |
| 1910 | 84.260 | 57.191 | 21.869 | 5.200 | 68 | 26 | 6 |
| 1899—1910 | 1.074.442 | 747.985 | 267.656 | 58.801 | 70 | 25 | 5 |

מיר זעהען, ערשטענס, דאָס די פונאַנדערטיילונג פון די עמיגראַנטען לויט זייער עלטער איז בײַ יודען אונטערוואָרפען זעהר קליינע ענדערונגען (הגם עטוואָס גרעסערע ווי בײַ דעם רוב אַנדערע פֿעלקער): דער פּראָצענט פון די דערוואַקסענע יונגע עמיגראַנטען הויבט זיך העכסטענס אויף 4 פּראָצענט אין פערגלײַך מיט'ן דורכשניט (70 פּראָצ.); דער פּראָצענט פון די קינדער נייגט אָב פונ'ם דורכשניט (פון 25 פּראָצ.) העכסטענס אויף 3 פּראָצענט מיט עפּעס; דער פּראָצענט פון די בעיאָהרענטע נייגט אָב פונ'ם דורכשניט (פון 5 פּראָצ.) העכסטענס אויף 1 פּראָצענט. די גרופּירונג פון די עמיגראַנטען לויט זייער עלטער נאָך שטעלט אויף אַזאַ אָרט פאַר א וועניג-פערענדערליכע זאַך.

צווייטענס, הגם די שוואַנקונגען פון דעם פּראָצענט-טייל וואָס קומט אויס אויף די דערוואַקסענע יונגע עמיגראַנטען, אויף די קינדער און בעיאָהרענטע, זענען טאַקי נישט גרויס, נור פונדעסטוועגען זענען זיי דאָך פאַראַן, און די קומען-פאָר נישט צופעליג. אויב מיר פערגלײַכען די שוואַנקונגען פון דער יודישער אימיגראַציע אין גאַנצען און די שוואַנקונגען פון די צאָהל דערוואַקסענע יונגע מענשען צווישען יעדע 100 אימיגראַנטען (ווי דאָס איז אָנגעוויזען אין אונזער טאַבעלע X), דאַן בעמערקען מיר אין דער יודישער וואַנדערונג דיזעלבע ערשײַנונג, וואָס אין דער געגענוואַרטיגער עמיגראַציאָנס-בעוועגונג בכלל און וואָס איז זעהר עהנליך צו דעם, וואָס מיר האָבען אויבען בעמערקט בנוגע צו דעם געשלעכט פון די וואַנדערער. אין די יאָהרען, ווען די וואַנדערונג הויבט זיך, הויבט זיך אויך דער פּראָצענט דערוואַקסענע יונגע מענשען צווישען די וואַנדערער און עס פאַלט דער פּראָצענט פון די קינדער מיט די בעיאָהרענטע; דאָס אומגעקעהרטע קומט פאָר אין די יאָהרען, ווען די וואַנדערונג פאַלט. איין אויסנאַהם, אָבער זעהר א בולטע'ן, זעהען מיר אינ'ם יאָהר 1906: די גאַנצע יודישע וואַנדערונג הויבט זיך דאַן אויף צו איהר העכסטער מדרגה, און אין דערזעלבער צײַט פאַלט דער פּראָצענט פון די דערוואַקסענע יונגע וואַנדערער ביז צו זיין נידעריגסטער שטופע (66 פּראָצענט) פערקעהרט, דער פּראָצענט פון די קינדער מיט די בעיאָהרענטע הויבט זיך אויף ביז צו זײַן מאַקסימום פון 34 פּראָצענט (5½+28½). דאָס ווײַזט אונז נאָך אַמאָל, אַז דער אויסערגעוועהנליכער וואוקס פון דער יודישער עמיגראַציע אינ'ם יאָהר פון די אָקטאָבער-פּאָגראָמען איז אַרויסגערופען געוואָרען דורך די אויסערגעוועהנליכע געשעהענישען פון יענעם יאָהר. די זעלבע סבות, וואָס האָבען מיט אַמאָל אַרויסגערופען אַן אויסערגעוועהנליכע אויסוואַנדערונג פון יודישע פרויען, האָבען אַרויסגערופען אויך א ביז דאַן נישט-געהערטע עמיגראַציע פון קינדער און בעיאָהרענטע מענשען.

## קאפּ. III. דער פאַמיליען־צושטאַנד פון די יודישע עמיגראַנטען.

אויך וועגען דעם פאַמיליען־צושטאַנד פון די אימיגראַנטען געפינען מיר גענויע ידיעות אין דעם בעריכט פון דעם אַמעריקאַנישען גענעראַל־קאָמיסאַר. דיזע זעהר אינטערעסאַנטע ידיעות געפינען זיך אָבער צום ערשטען מאָל בלויז אין דעם בעריכט פאַר דאָס יאָהר 1910. וועגען דעם פאַמיליען־צושטאַנד פון די וואַנדערער אין די פריהערדיגע יאָהרען האָבען מיר אַלזאָ קיין שום ידיעות נישט. מיר ווייסען אַלזאָ דערווייל נישט צו זאָגען די ידיעות פאַר דאָס יאָהר 1910 נישט קיין צופעליגע, ד. ה. וואָס ווייכען שטאַרק אָב פון דעם נאָרמאַלען, געוועהנליכען פאַמיליען־צושטאַנד פון די וואַנדערער. מיר ווייסען אויך נישט, צו ענטוויקעלט זיך אין אַ געווויסע ריכטונג דער פאַמיליען־צושטאַנד פון די וואַנדערער, און אויב יאָ, טאָ אין וואָס פאַר אַ ריכטונג. פונדעסטוועגען האָבען די אָנגאַבען פאַר דאָס יאָהר 1910 אויך אַ געוויסע בעדייטונג. ערשטענס, ווי מיר האָבען שוין טיילווייז געהאַט די מעגליכקייט צו זעהען, זענען בכלל די שוואַנקונגען אין דעם בעשטאַנד פון דער עמיגרירענדער מאַסע ביי יודען (ווי ביי אַלע אַנדערע פעלקער) אין פערלויף פון אַ רעכט־לאַנגער פעריאָד נישט קיין גרויסע; אויב אפילו די אָנגאַבען פון דעם יאָהר 1910 וועגען דעם פאַמיליען־צושטאַנד פון די אימיגראַנטען ווייכען טאַקי אָב פון דעם געוועהנליכען פאַמיליען־צושטאַנד זייערען, דאַרף מען אַלזאָ רעכענען, דאָס זיי ווייכען פון איהם אָב נישט אויף אַ סך, דערהויפט נאָך אַז די וואַנדערונג אין 1910 איז אין אַנדערע הינזיכטען בשום אופן נישט קיין אויסנאַהמסווייזע.

דער פאַמיליען־צושטאַנד ווערט אָנגעוויזען בעזונדער פאַר יעדע פון די פיער עלטערס־און געשלעכטס־גרופּען; פאַר די דערוואַקסענע יונגע מאַנסלייט (פון 14 ביז 45 יאָהר), פאַר די בעיאָהרענטע מאַנסלייט (פון 45 יאָהר און העכער), פאַר די דערוואַקסענע יונגע פרויענצימער און פאַר די בעיאָהרענטע פרויענצימער. דער פאַמיליען־צושטאַנד פון די בעיאָהרענטע וואַנדערער קען האָבען פאַר אונז נור אַ קליינעם דירעקטען אינטערעס, וואָרום, ווי מיר האָבען שוין אויבען געזעהען, בילדען די בעיאָהרענטע ביי יודען און אין דער עמיגראַציע בכלל נור 5 פּראָצענט פון דער וואַנדערענדער מאַסע; ס'איז פונדעסטוועגען ווערט אַ קוק צו טאָן אויך אויף זייער פאַמיליען־צושטאַנד. אום צו קענען פערגלייכען די יודישע אימיגראַנטען מיט דער גאַנצער אימיגרירענדער מאַסע בנוגע צו זייער פאַמיליען־צושטאַנד, גיב איך נאָך ביי דער זייט דעם פאַמיליען־צושטאַנד פון אַלע אימיגראַנטען צוזאַמען גענומען (אָהן אונטערשייד פון נאַציאָן). מיר בעקומען דאַן פאָלגענדע טאַבעלע:

## טאבעלע XII: אויף 100 אימיגראנטען פון יעדער עלטערס-און געשלעכטס-גרופע זענען געוועזען נישט-געהייראטע, געהייראטע און אלמנים.

| עלטערס- און געשלעכטס-גרופען | | בײ יודען | | | אין אלגעמיין | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | | נישט גע-הייראטע | געהייראטע | אלמנים-(נות) | נישט גע-הייראטע | געהייראטע | אלמנים-(נות) |
| דערוואקסענע יונגע | מאנסלייט | 61 | 38 | 1 | 55 | 44 | 1 |
| | פרויענצימער | 56 | 41 | 3 | 58 | 40 | 2 |
| בעיאהרענטע | מאנסלייט | 2 | 85 | 13 | 5 | 87 | 8 |
| | פרויענצימער | 1 | 54 | 45 | 6,5 | 53 | 40,5 |

צוקוקענדיג זיך צום פאמיליען-צושטאנד פון די דערוואקסענע יונגע איינוואנדערער, בעמערקען מיר, ערשטענס, דאס בײ די יודען, בעשטעהט די מעהרהייט עמיגראנטען פון נישט געהייראטע מענשען; זיי בילדען אומגעפעהר דרײ פינפטעל פון די וואנדערער (פון 56 ביז 61 פראצענט). די געהייראטע בילדען נור אנערך פון צוויי פינפטעל (38 ביז 41 פראצ.). אין דער הינזיכט איז ניטא קיין גרויסער אונטערשייד צווישען דעם פאמיליען-צושטאנד פון די יודישע איינוואנדערער אין דער גאנצער וואנדערענדער מאסע. בײ די יודישע אימיגראנטען איז נור דער איבערגעוויכט פון נישט-פערהייראטע עטוואס שטארקער, ווי בײ דער אימיגרירענדער מאסע אין גאנצען.—ווילען מיר אבער פערגלייכען דעם פאמיליען-צושטאנד פון די יודישע עמיגראנטען ניט מיט דער גאנצער וואנדערער-מאסע, נור מיט די וואנדערער פון פערשידענע פעלקער, דאן בעמערקען מיר, דאס די יודישע וואנדערער פערנעהמען אין דיזער הינזיכט אנארט צווישען די עמיגראנטען פון מזרח-אייראפעאישע פעלקער און די וואנדערער פון מערב-אייראפע, און דאס זיי זענען דערבײ פיעל עהנליכער צו די מערב-אייראפעאישע וואנדערער, ווי צו די מזרח-אייראפעאישע, הגם די לעצטע קומען פון די זעלבע געגענדען ווי די יודען. דאס איז בעזונדער בעמערקבאר בנוגע צום פאמיליען-צושטאנד פון די מענליכע וואנדערער. בײ די מזרח-אייראפעאישע מענליכע וואנדערער, בעשטעהט די מעהרהייט געוועהנליך פון געהייראטע; אזוי צ. ב. בײ די רומענער זענען די נישט-געהייראטע, די בחורים, בלויז 25 פראצ. פון די דערוואקסענע יונגע מענליכע אימיגראנטען; בײ די מאדזשארען — 28, בײ די סלאוואקען — 34; בײ די רוטענער — 42; בײ די קראאטען און סלאווענער — 44; בײ די רוסען — 45; בײ די פאליאקען — בילדען די בחורים 53 פראצענט, ד. ה. מאקי שוין א מעהרהייט, אבער דאך ווייניגער, ווי ביים דורכשניט פון די אמעריקאנישע אימיגראנטען. בײ יודען, ווי מיר האבען געזעהען, בילדען די בחורים 62 פראצענט פון די דערוואקסענע יונגע מענליכע אימיגראנטען; בײ די ענגלענדער — 63 פראצ.; בײ די טשע-

כען — 64; ביי די פראנצויזען — 65; ביי די האלענדער — 67; ביי די שאטלענדער — 69; נאך העכער איז זייער פראצענט ביי די שפאניער, סקאנדינאווען און הויפטזעכליך, צוליב גאנץ־ספעציעלע סבות — ביי די אירלענדער (ביי די לעצטע 84 פראצ.) — פון אלע מזרח־איראפעאישע פעלקער, צווישען וועלכע עס קאנצענטרירט זיך די יודישע בעפעלקערונג, בילדען אין דעם פרט אנ׳אויסנאהם בלויז די ליטווער: ביי זיי זענען בחורים 68 פראצענט פון דערוואקסענע יונגע אימיגראנטען, ד. ה. אויך 7 פראצ. העכער ווי ביי יודען. בכלל גענומען אבער, זעהען מיר, דאס אויך אין דעם פרט, לויט זייער פאמיליען־צושטאנד, זונדערען זיך די יודישע וואנדערער אויס פון די עמיגראנטען פון די ארומיגע פעלקער און דערנעהענטערען זיך זעהר שטארק צו די מערב־איראפעאישע וואנדערער. דאס ווייזט אונז, אז די יודישע מאסע, פון וועלכע עס רעקרוטירען זיך די וואנדערער, האט התונה נישט אזוי פריה־צייטיג, ווי די ארומיגע נישט־יודישע בעפעלקערונג: דער פראצענט בחורים צווישען די דערוואקסענע יונגע יודען איז דורכדעם העכער, ווי ביי אנדערע פעלקער פון מזרח־איראפע, און די יודען דערנעהענטערען זיך אין דעם פרט צו די מערב־איראפעאישע פעלקער *).

עס איז דעריבער אינטערעסאנט צו בעמערקען, דאס פונקט א פערקעהרטע ערשיינונג איז צו זעהן ביי די ב ע י א ה ר ע נ ט ע יודישע וואנדערער: דער פראצענט פון די נישט־התונה־געהאטע איז סיי צווישען די מאנסלייט, סיי צווישען די פרויענצימער פ י ע ל  ק ל ע נ ע ר ביי די יודישע וואנדערער ווי ביי דער גאנצער אימיגרירענדער מאסע צוזאמען גענומען: ביי י ו ד ע ן איז צווישען די בעיאהרענטע מענליכע וואנדערער בלויז 2 פראצענט בחורים, אין אלגעמיין איז צווישען דיזע גרופע אימיגראנטען פאראן 5 פראצענט בחורים; ביי יודען איז צווישען די בעיאהרענטע ווייבליכע פרויענצימער־וואנדערער פאראן קוים־קוים 1 פראצענט נישט־געהייראטע, אין אלגעמיין איז צווישען דיזער גרופע וואנדערער פאראן 6½ פראצ. נישט געהייראטע. אין דיזער הינזיכט זענען די ב ע י א ה ר ע נ ט ע יודישע עמיגראנטען לחלוטין עהנליך אויף

*) אזוי איז טאקי אין דער ווירקליכקייט. פון דעם בעריכט פון אפיציעלע פעטערבורגער צענטראלען סטאטיסטישען קאמיטעט פאר דאס יאהר 1903 איז צו זעהען, דאס איין ד ר י ט ע ל (33 פראצ.) פון אלע מאנסלייט, וואס האבען אין פערלויף פון יאהר חתונה געהאט אין איראפעאישען רוסלאנד (א חוץ פינלאנד און פוילען), און די ג ר ע ס ט ע  ה ע ל פ ט (57 פראצ.) פון אלע אין דעם זעלבען יאהר חתונה־געהאטע פרויענצימער זענען געווען יונגער ווי 21 יאהר; ביי יודען אין איראפעאישען רוסלאנד איז בלויז איין צוואנציגסטעל (5 $^7/_{10}$ פראצ.) פון די חתונה־געהאטע מאנסלייט און קוים א פ י ר ט ע ל (24 פראצ.) פון די חתונה־געהאטע פרויענצימער געווען אזוי יונג.

## די בעיאהרענטע וואנדערער פון אלע מזרח-אייראפעאישע פעלקער. *)

## קאפ. IV. דער בילדונגס-צושטאנד פון די יודישע עמיגראנטען.

מיר האבען ביי אונז יודען צו טון מיט צוויי מינים פאטריאטען. איינע פון זיי האלטען אין איין קלאגען, ווי שלעכט עס איז ביי אונז און ווי גוט עס געהט צו ביי אנדערע; די צווייטע, פערקעהרט, זינגען כסדר לויב-געזאנג דעם יודישען פאלק, ריהמען און לויבען ווי שעהן עס איז ביי איהם און ווי מיאוס עס איז ביי אנדערע. אין ערשטען קאפיטעל איז מיר אויסגעקומען צו צערשטערען א פאר לעגענדעס פונ'ם ערשטען מין פאטריאטען; דא איצט וועלען מיר זעהען, ווי עס פלאצט א זייפען-בלאז פון די צווייטע. איבעריגענס, דאס אלטעגליכע לעבען ווייזט אונז, יעדער „פאטריאט" טרעפט צוזאמענצופאלען אין איין דועט דעם לויב-געזאנג מיט'ן קלאג-ליעד: אזוי קימט ארוים א סך קנאקעדיגער.

איינע פון די וויכטיגסטע אתה-בחרתנו-לעגענדעס בעשטעהט אין דעם, אז יודען זענען א „עם-הספר", א פאלק וואס לעבט מיט זיין בוך און דורך זיין בוך. פונקט ווי די פוילישע אסימילאטארען טענה'ען כסדר: וועלכער יוד קען דאס קיין פויליש נישט! — אזוי טענה'ען אונזערע נאציאנאליסטען: וועלכער יוד קען דאס נישט לייענען און שרייבען?! דער אמת איז אבער, דאס א גרויסער, א פורכטבאר גרויסער טייל פון דער יודישער בעפעלקערונג קען נישט לייענען און שרייבען. די אימיגראציאנס-סטאטיסטיק פון די פעראייניגטע שטאאטען חייזט עס אונז בעשיינפערליך.

אין די יעהרליכע בעריכטען פון דעם אמעריקאנישען גענעראל-קאמיסאר ווערט אנגעוויזען וויפיעל דערוואקסענע איינוואנדערער (פון 14 יאהר און עלטער) פון יעדען פאלק האבען געקענט בלויז לייענען און נישט שרייבען און וויפיעל האבען ניט געקענט ניט שרייבען און ניט לייענען. די צאהל פון די האלבע אנאלפאבעטען (וואס קענען בלויז לייענען) איז ביי אלע פעלקער פערהעלטניסמעסיג אויסערסט-קליין און מען קען זיי אין גאנצען לאזען אן א זייט. מיר וועלען זיך דעריבער אבשטעלען בלויז אויף די גענצליכע אנאלפאבעטען, אויף די וואס קאנען נישט שרייבען און נישט לעזען. פערגלייכען מיר די צאהל פון אזעלכע אנאלפאבעטען מיט דער צאהל דערוואקסענע אימיגראנטען פון יעדען פאלק פאר די 12 יאהר 1899—1910, בעקומען מיר פאלגענדע טאבעלע (זעה ז. 37):

*) דא מוז אויך דערמאהנט ווערען א אינטערעסאנטער פאקט, וועלכען איך ווייז אויף בענוי אין דער פראנצויזישער אויסגאבע פון דיזען ווערק: די פאמיליע ווערס דורך דער עמיגראציע אסך זעלטענער צעשטערט ביי יודען ווי ביי אלע איבעריגע אייראפעאישע פעלקער.

**טאבעלע XIII. די צאהל אנאלפאבעטען צווישען 1.000 דערוואקסענע אימיגראנטען פון יעדען פאלק (פאר דעם משך צייט 1899—1910).**

| | | | |
|---|---|---|---|
| ביי די סקאנדינאווען . . | 4 | ביי די סלאוואקען . . . | 241 |
| ״ ״ שאטלענדער . . | 7 | ״ ״ יודען . . . . | 260 |
| ״ ״ ענגלענדער . . | 11 | ״ ״ גריכען . . . . | 264 |
| ״ ״ פינלענדער . . . | 13 | ״ ״ רומענער . . . | 340 |
| ״ ״ טשעכען . . . | 17 | ״ ״ פאלאקען . . . | 354 |
| ״ ״ אירלענדער. . . | 25 | ״ קראאטען און סלאווענער. | 361 |
| האלענדער און פלאמאנדען | 44 | ״ ״ רוסען . . . . | 384 |
| ״ ״ דייטשען . . . | 52 | ״ בולגארען און סערבען. | 407 |
| ״ ״ פראנצויזען. . . | 63 | ״ ״ ליטויער. . . . | 489 |
| ״ ״ צפון-איטאליענער . | 112 | ״ ״ רוטענער . . . | 534 |
| ״ ״ מאדזשיארען . . | 114 | ״ ״ דרום-איטאליענער . | 539 |
| ״ ״ שפאניער . . . | 145 | ״ ״ פארטוגעזען. . . | 682 |
| בסך הכל פון דער אימיגראציע . . . . . . . . . . | | | 267 |

דער פראצענט אנאלפאבעטען אין דער ווירקליכקייט איז צווישען די יודישע וואנדערער, בכלל גענומען, קלענער ווי ביי די מזרח-און דרום-אייראפעאישע עמיגראנטען, קלענער, הייסט עס, ווי ביי די וואנדערער פון יענע פעלקער, צווישען וועלכע ס'איז מייסטענס קאנצענטרירט די יודישע בעפעלקערונג. פון דאנען אבער ביז דער בעהויפטונג, דאס ביי יודען זענען קיין אנאלפאבעטען נישטא, איז שוין צו ווייט אפילו פאר אן אתה-בחרתנו-פאטריאט — אויב ער איז צו אלע זיינע מעלות נישט קיין עם-הארץ גמור. פון די 24 אייראפעאישע פעלקער, וואס זענען פאראן אויף אונזערע טאבעלען, פערנעהמען די יודישע וואנדערער לויט זייער קענטניס לייענען און שרייבען דעם 14-טען פלאץ: העכער א פערטעל (26 פראצ.) פון אלע דערוואקסענע יודישע עמיגראנטען זענען פולע אנאלפאבעטען. דער פראצענט אנאלפאבעטען איז צווישען די יודישע וואנדערער 65 מאל גרעסער ווי ביי די סקאנדינאווישע, 20 ביז 25 מאל גרעסער ווי ביי די ענגלישע אדער די פינלענדישע, 15 מאל גרעסער ווי ביי די טשעכישע, 10 מאל ווי ביי די אירלענדער, 5 מאל גרעסער ווי ביי די דייטשע, 2 מאל גרעסער ווי ביי די מאדזשארישע און שפאנישע און בלויז אויף א דריטעל קלענער ווי ביי די רוסישע און פוילישע און 2 מאל קלענער ווי ביי די רוטענישע און ליטווישע וואנדע-

רער. לויט זייער אונוויסענקייט, לויט דעם פראָצענט אַנאַלפאַבעטען צווישען זיי, שטעהען אַלזאָ די יודישע עמיגראַנטען נאָהנט צו די עמיגראַנטען פון די אינוויסענדסטע אייראָפּעאישע פעלקער און זעהר ווייט פון די געבילדעטסטע. די יודישע עמיגראַנטען געהערען אייגענטליך שוין צו יענער רייהע וואַנדערער, וואָס צייכענט זיך אויס מיט אַ גרויסען פראָצענט אַנאַלפאַבעטען און וועלכע הויבט זיך אָן מיט די סלאָוואַקען: נישט מעהר, די יודישע עמיגראַנטען געפינען זיך נאָך אין אָנפאַנג פון דיזע רייהע (באַלד נאָך די סלאָוואַקען) און דער פּראָצענט אַנאַלפאַבעטען איז צווישען זיי אין אַ געוויסער מאָס קלענער, ווי ביי די וואַנדערער פון אַנדערע פעלקער וואָס שטעהען ווייטער אין דער זעלבער רייהע.

נור לאָמיר זיך נישט בעגנוגענען בלויז מיט דער אונטערשטער שורה פון 12 יאָהר וואַנדערונג און בלויז מיט דעם פּראָצענט פון די אַנאַלפאַבעטען: לאָמיר אַ קוק טאָן אויף די יעהרליכע שוואַנקונגען פונ'ם אַנאַלפאַבעטיזם צווישען די יודישע וואַנדערער, און לאָמיר זעהען אויך די צאָהל פון די יודישע אַנאַלפאַבעטען. מיר בעקומען דאַן פאָלגענדע טאַבעלע:

## טאַבעלע XIV. אַנאַלפאַבעטיזם צווישען די יודישע עמיגראַנטען.

| יאָהר. | דערוואקסענע יודישע אימיגראַנטען. | פון זיי זענען געווען אנאַלפאַבעטען. | אנאלפאבעטען צווישען 1.000 דערוואקסענע: ביי יודען. | אין דער גאַנצער אימיגראַציע. |
|---|---|---|---|---|
| 1899 | 28.428 | 5.637 | 198 | 226 |
| 1900 | 47,672 | 10,607 | 222 | 237 |
| 1901 | 43.367 | 10.119 | 233 | 276 |
| 1902 | 42,376 | 11,921 | 281 | 282 |
| 1903 | 57.159 | 14.980 | 262 | 246 |
| 1904 | 82,707 | 18.763 | 227 | 240 |
| 1905 | 101.357 | 22,770 | 225 | 253 |
| 1906 | 110.128 | 29,444 | 267 | 257 |
| 1907 | 111,486 | 31,585 | 286 | 294 |
| 1908 | 77.374 | 23,217 | 300 | 275 |
| 1909 | 42,341 | 12,201 | 288 | 288 |
| 1910 | 62,391 | 17,963 | 288 | 275 |
| 1899—1910 | 806.786 | 209,507 | 260 | 267 |

מיר בעמערקען קודם, דאָס בסך הכל האָבען פאַר די לעצטע 12 יאָהר איינגעוואַנדערט אין די פעראייניגטע שטאַאַטען העכער צוויי

מאָל הונדערט טויזענד דערוואַקסענע יודישע אַנאַלפאַבעטען.*) אין נישט קוקענדיג אויף אַזאַ שרייענדיגען פאַקט, דערצעהלט מען נאָך אונז די אַלטע לעגענדען, דאָס ביי יודען זענען גאָר קיין אַנאַלפאַבעטען נישטאָ.

נור די זאַך באַווייזט זיך אין איהר גאַנצען ערנסט, ווען מיר קוקען זיך צו צו די שוואַנקונגען פונ'ם אַנאַלפאַבעטיזם ביי די יודישע וואַנדערער. די צאָהל אַנאַלפאַבעטען צווישען די עמיגראַנטען איז נישט קיין שטענדיגע; זי ענדערט זיך צוזאַמען מיט דער צאָהל פון די וואַנדערער; אויך דער פּראָצענט פון די אַנאַלפאַבעטען איז אין פערשידענע יאָהרען פערשידען. מיר קענען אָבער לייכט בעמערקען, דאָס, שוואַנקענדיג, האַלט בכלל דער פּראָצענט פון די אַנאַלפאַבעטען אין וואַקסען: דער פּראָצענט פון די אַנאַלפאַבעטען צווישען די יודישע וואַנדערער איז אין די לעצטע 3—4 יאָהר העכער ווי אין אַלע פריהערדיגע יאָהרען: די לעצטע יאָהרען איז אויך גרעסער געוואָרען דער פּראָצענט אַנאַלפאַבעטען צווישען די אימיגראַנטען אין די פעראייניגטע שטאַטען בכלל דורכדעם, וואָס אונטער דער צייט האָט זיך שטאַרק פערגרעסערט די איינוואַנדערונג פון די ווייניגער געבילדעטע פעלקער פון מזרח- און דרום-איראָפּע; דער פּראָצענט פון די אַנאַלפאַבעטען צווישען די יודישע וואַנדערער איז אָבער געוואַקסען נאָך שטאַרקער: אין די ערשטע 4 יאָהר פון דעם בעטראַכטען משך צייט (1899—1902) איז דער פּראָצענט אַנאַלפאַבעטען ביי די יודישע וואַנדערער תמיד קלענער, ווי דער דורכשניטליכער פּראָצענט אַנאַלפאַבעטען אין דער גאַנצער איינוואַנדערונג פון די פעראייניגטע שטאַטען. צום סוף אָבער, די לעצטע דריי יאָהר (1908—1910) איז שוין דער פּראָצענט אַנאַלפאַבעטען ביי די יודישע וואַנדערער בעמערקבאַר גרעסער, ווי דער דורכשניטליכער פּראָצענט אַנאַלפאַבעטען אין דער גאַנצער אימיגראַציע (פערגלייכט ביידע לעצטע ציילען לינקס אויף אונזער טאַבעלע XIV).

דעם וואוקס פון דעם אַנאַלפאַבעטיזם צווישען די יודישע וואַנדערער קען מען נישט דערקלעהרען דערמיט, יעדענפאַלס נישט דערמיט אַליין, וואָס די עמיגראַציאָנס-בעוועגונג דרינגט אַריין אין אַלץ טיפערע פאָלקס-שיכטען. וואָרום אויב דאָס וואָלט אין אמת'ען אַזוי געווען, וואָלט דער פּראָצענט אַנאַלפאַבעטען געוועזען אַם העכסטען אין די יאָה-

*) לויט דער צאָהל פון זייערע אַנאַלפאַבעטען, וואָס האָבען איינגעוואַנדערט פאַר די לעצטע 12 יאָהר אין די פעראייניגטע שטאַטען, פערנעהמען די יודען דעם דריטען אָרט צווישען אַלע פעלקער: צום ערשטען געהען די דרום-איטאַליענער (מיט 911.566 אַנאַלפאַבעטען), דערנאָך די פּאָלאַקען (304.765 אַנאַלפאַבעטען), דאַן די יודען און נאָכדעם אַלע איבעריגע פעלקער.

רען 1904— 1907, ווען די יודישע עמיגראַציע האָט געהאַט דער־רייכט איהר גרעסטען אומפאַנג. פערקעהרט אין די לעצטע יאָהרען, ווען די עמיגראַציע האָט זיך פערקלענערט, וואָלט דער פּראָצענט אַנאַלפאַבעטען געדאַרפט אויך קלענער ווערען. אין דער ווירקליכקייט אָבער געפינען מיר, אויב טאַקי נישט אין 1907, דאָך אין די יאָהרען 1904—1906, אַ פערהעלטניסמעסיג־קליינעם פּראָצענט אַנאַלפאַבעטען, און פערקעהרט אין די יאָהרען 1908—1910 — אַ העכערען פּראָצענט ווי אין אַלע פריהערדיגע יאָהרען, אַפילו ווי אין יאָהר 1907.

אַזוי ווי פון דער אַנדערער זייט, איז נישטאָ קיין יסוד צו רעכענען, דאָס די עמיגראַנטען זאָלען זיך אַליין מעהר רעקרוטירען ספּעציעל פון אַנאַלפאַבעטען, האָט דער וואוקס פון'ם אַנאַלפאַבעטיזם צווישען די יודישע וואַנדערער אַ טרויעריגע סימפּטאָמאַטישע בעדייטונג: מיר קענען אין איהם מיט אַ געוויסען רעכט זעהען אַ צייכען פון דעם, דאָס עס וואַקסט דער אַנאַלפאַבעטיזם צווישען דער יודישער בעפעלקערונג אויף די ערטער צווישען די פּראָלעטאַרישע און האַלב־פּראָלעטאַרישע שיכטען, וועלכע שטעלען צו די גרויסע וואַנדערער־מאַסע *).

ביז איצט האָבען מיר צווישען די אַנאַלפאַבעטען קיין אונטערשייד נישט געמאַכט לויט זייער געשלעכט. אין די בעריכטען פון'ם אַמעריקאַנישען גענעראַל־קאָמיסאַר געפינען מיר אָבער זייט 1908 ידיעות אויף וועגען דעם געשלעכט פון די אַנאַלפאַבעטען. נאָר גענוי צו פערגלייכען די צאָהל אַנאַלפאַבעטען מיט דער צאָהל דערוואַקסענע וואַנדערער פון יעדען געשלעכט בעזונדער, איז מעגליך בלויז פאַר דאָס יאָהר 1910. די ענטוויקלונגס־טענדענצען פון'ם אַנאַלפאַבעטיזם ביי מאַנסלייט בעזונדער און ביי פרויענצימער בעזונדער איז האַריבער דערווייל נאָך אונמעגליך פעסטצושטעלען. ס'איז אָבער יעדענפאַלס ווערט אָנצומערקען, ווי גרויס איז איצט דער אַנאַלפאַבעטיזם ביי די וואַנדערער פון יעדען געשלעכט בעזונדער. און באמת צווישען דעם פּראָצענט אַנאַלפאַבעטען ביי די ווייבליכע און ביי די מענליכע וואַנדערער איז פאַראַן, בעזונדער טאַקי ביי יודען און אַ פּאָר אַנדערע פעלקער, אַ גרויסער אונטערשייד. — צווישען די דערוואַקסענע

*) דער וואוקס פון'ם אַנאַלפאַבעטיזם שטעהט געוויס אין צוזאַמענהאַנג מיט דער עכסט־קריטישער לאַגע, אין וועלכער עס געפינט זיך בעגעגוואַרטיג די יודישע פאָלקס־שוהל: פון איין זייט, דער רעליגיעזער חדר האָט שוין זיין צייט אָבגעלעבט און, פון דער צווייטער, איז קיין וועלטליכע, דעמאָקראַטישע און יודישע פאָלקס־שול, צוליב די אויסערליכע רעפּרעסיעס און די אינערליכע גלייכגילטיגקייט פון דער יודישער געזעל־שאַפט, נאָך ביז היינטיגען טאָג נישטאָ. די געבראַכטע ציפערען ווייזען אונז אָבער, אַז עס איז שוין צייט, שוין העכסטע צייט ענערגיש אָנצוהויבען צו אַרבייטען פאַר אַ יודישע פאָלקס־שוהל.

מענליכע אימיגראַנטען איז אין 1910 ביי יודען געווען 22 פּראָצענט (217 פון טויזענד) אַנאַלפאַבעטען, ד. ה. רעכט וועניגער ווי אין דורכשניט ביי די דערוואַקסענע מענליכע אימיגראַנטען (280 אַנאַלפאַבעטען פון טויזענד). דער פּלאַץ פון די מענליכע יודישע וואַנדערער בלייבט פונדעסטוועגען דערזעלביגער ווי אויף אונזער טאַבעלע XIV. ד. ה. נאָך די סלאָוואַקען (210 פון טויזענד) און פאַר די גריכען (219 פון טויזענד). דערפאַר אָבער איז בעזונדער גרויס דער אַנאַלפאַבעטיזם צווישען די דערוואַקסענע יודישע ווייבליכע אימיגראַנטען: 38 פּראָצענט (377 פון טויזענד), ד. ה. כמעט צוויי פינפטעל פון אַלע אין פערלויף פון יאָהר איינגעוואַנדערטע דערוואַקסענע יודישע פרויענצימער זענען געווען פאָלקאָמע אַנאַלפאַבעטען. דער פּראָצענט אַנאַלפאַבעטען צווישען די דערוואַקסענע ווייבליכע יודישע איינוואַנדערער איז נישט נור פיעל העכער ווי אין דורכשניט ביי די איינגעוואַנדערטע דערוואַקסענע פרויענצימער (264 פון טויזענד), ער איז עטוואָס העכער אפילו ווי דער פּראָצענט אַנאַלפאַבעטען צווישען די פּוילישע ווייבליכע וואַנדערער (369 פון טויזענד). — איבריגענס, דאָס ביי אונז זענען נישטאָ קיין אַנאַלפאַבעטען צווישען פרויענצימער, אַזוי ווייט געדט שוין אַפילו די אַתה-בחרתנו-לעגענדע אויך נישט; זי רעדט דאָך בלויז וועגען יודען און נישט וועגען פרויענצימער. נור אפשר על פי פּאַטריאָטיזם דאַרף מען האַלטען פאַר אַ שטיק אַתה-בחרתנו'שקייט דאָס גופא, וואָס די יודישע פרויען זענען ב"ה זעהר אָפט טאַקי אַנאַלפאַבעטען?

# דריטע אבטיילונג:

## די פראפעסיעס פון די יודישע עמיגראנטען.

אויף די פראפעסיעס פון די יודישע וואנדערער דארף געווענדעט ווערען די גרעסטע אויפמערקזאמקייט; ערשטענס, ווייל די פערטיילונג פון די פראפעסיעס צווישען די יודישע וואנדערער איז אהן שום ספק די אריגינעלסטע ערשיינונג אין דער יודישער וואנדערונג, וואס זונדערט זי אויס פון דער עמיגראציאנס-בעוועגונג פון אלע איבעריגע פעלקער, און שאפט דער יודישער עמיגראציע א ספעציפישען, אייגענארטיגען כאראקטער; צווייטענס, ווייל די אייגענארטיגע פערטיילונג פון די פראפעסיעס צווישען די יודישע וואנדערער דארף, ווי מיר וועלען זעהען אין צווייטען טייל פון אונזער ווערק, בעזונדער אין אכט גענומען ווערען ביים זוכען די סבות פון דער גרויסער יודישער וואנדערונג און ביים בעשטימען די פראקטישע אויפגאבען, וואס די יודישע עמיגראציע שטעלט פאר אונז אוועק.

די אמעריקאנער איינוואנדערונגס-סטאטיסטיק צוטיילט אלע אימיגראנטען אין 4 גרויסע גרופען לויט זייער פראפעסיע: 1) אימיגראנטען פון ליבעראלע אדער אינטעליגענטע פראפעסיעס; 2) געלעהרענטע, אדער קוואליפיצירטע פראפעסיעס; 3) פערשידענע אדער אלע איבעריגע פראפעסיעס; 4) אימיגראנטען גאר אהן שום פראפעסיע. — צו דער ערשטער גרופע, צו די אימיגראנטען פון ליבעראלע אדער, ווי מיר זאגען געוועהנליך, אינטעליגענטע פראפעסיעס ווערען פערעכענט: דאקטוירים, יוריסטען, שריפטשטעלער, מוזיקאנטען, גייסטליכע, לעהרערס א. ד. ג.; פון קורצקייט וועגען וועלען מיר זיי אפטמאל רופען פשוט אינטעליגענטען. צו דער צווייטער גרופע, צו די אימיגראנטען פון געלעהרענטע, קוואליפיצירטע פראפעסיעס ווערען פערעכענט די אלע, וואס מ'רופט ביי אונז פאכאווע ארבייטער, אדער פשוט בעל-מלאכות: בעקער, בוי-ארבייטער, דרוקער, וועבער, זייגער-מאכער, יובעלירען, לעדער-ארבייטער, מעטאל-ארבייטער, מויערער, מעכאניקער, מאשיניסטען, קצבים, שוסטער, שניידער, שמידען, שטיין-האקער, שיף-ארבייטער א. אז. וו. א. אז. וו.; צו דער גרופע פון פאכאווע

ארבייטער ווערען אויך צוגערעכענט האנדעלס-אנגעשטעלטע (פריקאשציקעס) און בוכהאלטערס. צו דער דריטער גרופע, צו דער גרופע פון פערשידענע פראפעסיעס ווערען פערעכענט סוחרים און פערשידענארטיגע הענדלער, לאנדארבייטער, דינערשאפט און ארבייטער אהן א בעשטימטען פאך. די אימיגראנטען, וואס זענען אליין קיין פערדינערס נישט, די וואס האבען קיין בעשעפטיגונג נישט, ד. ה. ערשטענס קינדער, א רעכט-גרויסער טייל אויך פון די דערוואקסענע פרויענצימער און ווארשיינליך נאך א געוויסע צאהל פון די בעיאהרענטע, ווערען פעררעכענט צו דער פיערטער גרופע.

מ'האט שטארק קריטיקירט דיזע גרופירונג פון די פראפעסיעס און קריטיקירט מיט רעכט. אזוי ווי עס איז אבער שווער אויסצוקלערען אזא גרופירונג, וואס זאל נישט האבען קיין וויכטיגע הסרונות, דערהויפט בעת עס האנדעלט זיך וועגען פראפעסיעס פון וואנדערער, וועלען מיר זיך בכלל האלטען, ביי דער גרופירונג, ביי דער קלאסיפיקאציע פון די פראפעסיעס, וועלכע עס איז אנגענומען אין דער אמעריקאנער איינוואנדערונג-סטאטיסטיק. פון דער אנדער זייט, אזוי ווי מיר געפינען אין די יעהרליכע בעריכטען פון דעם אמעריקאנישען גענעראל-קאמיסאר אהוץ דעם אויך די צאהל איינוואנדערער פון יעדער וויכטיגער פראפעסיע בעזונדער, וועלען מיר קענען אין די פאלען ווען דאס וועט נויטיג זיין זיך נישט בעגענוגענען מיט דער אמעריקאנישער גרופירונג און בעטראכטען געוויסע פראפעסיעס אויך בעזונדער אדער פעראייניגט אין ספעציעלע גרופען. מיר וועלען אויף אזאנ'ארט קענען אין א געוויסער מאס דערפילען די הסרונות, וואס מיר געפינען אין דער אמעריקאנישער גרופירונג פון די פראפעסיעס. און איצט לאמיר געבען א קוק, וואס פאר א פלאץ יעדע פון די 4 פראפעסיאנעלע גרופען פערנעהמט ביי די יודישע וואנדערער.

## קאפ. I. עקאנאמיש-אקטיווע און פאסיווע עמיגראנטען.

אין געגענטייל צו דער פיערטער גרופע, וועלכע בעשטעהט פון פראפעסיאנס-לאזע, פון עקאנאמיש-פאסיווע וואנדערער, קענען די ערשטע דריי גרופען פעראייניגט ווערען אין איין גרויסע קאטעגאריע פון וואנדערער, וואס האבען יא א פראפעסיע, פון וואנדערער פערדיענערס, עקאנאמיש-אקטיווע. ווי צוטיילען זיך די יודישע וואנדערער צווישען דיזע ביידע קאטעגאריעס? וואס פאר א פראצענט פון די יודישע וואנדערער זענען עקאנאמיש-אקטיוו, פערדיענערס, און וואס פאר א פראצענט פון זיי איז עקאנאמיש-פאסיוו, פראפעסיאנסלאז? וואס פאר א פלאץ פערנעהמען די יודישע וואנדערער צווישען די וואנדערער פון אנדערע פעלקער לויט דעם פראצענט עקאנאמיש-אקטיווע און פאסיווע

צווישען זיי? די פאָלגענדע טאַבעללע גיט אונז אַן ענטפער אויף דיזע פראַגען לויט דעם סך-הכל פון די לעצטע 12 יאָהר.

טאַבעללע XV. צווישען 100 אימיגראַנטען פון יעדען פאָלק זע-נען דורכשניטליך (פאַר די צייט 1899—1910) געווען עקאָנאָ-מיש-אַקטיווע און פאַסיווע:

| | אקטיווע | פאסיווע | | אקטיווע | פאסיווע | | אקטיווע | פאסיווע |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| בולג. און סערבען | 92 | 8 | ליטויער. . . | 81 | 19 | פארטוגעזען . | 66 | 34 |
| גריכען . . . | 91 | 9 | סקאַנדינאַווען . | 81 | 19 | שאטלענדער. . | 65 | 35 |
| רומענער . | 91 | 8 | צפון-איטאַליענער | 80 | 20 | ענגלענדער . . | 62 | 33 |
| קראָאַט. און סלאָוו. | 89 | 11 | פּאָלאַקען . . | 79 | 21 | דייטשען. . . | 61 | 39 |
| רוטענער . . | 87 | 13 | דרום-איטאַליענער | 77 | 23 | פראַנצויזען . . | 60 | 40 |
| אירלענדער . . | 86 | 14 | מאַדזשיאַרען. . | 77 | 23 | טשעכען. . . | 60 | 40 |
| רוסען . . . | 84 | 16 | סלאָוואַקען . . | 77 | 23 | האָלענדער . . | 57 | 43 |
| פינלענדער . . | 81 | 19 | שפּאַניער . . | 75 | 25 | יודען . . . | 55 | 45 |
| בכלל אין דער אימיגראַציע פון די פעראייניגטע שטאַטען (אָהן אונטערש. פון נאַצ.) | | | | | | | 74 | 26 |

מיר זעהען אַלזאָ, דאָס די יודען פאַרנעהמען דעם לעצטען אָרט לויט דעם פּראָצענט עקאָנאָמיש-אַקטיווע צווישען זייערע וואַנדערער; ביי יודען געפינען מיר אַ גרעסערען פּראָצענט עקאָנאָמיש פּאַסיווע עמיגראַנטען ווי ביי אַלע איבעריגע פעלקער; כמעט אַ העלפט פון אַלע יידישע וואַנדערער זענען מענשען אָהן אַ שום פּראָפעסיע. מען-שען, הייסט עס, וואָס לעבען בלויז דורך דעם פערדינסט פון אַנדערען. מען דאַרף אָבער קיין טעות נישט האָבען און נישט שליסען פון דעם, דאָס אַ העלפט פון די יודישע עמיגראַנטען בעשטעהט פון שנאָרערס, וואָס לעבען אויפ'ן חשבון פון פרעמדע. *) עס הויבט זיך גאָר נישט אָן. די זאַך איז גאַנץ פּשוט. ווי ס'איז שוין פריהער געזאָגט געוואָרען, בע-שטעהט די גרופּע פּראָפעסיאָנסלאָזע כמעט דורכאויס פון קינדער און צ' רעכט-גרויסען טייל פון די פרויענצימער. קומט שוין ממילא אויס, דאָס ביי יענע פעלקער, וואו ס'איז גרויס, ערשטענס, דער פּראָצענט פון קינדער, איז אויך גרויס דער פּראָצענט פון פּראָפעסיאָנלאָזע; אויב דערצו איז נאָך גרויס אויך דער פּראָצענט פרויענצימער, איז דער פּראָצענט פון די פּראָפעסיאָנסלאָזע געוועהנליך נאָך גרעסער. כדי אין דעם זיך צו איבער-

*)ליידער האָט צווישען אַנדערע דעם זעלבינען טעות בעגאַנגען אויך אונזער פריינד ד"ר נוסבערכער אין זיין אינטערעסאַנטער בראָשור מכה די אנקעטע פון גאַליצי-שען סיים וועגען דעם יודישען דלות.

צייגען, איז גענוג צו פערגלייכען אינזער טאבעלע XV מיט דער טאבעלע X (די אימיגראנטען פון פערשידענע פעלקער לויט זייער עלטער) אין טיילווייז אויך מיט דער טאבעלע VIII (די אימיגראנטען פון פערשידענע פעלקער לויט זייער געשלעכט). פערקעהרט, ביי די פעלקער, וואס צווישען זייערע וואנדערער איז פאראן א קליינער פראצענט קינדער אין א קליינער פראצענט פרויענצימער, געפינען מיר אויך א קליינעם פראצענט פראפעסיאנאלען. ביי די מזרח=איראפעאישע וואנדערער געפינען מיר דעריבער א קליינעם פראצענט עקאנאמיש=פאסיווע, פערקעהרט, ביי די מערב=איראפעאישע — זעהר א גרויסען.

אזוי ווי ביי די יודישע וואנדערער געפינען מיר דעם גרעסטען פראצענט קינדער און, אחוץ די אירלענדער אויך א גרעסערן פראצענט פרויענצימער, ווי ביי די וואנדערער פון אלע איבעריגע פעלקער, איז קלאר, דאס דער פראצענט פון די עקאנאמיש=פאסיווע וואנדערער דארף זיין ביי די יודען גרעסער ווי ביי די איבעריגע פעלקער. די עקאנאמיש=פאסיווע עמיגראנטען זענען אין דער ווירקליכקייט די *פאמיליען=מיטגלידער*, דאס הויז=געזינד פון די עקאנאמיש=אקטיווע (הגם זיי קומען זעהר אפט נישט צוזאמען מיט *זייערע* דערנעהרער).

מ'קען אויף אזאנ'ארט שוין פאראויסזעהן, וואס פאר א כאראקטער עס טראגען די *שוואנקונגען* פון די עקאנאמיש=אקטיווע און עקאנאמיש=פאסיווע צווישען די יודישע וואנדערער. אין די יאהרען, ווען עס הויבט זיך די *צאהל* איינגעוואנדערטע קינדער און פרויענצימער מוז זיך אויך הויבען די *צאהל* פון די פראפעס'יאנאלען; זייער צאהל דארף, פערקעהרט, פאלען צוזאמען מיט'ן פאלען פון דער צאהל קינדער און פרויענצימער. דאסזעלבע מוז פארקומען בנוגע צו די שוואנקונגען פון דעם *פראצענט*, וואס די פראפעסיאנאלען בילדען צווישען די וואנדערער. אזוי געהט עס טאקי צו אין דער ווירקליכקייט, ווי דאס איז צו זעהן פון פאלגענדע טאבעלע, (זעה ז. 46):

אין גאנצען האבען פאר די 12 יאהר איינגעוואנדערט אין די פעראייניגטע שטאטען גענויע 600 טויזענד (590.267) עקאנאמיש=אקטיווע יודען אדער דורכשניטליך גענויע 50 טויזענד מאן א יאהר. נור נישט בלויז די אבסאלוטע צאהל, נור אויך דער פראצענט פון די עקאנאמיש=אקטיווע איז אונטערווארפען גרויסע שוואנקונגען. געוועהנליך זעהען מיר, דאס אין די יאהרען, ווען די וואנדערונג שטייגט, שטייגט אויך דער *פראצענט* פון עקאנאמיש=אקטיווע צווישען די וואנדערער, פונקט ווי מיר האבען עס אויבען געזעהן בנוגע צו די מאנסלייט און די דערוואקסענע יונגע; אין די יאהרען, ווען די וואנדערונג פאלט, פאלט אויך דער פראצענט

## טאַבעלע XVI. עקאָנאָמיש־אַקטיווע און עקאָנאָמיש־פּאַסיווע צווישען די יודישע עמיגראַנטען:

| יאָהר | אַבסאָלוטע צאָהל אימיגראַנטען | | | צווישען 100 אימיגראַנטען | |
|---|---|---|---|---|---|
| | אינגאַנצען | אקטיווע | פּאסיווע | אקטיווע | פּאסיווע |
| 1899 | 37.415 | 17.726 | 19.689 | 47 | 53 |
| 1900 | 60.764 | 30.784 | 29·980 | 51 | 49 |
| 1901 | 58.098 | 26.391 | 31.707 | 45 | 55 |
| 1902 | 57.688 | 31.736 | 25.952 | 55 | 45 |
| 1903 | 76.203 | 45.051 | 31.152 | 59 | 41 |
| 1904 | 106.236 | 67.751 | 38.485 | 64 | 36 |
| 1905 | 129.910 | 83.037 | 46.871 | 64 | 36 |
| 1906 | 153.748 | 76.605 | 77.143 | 50 | 50 |
| 1907 | 149.182 | 80.270 | 68.912 | 54 | 46 |
| 1908 | 103.387 | 56.665 | 46.722 | 55 | 45 |
| 1909 | 57.551 | 28.436 | 29.115 | 49 | 51 |
| 1910 | 84.260 | 15.813 | 38.447 | 54 | 46 |
| 1899-1910 | 1·074·442 | 590·267 | 484·175 | 55 | 45 |

עקאָנאָמיש־אַקטיווע צווישען די וואַנדערער. *) דעם היפּך פון דעם זעהען מיר ביי די עקאָנאָמיש־פּאַסיווע. דעם ווילכטיגסטען אויסנאַהם פון דיזען כלל געפינען מיר אינ'ם יאָהר 1906, ווען די יודישע וואַנדערונג האָט דער־גרייכט איהר מאַקסימום, אין בשעת מעשה איז דער פּראָצענט־טייל פון די עקאָנאָמיש־אַקטיווע געפאַלען מיט אַמאָל אויף גאַנצע 14 פּראָ־צענט (פון 64 אויף 50), (אין דער פּראָצענט־טייל פון די פּראָפּעס־יאָנסלאָזע האָט זיך אויף אַזוי פיעל אויפגעהויבען). די צאָהל פּראָ־פּעסיאָנסלאָזע האָט זיך אין יענעם יאָהר פון די אָקטאָבער־פּאָגראָמען מיט אַמאָל פערגרעסערט אויף פולע 30 טויזענד אין פערגלייך מיט דעם פרי־העררדיגען יאָהר. די צאָהל פון די עקאָנאָמיש־אַקטיווע (פּינקט ווי די צאָהל מאַנסלייט) האָט איהר מאַקסימום דערגרייכט מיט אַ יאָהר פריהער, אין 1905. דאָס יאָהר 1906, וואָס האָט אַרויסגעטריבען פון ריסלאַנד די גרעסטע צאָהל יודישע פרויען אין קינדער, האָט אַלזאָ פערגרעסערט בלויז די צאָהל פון עקאָנאָמיש־פּאַסיווע עמיגראַנטען.

דער צוזאַמענהאַנג, פון איין זייט, צווישען די פּראָפּעסיאָנסלאָזע און די פרויען מיט די קינדער און, פון דער אַנדער זייט, צווישען די עקאָנאָמיש־

*) דאָס וואָס אין 1902 בעמערקט זיך אַ פערקעהרטע ערשיינונג, ערקלערט זיך העכסט וואַרשיינליך, ווי מיר וועלען עס זעהען עטוואָס שפּעטער, דורך אַנ'ענדערונג אין דער רעגיסטרירונגס־אַרט.

אקטיווע און די מאנסלייט אין די דערוואקסענע יונגע וואנדערער, בעווייזט זיך נאך דייטליכער, בעת מען פערגלייכט דירעקט די שוואנקונגען פינ׳ם פראצענט, וואס יעדע פין דיזע מינים וואנדערער בילדען אין דער גאנ־צער יידישער וואנדערענדער מאסע. אויף אונזער דיאגראמע נומ. 3 זענען פארגעשטעלט דורך ליניעס די שוואנקונגען פונ׳ם פראצענט וואס בילדען די עקאנאמיש־אקטיווע, די מאנסלייט און די דערוואקסענע יונגע וואנדערער. דאס הויבען זיך אדער דאס פאלען קומט ביי אלע דריי ליניעס פאר אזוי גלייכצייטיג, דאס פירושים צו דיזער דיאגראמע זענען אין גאנצען איבעריג.

נישט די פראפעסיאנסלאזע, פערשטעהט זיך, זענען דער וויכטיגסטער טייל פון דער עמיגרירענדער מאסע, נישט זיי ברענגען זי אין בעוועגינג און פיהרען איבער ימים אין אקעאנען. זיי זענען פיעל מעהר די מיט־לויפער פון דער עמיגרירענדער מאסע: עמיגרירען די עלטערען, — נעהמען זיי מיט זיך מיט, אדער רופען שפעטער צו זיך ארויף זייערע קינדער; עמיגרירט דער מאן, געלינגט איהם צו „מאכען א לעבען“ אין דער נייער היים, — נעהמט ער ארויף זיין פראפעסיאנסלאזע פרוי א. ז. וו. די גאנצע בעוועגונג, די גרויס איהרע אין איהר ריכטונג הענגט אב פון די עקאנאמיש־אקטיווע וואנדערער, פון די פערדינער; די דערנעהרטע צו־העען זיך נאך זייערע דערנעהרערס און נישט פערקעהרט, די עקאנאמיש־אקטיווע זענען בכלל דער אקטיווער טייל פון די וואנדערער; די עקאנאמיש־פאסיווע זענען פאסיוו אויך אלס וואנדערער. מיר דארפען דעריבער זיך גע־נוי צוקוקען צו די עקאנאמיש־אקטיווע, וועלכע בילדען, ווי מיר האבען געזעהן, די גרעסטע העלפט (דורכשניטליך: 55 פראצענט) פין אלע יודישע וואנדערער.

## קאפ. II. אינטעליגענטען צווישען די וואנדערער.

קודם כל, ווי צייטילען זיך די עקאנאמיש־אקטיווע צווישען די דריי פראפעסיאנעלע גרופען: צווישען די אינטעליגענטע פראפעסיעס, צווי־שען די קוואליפיצירטע פראפעסיעס (מלאכות) און די איבעריגע בעשעפ־טיגונגען? אנדערש גערעדט, וואס פאר א פראצענט פין די וואנדערער, וועלכע זענען יא פערדינערס, קומט אויס אויף יעדע איינציגע פון די דריי פראפעסיאנעלע גרופען? און וואס פאר אנ׳ארט צווישען די וואנ־דערער פון אנדערע פעלקער פערנעמען אין דיזער הינזיכט די יידישע וואנדערער? אנ׳ענטפער אויף דיזע פראגען, לויט דעם סך הכל פון דער גאנצער איינוואנדערונג אין די פעראייניגטע שטאטען אין פערלויף פין 12 יאהר, גיט אונז פאלגענדע טאבעלע, (זעה ז. 48).

לאמיר זיך, ראשית, צוקוקען צו די פארשטעהער פון די אינ־טעליגענטע פראפעסיעס צווישען די אימיגראנטען. ווי מיר זע־

## טאַבעלע XVII. צווישען 100 עקאָנאָמיש-אַקטיווע אימיגראַנטען פון יעדען פאָלק זענען, דורכשניטליך פאַר די צייט 1899—1910, געווען אינטעליגענטען, פאַכאָווע אַרבייטער און מענשען פון פערשידענע פראָפעסיעס:

| | אינטעליגענטען | פאכלייט | פערשידענע פראפעסיעס | | אינטעליגענטען | פאכלייט | פערשידענע פראפעסיעס |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| רוטענער | 0,1 | 2 | 98 | אירלענדער | 1,3 | 13 | 86 |
| רומענער | 0,2 | 3 | 97 | דרום-איטאליענ. | 0,4 | 15 | 85 |
| סלאוואקען | 0,1 | 4 | 96 | צפון-איטאליענער | 1,1 | 20 | 79 |
| בולגארען און סערב. | 0,1 | 5 | 95 | סקאנדינאווען | 1,2 | 21 | 78 |
| קראאטען און סלאָווענ. | 0,1 | 5 | 95 | דייטשען | 3,5 | 30 | 66 |
| פינלענדער | 0,3 | 6 | 94 | האָלענדער | 4,5 | 31 | 65 |
| פּאָלאקען | 0,2 | 6 | 94 | פראנצויזען | 9,3 | 35 | 56 |
| ליטויער | 0,1 | 7 | 93 | טשעכען | 1,3 | 41 | 58 |
| פּאָרטוגעזען | 0,4 | 7 | 93 | שפאניער | 4,3 | 43 | 53 |
| גריכען | 0,3 | 8 | 92 | ענגלענדער | 8,8 | 49 | 42 |
| מאדזשיארען | 0,5 | 9 | 91 | שאָטלענדער | 5,7 | 58 | 36 |
| רוסען | 1,4 | 9 | 90 | יודען | 1,3 | 67 | 32 |
| בכלל אין דער עמיגראציע פון די פעראייניגטע שטאאטען | 1,4 | 20,2 | 78,4 | | | | |

הען, בילדען זיי בכלל אַ'נאויסערסט קליינעם חלק פון די וואַנדערער: בסך הכל בילדען זיי אַפילו נישט קיין אַנדערהאַלבען פּראָצענט (14 פון טויזענד) פון אַלע עקאָנאָמיש-אַקטיווע איינגעוואַנדערטע אין די פעראייניגטע שטאַטען. די סבה פון דעם איז אַ דאָפּעלטע: ערשטענס, געהערען געוועהנליך די אינטעליגענטען לויט זייער עקאָנאָמישע לאַגע צו די העכערע קלאַסען, וועלכע דאַרפען נישט געהן זוכען אַ שטיקעל ברויט אין דער פרעמד; צווייטענס, דער אינטעליגענט, וועלכער לעבט הויפּטזעכליך אָדער אויסשליסליך דורך זיין וואָרט אָדער דורך זיין פעדער, קען אין אַ לאַנד מיט אַ פרעמדער שפּראַך און אַ פרעמדער קולטור פיעל שווערער געפינען אַ פּאַסענדע בעשעפטיגונג, ווי דער פאַכאָווער אַרבייטער, וואָס בעדאַרף זיך אויסלערנען נור אַ פּאָר ווערטער, כדי צו קענען אַרבייטען אין דער פרעמד. דער פּראָצענט פון די אינטעליגענטען צווישען די וואַנדערער איז דעריבער בעזונדער קליין ביי יענע פעלקער, וואו, פון איין זייט, אינטעליגענטען זענען בכלל ווייניג פאַראַן און וואו בילדונג בעשאַפט דעריבער כמעט שטענדיג אַ פּריווילעגירטע לאַגע, און צווייטענס, וואו די קענטניס פון דער ענגלישער שפּראַך, די שפּראַך פון די פעראייניגטע שטאַטען, איז ווייניג פערשפּרייט. דער פּראָצענט אינטעליגענטען צווישען די וואַנדערער איז, פערקעהרט, פערהעלטניסמעסיג גרויס

דאָרטען, וואו אינטעליגענטען זענען פֿאַראַן אַ סך, וואו עס האָט זיך שוין ענטוויקעלט אַ „אינטעליגענטער פּראָלעטאַריאַט“ און וואו דערצו נאָך ענגליש איז שוין נישט אין גאַנצען פֿרעמד, צום וועניגסטען אין די אינטעליגענטע קרייזען; בײַ די ענגלענדער און בײַ די שאָטלענדער (ווי אויך בײַ די פֿראַנצויזען, וואָס קומען אין זייער גרעסטער מעהרהײַט פֿון קאַנאַדאַ, וועלכע, אחוץ אלץ, ליגט נאָך בשכנות מיט די פֿעראייניגטע שטאַטען), וועלכע רעדען הערצו נאָך ענגליש בײַ זיך אין דער היים, איז דיזער פּראָצענט גרעסער ווי בײַ אַלע איבעריגע איראָפּעאישע פֿעלקער.

דער פּראָצענט אינטעליגענטען צווישען די יודישע וואַנדערער, קען בײַ אַזעלכע בעדינגונגען קיין גרויסער נישט זײַן. ער איז אין דער ווירקליכקײַט כמעט גלײַך צו דעם דורכשניטליכען פּראָצענט אינטעליגענטען צווישען די אימיגראַנטען פֿון די פֿעראייניגטע שטאַטען בכלל: העכער 1 מיט אַ פֿערטעל פּראָצענט (13 פֿון טויזענד) פֿון די אַקטיווע יודישע וואַנדערער זענען אינטעליגענטען. פֿערגלײַכען מיר אָבער די יודישע וואַנדערער מיט די וואַנדערער פֿון פֿערשידענע פֿעלקער בעזונדער, דאַן זעהען מיר, דאָס דער פּראָצענט אינטעליגענטען צווישען די אַקטיווע וואַנדערער איז בײַ יודען אונגעפֿעהר דער זעלביגער, ווי בײַ די אירלענדער, די צפֿון־איטאַליענער, סקאַנדינאַווען אָדער טשעכען, ד. ה. ווי בײַ די פֿערהעלטניסמעסיג־מעהר געבילדעטע פֿעלקער, הגם פֿיעל וועניגער ווי בײַ די געבילדעטסטע פֿון די איראָפּעאישע פֿעלקער (דײַטשען, האָלענדער און אַז. וו.). דער פּראָצענט אינטעליגענטען צווישען די אַקטיווע וואַנדערער איז בײַ יודען פֿיעל גרעסער, ווי בײַ די פֿעלקער צווישען וועלכע עס איז קאָנצענטרירט די הויפּט־מאַסע פֿון דער יודישער בעפֿעלקערונג: ער איז 6—7 מאָל גרעסער ווי בײַ די פּאָלאַקען און די רומענער, ער איז אַנ׳ערך פֿון 15 מאָל גרעסער ווי בײַ רוטענער און די ליטווער(*). דאָס איז די אונטערשטע שורה פֿון דעם אַנטייל פֿון אינטעליגענטען אין דער וואַנדערונג פֿון די לעצטע 12 יאָהר.

ווילען מיר איצט, ווי געוועהנליך, זיך צוקוקען צו די יעהרליכע שוואַנקונגען פֿון דעם פּראָצענט און דער צאָהל אינטעליגענטען

*) די רוסען קענען דאָ נישט אין אכט גענומען ווערען, ווייל אונגעפעהר 95 פּראָצענט פון די רוסישע וואנדערער געהען קיין סיביריען און בלויז א נישטיגער טייל פון זיי געהען אין די פעראייניגטע שטאַמען; די, וואָס וואנדערען קיין סיביר, בעשטעהען כמעט אויסשליסליך פון פויערים, בעת פערקעהרט צווישען די פאַרשטעהער פון אינטעליגענטע פּראָפעסיעס זענען פאראַן פערהעלטניסמעסיג פיעל, וואָס זענען געצוואונגען צוליב זייערע פּאָליטישע איבערצייגונגען צו ענטלויפען פון רוסלאנד; עס קומט דעריבער אויס, דאָס דער פּראָצענט אינטעליגענטען צווישען די רוסישע איינוואנדערער אין אמעריקא איז אָהן אנ׳ערך גרעסער, ווי צווישען די רוסישע וואנדערער אין אלגעמיין.

צווישען די אקטיווע יודישע וואנדערער, גיט אונז די פאלגענדע טאבעלע די מעגליכקייט אין דעם זיך פונאנדערקלייבען:

### טאבעלע XVIII. אינטעליגענטען צווישען די עקאנאמיש־אקטיווע יודישע אימיגראנטען:

| יאהר. | אקטיווע יודישע אימיגראנטען: אין גאנצען. | אקטיווע יודישע אימיגראנטען: צווישען זיי אינטעליגענטען | אינטעליג. צווישען 1000 אקט. אימיגראנטען: ביי יודען. | אינטעליג. צווישען 1000 אקט. אימיגראנטען: אין דער גאנצער אימיגראציע. |
|---|---|---|---|---|
| 1899 | 17.726 | 197 | 11 | 10 |
| 1900 | 30.784 | 253 | 8 | 8 |
| 1901 | 26.391 | 294 | 11 | 8 |
| 1902 | 31.736 | 279 | 9 | 6 |
| 1903 | 45.051 | 499 | 11 | 11 |
| 1904 | 67.751 | 843 | 12 | 22 |
| 1905 | 83.039 | 1.163 | 14 | 17 |
| 1906 | 76.605 | 1.094 | 14 | 17 |
| 1907 | 80.270 | 1.045 | 13 | 13 |
| 1908 | 56.665 | 713 | 13 | 21 |
| 1909 | 28.436 | 456 | 16 | 15 |
| 1910 | 45.813 | 619 | 14 | 13 |
| 1899-1910 | 590.267 | 7.455 | 13 | 14 |

די צאהל יודישע אינטעליגענטען, וואס וואנדערן עבר לים, איז, ווי מ'זעהט, זעהר א קליינע: אין גאנצען א פאר הונדערט מאן יעהר־ליך. זי ענדערט זיך, זי הויבט זיך אדער פאלט, צוזאמען מיט דער גרוים פון דער יודישער עמיגראציע בכלל. דער פראצענט אבער, וואס די אינטעלי־גענטען בילדען צווישען די עקאנאמיש־אקטיווע יודישע וואנדערער, האלט, נישט קוקענדיג אויף זיינע יעהרליכע שוואנקונגען, אין וואקסען. אזוי צ. ב. ווען מען צוטיילט די פעריאד פון 1899—1910 אויף צוויי גלייכע טייל צו זעקס יאהר יעדע, ביז 1905 און פון 1905, דאן איז לייכט צו בעמערקען, דאס דער העכסטער פראצענט אינטעליגענטען פון די ערש־טע 6 יאהר (12 פון טויזענד) איז נידעריגער פאר דעם נידעריגסטען פרא־צענט אינטעליגענטען פון די לעצטע זעקס יאהר (13 פון טויזענד).

איבריגענס, דער וואוקס פונ'ם פראצענט אינטעליגענטען צווישען די וואנדערער איז בשום אופן נישט קיין ספעציעל־יודישע ערשיינונג. פער־קעהרט, ווען מיר פערגלייכען דעם פראצענט אינטעליגענטען צווישען די יודישע אייגוואנדערער אפילו נור מיט'ן פראצענט אינטעליגענטען אין דער גאנצער איינוואנדערונג פון די פעראייניגטע שטאאטען, בעמערקען מיר, דאס די ערשטע 4—5 יאהר איז דיזער פראצענט צווישען די יודישע

אײנוואַנדערער העכער, ווי אין דער גאַנצער אײנוואַנדערונג; דאָסזעלבע קען שוין נישט געזאָגט ווערען וועגען די לעצטע עטליכע יאָהר; דער וואוקס פונ'ם פּראָצענט אינטעליגענטען צווישען די וואַנדערער איז אַלזאָ בכלל יעדענפאַלס נישט קלענער, אויב נישט גרעסער, ווי בײַ יודען.

און דאָ איז גאָר נישטאָ וואָס זיך צו חדוש'ען. פֿון אײן זײַט, די ענטוויקלונג פֿון העכערער בילדונג בײַ די אײראָפּעאישע פֿעלקער פֿערגרעסערט די צאָהל פֿונ'ם „אינטעליגענטען פּראָלעטאַריאַט“, וואָס זוכט און געפֿינט שווערליך אַ בעשעפֿטיגונג אין דער הײם. פֿון דער צווײטער זײַט, דער וואוקס אָדער אָנאויפֿהערליכער דויער פֿון דער עמיגראַציע בײַ אַלע אײראָפּעאישע פֿעלקער בעשאַפֿט אין אַמעריקא גרויסע קאָמפּאַקטע מאַסען פֿון אײנגעוואַנדערטע, וועלכע נויטיגען זיך אין אינטעליגענטען, וואָס זאָלען זײַן „הײמישע מענשען“, וואָס זאָלען רעדען זײער שפּראַך און וואָס זאָלען זײַן בעקאַנט און דורכגעדרונגען מיט זײערע קולטורעלע נויטיגונגען און בעדערפֿניסען; די אײנגעוואַנדערטע בעדאַרפֿען אין זײער שפּראַך צײַטונגען, ביכער, פֿאָרלעזונגען, טעאַטער-פֿאָרשטעלונגען, רעליגיעזע אײנריכטונגען און ד. גל.; אויף אַזאַ נ'אַרט וואַקסט מיט דער צײַט דער אָנבאָט פֿון אינטעליגענטע קרעפֿטען פֿון אײן זײַט, די נאָכפֿראַגע אויף זײ פֿון דער אַנדער זײַט, און אַלס רעזולטאַט פֿון די בײדע סבות — אַ מערקבאַרער וואוקס פֿון דער וואַנדערונג פֿון אינטעליגענטען — אַהין, וואו עס געהט בכלל דער וואַנדערער-שטראָם פֿון דעם אָדער יענעם פֿאָלק.

נאָר אַזוי אָדער אַזוי, סײַ די צאָהל פֿון די אינטעליגענטען, סײַ דער פּראָצענט זײערער, סײַ די ענדערונגען אין זײער צאָהל אָדער אין זײער פּראָצענט — זענען אַלץ נור quantités négligeables אָדער אויף פּראָסט יודיש, אַזוי גוט ווי אַ גאָרנישט אין פֿערגלײַך מיט דער גאַנצער וואַנדערענדער מאַסע. וואָרום באמת, וואָס איז אַזוי דער אינטערשײד אויב צווישען 1000 עקאָנאָמיש-אַקטיווע עמיגראַנטען זענען פֿאַראַן 13, צי 10, צי 16 אינטעליגענטען? יעדענפֿאַלס געהערען אונגעפֿעהר 990 פֿון דיזע טויזענד צו אַנדערע פּראָפֿעסיעס. מ'קען דאָ די אינטעליגענטען נישט פֿערגלײַכען צו אָפֿיצירען, וואָס פֿיהרען די וואַנדערער-אַרמעע, וואָרים, ווי געזאָגט, פֿיהרען נישט די אינטעליגענטען די וואַנדערער-מאַסע, נור פֿערקעהרט, זײ ווערען געפֿיהרט דורך איהר: זײ געהען און קענען געהן בלויז אַהין, וואוהין עס געהט דער וואַנדערער שטראָם. — לאָמיר זיך דעריבער לענגער אויף די פֿאָרשטעהער פֿון אינטעליגענטע פּראָפֿעסיעס נישט אויפֿהאַלטען און לאָמיר זיך צוקוקען צו די וואַנדערער פֿון אַנדערע בעשעפֿטיגונגען.

## קאפ. III. „די פערשיעדענע“ נישט-קוואליפיצירטע פראפעסיעס.

די וויכטיגסטע פון די עקאנאמיש-אקטיווע עמיגראנטען, סיי לויט זייער צאהל, סיי לויט זייער סאציאל-עקאנאמישע בעדייטונג, זענען אהן שום ספק די פארשטעהער פון די קוואליפיצירטע פראפעסיעס, די פאכאווע ארבייטער. נאר טאקי צוליעב דעם, ווייל זיי בילדען דעם וויכטיגסטען טייל פון דער וואנדערנדער מאסע, וועלען מיר זיי לאזען אויף צום לעצט און אויף זיי זיך לענגער אין גענויער אבשטעלען. איצט וועלען מיר א קוק טאן אויף די *דריטע* גריפע פון די עקאנאמיש-אקטיווע עמיגראנטען, אויף די „פערשידענע“ איבעריגע, נישט-קוואליפיצירטע בעשעפטיגונגען.

נור דא שטויסען מיר זיך אן אן די שוואכסטע זייט פון דער אמעריקאנער קלאסיפיקאציע. דיזע גרופע פון „פערשידענע“, אדער „געמישטע“ פראפעסיעס, נעהמט ארום איינגעפעהר פיער פינפטעל (גענויע 80 פראצענט) פון אלע (נישט יידישע) עקאנאמיש-אקטיווע איינוואנדערער אין די פעראייניגטע שטאטען; צו וויסענשאפטליכע צוועקען, צי פערגלייכונגען ביי פערשידענע פעלקער אדער ביי דעם זעלבען פאלק אין פערשידענע צייטען — קען דיזע גרופע לחלוטין נישט בענוצט ווערען; דאס איז אייגענטליך נישט קיין גרופע, נור א מיש-מאש: דא זענען צוזאמענגעפאקט ערד-ארבייטער מיט בעשעפטיגטע אין האנדעל, הגם די שייכות צווישען זיי איז שווער צו פערשטעהן; דערצו איז א טייל פון די בעשעפטיגטע אין האנדעל, האנדעלס-אנגעשטעלטע און בוכהאלטערס, אבגעריסען פון דיזער גריפע און אריינגערעכענט צווישען די פאכאווע ארבייטער; מ'געפינט דא ווייטער הויז-בעדינטע, נישט-פאכאווע ארבייטער א. ז. וו. — אזוי ווי קיין פיעל-וועניג גענויע און סיסטעמאטישע פערגלייכונגען זענען מיט דיזע גרופע נישט מעגליך צו מאכען, מוזען מיר זיך בעגנוגענען בלויז מיט עטליכע בעמערקונגען.

ערשטענס, די וואנדערער פון דער „געמישטער“ גרופע, אדער פון די „פערשידענע“ נישט-קוואליפיצירטע פראפעסיעס בילדען ביי די יודישע אימיגראנטען *א פיעל קלענערען פראצענט ווי ביי די וואנדערער פון אלע איבעריגע פעלקער*. ווי מיר זעהען אויף אינזער פארלעצטער טאבעלע (טאבעלע XVII) אפילו ביי די שאטלענדישע וואנדערער געהערען 36 פראצענט פון די עקאנאמיש-אקטיווע צו די „פערשידענע“ נישט-קוואליפיצירטע פראפעסיעס; ביי די וואנדערער פון אלע איבעריגע פעלקער איז דיזער פראצענט פיעל העכער; בעזונדער הויך איז ער גראד ביי די וואנדערער פון יענע פעלקער, צווישען וועלכע עס וואוינט און פון וואנען עס עמיגרירט הויפטזעכליך די יודישע מאסע: ביי די פאליאקען און ליטווער בילדען די מענשען פון די „פערשידענע“ פראפעסיעס 93—94

פּראָצענט פֿון אַלע עקאָנאָמיש-אַקטיווע וואַנדערער, בײַ די רומענער און רוטענער בילדען זיי 97 און 98 פּראָצענט, ד. ה. כמעט די גאַנצע וואַנדערנדע מאַסע. בײַ יודען אָבער בילדען די מענשען פֿון די „פֿערשידענע" נישט-קוואַליפֿיצירטע פּראָפֿעסיעס נישט מעהר ווי אַ גענויעם דריטעל (32 פּראָצענט) פֿון אַלע עקאָנאָמיש-אַקטיווע וואַנדערער.

צווייטענס, די הויפּט-עלעמענטען, פֿון וועלכע די „געמישטע" גרופּע בעשטעהט, זענען בײַ די יודישע וואַנדערער גאַנץ אַנדערע ווי בײַ די וואַנדערער פֿון די איבעריגע פֿעלקער. ביז אַ געוויסען גראַד איז דאָס צו זעהן פֿון דער אַמעריקאַנער איינוואַנדערונג-סטאַטיסטיק גופֿא. אין דער „געמישטער" גרופּע, בײַם נעהנטערען צוקוקען זיך, קען מען אונטערשיידען דרײַ מינים בעשעפֿטיגונגען: האַנדעל (הויפּטזעכליך סוחרים און אויך אַ קליינע צאָהל באַנקירען, אַגענטען, פֿאַבריקאַנטען און בעלי-אַכסניות), ערד-אַרבײַט (לאַנדווירטען און לאַנדווירטשאַפֿטליכע אַרבײַטער) און אונבעשטימטע בעשעפֿטיגונגען (אַרבײַטער אָהן אַ וועלכען נישט איז פֿאַך און דינער-שאַפֿט). די גרויס פֿון די ערשטע צוויי מינים בעשעפֿטיגונגען איז גאַנץ פֿערשידען בײַ די יודישע וואַנדערער און בײַ די וואַנדערער פֿון אַנדערע פֿעלקער, ווי דאָס איז צו זעהן פֿון פֿאָלגענדע ציפֿער:

אין פֿערלויף פֿון 12 יאָהר (1910—1899) האָבען אין גאַנצען איינגעוואַנדערט אין די פֿעראייניגטע שטאַטען מענשען פֿון „פֿערשידענע" נישט-קוואַליפֿיצירטע פּראָפֿעסיעס — 5.525.691; פֿון זיי זענען געווען בעשעפֿטיגטע אין האַנדעל (אַחוץ די „האַנדעלס-אָנגעשטעלטע און בוכהאַלטערס", וועלכע זענען פֿערעכענט צו די „קוואַליפֿיצירטע אַרבײַטער") — 156.511, ד. ה. גענויע 3 פּראָצענט (2,8); בעשעפֿטיגטע אין לאַנדאַרבײַט זענען פֿון זיי געווען 1.652.040, ד. ה. 32 פּראָצענט. אין דערזעלבער צײַט האָבען איינגעוואַנדערט יודען פֿון „פֿערשידענע" נישט-קוואַליפֿיצירטע פּראָפֿעסיעס — 186.989; פֿון זיי זענען געווען בעשעפֿטיגטע אין האַנדעל (אַחוץ האַנדעלס-אָנגעשטעלטע און בוכהאַלטערס) — 32.608, ד. ה. פֿולע 17 פּראָצענט, און בעשעפֿטיגטע אין לאַנד-אַרבײַט — 12.468, ד. ה. אַנערך 7 פּראָצענט פֿון אַלע נישט-קוואַליפֿיצירטע. דער פּראָצענט הענדלערס צווישען די נישט-קוואַליפֿיצירטע איז אַלזאָ בײַ די יודישע וואַנדערער 6 מאָל גרעסער ווי דורכשניטליך אין דער אַלגעמיינער אימיגראַציע, דער פּראָצענט לאַנד-אַרבײַטער — 5 מאָל קלענער ווי אין דורכשניט.

נור דאָס איז נאָך נישט אַלץ. אינטערעסאַנט איז, דאָס אין דער אַלגעמיינער אימיגראַציע (פֿאַר די זעלבע 12 יאָהר) קומט אויס אויף די אונבעשטימטע בעשעפֿטיגונגען (הויפּטזעכליך טאָקי אויף די נישט-פֿאַכאָווע אַרבײַטער) אונגעפֿעהר צוויי דריטעל (העכער 65 פּראָצענט) וואַנדערער פֿון

דער „געמישטע“ גרופע, אדער די אבסאליטע מעהרהייט (51 פראצענט) פון אלע עקאנאמיש-אקטיווע אימיגראנטען פין די פעראייניגטע שטאטען. ביי די יודען פערנעהמען די וואנדערער פין די אונבעשטימטע בעשעפטיגונגען נאך א גרעסערען טייל פין דער „געמישטער“ גרופע: העכער דריי פירטעל (76 פראצ.) פון דער „געמישטער“ גרופע בעשטעהט ביי די יודען פין וואנדערער אהן א בעשטימטע פראדוקטיווע בעשעפטיגונג (מעהרסטענטיילס נישט פאכאווע ארבייטער און אויך דינערשאפט *).

פון וואנען נעהמט זיך אזא אינגעהויער גרויסע וואנדערונג פון מענשען אהן א בעשטימטע בעשעפטיגונג? קיין דירעקטען ענטפער אויף דעם גיט אונז די אמעריקאנישע איינוואנדערינגס-סטאטיסטיק נישט; באמת אבער נעהמט זיך דיזער מין בעשעפטיגונג, הויפטזעכליך די נישט-פאכאווע ארבייטער, כמעט אויסשליסליך פון די ערשטע צוויי מינים „פערשידענע“ פראפעסיעס, פון האנדעל און פון לאנד-ארבייט, און בכלל טאקי דורכאויס כמעט פון לאנד-ארבייט.

דאס איז ניט סתם א השערה, דאס איז א פאקט. נישט בלויז צווישען די וואנדערער, נור אויך אויף די ערטער, אין דער היים, אין די שטעדט און אין די אינדוסטריעלע צענטרען, זענען די נישט-פאכאווע ארבייטער געוועהנליך געקומענע פון דארף: דאס זענען געוועהנליך פויערים, וואס דער קאפיטאליזם האט „בעפרייט“ פון זייער שטיקעל ערד, אדער קינדער פון פויערים, פאר וועלכע דאס דארף האט נישט מעהר קיין ערד און קיין גענוגענדע בעשעפטיגונג זיי צו דערנעהרען; קורץ, דאס זענען געוועהנליך געוועזענע לאנד-ארבייטער אדער אזעלכע, וואס ביי אנדערע סאציאל-עקאנאמישע בעדינגונגען וואלטען זיי געוועזען לאנד-ארבייטער. דאסזעלבע פערגלייכענדיג די וואנדערער פון פערשידענע פעלקער, בעמערקען מיר, אז די גרעסטע צאהל און דעם גרעכטען פראצענט נישט-פאכאווע ארבייטער (ווי אויך לאנד-ארבייטער) שטעלען צו יענע פעלקער, וואו די פויערשע לאנדווירטשאפט לעבט איבער דעם שווערסטען קריזיס; דאס זענען: די רומענער, גריכען, איטאליענער, סלאוואקען, רוטענער, פאליאקען, רוסען, ליטווער, פינלענדער, אירלענדער, סקאנדינאווען א. ז. וו.

ביי יודען, פערקעהרט, וואו קיין פיעל וועניג גרויסע פויערים-מאסע איז נישט פאראן, זענען, פערשטעהט זיך, די „פערדינערס“ אהן א בעשטימטע בעשעפטיגונג, נישט קיין געוועזענע אדער „נישט-געווארענע“

*) פונדעסטוועגען אזוי ווי די „געמישטע“ גרופע, ווי מיר האבען אויבען געזעהען, איז ביי די יודישע וואנדערער פ י ע ל קלענער ווי אין דער אלגעמיינער אימיגראציע (32 פראצענט ביי יודען אנשטאט 78 אין אלגעמיין), פערנעהמען די וואנדערער אהן א בעשטימטע בעשעפטיגונג בלויז איין פירטעל פון אלע עקאנאמיש-אקטיווע יודישע וואנדערער.

פּוֹיעֶרִים, נוּר דִי גִיט בֶּעקַאנטֶע לוּפְּט־מֶענְשֶׁען; מֶענְשֶׁען, וואָס זֶענֶען פְרִיהֶער גֶעוועֶן פֶערשִׁידֶענַארטִיגֶע הֶענדלֶערס אוּן הָאבֶּען זִיךְ גֶעמִיזְט מִיט'ן הַאנדֶעל שִׁיִידֶען, אָדֶער אַזֶעלכֶע וואָס זֶענֶען גְרֵייט זִיךְ צוּ נֶעהמֶען צוּ אִיהם, נוּר וואָס פֶערשִׁידֶענַארטִיגֶע בֶּעדִינְגוּנְגֶען מַאכֶען זַיי דָאס הַאנדלֶען אוּנְמֶעגְלִיךְ; דָאס זֶענֶען גֶעוועזֶענֶע אָדֶער „נִישְׁט־גֶעוואָרֶענֶע" הֶענדלֶערס. *)

*) פון די וועניג ידיעות, וועלכע מיר פערמאָגען אין דיזען געביט, איז צו זעהען, דאָס אייך אויף די ערסטער קומט איצט פאַר ביי די אידען אן איבערגאַנג פון קליינהאנדעל צו נישט קוואַליפיצירטע אַרבייט. אזוי צ. ב. אינ'ם בעריכט פאר דאָס יאָהר 1910 פונ'ם „ביוראָ פאָר אַרבייט־פערמיטלונג" פון דער וואַרשעווער „געזעלשאַפט צו שאַפען ארבייט אָרעמע יודען" ווערען די גענויע פיער טויזענד (3722) מענשען, וואָס האָבען זיך אין לויף פונ'ם יאָהר געווענדעט צום „ביוראָ", איינגעטיילט אין דריי גרופען: לערן־יונגלעך, נישט־קוואַליפיצירטע ארבייטער און קוואַליפיצירטע אַרבייטער; לויט'ן בעריכט וואַקסט אין וואַרשאָ כסדר דער צוגוס פון נישט־קוואַליפיצירטע אַרבייטער, וועלכע לויפען פון די פּראָווינץ־שטעדטלעך, וואו זיי זענען געווען פריהער בעשעפטיגט אַלס הענדלער און קרעמער. דער דורכשניטליכער לוין, וואָס אַזעלכע נישט־קוואַליפיצירטע אַרבייטער בעקומען אין וואַרשאָ, איז לויט'ן זעלבען בעריכט 3 רוב. 50 קאָפּ. א וואָך (שטעלט אייך איצט פאָר, וואָס אַזאַ לופט־מענש פלעגט פערדינען אין זיין היימישען שטעדטעל!). געוויס האָבען מיר דאָ צו טאָן מיט קאַנדידאַטען אויף עמיגראַנטען.—דאָס די אימיגראַנטען, וועלכע ווערען פערצייכענט אַלס סוחרים א. ד. גל., זענען בלויז א טייל פון די געוועזענע הענדלערס, וואָס געהען אין אַמעריקאַ, און דאָס דער גרעסטער טייל פון די יודישע אימיגראַנטען, וואָס זענען פערצייכענט אַלס „אַרבייטער אָהן א בעשטימטען פאַך", רעקרוטירען זיך אויך פון הענדלערס, איז צו זעהען נאָך פון א גאַנצע רייהע אַנדערע אָנגאַבען. אַזוי צ. ב. לויט די אָנגאַבען פון די אינפאָרמאַציאָנס־ביוראָ'ען, וואָס ווערען אויפגעהאַלטען פון יק"א: צווישען 1701 עמיגראַנטען־פאַמיליעס (וואָס זענען בעשטאַנען פון 2845 נפשות), וואָס זענען ארויסגעפאָרען אין 1910 פון מינסק, זענען געוועזען 139 הענדלער (און 96 פריקאַשצי־קעס) און בלויז 15 „פּראָסטע אַרבייטער", ד. ה. נישט־קוואַליפיצירטע. פון אָדעס זענען פאַר'ן זעלבען יאָהר פון 1823 עמיגראַנטען־פאַמיליען (וואָס זענען בעשטאַנען פון 3402 מענשען), געוועזען 220 הענדלער (און 91 פריקאַשציקעס) און 68 „אַרבייטער" (צוויי דריטעל פאַבריק־אַרבייטער און איין דריטעל „פּראָסטע אַרבייטער"); פון קיעוו, פון 1776 עמיגראַנטען־פאַמיליעס (וואָס זענען בעשטאַנען פון 3357 נפשות) זענען געווען 238 הענדלער (און 95 פריקאַשציקעס) און 44 אַרבייטער (נישט־קוואַליפיצירטע מסתמא, וואָרום „בעלי־מלאכות" ווערען געצעהלט בעזונדער); אין קאַמענעץ (פּאָדאָליען) זענען פון 706 פערצייכענטע פּראָפעסיעס 101 הענדלער (און 48 פריקאַשציקעס) א. א. וו. א. א וו. (דער יודישער עמיגראַנט, יאָהרגאַנג 1911, נומערן 3, 4, 5, 7 און אַנדערע). אין אַלע דיזע פאַלען איז דער פּראָצענט נישט־קוואַליפיצירטע אַרבייטער זעהר קליין, פיעל מאָל קלענער ווי אין דער אַמעריקאַנער איינוואַנדערונגס־סטאַטיסטיק; פערקעהרט, דער פּראָצענט פון די בלויזע הענדלער (א חוץ די פריקאַשציקעס) מאַכט אויס פון 8 ביז 14 פּראָצענט פון אַלע עקאָנאָמיש־אַקטיווע אָדער (אָננעהמענדיג די זעלבע פערהעלטניס וואָס איז פעסטגעשטעלט פאַר די יודישע וואַנדערער און דער טאַבעלע XVII) פון 25 ביז 45 פּראָצענט פון דער „געמישטער" גרופּע, ד. ה. צוויי מאָל אַזוי פיעל ווי אין דער אַמעריקאַנער איינוואַנדערונגס־סטאַטיסטיק. א גרויסע טייל פון די, וואָס זענען אין דערהיים געווען הענדלער, לאָזען זיך אַלזאָ ביי דער איינוואַנדערונג שוין פערשרייבען אַלס אַרבייטער אָהן בעשטימטען פאַך. און אויסרעכענדיג אין דעטאַל די צאָהל עמיגראַנטען פון 36 שטעדט

מיר קומען אלזאָ צים בעשלוס, דאָס בעת ביי די וואנדערער פון אנ- דערע פעלקער, איבערהויפט פון די מזרח-אייראָפעאישע פעלקער, בעשטעהט די „געמישטע" גרופע הויפטזעכליך פון אויסגעוואנדערטע פון לאנד-ארבייט, בעשטעהט דיזע גרופע ביי יודען הויפטזעכליך פון לופט- און שטעדטלעך פון פאָדאָליען, שרייבט דער בעריכטאָבגעבער פונ'ם דאָרטיגען אינפאָר- מאציאָנס-ביוראָ: „דעם גרעסטען צאָהל עמיגראנטען גיבען אויך דאָ, גלייך ווי אין אנדע- רע יודישע ערטער, בעלי-מלאכות און קליין-הענדלער. אין קיין איין רשימה פעהלען זיי ניט. פאראַן אפילו אזעלכע פונקטען, וואו מיט זיי שעפט זיך אויס די גאנצע אויסוואנדערונג פאר'ן יאָהר" (יודישער עמיגראנט, 1911, נ' 7). בעלי-מלאכות דאָס זענען די וואנדערער פ-ן קוואליפיצירטע פראָפעסיעס לויט דער אמעריקאנישער גרופירונג; די „געמישטע" גרופע בעשטעהט אלזאָ הויפטזעכליך, אָפטמאָל אפילו אויסשליסליך, פון הענדלער.—און די ידיעות, וועלכע מיר האָבען, ווייזען אונז, דאָס נישט נור אין דער- היים, ביים אויסוואנדערן, נור אויך אין אמעריקא, ביי די איינגעוואנדערטע, איז דער פראָצענט פון די הענדלער פ י ע ל גרעסער ווי לויט די אנגאבען פונם איינוואנדערונגס- קאָמיסאר. אזוי צ. ב. לויט דער אָפיציעלער אנקעטע פונ'ם „ארבייטס-ביוראָ" (א מין מיניסטעריום) פונ'ם שטאאט מ א ס א ט ש ו ז ע ט ס איז צו זעהען (אין יעהרליכען בעריכט פאר דאָס יאָהר 1903), דאָס 27 פראָצענט פון די רוסלענדער אָנגעקומענע אין זיערע קיגדער (ד. ה. הויפטזעכליך יודען, וואָרום פאָלאַקען זענען געצעהלט בעזונדער) זענען בעשעפטיגט אין האנדעל, ד. ה. ד ר י י מ אָ ל א ז ו י פ י ע ל, ווי לויט די אָנגאבען פונ'ם גענעראַל-קאָמיסאר איבער די איינוואנדערונג, ווען מ'זאָל אפילו צו דער גרופע הענדלערס צורעכענען אויך די „פריקאזשציקעס און בוכהאלטערס".—ווענען א מ א ס אָ װ ע ן אין ראשען איבערגאנג פון אנדערע פראָפעסיעס צום האנדעל קאָן דער- ביי אפילו קיין רייד נישט זיין; וואָרום בכלל איז א מאסאָווע ענדערונג פון די פראָ- פעסיעס א לאנג-דויערנדער היסטאָרישער פראָצעס, וואָס פאָדערט א צייט פון דורות און ווערט ארויסגערופען דורך טיפע סאָציאל-עקאָנאָמישע ערשיינונגען; וואָס איז נוגע ספע- ציעל די יודישע איינגעוואנדערטע אין די פעראייניגטע שטאַטען, און בעזונדער בנוגע צום איבערגאנג פון אנדערע פראָפעסיעס צום האנדעל, ווייזען אונז די ווייניג ידיעות, וועלכע מיר פערמאָגען, פונקט א פערקעהרטע ערשיינונג; אזוי פון דער אנקעטע, וואָס איז אונטערנומען געוואָרען דורך דעם ה אָ מ ל ע ר שפיטאָל פאר אויגען-קראנקע אין 1907, און וועלכע נעמט ארום בנוגע צו די פראָפעסיעס 1239 עמיגראנטען, איז צו זעהען, דאָס פון 830 עמיגראנטען פון אנדערע פראָפעסיעס זענען אין נייעם לאנד געוואָרען סוחרים אָדער פריקאשציקעס בלויז 32 מאן, ד. ה. גענויע 4 פראָצענט; פערקעהרט, פון 249 געוועזענע סוחרים און פריקאשציקעס זענען אינ'ם נייעם לאנד איבערגעגאנגען צו אנדערע פראָפעסיעס 89 מאן, ד. ה. 36 פראָצענט, פון זיי זענען 41 (אָדער 16½ פראָצענט) געוואָרען נישט קוואליפיצירטע „ארבייטער" (י ו ד י ש ע ר ע מ י ג ר א נ ט, 1908, נ. 12, זז. 7—18.).

אלע פאקטישע ידיעות, וועלכע מיר האָבען, סיי בנוגע צו די נישט-קוואליפיציר- טע ארבייטער אויף די ערטער, סיי בנוגע צו די בעשעפטיגונגען פון די אויסוואנדע- רער, סיי בנוגע צו די פראָפעסיעס פון די, וואָס האָבען זיך שוין בעזעצט אין אמערי- קא,—שטימען צווישען זיך אלע איין, דאָס אלס נישט-קוואליפיצירטע ארבייטער ווערען אין דער איינוואנדערונגס-סטאטיסטיק פערצייכענט די יעניגע יודישע וואנדערער, וואָס זענען נאָך נעכטען אין איישישאָק און אין גרימפעשאָק געוועזען פערמיטלער, קרעמער, מעק- לער א. ד. גל. און וואָס ווילען ביי דער ערשטער געלעגענהייט זיך צוריק נעהמען צום האנדעל: דאָס זענען נעכטיגע און אין א גרויסע מאָס אויך מאָרגענדיגע הענדלער.

מענשען, פֿון אויסגעוואַנדערטע פֿון האַנדעל; און סײַ בײַ די ייִדען, סײַ בײַ אַנדערע פֿעלקער געהט אַרײַן אין די זעלבע גריפּע, אַחוץ דיזען הויפּט־עלעמענט נאָך אַ מערקבאַרער פּראָצענט פֿון די נערשאַפּט (בסך הכל האָבען פֿאַר די לעצטע 12 יאָהר אײַנגעוואַנדערט 65.532 יודישע בעדינטע, אָדער 11 פּראָצענט פֿון אַלע עקאָנאָמיש־אַקטיווע יודישע אימי־גראַנטען) *).

## קאַפּ. IV. בעשעפטיגטע מיט האַנדעל.

די יעהרליכע שוואַנקינגען פֿון דער צאָהל וואַנדערער פֿון דער „געמישטער“ גרופּע קען פֿאַר אונז קיין בעזונדער אינטערעס נישט האָבען טאַקי דערפֿאַר, ווײַל זי איז אַ געמישטע: אַחוץ איהר הויפּט־עלעמענט,

*) די צאָהל בעדינטע צווישען די יודישע וואַנדערער איז געוועזען לויט די בעריכטען פֿונ'ס גענעראַל־קאָמיסאַר אין 1899—817; אין 1900—1134; 1901—889; אין 1902—5122; אין 1903—7039; אין 1904—9.292; 1905—8.000; 1906—9839; 1907—8.822; 1908—7.463; 1909—3.194; 1910—3921.—ס'איז אָבער לייכט צו בעמערקען, דאָס אין 1902 איז פֿאָרגעקומען אַ ענדערונג אין דעם רעגיסטרירונגס־אָרט פון די „בעדינטע“. מיט אַמאָל איז די צאָהל בעדיענטע געוואָרען 6 מאָל אזוי גרויס ווי אין פֿאָר־יאָהר. אין דער ווירקליכקייט קומען אַזעלכע ראַשע ענדערונגען אין דער וואַנדערונג קיינמאָל נישט פֿאָר. מ'האָט פּשוט אין 1902 אָנגעהויבען רעגיסטרירען אַלס בעדינטע אַזעלכע וואַנדערער, וואָס פריהער זענען זיי געווען אַנדערש בעצייכענט. ביים אויפמערקזאמען צוקוקען זיך צו די אָנגאַבען פונ'ם גענעראַל־קאָמיסאַר איז אויך לייכט צו בעמערקען, וועלכע וואַנדערער האָט מען גענומען בעצייכענען אַלס „הויזליכע און פּערזענליכע בעדינטע“: אינ'ם זעלבען יאָהר 1902, ווען די צאָהל „בעדינטע“ האָט זיך מיט אַמאָל אויפגעהויבען פון 889 אויף 5,122, איז די צאָהר „פּראָפעסיאָנסלאָזע“ אראָבגעפאַלען פון 31,707 אויף 25,952; די צאָהל איינגעוואַנדערטע פרויענצימער און קינדער איז אין 1902 געווען כמעט דאָסזעלבע ווי אין 1901 (פרויענצימער מיט 800 ווייניגער און קינדער מיט 600 מעהר), און די צאָהל „פּראָפעסיאָנסלאָזע“ וואָלט זיך געדאַרפט דעריבער קוים וואָס ענדערען. ס'איז אַלזאָ מעהר ווי וואהרשיינליך, דאָס אַ געוויסע צאָהל וואַנדערער (פרויענצימער) וואָס פערנעהמען זיך מיט הויז־ווירטשאַפט, און וואָס פריהער פלעגען זיי פערצייכענט ווערען צווישען די „פּראָפעסיאָנסלאָזע“, האָט מען אין 1902 אָנגעהויבען צו רעכענען צווישען די „בעשעפטיגטע אין הויזליכען דינסט“.—די זעלביגע ערשיינונג קען מען איבריגענס בעמערקען אויך ביי די וואַנדערער פון פיעלע אַנדערע פעלקער; אזוי צ. ב., ביי די דייטשע וואַנדערער האָט די צאָהל „בעדינטע“ אין 1902 זיך מיט אַמאָל אויפגעהויבען פון 1508 אין פֿאָר־יאָהר אויף 5.705, ד. ה. כמעט אויף 4 מאָל אזוי פיעל; ביי די פּוילישע—פון 1.089 אויף 8.339, ד. ה. אכט מאָל אזוי פיעל; ביי די ליטווישע—פון 189 אויף 1.305, ד. ה. פולע 7 מאָל אזוי פיעל; ביי די רוטענישע—פון 138 אויף 1032, ד. ה. 7 מאָל אזוי פיעל; ביי די מאַדזשיאַרישע—פון 286 אויף 2,309, ד. ה. 8 מאָל אזוי פיעל א. ז. וו. דיזע אַלע גאַנץ־אונגלויבליכע ענדערונגען אין די בעשעפטיגונגען פון די וואַנדערער ערקלערען זיך פּשוט מיט דער דערמאָהנטער ענדערונג אין דער פערצייכענונגס־אָרט, די זעלביגע ענדערונג אין דער פערצייכענונג ערקלעהרט אונז אויך פערשידענע נישט־פערשטענדיגע איינצעלהייטען פון דער יודישער וואַנדערונג.

דֶעם הַאנדֶעלס־עֶלֶעמֶענט, נֶעהמט זִי אַריַין נאָך דִי בֶּעדִינטֶע, און דִי בֶּעֶ־שֶׁעפְטִיגטֶע אִין הַאנדֶעל נֶעהמט זִי נִישט אַריַין אִין גאַנצֶען, וואָרוּם דִי „פְּרִי־קאַשצִיקֶעם און בּוּכהַאלטֶערס“ זֶענֶען דאָך אִין אִיהר נִישט אַריַינגֶערֶע־כֶענט. און טאַקִי דֶערפאַר, וויַיל זִי בֶּעשטֶעהט פִין פֶערשִׁידֶענאַרטִיגֶע, גֶעמִישטֶע עֶלֶעמֶענטֶען, אִיז אִין דִי שוואַנקוּנגֶען קֵיין שׁוּם בֶּעשטִימטֶע טֶענ־דֶענץ אָדֶער רֶעגֶעלמֶעסִיגקַייט נִישט צוּ בֶּעמֶערקֶען. דֶערפאַר אָבֶּער הָאט פאַר אוּנז אַ גרוֹיסֶען אִינטֶערֶעס דִי יֶעהרלִיכֶע גרוֹיס פִין דֶער וואַנדֶערוּנג פוּן דִי בֶּעשֶׁעפטִיגטֶע מִיט הַאנדֶעל. מִיר ווֶעלֶען דֶערִיבֶּער פוּן דֶער „גֶעֶ־מִישטֶער“ גרוּפֶּע אוֹיסשלִיסֶען דִי בֶּעדִינטֶע און דִי קלֵיינֶע צאָהל לאַנד־אַרבֵּיי־טֶער (מִיר ווֶעלֶען נֶעהמֶען, הֵייסט עֶס, דִי פֶערשִׁידֶענאַרטִיגֶע הֶענדלער און דִי אַרבֵּייטֶער אָהן אַ בֶּעשטִימטֶען פאַך) און צוּגֶעבֶּען דִי „פְּרִיקאַשצִיקֶעס און בּוּכהַאלטֶערס“; מִיר ווֶעלֶען אוֹיף אַזאַ נ'אַרט בֶּעקוּמֶען דִי הַאנדֶעלס־גרוּפֶּע פוּן דִי יוּדִישֶׁע אִימִיגראַנטֶען. *) פֶערגלַייכֶענדִיג דִיזֶע גרוּפֶּע מִיט דִי צאָהלֶען פוּן אַלֶע עֶקאָנאָמִיש־אַקטִיווֶע יוּדִישֶׁע אִימִיגראַנטֶען, בֶּעֶ־קוּמֶען מִיר פאָלגֶענדֶע טאַבֶּעלֶע:

## טאַבּעלע XIX.

### האַנדעלסלייט צווישען די עקאָנאָמיש־אַקטיווע יודישע אימיגראַנטען:

| יאָהר. | אַקטיווע אימיגראַנטען: אין גאַנצען. | אַקטיווע אימיגראַנטען: צווישען זיי האַנדעלסלייט. | האנדעלסלייט צווישען 100 אַק־טיווע אימיגר. |
|---|---|---|---|
| 1899 | 17,726 | 4.511 | 25 |
| 1900 | 30,784 | 8.173 | 27 |
| 1901 | 26,391 | 7.095 | 27 |
| 1902 | 31,736 | 8,668 | 27 |
| 1903 | 45,051 | 11,122 | 25 |
| 1904 | 67,751 | 13,942 | 21 |
| 1905 | 83,039 | 15,552 | 19 |
| 1906 | 76,605 | 14,885 | 19 |
| 1907 | 80,270 | 14,872 | 19 |
| 1908 | 56,665 | 12,259 | 22 |
| 1909 | 28,436 | 6.355 | 22 |
| 1910 | 45,813 | 8,251 | 18 |
| 1899—1910 | 590.267 | 125.685 | 21 |

*) עס מוז פונדעסטוועגען אָנגעמערקט ווערען, דאָס הגם אזא צוזאמענשטעלונג פון דער האַנדעלסגרופּע איז לויט די אויבענגעבראַכטע ראיות די װ א ה ר ש ײ נ ל י כ־ס ט ע, דאַרף מען אָבער נישט פערגעסען, דאָס זי געפינט זיך נישט אין די גרופּירונג פון דער איינוואַנדערונג־סטאַטיסטיק. די פאָלגענדע טאַבעלע, וועלכע איז אויסגערעכענט

דיזע טאבעלע ווייזט אונז, קודם כל, דאס בסך הכל פון די לעצטע 12 יאהר האבען אין די פעראייניגטע שטאטען איינגעוואנדערט פולע 125 טויזענד יודישע האנדעלס-לייט, אדער אין דורכשניט העכער 10 טויזענד יעהרליך. און אזוי ווי אלע עקאנאמיש-אקטיווע יודישע אימיגראנטען מאכען אויס פאר די 12 יאהר גענויע 600 טויזענד מאן (590,267), אדער דורכשניטליך גענויע 50 טויזענד מאן יעהרליך, קימט שוין אויס, דאס די האנדעלס-גרופע בילדעט אין דורכשניט עפעס מעהר ווי א פינפטעל (פולע 21 פראצענט) פון אלע עקאנאמיש-אקטיווע יודישע וואנדערער.

וואס איז נוגע די *שוואנקונגען* פון דער צאהל און דעם פראצענט פון די האנדעלס-לייט צווישען די וואנדערער, קענען מיר בעמערקען פאלגענדעס: ערשטענס, הגם די *צאהל* האנדעלס-לייט הויבט זיך און פאלט צוזאמען מיט דער צאהל פון די עקאנאמיש-אקטיווע וואנדערער אין גאנצען (און דערגרייכט איהר העכסטע שטופע אין 1905, פונקט ווי די צאהל פון די מאנסלייט, אדער ווי די צאהל פון די אינטעליגענטען און פון די עקאנאמיש-אקטיווע אין גאנצען), נור דער *פראצענט* פון די האנדעלס-לייט ענדערט זיך געוועהנליך אין א פערקעהרטער ריכטונג: אין די יאהרען, ווען די וואנדערונג בכלל אין די וואנדערונג פון די עקאנאמיש-אקטיווע איז הויך (1903, 1904, 1905, 1906, 1907, 1910) פאלט דער פראצענט פון די האנדעלס-לייט צווישען די וואנדערער; אנדערש גערעדט, זייער וואנדערונג הויבט זיך דאן נישט אזוי שטארק ווי די יודישע וואנדערונג אין גאנצען. פערקעהרט, אין די יאהרען, ווען די וואנדערונג פאלט (1908—1909) הויבט זיך אויף דער פראצענט פון די האנדעלס-לייט צווישען די וואנדערער, ד. ה. זייער וואנדערונג פאלט אויך נישט אזוי שטארק, ווי די וואנדערונג פון אנדערע פראפעסיעס.

אויף דעם איז גראד נישטא וואס שטארק צו וואונדערן זיך. מ'דארף נישט פערגעסען, אז מיר האבען דא צו טאן הויפטזעכליך מיט *ליפט-מענשען*, וואס לעבען אייגענטליך אין א שטענדיגען קריזיס: די עקאנאמישע אויפבליהונג לאזט זיך ביי זיי וועניגער פיהלען צו גוטען, און די אינדיסטריעלע קריזיסען ברענגען אריין אין זייער לעבען וועניגער נייע צושטערונגען, ווי ביי די וואס נעהמען א דירעקטען אנטייל אין דער מאדערנער פראדיקציע; אין דעריבער טאקי הגם די שוואנקונגען אין דער אלגעמיינער עקאנאמישער קאניונקטור, וועלכע רופען בכלל ארויס די שוואנקונגען פון דער צאהל וואנדערער, הויבען אויף און דריקען אראב זייער וואנדערונג צוזאמען מיט דער גאנצער וואנדערונג בכלל, זענען

לויט דיזער זעהר וואהרשיינליכער צוזאמענשטעלונג פון דער האנדעלס-גרופע, איז דעריבער אליין אויך העכסט-וואהרשיינליך; זי האט אבער נישט און קען נישט האבען די *זיכערקייט* פון אלע איבעריגע אונזערע טאבעלען.

פונדעסטוועגען די שוואנקונגען ביי זיי פיעל שוואכער ווי ביי די קוואליפיצירטע ארבייטער.

אינטערעסאנט איז אבער א צווייטע בעמערקונג, וואס מען קען מאכען קוקענדיג אויף אונזערע טאבעלען: דער פראצענט פון דיזע לופט־מענשען צווישען די יודישע וואנדערער האלט אין א מערקבארען פאלען. אזוי זעהען מיר, דאס אין די ערשטע 5 יאהר (1899—1903) קווינקעלט זיך דיזער פראצענט צווישען 25 און 27; אין די לעצטע 7 יאהר וויעגט ער זיך בלויז צווישען 18 און 22; דער העכסטער פראצענט „לופט־מענשען". פאר די לעצטע 7 יאהר איז רעכט נידעריגער ווי דער נידעריגסטער פאר די ערשטע 5 יאהר. אין לעצטען, 1910 יאהר, איז דער פראצענט „לופט־מענשען" צווישען די יודישע וואנדערער נידעריגער ווי אין אלע פריהערדיגע יאהרען. *)

## קאפ. V. „קוואליפיצירטע" אינדוסטריעלע פראפעסיעס.

און איצט לאמיר זיך צוקוקען צו דעם טייל פון דער יודישער וואנדערער־מאסע, וואס שפילט ביי איהר די וויכטיגסטע ראלע, סיי לויט זיין צאהל, סיי לויט זיין סאציאל־עקאנאמישער בעדייטונג: איך מיין די גרופע פאכאווע ארבייטער, אדער לויט דער אמעריקאנער בעצייכנונג, די גרופע וואנדערער, וואס האבען א געלערענטע, קוואליפיצירטע בעשעפטיגונג. ווי מיר האבען שוין געזעהן אויף דער טאבעלע XVII, בילדעט דיזע גרופע צוויי דריטעל (67 פראצענט; צווישען זיי 3 פראצענט קומט אויס אויף די פריקאשציקעס) פון אלע עקאנאמיש־אקטיווע יודישע וואנדערער. ווי מיר קענען זעהן אויף דערוועלכער טאבעלע, זונדערען זיך די יודישע וואנדערער אויס פון די וואנדערער פון אלע איבעריגע פעלקער דורך דיזען ביישפיעל־לאזן גרויסען פראצענט פון פאכאווע ארבייטער: ביי די וואנדערער פון קיין פאלק איז ניטשט צו געפינען אפילי אונגעפעהר אזא גרויסען פראצענט פאכאווע ארבייטער, ווי ביי די יודען. דער פראצענט־טייל פאכאווע ארבייטער צווישען די אקטיווע וואנדערער איז ביי די יודען אויף גאנצע 9 פראצענט מעהר אפילו ווי ביי די שאטלענדער, מיט 18 פראצענט מעהר ווי ביי די ענגלענדער, און מעהר ווי דאפעלט ווי ביי די

*) אין איינצעל גענומען, בעמערקט זיך דאס פאלען נישט צווישען די, וואס זענען פערצייכענט אין די בעריכטען פונ'ם גענעראל־קאמיסאר אלס פריקאשציקעס אדער אלס סוחרים, נור אויסשליסליך איז בעזונדער שטארק צווישען די, וואס ווערען דארטען פערצייבענט אלס ארבייטער אהן א בעשטימטען פאך. אזוי צ. ב. בעת די גאנצע צאהל אקטיווע יודישע אימיגראנטען איז אין 1910 אונגעפעהר די זעלבע ווי אין 1903, איז די צאהל פון דיזע נישט־קוואליצירטע „ארבייטער" ארונטערגעפאלען פון 6.664 (אדער 15 פראצענט) אין 1903 אויף 3 136 (אדער בלויז 7 פראצענט) אין 1910, ד. ה. נעבליבען ווענינער ווי א העלפט.

דײַטשען. אַ פּוּלען קאָנטראַסט שטעלען פאַר אין דיזער הינזיכט די ייִ־ דישע וואַנדערער צו די וואַנדערער פון יענע פעלקער, צווישען וועלכע עס וואוינט און פון וואַנען עס עמיגרירט הויפּטזעכליך די יודישע מאַסע: דער פּראָצענט פאַכאָווע אַרבייטער איז בײַ די יודישע וואַנדערער 7 מאָל אַזוי הויך ווי בײַ די רוסען, 10 מאָל גרויס ווי בײַ די פּאָליאַקען און די ליטויער, 22 מאָל אַזוי גרויס ווי בײַ די רומענער, 33 מאָל אַזוי גרויס ווי בײַ די רוטענער. אין פערגלייך מיט דער עמיגראַציע פון אַנדערע פעלקער קען מען אַלזאָ זאָגען, דאָס די ייִדישע עמיגראַציע איז אַ וואַנדערונג פון פאַכאָווע אַרבייטער. און אַזאַ בײַשפּיעל־לאָז גרויסער פלאַץ פון קוואַליפיצירטער אַרבייט צווישען די בעשעפטיגונגען פון די יודישע וואַנדערער איז איינע פון די וויכטיגסטע אייגענאַרטיגקייטען פון דער יודישער עמיגראַציע.

לאָמיר איצט אַ קוק טאָן אויף די צאָהל פון די וואַנדערנדע פאַכאָווע אַרבייטער, אויף איהרע יעהרליכע שוואַנקונגען, ווי אויך אויף די שוואַנקונגען פונ'ם פּראָצענט־ציל, וואָס די פאַכאָווע אַרבייטער בילדען צווישען די עקאָנאָמיש־אַקטיווע יודישע אימיגראַנטען. מיר זעהען עס אויף פאָלגענדע טאַבעלע: *)

## טאַבעלע XX.

פאַכאָווע אַרבייטער צווישען די עקאָנאָמיש־אַקטיווע יודישע אימיגראַנטען:

| יאָהר. | אַקטיווע אימיגראַנטען. אין גאַנצען | אַקטיווע אימיגראַנטען. צווישען זיי פּאַכאָווע אַרבייטער. | פּאַכאָווע אַרביי־טער צווישען 100 אימיגראַנטען. |
|---|---|---|---|
| 1899 | 17.726 | 12.276 | 69 |
| 1900 | 30.784 | 21,047 | 68 |
| 1901 | 26.391 | 18.352 | 70 |
| 1902 | 31.736 | 17.841 | 56 |
| 1903 | 45.051 | 27,071 | 60 |
| 1904 | 67.751 | 45.109 | 67 |
| 1905 | 83,039 | 60.135 | 72 |
| 1906 | 76,605 | 51.141 | 67 |
| 1907 | 80.270 | 55.552 | 69 |
| 1908 | 56,665 | 36,193 | 64 |
| 1909 | 28.436 | 18,219 | 64 |
| 1910 | 45.813 | 32,887 | 72 |
| 1899—1910 | 590.267 | 395.823 | 67 |

*) כדי נישט אינגאַנצען צו ענדערן די צאָהלען, וואָס געפינען זיך אין די יעהרליכע בעריכטען פונ'ם גענעראַל־קאָמיסאַר איבער די איינוואַנדערונג, האָב איך די „פּריקאָשציקעס און בוכהאַלטערס" נ י ש ט אויסגעשלאָסען פון דער גרופּע „פאַכאָווע אַרבייטער", הגם זיי זענען שוין אויבען אַריינגערעכענט געוואָרען אין די האַנדעלס־גרופּע. איך וועל בלויז אַנמערקען, דאָס בסך הכל האָבען אין די 12 יאָהר 1899—1910 איינגעוואַנ־

בסך הכל האָבען אַלזאָ פֿאַר די לעצטע 12 יאָהר איינגעוואַנדערט אין די פֿעראייניגטע שטאַטען אונגעפֿעהר 400 טויזענד (395,823) פֿאַכאָווע אַרבייטער.

אין דורכשניט הייסט דאָס, אַז יעדעס יאָהר פֿערלאָזט אַ קאָרפּס פֿון דריי אין דרייסיג טויזענד קוואַליפֿיצירטע יודישע אַרבייטער די אַלטע וואוינונגס־לענדער אין שטייגט אַראָב אויף יענעם ברעג אַטלאַנטישען אָקעאַן, אין דער צפֿון־אַמעריקאַנישער רעפּובליק. אין יאָהר־איין, יאָהר־אויס ציהען זיך אַזוי די וואַנדערנדע אַרבייטער־מחנות, שוין 12 יאָהר נאָכאַנאַנד; און עס איז דערביי גאָר נישטאָ קיין שום יסוד צו רעכענען, דאָס אין דער נאָהנטסטער צוקונפֿט זאָל דיזע וואַנדערונג זיך אָבשטעלען, אָדער אַפֿילו בעמערקבאַר קלענער ווערען. און דערביי געפֿינען זיך נאָך הגם זעהר זעלטען, אַזעלכע „פּאָליטיקער“, וואָס מיינען, דאָס די עמיגראַציאָנס־פֿראַגע איז נישט קיין אַרבייטער־פֿראַגע. דאָס זי איז ביי יודען נישט קיין אַרבייטער־פֿראַגע!

וואָס אָנבעטרעפֿט די שוואַנקונגען אין דער צאָהל אין אינ'ם פּראָצענט פֿון „קוואַליפֿיצירטע“ יודישע וואַנדערער, קען מען בעמערקען פֿאָלגענדעס:

1. דער העכסטער פּונקט פֿון דער יודישער „פּאַכאָווער“ וואַנדערונג (פּונקט ווי דער העכסטער פּונקט פֿון דער וואַנדערונג פֿון אינטעליגענטען, פֿון האַנדעלס־לייט אין פֿון עקאָנאָמיש־אַקטיווע בכלל) פֿאַלט אויס אויף דאָס יאָהר 1905; אינ'ם פֿיסקאַל־יאָהר 1906 ווערט שוין די צאָהל „פֿאַכאָווע“ יודישע וואַנדערער קלענער; דיזע צאָהל פֿאַלט אינ'ם יאָהר פֿון די אָקטאָבער־פּאָגראָמען פֿיעל מעהר אײדער די צאָהל איינגעוואַנדערטע אינטעליגענטען, האַנדעלס־לייט און אַפֿילו עקאָנאָמיש־אַקטיווע אין גאַנצען. די ברייטע אין זיעגרייכע שטרייק־בעוועגונג, וועלכע האָט אינ'ם בירגערליכען 1905 יאָהר שטאַרק אויסגעבעסערט די לאַגע פֿונ'ם אַרבייטער־קלאַס אין רוסלענדער מלוכה, האָט אַלזאָ געהאַט אַ מעכטיגערע ווירקונג אויף די עמיגראַציע אַפֿילו ווי די שוידערהאַפֿטע אָקטאָבער־פּאָגראָמען, וואָס זענען פֿאָרגעקומען אינ'ם זעלביגען יאָהר, אין האָט נישט קוקענדיג אויף דיזע פּאָגראָמען, בעמערקבאַר פֿערקלענערט (אויף 9000 מאַן) די צאָהל אויסגעוואַנדערטע פֿאַכאָווע אַרבייטער אין פֿערגלייך מיט דער וואַנדערונג פֿינ'ם פֿאָר־יאָהר. דאָס איז נאָך בעזונדער מערקווירדיג, ווייל אינ'ם פֿיסקאַל־יאָהר 1906 איז די אַלגעמיינע אימיגראַציע אין די פֿעראייניגטע שטאַטען געשטיגען.

דערט 17.066 פריקאַשציקעס צון בוכהאלטערס. אויב דער לעזער וויל, קען ער אלזא דיזע צאָהל אראָבּרעכענען פון דעם סך־הכל איינגעוואנדערטע קוואליפיצירטע ארבייטער. דאָס אלגעמיינע בילד פון דער „פּאַכאָווער“ איינוואנדערונג וועט דורכדעם זעהר וועניג געענדערט ווערען.

קוקען מיר זיך צו צו יעדען פון די פערשידענע פאַכען און בעשעפטיגונגען בעזינדער, דאַן קענען מיר בעמערקען, דאָס אין דעם שטרייקען־און פאָגראָמען־יאָהר איז געפאַלען די צאָהל יידישע וואַנדערער פין אַלע וויכטיגערע פאַכען, אין וועלכע עס זענען בעשעפטיגט הויפטזעכליך מאַנסלייט און דאָס עס איז פערקעהרט גרעסער געוואָרען די צאָהל וואַנדערער פון יענע פאַכען אין בעשעפטיגונגען, אין וועלכע עס זענען פערנומען פרויענצימער. פאָלגענדע טאַבעלע גיט אינז די מעגליכקייט אין דעם זיך צו איבערצייגען:

## טאַבעלע XXI. די צאָהל יודישע און נישט־יודישע אימיגראַנטען פון די וויכטיגערע פאַכען אין די יאָהרען 1905 און 1906

| פראָפעסיע | די צאָהל אימיגראַנטען: יודישע 1905 | יודישע 1906 | נישט־יודישע 1905 | נישט־יודישע 1906 |
|---|---|---|---|---|
| בעקער . . . . . . . | 1.460 | 1.102 | 3.385 | 3.658 |
| שמידען . . . . . . . | 1.568 | 840 | 4.396 | 5.008 |
| קצבים . . . . . . . | 2.036 | 1.237 | 2.723 | 2.957 |
| בויערערס און סטאָלערס . | 5.070 | 4.785 | 10.426 | 13.350 |
| פריקאַשצ. און בוכהאַלטערס | 2.512 | 2.288 | 9.474 | 8.057 |
| היטעלמאַכער . . . . . | 1.009 | 718 | 181 | 205 |
| שלאָסער . . . . . . . | 1.589 | 1.314 | 1.730 | 2.093 |
| פאַרבער און גלעזער . . | 8·849 | 2.297 | 2.079 | 2.234 |
| שוסטער . . . . . . . | 3.824 | 2.353 | 8,075 | 10.269 |
| שניידער . . . . . . . | 22.334 | 18.418 | 6.932 | 8.564 |
| בלעכער . . . . . . . | 1.016 | 832 | 618 | 644 |
| טאָקערס . . . . . . . | 1.219 | 677 | 587 | 490 |
| שניידערינס . . . . . . | 1.589 | 2.271 | 2.986 | 3.364 |
| מאָדיסטינס . . . . . . | 273 | 488 | 294 | 283 |
| וועש־נייטאָרינס . . . . | 2.068 | 3.574 | 2.462 | 3.125 |

אויף דער טאַבעלע זענען פאָרגעשטעלט 12 פאַכען, וואו עס זענען בעשעפטיגט הויפטזעכליך מאַנסלייט, און 3 פאַכען, וואו עס זענען בעשעפטיגט פרויענצימער. דאָס זענען אַלע בעשטימט־ווייבליכע פאַכען *) און אַלע יענע געלערענטע מענער־פאַכען, וואָס האָבען אין 1905 ציגע־

*) די זעלבע ערשיינונג קען מען אויך זעהען ביי די בעשעפטיגטע אַלס בעדיענטע, וועלכע זענען אויך הויפטזעכליך פרויענצימער: אין 1905 האָבען איינגעוואַנדערט 8000 יודישע בעדיענטע, אין 1906—9,389.

שטעלט נישט ווייניגער ווי 1000 יודישע אימיגראנטען. אין מיר זעהען, דאס אין אלע דיזע מעגליכע פאלען, איז, נישט-קוקענדיג אויף די אקטאבער-פאגראמען, די וואנדערונג אינ'ם (פיסקאל) יאהר 1906 געפאלען. דערביי איז נאך דאס יאהר 1906 גראד געווען אזעלכעס, וואס האט צוגעצויגען קיין אמעריקא א פערגרעסערטע צאהל וואנדערער פון די זעלבע פראפעסיעס, ווארים, ווי מיר זעהען, פון אונזער טאבעלע, איז די צאהל נישט-יודישע אימיגראנטען פון כמעט אלע דיזע פאכען (אחוץ פריקאשציקעס אין טאקערס) גרעסער געווארען. די גרויסע עקאנאמישע עראבערונגען, וואס דער ריסלענדער פראלעטאריאט בכלל אין דער יודישער בפרט האבען זיך דערשלאגען אין בירגערליכען יאהר 1905, האבען אויף אזא נ'ארט פערקלענערט די וואנדערונג פינ'ם יודישען ארבייטער, נישט קוקענדיג אויפ'ן בלוטיגען מביל פון פאגראמען, פון איין זייט, און אויף די וואקסענדע עקאנאמישע אויפבליהונג אין אמעריקא — פון דער אנדער זייט.

פערשטארקט האט זיך אין יענעם גרויזאמען יאהר די לויפעניש פון קינדער און פרויענצימער, ווי מיר האבען אויבען געזעהן; און ווי מיר זעהען איצטער, זענען געלאפען נישט בלויז עקאנאמיש-פאסיווע, נור אויך עקאנאמיש-אקטיווע פרויען; דער פאגראמשציק איז פאר ביידען געווען גלייך געפעהרליך און גלייך שרעקליך.

2. — אום צו קריגען א קלאהרען בעגריף איבער די שוואנקונגען פונ'ם פ ר א צ ע נ ט, וואס בילדען די קוואליפיצירטע ארבייטער צווישען די עקאנאמיש-אקטיווע יודישע וואנדערער, דארפען מיר זיך בעגנוגענען מיט די 9 יאהר זייט 1902, צוליב די ענדערונג וואס איז, ווי מיר האבען אויבען אנגעמערקט, געווים פארגעקומען אין דער רעגיסטרירונג פון א טייל עקאנאמיש-אקטיווע (די בעשעפטיגטע אין הויזליכען דינסט). מיר בעמערקען דאן, דאס דער פראצענט פון די פאכאווע ארבייטער הויבט זיך אין די יאהרען, ווען די וואנדערונג וואקסט, און דאס אין די יאהרען, ווען די וואנדערונג פאלט, פאלט אויך דער פראצענט פאכאווע ארבייטער צווישען די וואנדערער. און דאס איז גאנץ פערשטענדליך: זיי פיהלען אויף זיך אם שטארקסטען די ווירקונג פון דער צייטווייליגער עקאנאמישער קאניונקטור, אין די אינדוסטריעלע קריזיסען און איפבליהונגען ווירקען אויף זייער וואנדערונג שטארקער ווי אויף די וואנדערונג פון אנדערע „עקאנאמיש-אקטיווע", וואס זענען ווייניגער דירעקט פערבונדען מיט דער געגענווערטיגער פראדוקציע. און דעריבער טאקי, ווען די עמיגראציע הויבט זיך, הויבט זיך די עמיגראציע ביי די פאכאווע ארבייטער אין א גרעסערער מאס ווי ביי אנדערע וואנדערער (זייער פראצענט צווישען די וואנדערער וואקסט), און פערקעהרט, ווען די עמיגראציע פאלט, דאן שטעלט זיך זייער וואנדערונג מעהר אב ווי די וואנדערונג פון אנדערע סאציאלע עלע-

מענטשען. אין דער הינזיכט שטעלט אלזא די יודישע עמיגראציע קיין שום אונערוואַרטעטע זאַכען ניט פאר.

ס'וואָלט געווען אינטערעסאַנט פעסטצושטעלען, צו נישט קיקענדיג אויף די צייטוויילינע שוואַנקונגען, האלט דער פראָצענט פון די פאַכאָווע וואַנדערער ביי יודען אין גרעסער ווערען, אדער, פערקעהרט, ער שטרעבט צו ווערען מיט דער צייט קלענער? די ציפער פון דער טאַבעלע XX היבען אונז אָבער נאָך דערווייַלע נישט די מעגליכקייט צו געבען אויף דעם אַ בעשטימטען ענטפער. פונדעסטוועגען אַ געוויסע, הגם נישט קיין גענוי קלאָרע, טענדענץ לאָזט זיך יאָ בעמערקען, דערהויפט אויב מיר קיקען זיך צו צו די שוואַנקונגען בלויז זייט 1902 (צוליב דער איבענדערמאָנטער סבה). דער פראָצענט פון די פאַכאָווע אַרבייטער צווישען די עקאָנאָמיש-אַקטיווע יידישע וואַנדערער האלט גיכער אין שטייגען ווי אין פאלען: אינ'ם פיסקאל-יאָהר 1906, דעם יאָהר פון זיגרייכע שטרייקען פון איין זייט און פאָגראָמען פון דער אַנדערער, ווען די „פאַכאָווע" יודישע וואַנדערונג האָט זיך שטאַרק פערקלענערט, איז דער פראָצענט „פאַכאָווע" נישט געוועזען קלענער, ווי אין דורכשניט פאַר די לעצטע 12 יאָהר. אפילו אין די יאָהרען פונ'ם קריזיס אין אַמעריקא (1908—1909), ווען דער פראָצענט פאַכאָווע אַרבייטער האָט געדאַרפט שטאַרק פאַלען און איז ווירקליך געפאַלען, איז ער פונדעסטוועגען געבליבען נאָך פיעל העכער ווי אין די יאָהרען 1902 און 1903; אין דעם לעצטען יאָהר (1910) האָט דער פראָצענט פאַכאָווע אַרבייטער שוין דערגרייכט צו דערזעלבער שטופע ווי אין 1905, ווען די יודישע וואַנדערונג האָט געהאַט דערגרייכט איהר העכסטע מדרגה. אינ'ם פיסקאַל-יאָהר 1910 האָט זיך אָבער נאָך די עקאָנאָמישע לאַגע אין אַמעריקא נישט געהאַט אין גאַנצען געבעסערט און מיר דאַרפען אַלזאָ רעכענען דאָס אין 1911 וועט דער פראָצענט פאַכאָווע אַרבייטער צווישען די עקאָנאָמיש-אַקטיווע יודישע וואַנדערער אריבערשטייגען אפילו דעם פראָצענט פונ'ם יאָהר 1905 (*).

## קאַפּ. VI.—די וויכטיגערע פאַכאָווע גרופּעס (דורכשניטליכער רעזולטאַט).

שוין צייט זיך מעהר נישט צו בעגנוגענען מיט דער אַלגעמיינער בעצייכנונג „פאַכאָווע אַרבייטער"; לאָמיר זיך צו זיי נעהנטער צוקוקען און זעהען, וואָס זענען דאָס פאַר פאַכאָווע אַרבייטער: צו וועלכע פאַכען

* און ווירקליך אין 1911 יאָהר האָט זיך די צאָהל אַקטיווע יודישע אימיגראַנטען אויפגעהויבען אויף 52,998 (אָנשטאָט 45.813 אין 1910) און צוזאַמען מיט דעם האָט דער פראָצענט „קוואַליפיצירטע" דערגרייכט צו אַ נישט-געהערטער מדרגה: 74 פראָצענט!

געהערען זיי? וואָס פאַר אַנ׳אָנטייל נעהמען די אַרבייטער פון פערשידענע פאַכען אין דער וואַנדערונג? צו וואַנדערען די אַרבייטער פון אַלע פאַכען אין אַ גלייכער מאָס, אָדער פערקעהרט, איינע עמיגרירען מעהר, אַנדערע וועניגער?

פאָלגענדע טאַבעלע ווייזט אונז, ווי די יודישע קוואַליפיצירטע אַרבייטער, וואָס זענען אָנגעקומען אין די פעראייניגטע שטאַטען אין משך פון די 12 יאָהר 1899—1910, זענען איינגעטיילט צווישען די וויכטיגסטע פאַכאָווע גרופּעס*).

## טאַבעלע XXII. די יודישע עמיגראַנטען פון קוואַליפיצירטע פּראָפעסיעס לויט פאַכאָווע גרופּען

(בסך הכל פאַר די צייט פון 1899 ביז 1910):

| פאַכאָווע גרופּען | אבסאָלוטע צאָהל | צווישען יעדע 100: עקאָנאָמיש-אקטיווע | צווישען יעדע 100: קוואַליפי-צירטע |
|---|---|---|---|
| שניידעריי . . . . . . . | 184.754 | 31 | 47 |
| בעקליידונגס-אינדוסטריע אין גאַנצען | 217.718 | 37 | 55 |
| בוי און האָלץ-אינדוסטריע . . . | 58.474 | 10 | 15 |
| מעטאל און מאשין-אינדוסטריע . . | 29.605 | 5 | 7,5 |
| שפּייזונגס-אינדוסטריע . . . . | 28.310 | 5 | 7 |
| יובילעריי און אוהרען-אינדוסטריע . | 8.512 | 1,4 | 2,2 |
| טעקסטיל-אינדוסטריע . . . . | 4.407 | 0,8 | 1,1 |
| אלע איבעריגע פאכען . . . . | 48.797 | 8 | 12 |

דיזע טאַבעלע, אָדער די דיאַגראַמע № 4, עפענט פאַר אונז די אייגענאַרטיגסטע זייט פון דער יודישער וואַנדערונג. מיר דערזעהען, דאָס

*) אונטער „שניידעריי“ זענען בעצייכענט שניידער, שנײדערקעס און וועש-נייטאָרינס; אונטער „בעקליידונגס-אינדוסטריע אין גאַנצען“ זענען פעררעכענט די בעשעפטיגטע אין שניידעריי און דערצו נאָך — שוסטער, היטעל-מאכער, פעלץ-ארבייטער און מאָדיסטינס; אונטער „בוי- און האָלץ-אינדוסטריע“ — פארבער און גלעזער, בויערער און סטאָלערס, מאַליארעס, טאפּיצירער, טאָקערס און האָלץ-ארבייטער אָהן נעהנטערע בעצייכנונג; אונטער „שפּייזונג-אינדוסטריע“ — בעקער, ביער-ברויער, קצבים, מילנער און טאבאַק-ארבייטער; אונטער „מעטאל און מאשין-אינדוסטריע“ — שמידען, אייזען-און שטאָל-ארבייטער, שלאָסער און מאשיניסטען, מעכאניקער, גיסער, בלעכער, הייצער, און אינזשענערען; אונטער „יובילעריי און אוהרען-אינדוסטריע“ — יובעלירען, איידעל-מעטאַל-ארבייטער און זייגערמאכער; אונטער „טעקסטיל-אינדוסטריע“ — וועבער און שפינער און טעקסטיל-ארבייטער אָהן א גענויערע בעצייכנונג; אין די „אלע איבעריגע פאכען“ געפינען זיך אויך די 17.065 פּריקאשציקעס און בוכהאלטער.

פון די 395.823 פאַכאָווע יודישע אימיגראַנטען, וואָס האָבען בסך הכל אײַנגעוואַנדערט פאַר די לעצטע 12 יאָהר אין די פעראײניגטע שטאַטען, געהערען צו דער בעקלײדונגס־אינדוסטריע 217.718, ד. ה. 55 פראָצענט; אַלע אַנדערע פאַכען צוזאַמען, ווען מ'זאָל אַפילו די פריקאַשציקעס אויך צורעכענען צו די „פאַכאָווע“ אַרבײטער, האָבען צוגעשטעלט 178.105 אימיגראַנטען, ד. ה. בלויז 45 פראָצענט. די ווײַט גרעסטע העלפט פון אַלע „פאַכאָווע“ יודישע וואַנדערער בעשטעהט אַלזאָ פון בעשעפטיגטע אין בעקלײדונגס־בראַנש, הויפטזעכליך פשוט אין שנײַדערײַ (47 פראָצענט פון אַלע פאַכאָווע); אַלע אַנדערע פאַכען, צוזאַמענגענומען, שטעלען אַפילו נישט צו די העלפט פון די פאַכאָווע יודישע וואַנדערער.

אַזוי ווי די פאַכאָווע אַרבײטער בילדען צוויי דריטעל (67 פראָצענט) פון אַלע עקאָנאָמיש־אַקטיווע יודישע וואַנדערער, קומט אַלזאָ אויס, דאָס די בעשעפטיגטע אין בעקלײדונגס־בראַנש שטעלען צו מעהר ווי אַ דריטעל (37 פראָצענט) פון אַלע יודישע עקאָנאָמיש־אַקטיווע וואַנדערער, און דאָס אַלע אַנדערע פאַכען צוזאַמען שטעלען צו ווייניגער ווי אַ דריטעל, (30 פראָצענט מיט די פריקאַשציקעס; אָהן זיי — בלויז 27 פראָצענט). מיר קומען אַלזאָ צום בעשלוס, דאָס פון אַלע עקאָנאָמיש־אַקטיווע יודישע וואַנדערער, ד. ה. פון די אַלע, וואָס האָבען אַ וועלכע נישט איז בעשעפטיגונג, געהערט איין דריטעל צו דער „געמישטער“ גרופּע פון בעדינטע, הענדלער אָדער פשוט לופט־מענשען; אַ צווייטער טייל, אַ פולער דריטעל בעשטעהט פון בעקלײדונגס־אַרבײטער, אָדער אײנפאַך — פון בעשעפטיגטע אין שנײַדערײַ; דער דריטער טייל, אַ גענויער דריטעל, בעשטעהט פון אַלע אַנדערע פערשידענאַרטיגע מלאכות און פראָפעסיעס צוזאַמען. אין גרויסען געגומען, קען מען דעריבער זאָגען, אַז די יודישע עמיגראַציע איז הויפטזעכליך אַ וואַנדערונג פון שנײַדערס און לופט־מענשען.

דעם אײגענאַרטיגען פראָפעסיאָנעלען בעשטאַנד פון די יודישע וואַנדערער איז נאָך צו זעהען בעזונדער בולט פון פאָלגענדער טאַבעלע, לויט וועלכער עס איז לײַכט צו פערגלײַכען דעם פראָפעסיאָנעלען בעשטאַנד פון די יודישע און די נישט־יודישע אימיגראַנטען אין די פעראײניגטע שטאַטען לויט דעם כך־הכל פון די לעצטע 12 יאָהר, (ז. זײַטע 68).

מיר זעהען דאָ, אַז דער פראָצענט פאַכאָווע אַרבײטער איז צווישען די יודישע עקאָנאָמיש־אַקטיווע וואַנדערער 4 מאָל אַזוי גרויס ווי צווישען די נישט־יודישע (67 פראָצענט ביי די יודען שטאָט 16 בײַ די נישט־יודען). נור בעת בײַ די נישט־יודישע וואַנדערער זענען בלויז 20 פראָצענט פון די פאַכאָווע אַרבײטער בעשעפטיגט אין בעקלײדונגס־בראַנזש (203,614 : 1027,705), אין 80 פראָצענט זענען

## טאבעלע XXIII. דער פראָפעסיאָנעלער בעשטאַנד פון די יודישע אימיגראַנטען לויט'ן סך הכל פאַר די יאָהרען 1899—1910.

| פראָפעסיעס | אַקטיווע | פון זיי: פאַכאָווע | בעשעפטיגטע אין בעקלייד.-בראנזשע. | בעשעפטיגטע מיט שניידעריי. | שניידער* |
|---|---|---|---|---|---|
| אבסאָלוטע צאָהלען: | | | | | |
| יודען | 590.267 | 395,823 | 217.778 | 184.778 | 145.272 |
| ניט-יודען | 6458.689 | 1.027.705 | 203.614 | 203.614 | 66.787 |
| אויף 100 אקטיווע: | | | | | |
| ביי יודען | 100 | 67 | 37 | 31 | 25 |
| ביי ניט-יודען | 100 | 16 | 3 | 2 | 1 |
| יודען אויף 100 ניט-יודען פון דערזעלבער קאַטעגאָריע. | 9 | 39 | 107 | 152 | 218 |

בעשעפטיגט אין אַנדערע פאַכען, זענען ביי די יודישע וואַנדערער, ווי מיר האָבען געזעהען, 55 פראָצענט פון די פאַכאָווע אַרבייטער בעשעפטיגט אין בעקליידונגס-בראַנש און בלויז 45 אין אַלע איבעריגע פאַכען. דער פראָצענט עקאָנאָמיש-אַקטיווע וואַנדערער, וואָס זענען בעשעפטיגט אין בעקליידונגס-בראַנש, איז דורכדעם ביי יודען 12 מאָל אַזוי גרויס ווי ביי נישט-יודען (37 פראָצענט שטאָט 3). און אַפילו אין בעקליידונגס-אינדוסטריע גופא איז נישט אין אַלע פאַכען דער אָנטייל פון די יודישע וואַנדערער גלייך גרויס: ער איז פערהעלטניסמעסיג קלענער אין שוסטעריי (23.519 איינגעוואַנדערטע יודישע שוסטער אין 77.764 נישט-יודישע); ער איז אָבער בעזונדער גרויס אין שניידעריי. דער פראָצענט עקאָנאָמיש-אַקטיווע וואַנדערער, וואָס זענען בעשעפטיגט אין שניידעריי איז ביי יודען 15 מאָל אַזוי גרויס ווי ביי נישט-יודען (31 פראָצענט שטאָט 2). נור דער גרעסטער חלוק צווישען דעם פראָפעסיאָנעלען בעשטאַנד פון דער יודישער און נישט יודישער עמיגראַציע ווייזט זיך אַרויס, אויב מיר לאָזען נאָך אָן א זייט די די פּרויענצימער, וואָס זענען בעשעפטיגט אין בעקליידונגס-בראַנש; לאָזען מיר אָן אַ זייט די שניידערינס און די וועש-נעהטערינס, און נעהמען מיר בלויז די שניידערס אין ענגען זין פון

*) אונטער „שניידער" זענען דאָ געמיינט שניידער אין ענגסטען זין פון וואָרט, ד. ה. שניידערקעס און וועש-נעהטאָרינס זענען אַהער נישט אריינגערעכענט.

וואָרט, דאַן וועהען מיר דאָס דער פּראָצענט שנײַדערס איז צווײ-שען די עקאָנאָמיש-אַקטיווע וואַנדערער בײַ די יודען 25 מאָל אַזוי גרויס ווי בײַ די נישט-יודען (25 פּראָצענט שטאָט 1).

און דערפון נעהמט זיך טאַקי די מערקווירדיגע ערשײַנונג, וועלכע מיר זעהען אין דער אונטערשטער שורה פון אונזער טאַבעלע: בכלל גענומען, אויף יעדע 100 נישט-יודישע עקאָנאָמיש-אַקטיווע וואַנדערער, וואָס זענען אין פערלויף פון די 12 יאָהר געקומען אין די פעראייניגטע שטאַטען, זענען געוועזען בלויז 9 יודישע; אויף הונדערט נישט-יודישע „פּאַכאָווע” אײַנוואַנדערער זענען שוין אָנגעקומען 39 יודישע; אויף 100 נישט-יודישע אימיגראַנטען, וואָס זענען בעשעפטיגט אין בעקליידונגס-בראַנש, זענען אָנגעקומען יודישע אימיגראַנטען פון דער זעלבער בראַנזשע—107, ד. ה. מעהר ווי פון אַלע אַנדערע פעלקער צוזאַמען; אויף 100 בעשעפ-טיגטע אין שנײַדערײַ נישט-יודען — זענען אָנגעקומען 152 יודען, און צום סוף אויף 100 נישט-יודישע שנײַדערס האָבען אײַנגעוואַנדערט 218 יודי-שע, ד. ה. די צאָהל אײַנגעוואַנדערטע יודישע שנײַדערס איז מעהר ווי צוויי מאָל אַזוי גרויס ווי די צאָהל אײַנגע-וואַנדערטע שנײַדערס פון אַלע אַנדערע פעלקער צוזאַ-מען גענומען.

## קאַפּ. VII.—די וויכטיגערע פּאַכאָווע גרופּען (ענמוויקלונגס-טענדענצען).

דאָס איז דער סך הכל פון די גאַנצע 12 יאָהר. מיר האָבען אָבער אויבען געזעהן, דאָס דער פּראָצענט פון די הענדלער-גרופּע האַלט אין פאַלען. ווי האַלט עס מיט'ן פּראָצענט שנײַדער? צו שטרעבט דער חלק פון די בעשעפטיגטע אין בעקליידונגס-בראַנש אויך קלענער צו ווערען און שטאָט דעם פערגרעסערט זיך ביסלעכווײַז דער פּראָצענט וואַנדערער וואָס קומט אוים אויף אַנדערע פּראָפעסיעס — אָדער נישט?

איך וועל מיך דאָ גענוי נישט אָבשטעלען אויף די פּאַכאָווע גרופּען, וואָס שטעלען צו אַ קליינעם טייל פון די יודישע וואַנדערער. איך וועל מיך בענוגענען מיט אַ פּאָר ידיעות וועגען זיי (ז. טאַבעלע XXIV).

אין אַלע דיזע דרײַ פּאַכאָווע גרופּען, וועלכע פערנעהמען אַ מערק-באַרען פּלאַץ אין דער יודישער וואַנדערונג נאָך דער בעקליידונגס-בראַנש, קענען מיר בעמערקען אַ געוויסע טענדענץ צו פאַלען: די בעשעפטיגטע אין בוי- און האָלץ-אינדוסטריע, וועלכע פלעגען אין אָנפאַנג פון די 12 יאָהר צושטעלען 16—15 פּראָצענט פון די פּאַכאָווע יודישע וואַנדערער, שטעלען צום סוף צו בלויז 12½—12 פּראָצענט; די בעשעפטיגטע אין מעטאַל- און מאַשינען-אינדוסטריע פלעגען אין אָנפאַנג צושטעלען 8—7 פּראָצענט און צום סוף בלויז 6½—6; די בעשעפטיגטע אין שפּײַזונגס-

טאַבעלע XXIV. צווישן יעדע 100 „פאַכאָווע" יודישע אימיגראַנטען זענען געווען בעשעפטיגט אין פאָלגענדע פאַכאָווע גרופען:

| | 1899 | 1900 | 1901 | 1902 | 1903 | 1904 | 1905 | 1906 | 1907 | 1908 | 1909 | 1910 | 1899-1910 |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| בוי און האָלץ-אינדוסטריע | 15 | 16 | 15 | 16 | 14 | 16 | 16 | 16 | 14,5 | 13 | 12,5 | 12 | 15 |
| מעטאַל-און מאַשין-אינדוסט. | 7 | 7 | 8,5 | 8 | 9 | 8 | 8 | 7 | 7 | 7 | 6,5 | 6 | 7,5 |
| שפּיזוננס-אינדוסטריע | 11 | 9 | 8,5 | 8 | 8 | 7 | 7 | 6 | 6,5 | 6 | 6 | 6 | 7 |
| אין דיזע דריי גרופּען צוזאַמען | 33 | 32 | 32 | 32 | 31 | 31 | 31 | 29 | 28 | 26 | 25 | 24 | 29 |

אינדוסטריע — אין אָנפאַנג 9 ביז 11 פּראָצענט און צום סוף נור 6 פּראָצ. די אַלע דריי גרופּען צוזאַמען האָבען אין אָנפאַנג צוגעשטעלט אַ דריטעל (33 פּראָצ.) פון די „פּאַלאָווע" יודישע עמיגראַנטען, און צום סוף בלויז אַ פערטעל (24 פּראָצ.).

נור ווײַבאַלד דער פּראָצענט-טייל „פּאַלאָווע" וואַנדערער, וואָס געהערען צו אַנדערע פאַכען ווי קליידונגס-בראַנזש, האַלט אין פאַלען, דאַן קומט שוין ממילא אויס, דאָס דער פּראָצענט פון די בעשעפטיגטע אין קליידונגס-בראַנזש האַלט אין וואַקסען. פאָלגענדע טאַבעלע ווייזט אונז, דאָס אַזוי איז עס טאַקי אין דער ווירקליכקייט:

## טאַבעלע XXV. בעשעפטיגטע אין בעקליידונגס-בראַנזש און ספּעציעל מיט שניידעריי צווישען די יודישע אימיגראַנטען.

| יאָהר. | בעשעפטיגטע אין קליידונגס-בראַנזש | | | פון זיי בעשעפטיגט אין שניידעריי | | |
|---|---|---|---|---|---|---|
| | אבסאָלוטע צאָהל | צווישען יעדע 1.000 | | אבסאָלוטע צאָהל | צווישען יעדע 1.000 | |
| | | עקאָנאָמיש-אקטיווע | קוואַליפיצירטע | | עקאָנאָמיש-אקטיווע | קוואַליפיצירטע |
| 1899 | 5.722 | 323 | 466 | 4.611 | 260 | 376 |
| 1900 | 9.949 | 323 | 473 | 8.331 | 271 | 396 |
| 1901 | 9.076 | 344 | 495 | 7.792 | 295 | 425 |
| 1902 | 9.099 | 287 | 510 | 7.814 | 247 | 438 |
| 1903 | 14.162 | 314 | 523 | 12.548 | 279 | 464 |
| 1904 | 24.197 | 357 | 537 | 20.240 | 299 | 449 |
| 1905 | 31.717 | 382 | 526 | 25.991 | 313 | 432 |
| 1906 | 28.352 | 370 | 554 | 24.263 | 317 | 474 |
| 1907 | 33.021 | 411 | 594 | 28.656 | 357 | 516 |
| 1908 | 21.584 | 381 | 596 | 18.460 | 326 | 510 |
| 1909 | 10.887 | 381 | 598 | 9,121 | 321 | 501 |
| 1910 | 20.012 | 437 | 609 | 16.927 | 369 | 515 |
| 1899—1910 | 217.778 | 369 | 550 | 184.754 | 313 | 467 |

הגם די צאָהל און דער פּראָצענט, וואָס בילדען צווישען די עקאָנאָמיש-אַקטיווע וואַנדערער די בעשעפטיגטע אין בעקליידונגס-בראַנזש, און ספּעציעל אין שניידעריי, הויבען זיך אויף און לאָזען זיך אַראָפּ צו דער זעלבער צייט ווי די צאָהל און דער פּראָצענט פון די פּאַלאָווע אַרבייטער בכלל, — פונדעסטוועגען איז לייכט צו בעמערקען, דאָס דער חלק יודישע וואַנדערער, וואָס זענען בעשעפטיגט אין בעקליידונגס-בראַנזש האַלט אין וואַקסען. ביי די שוואַנקונגען וועלכע זענען אַרויסגערופען אין 1902 דורך די גרויסע צאָהל פּערעגיסטרירטע דינסטלייט, אין 1906 דורך די

פֿאָגראָמען און שטרייק־בעוועגונג: און אין 1908—1909 הרכּ'ן קריזיס) דערגרייכט די צאָהל בעשעפֿטיגטע אין בעקליידונגס־בראַנזש אין די ערשטע 6 יאָהר קיינמאָל נישט צו גאַנצע 36 פּראָצענט פֿון אַלע עקאָנאָמיש־אַקטיווע יודישע וואַנדערער; פֿערקעהרט אין פֿערלויף פֿון די לעצטע זעקס יאָהר פֿאַלט זי קיינמאָל נישט אַרונטער נידעריגער ווי 37 פּראָצענט; אינ'ם לעצטען יאָהר, אין 1910, זענען שוין די בעשעפֿטיגטע אין בעקליידונגס־בראַנזש 3/7 פֿון אַלע עקאָנאָמיש־אַקטיווע יודישע וואַנדערער, ד. ה. פֿון יעדע 7 אַקטיווע יודישע וואַנדערער זענען 3 בעשעפֿטיגט אין בעקליידונג און 4 געהערען צו אַ וועלכער נישט איז אַנדער פּרנסה, דערין שוין אַריינגערעכענט אויך די, וואָס לעבען פֿון דינערשאַפֿט, פֿון האַנדעל אָדער סתם „פֿון דער לופֿט“.

כמעט דאָס זעלבע זעהען מיר בײַ די בעשעפֿטיגטע ספּעציעל מיט שנײַדערײַ. דער קלענסטער פּראָצענט, וואָס קומט אויס אויף זייער חלק פֿאַר די לעצטע 6 יאָהר (פֿולע 31 פּראָצענט אין 1905) איז גרעסער פֿאַר דעם גרעסטען פּראָצענט, צו וועלכען זיי האָבען דערלאַנגט אין די פֿריהערדיגע 6 יאָהר (גענויע 30 פּראָצענט אין 1904). אינ'ם לעצטען יאָהר, אין 1910, בילדען די בעשעפֿטיגטע מיט שנײַדערײַ אַליין בעדײַטענד מעהר ווי אַ דריטעל פֿון אַלע עקאָנאָמיש־אַקטיווע יודישע וואַנדערער (37 פּראָצענט).

פֿערגלײַכען מיר די צאָהל בעשעפֿטיגטע אין בעקליידונג נישט מיט אַלע עקאָנאָמיש־אַקטיווע, נור בלויז מיט די פֿאַכאָווע אַרבײַטער, דאַן האָבען מיר פֿאַר זיך פּשוט אַ מערקווירדיגע ערשײַנונג: דער חלק פֿון די פֿאַכאָווע אַרבײַטער, וואָס זענען בעשעפֿטיגט אין בעקליידונג־בראַנזש און ספּעציעל מיט שנײַדערײַ האַלט צווישען די יודישע וואַנדערער אין איין וואַקסען*). אין 1899 זענען קוים 38 פּראָצענט פֿון אַלע „פֿאַכאָווע“ געוועזען בעשעפֿטיגט מיט שנײַדערײַ און קוים 47 פּראָצענט זענען געווען בעשעפֿטיגט אין דער בעקליידונגס־אינדוסטריע בכלל; אין 1910 זענען שוין $51^1/_2$ פּראָצענט פֿון די פֿאַכאָווע אַרבײַטער בעשעפֿטיגט מיט שנײַדערײַ און 61 פּראָצענט אין בעקליידונג בכלל. די לעצטע 4 יאָהר נאָכאַנאַנד בילדען די בעשעפֿטיגטע מיט שנײַדערײַ אַליין די אַבסאָלוטע מעהרהײַט פֿון אַלע פֿאַכאָווע אַרבײַטער צווישען די יודישע וואַנדערער, און די בעשעפֿטיגטע אין בעקליידונגס־אינדוסטריע בכלל בילדען גאַנצע 60 פּראָצענט פֿון אַלע פֿאַכאָווע אַרבײַטער צווי־

*) זעה די דיאַגראַממע נומ' 5.

שען די יודישע וואַנדערער. אַלע איבעריגע פֿאַכען צוזאַמען, וועלכע האָבען נאָך אין 1899 צוגעשטעלט פֿולע 53 פּראָצענט פֿון די „פֿאַכאָווע“ וואַנדערער, האָבען די לעצטע 4 יאָהר צוגעשטעלט שוין נישט מעהר ווי 40 פּראָצענט, און אין׳ם לעצטען יאָהר (1910) — בלויז 39.

מיר קומען אַלזאָ צום בעשלוס, דאָס נישט נור שנײַדערײַ איז די הערשענדע פּראָפֿעסיע פֿון די יודישע וואַנדערער, נור דאָס די יודישע עמיגראַציע שטרעבט צו ווערען אַלץ מעהר אַ שנײַדערשע, אַ וואַנדערונג פֿון בעשעפֿטיגטע מיט שנײַדערײַ.

## קאַפּ. VIII. פֿאַכען מיט אַ יודישער מעהרהײַט.

פֿונדעסטוועגען דאַרף מען נישט פֿערגעסען, דאָס, פֿון איין זײַט, געהערען די יודען צו יענע פֿעלקער, וועלכע שטעלען־צו די פֿעראייניגטע שטאַטען די גרעסטע צאָהלען איינוואַנדערער, און פֿון דער צווייטער זײַט, דאָס צווישען די וואַנדערער זענען פֿאַראַן פֿאַכאָווע אַרבײַטער בײַ די יודען פֿיעל מעהר ווי בײַ די נישט־יודען (67 פּראָצענט בײַ יודען און נור 16 פּראָצענט בײַ נישט־יודען). אין דעריבער טאַקי נישט קוקענדיג אויף דעם אויסערגעוועהנליך גרויסען חלק „פֿאַכאָווע“ יודישע וואַנדערער, וואָס איז בעשעפֿטיגט אין בעקליידונגס־אינדוסטריע, פֿערנעהמען די יודען לויט זייער צאָהל די ערשטע ערטער צווישען די אימיגראַנטען פֿון די פֿעראייניגטע שטאַטען נאָך אין אַ גאַנצער רייהע אַנדערע פֿאַכען, ווי דאָס איז צו זעהן פֿון פֿאָלגענדע טאַבעלע, (זעה ז. 74):

די יודישע עמיגראַנטען בילדען אַלזאָ אַן׳אַבסאָלוטע אָדער אַ רעלאַטיווע מעהרהײַט אין 25 פֿון די 49 קוואַליפֿיצירטע פּראָפֿעסיעס, אין וועלכע די אַמעריקאַנישע סטאַטיסטיק גרופּירט אַלע איינגעוואַנדערטע פֿאַכאָווע אַרבײַטער. אין 8 פֿון דיזע פֿאַכען בילדען יודען די אַבסאָלוטע מעהרהײַט, ד. ה. מעהר ווי די אימיגראַנטען פֿון אַלע איבעריגע פֿעלקער גענומען צוזאַמען; דאָס איז אין די פֿאַכען: היטעלמאַכער, פֿעלץ־אַרבײַטער, בוכבינדער, שנײַדער, זייגערמאַכער, בלעכער, טאָקער און מאָדיסטינס; דאָס, קען מען אַלזאָ זאָגען, זענען אין דער אַמעריקאַנער אימיגראַציע — יודישע פֿאַכען. אין די איבעריגע 17 פֿאַכען פֿון אונזער טאַבעלע בילדען די יודישע אימיגראַנטען אַ רעלאַטיווע מעהרהײַט, ד. ה. די יודען זענען דאָרט אין אַ גרעסערער צאָהל ווי אַ וועלכע נישט איז אַנדער פֿאָלק גענומען בעזונדער (דעם צווייטען אָרט אין דיזע פֿאַכען נאָך די יודען פֿערנעהמען געוועהנליך די דײַטשען אָדער די ענגלענדער); דערבײַ זענען די יודען בלויז אין 2 פֿון דיזע פֿאַכען (פּריקאַזשציקעס און

## טאַבעלע XXVI. יודישע און אַלגעמיינע איינוואַנדערונג פון בעשעפטיגונג אין יענע פאַכען, אין וועלכע די יודישע אימיגראַנטען בילדען לכל הפחות אַ רעלאַטיווע מעהרהייט (בסך הכל פאַר די צייט 1899—1910):

| פאַכען | צאָהל אימיגראַנטען: יודען | צאָהל אימיגראַנטען: אין גאַנצען | יודען צווישן יעדע 100 אימיגראַנטען | פאַכען | צאָהל אימיגראַנטען: יודען | צאָהל אימיגראַנטען: אין גאַנצען | יודען צווישן יעדע 100 אימיגראַנטען |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| היטעלמאַכער* . . . | 4.070 | 5.123 | 79,5 | שניידערינס . . . . | 16.303 | 38.369 | 42,5 |
| פעלץ-אַרבייטער* . . | 3.144 | 4.205 | 75 | וועש-נעהטערינס . . | 23.179 | 56.048 | 41 |
| בוכבינדער* . . . . | 3.009 | 4.372 | 69 | פאָטאָגראַפיסטען* . . | 1.013 | 2.631 | 38,5 |
| שניידער . . . . . | 145.272 | 212.059 | 68,5 | זאָטל-מאַכער און רימער | 2.311 | 6.329 | 36,5 |
| זייגערמאַכער . . . | 4.444 | 7.358 | 60,5 | שלאָסערס . . . . | 9.385 | 26.419 | 35,5 |
| בלעכער . . . . . | 6.967 | 12.581 | 54 | איידעל מעטאַל-אַרבייטער* | 2.231 | 6.289 | 35,5 |
| טאָקער* . . . . . | 3.494 | 6.531 | 53,5 | קצבים . . . . . . | 11.413 | 34.065 | 33,5 |
| מאָדיסטינס* . . . . | 2.291 | 4.307 | 53 | דרוקער . . . . . | 2.455 | 8.320 | 29,5 |
| . . . . . . . . | — | — | — | האָלץ-אַרבייטער* . . | 1.417 | 5.172 | 27,5 |
| גאַרבער . . . . . | 3.715 | 7.510 | 49,5 | בעקער . . . . . | 10.925 | 40.556 | 27 |
| פאַרבער און גלעזער . | 16.387 | 35.758 | 46 | בויערער און סטאָלאַרעס | 36.138 | 141.326 | 25,5 |
| מאַפּעצירער* . . . . | 1.109 | 2.426 | 46 | פריקאַזשצ. און בוכהאַל. | 17.066 | 94.544 | 18 |
| יובעלירען . . . . | 1.837 | 4.083 | 45 | שמידען . . . . . . | 7.822 | 49.451 | 16 |

* אויסגעטײלט אין די בעריכטען פון'ם גענעראַל-קאָמיסאַר אלס אַ בעזונדער פאַך בלויז זייט 1904.

שמידען) וועניגער ווי אַ פֿערטעל פֿון אַלע איינגעוואַנדערטע; אין אַלע איבעריגע 15 פֿאַכען מאַכען זיי אויס פֿון אַ העלפֿט ביז אַ פֿערטעל פֿון אַלע אימיגראַנטען.

כ'איז דערביי ווערט צו בעמערקען, דאָס פֿון די 13 נייע פֿאַכען, וועלכע זענען איינגעפֿיהרט געוואָרען אין די אַמעריקאַנישע איינוואַנדערונג-סטאַטיסטיק זייט 1904 (היטעלמאַכער, פעלץ-אַרבייטער, בוכבינדער, טאָקער, מאָדיסטינס, טאַפּעצירער, שניידערינס, פֿאָטאָגראַפֿיסטען, איידעל-מעטאַל-אַרבייטער, האָלץ-אַרבייטער, באַהן און שיף-אינזשענערען, גראַווירער און טעקסטיל-אַרבייטער, אַנדערע ווי וועבער און ווי שפּינער), בילדען די יודישע אימיגראַנטען אַנ'אַבסאָלוטע אָדער רעלאַטיווע מעהרהייט אין גאַנצע 10 פֿון זיי; בלויז אין דריי פֿון זיי (אינזשענערען, גראַווירער און טעקסטיל-אַרבייטער, וואָס זענען נישט קיין וועבער און קיין שפּינער) זענען יודען אַ קליינע מינדערהייט; אין 5 זענען זיי אַנ'אַבסאָלוטע מעהרהייט. פֿון די 8 פֿאַכען, אין וועלכע די יודישע אימיגראַנטען זענען בכלל אַנ'אַבסאָלוטע מעהרהייט, האָבען אַלזאָ 5 פֿריהער אינגאַנצען קיין שום בעדייטונג אין דער אימיגראַציע נישט געהאַט: די יודישע אימיגראַנטען האָבען, אַזוי צו זאָגען, דיזע פֿאַכען אין אַמעריקא געבראַכט.

ווילען מיר ווידער לאָזען אָן אַ זייט די סטאַטיק, דעם דורכשניטליכען צושטאַנד פֿאַר אַ רייהע יאָהרען, און מיר קוקען זיך צו צו דער דינאַמיק, צו די ענדערונגען, וואָס קומען פֿאָר אינ'ם פּראָפֿעסיאָנעלען בעשטאַנד פֿון די יודישע וואַנדערער, צו די ענטוויקלונגס-טענדענצען אין דיזער הינזיכט, און מיר שטעלען זיך די פֿראַגע: צי די צאָהל פֿאַכען, אין וועלכע די יודישע אימיגראַנטען זענען אַ מעהרהייט, האַלט אין וואַקסען, אין פֿאַלען אָדער זי בלייבט אָהן ענדערונג? — דאַן איז דעם ענטפֿער אויף דעם לייכט פֿאָראויסצוזעהן: אין אונזער ערשטער אָבטיילונג האָבען מיר פֿון איין זייט געזעהן, אַז די אַלגעמיינע אימיגראַציע וואַקסט זייט אַ געוויסע צייט פֿיעל שטאַרקער, ווי די יודישע; אַחוץ דעם, האָבען מיר געזעהן, דאָס דער פּראָצענט פֿאַכאַרבייטער צווישען די יודישע וואַנדערער האַלט אין פֿאַלען אַחוץ אין בעקליידונגס-בראַנזש, וואו ער האַלט, פֿערקעהרט, אין וואַקסען; מ'דאַרף אַלזאָ רעכענען, דאָס אין אַנדערע פֿאַכען, אַחוץ בעקליידונגס-בראַנזש, הערען די יודישע אימיגראַנטען ביסלעכווייז אויף צו זיין די מעהרהייט. אַזוי געהט עס טאַקי צו אין דער ווירקליכקייט, ווי דאָס איז לייכט צו זעהן פֿון פֿאָלגענדע טאַבעלע, (זעה ז. 76):

אין יאָהר 1904, ווען עס זענען צום ערשטען מאָל אויסגעטיילט געוואָרען אין בעזונדערע גרופּעס די פֿאַכען, אין וועלכע הויפּטזעכליך די יודען בילדען די מעהרהייט, איז די אַבסאָלוטע מעהרהייט פֿון 9

טאַבעלע XXVII. יודישע און אַלגעמיינע אײַנוואַנדערונג פֿון בע־שעפֿטיגטע אין יענע פֿאַכען, אין וועלכע די יודישע אימיגראַנטען האָבען אין 1904 געבילדעט די אַבסאָלוטע מעהרהייט.

| פֿאַכען | 1904 צאָהל אימיגראַנטען: יודען | 1904 צאָהל אימיגראַנטען: אין גאַנצען | 1904 יוד. צווישען 100 עמיגר. | 1910 צאָהל אימיגראַנטען: יודען | 1910 צאָהל אימיגראַנטען: אין גאַנצען | 1910 יוד. צווישען 100 עמיגר. |
|---|---|---|---|---|---|---|
| היטעלמאַכער | 683 | 863 | 79 | 401 | 500 | 80 |
| פעלץ־אַרבייטער | 410 | 509 | 80 | 423 | 543 | 78 |
| בוכבינדער | 535 | 747 | 72 | 235 | 425 | 53 |
| שניידער | 16.426 | 23.580 | 70 | 12.552 | 18.701 | 67 |
| זייגערמאַכער | 561 | 953 | 59 | 282 | 567 | 49,7 |
| בלעכער | 882 | 1.509 | 58 | 320 | 720 | 44 |
| טאָקער | 554 | 938 | 59 | 192 | 607 | 32 |
| גאַרבער און גלעז. | 1.970 | 3.868 | 51 | 1.145 | 3.460 | 33 |
| טאַפּיצערער | 229 | 431 | 53 | 83 | 287 | 29 |

פֿאַכֿען בעשטאַנען פֿון יודישע וואַנדערער; דאָס זענען די 9 פֿאַכֿען, וואָס געפֿינען זיך אויף אונזער טאַבעלע. אין 1906, ווען צוליב אוי־בענדערמאָהנטע סבות האָט זיך פֿערשטאַרקט די עמיגראַציע פֿון יודי־שע פּראָווינצימער, האָבען די יודישע וואַנדערער געהאַט געבילדעט אויך די אַבסאָלוטע מעהרהייט אין נאָך 2 פֿאַכֿען: צווישען די וועש־נייהטע־רינס און די מאָדיסטינס; בסך הכל, הייסט עס, אין 11 פֿאַכֿען. פֿון דאַן אָן בעווייזט זיך אַ מערקבאַרע טענדענץ צו פֿאַלען אין דער צאָהל פֿאַכֿען, וואו די יודישע אימיגראַנטען בילדען די אַבסאָלוטע מעהרהייט. אין 1907 בעשטעהען בלויז 7 פֿאַכֿען פֿון אַ יודישער מעהרהייט, אין 1908 — 8 פֿאַכֿען, אין 1909 — 5 פֿאַכֿען, און אינ'ם לעצטען יאָהר, אין 1910, ווי מיר זעהען עס אויף אונזער טאַבעלע, ענטהאַלטען בלויז 4 פֿאַכֿען אַ יודישע אַבסאָלוטע מעהרהייט.

און דערביי איז בעזונדער אינטערעסאַנט, דאָס פֿון די 4 פֿאַ־כֿען, אין וועלכע די יודישע וואַנדערער האָבען ביז איצט נישט אויפֿ־געהערט צו בילדען די אַבסאָלוטע מעהרהייט, געהערט בלויז איין פֿאַך נישט צו דער בעקליידונגס־בראַנזש; איך מיין די בוכבינדער; דערצו נאָך איז דער פּראָצענט יודישע וואַנדערער צווישען זיי אַזוי שטאַרק געפֿאַלען, דאָס עס קען גאַר קיין ספק נישט זיין, אַז אין נאָך אַ פּאָר יאָהר וועלען די יודען שוין אויפֿהערען צו בילדען די מעהרהייט צווישען די וואַנדערער פֿון דיזען פֿאַך; פֿון 72 פּראָצענט אין 1904 זע־נען זיי אין 1910 געבליבען בלויז 53 פּראָצענט. די אַנדערע 3 פֿאַכֿען,

אין וועלכע די יודישע וואנדערער האבען נישט אויפגעהערט צו בילדען די גרעסטע מעהרהייט (פון צוויי דריטעל ביז פיער פינפטעל) און אין וועלכע דער פראצענט יודישע וואנדערער האט זיך וועניג וואס געענדערט אין פערלויף פון די לעצטע 7 יאהר, — געהערען אלע דריי צו דער בעקליידונגס-אינדוסטריע. ס'איז אבער קלאר, דאס פון דיזע דריי פאכען (היטעל-מאכער, פעלץ-ארבייטער און שניידער) האבען די ערשטע צוויי, לויט זייער צאהל נאך, וואס נעהמט ארום בלויז עטליכע הונדערט מענשען, זעהר א קליינע בעדייטונג אין דעם גאנצען וואנדערער-שטראם; דער גאנצער אינטערעס ליעגט אין דעם דריטען פאך — אין די שניידער: די אבסאלוטע מעהרהייט איינגעוואנדערטע שניידער הערט ניט אויף צו בעשטעהן פון יודען.

מיר האבען אויבען געזעהן, דאס די יודישע עמיגראציע האלט אין ווערען אלץ מעהר א שניידערשע; און דעריבער טאקי הערט די שניידערשע איינוואנדערונג אין די פעראייניגטע שטאאטען נישט אויף צו זיין א יודישע וואנדערונג; אין דיזען פאך קאנצענטרירט זיך אלץ מעהר די יודישע עמיגרירענדע מאסע.

## א קורצער סך-הכל.

ווילען מיר איצט מאכען א קירצען סך-הכל פון די וויכטיגערע פאקטען, וועלכע מיר האבען פעסטגעשטעלט בנוגע צו די יודישע וואנדערער, דאן קומען מיר צו פאלגענדע רעזולטאט:

די יודישע וואנדערנדע מאסע איז פיעל עהנליכער צו די עמיגראנטען פון די מערב-אייראפעאישע לענדער, ווי צו די מזרח-אייראפעאישע וואנדערער, הגם די יודישע עמיגראציע ציהט זיך גראד פון מזרח-אייראפע. נאך מעהר, לויט דעם אויסערסט-גרויסען פראצענט פון פרויען און קינדער און דורכדעם אויך לויט דעם אויסערסט-גרויסען פראצענט פון עקאנאמיש-פאסיווע, דאס זעלבע אויך לויט דעם ביישפיל-לאז גרויסען פראצענט פון קוואליפיצירטע ארבייטער צווישען די וואנדערער, שטייגט די יודישע וואנדערנדע מאסע אריבער די וואנדערער אפילו פון אלע מערב-אייראפעאישע פעלקער; צו די מזרח-אייראפעאישע וואנדערער שטעלט זי אין דיזע הינזיכטען פאר דעם שארפסטען קאנטראסט. אויך לויט זייער פאמיליען-צושטאנד זענען די יודישע וואנדערער נעהנטער צו די מערב, — ווי צו די מזרח-אייראפעאישע. בלויז לויט זייער בילדונג זענען די יודישע עמיגראנטען נעהנטער צו די מזרח-אייראפעאישע, הגם די יודישע וואנדערער געהערען צו די פערהעלטניסמע-

סיג מעהר געבילדעטע (אָדער ריכטיגער: צו די וועניגער פערפינסטערטע) פון די מזרח-איראָפּעאישע עמיגראַנטען. נור די אייגענאַרטיגסטע זייט פון דער יודישער וואַנדערענדער מאַסע בעשטעהט אין איהר ספּעציפישען פּראָפעסיאָנעלען בעשטאַנד: פון אַלע עקאָנאָמיש-אַקטיווע יודישע וואַנדערער געהערט איין דריטעל צו דער „געמישטער" גרופּע פון דינסט-לייט, הענדלער אָדער פּשוט „לופט-מענשען"; די איבעריגע צוויי דריטעל זענען קוואַליפיצירטע אַרבייטער; דערביי די גרעסערע העלפט פון אַלע קוואַליפיצירטע אַרבייטער זענען בעשעפטיגט אין בעקליידונגס-בראַנזש, ספּעציעל אין שניידעריי, אַזוי אַז אַנגראָ, אין גרויסען גענומען, קען מען זאָגען, דאָס צווישען יעדע 3 יודישע וואַנדערער, וואָס האָבען אַ וועלכע נישט איז פּראָפעסיע, און פאַראַן איין „לופט-מענש" און איין שניידער. דער פּראָצענט פון די בעשעפטיגטע מיט שניידעריי צווישען די יודישע וואַנדערער האַלט נאָך דערצו אין איין וואַקסען, בעת פערקעהרט דער פּראָצענט פון די וואַנדערער פון די איבעריגע פּראָפעסיעס האַלט אין פאַלען. און הגם ביי היינטיגען טאָג פערנעמען נאָך די יודען לויט זייער צאָהל דעם וויכטיגסטען אָרט צווישען די וואַנדערער פון אַ גאַנצע רייהע אַנדערע פאַכען אויך, אָבער אַלץ מעהר און מעהר רעקרוטירט זיך די יודישע וואַנדערנדע מאַסע פון בעשעפטיגטע אין בעקליידונגס-בראַנזש, ספּעציעל אין שניידעריי, און שניידעריי הערט ביסלעכווייז אויף צו פערנעהמען אַנדערע פאַכען דעם פריהערדיגען גרויסען אָרט.

# צווייטער טייל.

## ערשטע אבטיילונג.

### די סבות פון דער יודישער עמיגראציע.

ביז איצט האבען מיר געהאט צו טאן מיט דער פאקטישער זייט פון דער געגענווערטיגער יודישער וואנדערונג. איצט טרעטען מיר צו צו דעם צווייטען טייל פון אונזער אונטערזוכונג. מיט דער הילף פון די פאקטען, מיט וועלכע מיר האבען זיך בעקענט, וועלען מיר זעהען געפינען די וויכטיגע ערקלערונג פון דער גרויסער און אייגענארטיגער יודישער עמיגראציע, קלאהר־מאכען איהר בעדייטונג און פונאנדערקלויבען זיך אין די פראקטישע אויפגאבען, וואס ווערען ארויסגעשטעלט אין שייכות מיט דער יודישער עמיגראציע.

ריכטיגער געזאגט, וועלען מיר זוכען די ערקלערונג נישט פון דער יודישער עמיגראציע בכלל, נור פון איהר בעזונדערער גרויסקייט און אייגענארטיגען כאראקטער. נישט דאס איז א וואונדער, וואס יודען עמיגרירען: אין דער קאפיטאליסטישער עפאכע געפינען מיר א קלענערע אדער גרעסערע עמיגראציע ביי אלע פעלקער; פערקעהרט, אנ׳אמת׳ער וואונדער וואלט געוועזען, ווען יודען וואלטען נישט עמיגרירט. די פראגע איז אבער: פארוואס עמיגרירען יודען אנדערש ווי אנדערע? פארוואס איז די יודישע עמיגראציע אזוי גרויס, די יודישע עמיגראציאנס־נארמע אזוי הויך, ווי מיר געפינען עס זעלטען ביי אנדערע פעלקער? און פון וואנען נעהמען זיך די אלע אייגענארטיגקייטען פון דער יודישער וואנדערונג, וואס מיר האבען קאנסטאטירט אין דעם ערשטען טייל פון אונזער ארבייט, און וועלכע זונדערען־אויס די יודישע וואנדערער פון אלע אנדערע, הויפטזעכליך פון די וואנדערער, וואס קומען פון די זעלבע לענדער ווי די יודען? — אנדערש גערעדט, מיר וועלען זוכען נישט סתם די סבות פון דער יודישער וואנדערונג, נור איהרע ספעציעלע סבות. די סבות, וואס גיבען איהר צו א בעזונדערע גרויס און א בעזונדערען כאראקטער. מיר וועלען דערביי, פערשטעהט זיך, נישט זוכען אלע סבות, וואס אין דעם אדער אין יענעם ארט, אין דעם

אדער יענעם מאמענט האבען אין אגעוויסען פרט בעאיינפלוסט די יודישע וואנדערונג; דאס איז איבריגענס אויך נישט בעזונדער וויכטיג. וויכטיג איז פעסטצושטעלען די גרונד־סבה, ווי די דייטשען זאגען — די מאסגעבענדע בעדינגונג, פון דער אייגענארטיגער יודישער עמיגראציע, די סבה, וואס אויב זי איז פאראן, דאן ווערען שוין ממילא בעשאפען טויזענדער צופעליגע אורזאכען, וועלכע שטופען צו עמיגרירען, און וואס אויב זי איז נישטא, דאן זענען שוין די צופעליגע סבות אויך נישט פאראן אדער, ווען זיי זענען אפילו יא פאראן, האבען זיי שוין נישט די ווירקונג, וועלכע זיי פערמאגען, בעת עס עקזיסטירט די גרונד־סבה. — די הויפט־אורזאך פון דער בעזונדערער גרויסקייט און אייגענארטיגקייט, וואס צייכענטאויס די יודישע וואנדערונג, אין וואס בעשטעהט זי? — דאס איז די פראגע, אויף וועלכע מיר וועלען איצט זוכען דעם ריכטיגען ענטפער.

וועגען דיזער פראגע איז פיעל ביי יודען גערעדט און געשריבען געווארען; פערשידענע סאציאלע שטרעמונגען האבען אויף איהר געגעבען פערשידענע ענטפערען אין צוזאמענהאנג מיט זייער אלגעמיינער סאציאל־פאליטישער אנשויאונג; נאך מעהר, געוויסע שטרעמונגען האבען פון'ם ענטפער אויף דיזע פראגע געמאכט דעם טעארעטישען יסוד פון זייער גאנצער פארטיי־פאליטישער געביידע. — עס דארף פונדעסטוועגען אנגעמערקט ווערען, דאס די אלע, וואס האבען זיך בעשעפטיגט מיט דער פראגע וועגען די סבות פון דער יודישער עמיגראציע, האבען געוועהנליך געזוכט די סבות בלויז פון דער בעזונדערער גרויס, וואס צייכענט זי אויס; וועגען דעם אייגענארטיגען בעשטאנד פון דער יודישער וואנדערענדער מאסע האט מען זעהר וועניג געקלעהרט; איבריגענס, די, וואס האבען אם מייסטען גערעדט און רעדען וועגען דער יודישער עמיגראציע, האבען ביז היינטיגען טאג א אונגלויבליך־קנאפע ידיעה וועגען דער יודישער עמיגראציע: דער בעשטאנד פון דער יודישער עמיגרירענדער מאסע איז זיי געוועהנליך אינגאנצען פרעמד; וועגען די גרויס, און ווער רעדט נאך וועגען בעשטאנד, פון דער עמיגראציע ביי אנדערע פעלקער האבען זיי געוועהנליך דעם מינדעסטען בעגריף אויך נישט; קיין פערגלייכונגען זענען זיי אלזא ניט בכוח איינצושטעלען צווישען די יודישע און נישט־יודישע עמיגראציע, און וועגען די ספעציפישע אייגענארטיגקייטען פון דער יודישער וואנדערונג קענען זיי שוין ממילא קיין קלארע ידיעה נישט האבען; ס'איז דעריבער קיין וואונדער נישט, דאס זוכענדיג די סבות פון דער יודישער עמיגראציע האבען זיי דעם העלפאנד, דעם גאנץ בעזונדערען בעשטאנד פון די יודישע וואנדערער, עפעס ווי גאר נישט בעמערקט.

נור לאמיר זיך יעדענפאלס צוהערען צו די ענטפערן, וואס ווע־

רען געוועהנליך געגעבען אויף די אויבענגעשטעלטע פֿראַגע; די ריכטיגקייט פֿון יעדען ענטפֿער בעזונדער וועלען מיר דערביי פּרובירען מיט דער הילף פֿון די פֿאַקטען, וואָס מיר האָבען פֿעסטגעשטעלט אין אונזער ערשטען טייל.

## קאַפּ. I.—די עקזיסטירענדע ערקלערונגען און זייער קריטיק.

אויף דריי פֿערשידענע אופֿנים ערקלעהרט מען געוועהנליך דאָס, וואָס יודען פֿערנעהמען אַזאַ אויסערגעוועהנליכען אָרט צווישען די געגענווערטיגע וואַנדערער. איינע פֿון די דאָזיגע ערקלעהרונגען וואָלט איך אָנרופֿען די *ראַסען-ערקלעהרונג*, די צווייטע קען מען אָנרופֿען — די *טעריטאָריאַליסטישע* ערקלעהרונג, די דריטע איז די *פּאָליטיש-רעכטליכע* ערקלעהרונג.

### 1. די ראַסען-ערקלערונג פֿון דער יודישער עמיגראַציע.

אַמאָל איז דיזע ערקלעהרונג געוועזען פֿיעל מעהר פֿערשפּרייט, נור פֿונדעסטוועגען קען מען זי אָפּטמאָל הערען נאָך היינט אויך אין „בעלי-בתּישע" קרייזען. זי בעשטעהט אין פֿאָלגענדעם: *יודען עמיגרירען אין אַזאַ גרויסער מאָס, ווייל זיי זענען בטבע נעונד'ניקעס*, אַזוי צו זאָגען, געבאָרענע וואַנדערער. דערביי האָט מען נאָך ליעב אָנצווייזען אויף די „היסטאָריע": די יודישע היסטאָריע איז כּלומרשט אַ געשיכטע פֿון אונאויפֿהערליכע וואַנדערונגען און אַז. וו. די יודען וואַנדערען אויך איצטער מעהר ווי אַלע אַנדערע פֿעלקער, ווייל דאָס וואַנדערען ליעגט שוין אין דער *נאַטור* פֿונ'ם יודישען פֿאָלק, דאָס איז איינע פֿון די אייגענשאַפֿטען פֿון דער יודישער *ראַסע*.

שוין ניט רעדענדיג וועגען דעם *סכאָלאַסטישען* כאַראַקטער פֿון דיזער „ערקלעהרונג" (אויפֿ'ן שטייגער ווי די ערקלעהרונגען פֿון פֿאָלגענדען מין: פֿאַרוואָס איז דער אייז-בער ווייס? — ווייל ווייסקייט ליגט אין דער נאַטור פֿון דיזען מין חיות), איז לייכט צו בעמערקען ווי פֿאַלש זי איז.

ערשטענס, האָבען יודען נישט שטענדיג געוואַנדערט. פֿון וואוילטאָג זענען זיי קיין מאָל נישט געלאָפֿען; זיי פֿלעגען לויפֿען נור דאַן, בעת מען פֿלעגט זיי טרייבען. די *געגענווערטיגע* יודישע עמיגראַציע האָט אָנגענומען אַ מאַסען-כאַראַקטער בלויז אין די לעצטע 30 יאָהר, און בלויז זייט אַ יאָהר צעהן האָט זי דערלאַנגט צו אַ בעזונדערער גרויסקייט. מיט אַ יאָהר 40—50 צוריק האָט די יודישע עמיגראַציאָנס-בעוועגונג אינגאַנצען נישט עקזיסטירט. דאָס וואַנדערען איז אַלזאָ נישט קיין אייביגע איינגעבאָרענע אייגענשאַפֿט פֿון דער יודישער ראַסע. נור וויבאַלד אַז יודען האָבען געוואַנדערט נישט שטענדיג, נור ווען געוויסע בעדינ-

גונגען האָבען זיי דערצו געצוואונגען, דאַן בלייבט דאָך די פראַגע: וועלכע בעדינגונגען האָבען אַרויסגערופען די איצטיגע מאַסען=עמיגראַציע ביי יודען?

און צווייטענס, אויב דאָס וואַנדערען ליעגט אין דער נאַטור פון'ם יודען, דאַן פון וואַנען נעהמט זיך דער אייגענאַרטיגער בעשטאַנד פון די יודישע וואַנדערער? פאַרוואָס עמיגרירען אַזוי שטאַרק די שניידער און פערהעלטניסמעסיג זעהר שוואַך די פאָרשטעהער פון אַלע אַנדערע פאַכען? צי דען זשע בילדען די שניידער אַ ספּעציעלע ראַסע ביי יודען און דאָס וואַנדערן איז אַנאייגענשאַפט בלויז פון דער דאָזיגער שניידער=ראַסע?

און ווי אַזוי קען מען זיך ערקלעהרען דאָס, וואָס אין אַנדערע לענדער, אַחוץ רוסלענדער מלוכה און רומעניען, איז די עמיגראַציאָנס=שטופע, די שאַרפקייט פון דער עמיגראַציע, ביי די אַרומיגע פעלקער אָפט שטאַרקער ווי ביי די יודען? שוין זשע איז די עמיגראַציאָנס=שטרעבונג אַ ראַסען=כאַראַקטער בלויז ביי די יודען, וואָס וואוינען אויף דער רוסישער און רומענישער זייט פון דער עסטרייכישער גרעניץ, און ווי נור דיזע גרעניץ אַריבער, אַזוי ווערט באַלד דיזער *ראַסען*=כאַראַקטער פערשוואונדען?

די אונזיניגקייט פון דער ראַסען=ערקלעהרונג וואַרפט זיך אין די אויגען און מיר ווילען דעריבער מעהר פון איהר נישט רעדען.

## 2. די טעריטאָריאַליסטישע ערקלעהרונג.

דיזע ערקלעהרונג האָט אייגענטליך פערשידענע נוסחאות, וועלכע זענען אָבער איינפערשטאַנדען, דאָס די סבה פון דער אויסערגעוועהנליכער יודישער עמיגראַציע ליעגט אין דעם, וואָס יודען זענען אין *גלות*, צושפּרייט אין פערשידענע לענדער, און בילדען אומעטום אַ מינדערהייט פון דער אָרטיגער בעפעלקערונג; אַנדערש גערעדט, די סבה ליעגט אין דעם, וואָס יודען האָבען *נישט קיין אייגענע טעריטאָריע*.

דאָס איז אָבער נור אַ פערקירצטער און דעריבער נישט קיין גענויער אויסדרוק פון דעם, וואָס די פערשידענאַרטיגע טעריטאָריאַליסטען האַלטען פאַר די הויפּט=סבה פון דער אונגעהויערער יודישער וואַנדערונג. וואָרום באמת זענען דאָך די יודען געוועזען אין „גלות" מיט אַ יאָהר פופציג צוריק נישט ווייניגער, ווי היינט; פאַרוואָס האָבען זיי דאַן נישט געוואַנדערט? גענוי ווילען די טעריטאָריאַליסטען זאָגען, דאָס די סבה פון דער אויסערגעוועהנליכער יודישער וואַנדערונג ליעגט אין דעם, וואָס אין דער צייט פון דער *קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט* האָבען די יודען *נישט קיין טעריטאָריע*.

ווי אַזוי ווערט דער גלות ביי דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט

אַ סבה פֿון אונגעהויערער עמיגראַציע פֿאַר יודען? דאָ הויבען זיך שוין אָן שנײַי-ניפּחאות, די פֿערשיעדענאַרטיגע ערקלערונגען. איך וועל זיך אָבשטעלען אויף די פֿערשפּרײַטסטע פֿון זיי, אויף די ערקלערונגען פֿין די ס. ס., וואָרום זי איז פֿערהעלטניסמעסיג האַלטבאַרער פֿאַר אַנדערע טעריטאָריאַליסטישע נוסחאות, און די קריטיק געגען איהר קען מיט נאָך מעהר קראַפֿט אָנגעווענדעט ווערען געגען די איבעריגע ערקלערונגען פֿונ'ם זעלבען מין.

יודען טרײַבט דער מאַשיניזם — מיינען די ס. ס. — די אַרבײַט מיט דער הילף פֿון מאַשינען איז פֿיעל פּראָדוקטיווער ווי די האַנדוועךק-פּראָדוקציע. די נישט-יודישע בעפֿעלקערונג, וועלכע איז אומעטום די מעהרהײַט, בענוצט זיך מיט איהר רעכט פֿונ'ם שטאַרקערען און פֿערכאַפּט די מאַשין-פּראָדוקציע אין איהרע הענד, אַרויסשטופּענדיג פֿון דאָרטען דעם יודען. דעם יודען, דעם האַנדוועךקער, קומט אַלזאָ אויס צו קאָנקורירען מיט דעם נישט-יודען, וואָס בענוצט זיך מיט דער מאַשין; דאָס איז אָבער אונמעגליך; דער יוד ווערט פֿעראָרעמט, עקאָנאָמיש-רואינירט, און מוז זיך לאָזען לויפֿען אין אַנדערע געגענדען זוכען חיונה. און וואָס מעהר דער קאַפּיטאַליזם ענטוויקעלט זיך אין גלות, אַלץ מעהר ווערט דער יוד אַרויסגעשטופּט פֿון זײַנע פֿריהערדיגע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס, אַלץ גרעסער ווערט דער עקאָנאָמישער חורבן בײַ יודען, און אַלץ גרעסער ווערט די יודישע אויסוואַנדערונג. אָבער אויך אין די אײַנוואַנדערונגס-לענדער ענטוויקעלט זיך דער מאַשיניזם און די גרויס-אינדוסטריע; דיזע לענדער וועלען זיך דעריבער פֿערמאַכען פֿאַר די יודישע וואַנדערונג; נאָך מעהר, די קאַפּיטאַליסטישע ענטוויקלונג וועט נויטווענדיגערווײַזע אויך פֿון דאָרטען די יודען אַרויסשטופּען און אויך פֿון דאָרטען וועלען זיי מוזען לויפֿען ערגעץ אַנדערש-וואו א. אַז. וו. א. אַז. וו.; גרעסער וועט אַלזאָ ווערען די אויסוואַנדערונג, די נויטווענדיגקײַט צו זוכען ערגעץ אַנדערש-וואו אַ שטיקעל חיונה, גרעסער וועט ווערען די צאָהל פֿון די אויסוואַנדערונגס-לענדער, און לענדער וואוהין אײַנצוּוואַנדערן וועט ווערען אַלץ ווייניגער. דאָס יודישע פֿאָלק וועט מוזען זוכען אַנ'אויסגאַנג פֿון דיזער שרעקליכער לאַגע, בעת פֿון איין זײַט, אַלץ שטופּט צום אויסוואַנדערן און, פֿון דער צווייטער, ווערט אין די לענדער, בעזעצטע מיט נישט-יודען, אַלץ אונמעגליכער אײַנצוּוואַנדערען, און מ'וועט מוזען אָנהויבען געהן אין אַזאַ לאַנד, וואָס האָט זעהר אַ קליינע בעפֿעלקערונג און וואו די יודען זאָלען באַלד ווערען די מעהרהײַט. דאָרטען וועלען שוין ממילא די יודען אַלס שטאַרקערע פֿערנעהמען די מעהר פּראָדוקטיווע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס; די מאַשין, אָנשטאָט צו דיענען געגען דעם יודען, וועט דאָרטען דיענען דעם יודען. די סבה פֿון דער אונגעהויערער יודישער וואַנדערונג וועט אויף אַזאַנ'אַרט בטול ווערען. די

אויסערגעוועהנליכע יודישע וואַנדערונג, וועלכע איז אַליין אַ פּראָדוקט פֿון גלות, פֿיהרט אַלזאָ מיט היסטאָרישער נויטווענדיגקייט צו דער פֿערווירקליכונג פֿונ'ם טעריטאָריאַליזם.

נישט דאָ איז דער אָרט צו קריטיקירען די היסטאָרישע, עקאָנאָמישע און לאָגישע פֿאָראויסזעצונגען פֿון דיזער ערקלעהרונג: דאָס וועלען מיר אין גאַנצען נישט טאָן, ווייל פֿאַר אונזער אויפֿגאַבע — פֿאַר די ערקלעהרונג פֿון דער יודישער עמיגראַציע — איז דאָס אינגאַנצען איבעריג. מיר וועלען אויך איצט נישט אונטערזוכען, אויף ווי ווייט די יודישע עמיגראַציע פֿיהרט מיט „היסטאָרישער נויטווענדיגקייט" צו דער פֿערווירקליכונג פֿונ'ם טעריטאָריאַליזם: דאָס וועלען מיר זעהען שפּעטער, בעטראַכטענדיג די בעדייטונג פֿון דער יודישער עמיגראַציע. דאָ איצט וועלען מיר זעהען בלויז, צי דיזע ערקלעהרונג פֿון די סבות פֿון דער יודישער עמיגראַציע איז בהסכם מיט דער פֿאַקטישער זייט פֿון דיזער עמיגראַציע.

אָבער נישט נור וואָס זי איז נישט בהסכם מיט דער פֿאַקטישער זייט פֿון דער יודישער וואַנדערונג, זי שטעהט אין פֿולען ווידערשפּרוך מיט די פֿעסטגעשטעלטע פֿאַקטען.

א) אויב די הויפּט-סבה פֿון דער יודישער-עמיגראַציע וואָלט געווען די ענטוויקלונג פֿונ'ם מאַשיניזם און דער גרויס-אינדוסטריע, דאַן וואָלט מען געדאַרפֿט ערוואַרטען, דאָס די יודען וועלען וואַנדערען פֿון די מעהר-קאַפּיטאַליסטישע לענדער אין די ווייניג-קאַפּיטאַליסטישע — פֿון די געגענדען, וואו דער מאַשיניזם האָט פֿערנומען אַ גאַנץ ברייטען פּלאַץ אין עקאָנאָמישען לעבען, צו יענע ערטער, וואו ער האָט זיך נאָך נישט פֿערשפּרייט. אין דער ווירקליכקייט זעהען מיר פּונקט דעם היפּך פֿון דעם: יודען וואַנדערען פֿון די אויסערסט-ווייניג קאַפּיטאַליסטישע געגענדען, ווי ליטא און גאַליציען אין אַזעלכע צענטרען פֿון אַלוועלטליכען קאַפּיטאַליזם ווי די צפֿון-מזרח'דיגע שטאַטען פֿון דער צפֿון-אַמעריקאַנישער רעפּובליק. נאָך מעהר, יודען וואַנדערען, לויט אַלע ידיעות, וועלכע מיר פֿערמאָגען — הויפּטזעכליך פֿון די קליינע פּערוואַרפֿענע שטעדטליך פֿונ'ם תחום אין די גרעסטע אינדוסטריעלע צענטרען פֿון צפֿון-אַמעריקא*).

*) די גרעסערע שטעדט פֿונ'ם תחום זענען, פֿערקעהרט, מעהר איינוואַנדערונגס-צענטרען ווי צענטרען פֿון אויסוואַנדערונג. — די קאָנצענטרירונג פֿון אַלץ גרעסערע טיילען פֿון דער בעפֿעלקערונג אין די שטעדט און הויפּטזעכליך אין די גרויסע שטעדט איז אַן אַלגעמיינע געזעצמעסיגע ערשיינונג אין אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער. דאָס אויך ביי יודען וואַקסט די בעפֿעלקערונג אין די גרעסערע שטעדט אויפ'ן חשבון פֿון די קלענערע און פֿון די שטעדטלעך, איז אַ פֿאַקט וואָס מיר זעהען אַלע מינוט די אויגען, הגם וועגען די גרויס פֿון דיזער ערשיינונג, פֿון דער לויפֿעניש אין

ב) ווען די הויפט-סבה פון דער יודישער עמיגראציע, וואלט געווען דאס, וואס יודען ווערען ארויסגעשטופט פון דער פראדוקציע דורך די ענטוויקלונג פונ'ם מאשיניזם, וואלט מען געדארפט ערווארטען, דאס די יודישע וואנדערער וועלען בעשטעהן אין א פיעל גרעסערער מאס פון פארשטעהער פון יענע פראפעסיעס, אין וועלכע עס האט ארייגעדרונ-

די שטעדט, איבערהויפט אין די גרויסע שטעדט, וועלען מיר האבען פיעל וועניג גענויע
ידיעות ערשט דאן, ווען מיר וועלען האבען אין רוסלאנד א צווייטע פאלקסצעהלונג און,
מיר וועלען קענען פערגלייכען דעם נייעם צושטאנד פון דער בעפעלקערונג מיט דעם
צושטאנד איהרען אין 1897, ווען עס איז פארגעקומען די ערשטע פאלקס-צעהלונג. אבער
דער פאקט גופא, דאס אין די גרויסע שטעדט וואקסט בכלל די יודישע בעפעלקערונג
מעהרער ווי לויט איהר אייגענעם „נאטירליכען” צו-וואוקס, דאס די איינוואנדערונג אהין
איז פיעל גרעסער ווי די אויסוואנדערונג פון זיי, בעת אין די קליינע שטעדט און
שטעדטליך ווערט די יודישע בעפעלקערונג בכלל קלענער דורך די דאפעלטע אויסוואנדע-
רונג — אויף יענער זייט אקעאן און אין די גרויסע שטעדט פונ'ם תחום גיפא — אונטער-
ליעגט קיין שום ספק נישט. איבעריגענס, בנוגע צו פ ו י ל ע ן האבען מיר אויך געווי-
סע סטאטיסטישע ידיעות אין דיזען פרט. לויט'ן בעריכט פון ווארשאווער סטאטיסטישען
קאמיטעט איז דער „נאטירליכער” צו-וואוקס (געבורטען מעהר ווי טוידט-פאלען) פון
דער יודישער בעפעלקערונג אין פוילען אין 1906 בעשטאנען אין 23.100 נפשות (אדער
דורכשניטליך 14 אויף יעדען טויזענד יודישע איינוואוינער); באמת איז די יודישע בע-
פעלקערונג אין פוילען אין 1907 געוועזען בלויז אויף 20.436 מעהר ווי אין פאר-
יאהר (1.635.110 אין 1906 און 1.655.544 אין 1907); דערווירקליכער צו-וואוקס איז
אלזא אין פערלויף פון יאהר געוועזען אויף גענויע דריי טויזענד (2.764) קלענער ווי
דער איבערפלוס פון די געבארענע אנקעגען די געשטארבענע, ד. ה. די יודישע אויס-
וואנדערונג פון פוילען איז איצט גרעסער ווי די איינוואנדערונג אהין. די ש ט ע ד ט י-
שע יודישע בעפעלקערונג אין פוילען האלט אבער אין ראשען וואקסען. לויט די מאטע-
ריאלען פון אויסערן-מיניסטעריום, וואס זענען אריינגעטראגען אין דומא אין צוזאמענהאנג
מיט דעם געזעץ-פראיעקט וועגען די שטעדטישע זעלבסטפערוואלטונג אין פוילען, איז די
יודישע בעפעלקערונג פון די פוילישע שטעדט צום 1-טען יאנואר 1910 געוועזען מיט
151.367 מעהר, ווי אין 1907 (1.134.226 אין 1910 אנטקעגען 972.859 אין 1907); דער
נאטירליכער צו-וואוקס פון דיזער בעפעלקערונג בעטרעפט אונגעפעהר 41 טויזענד מענ-
שען (3×14×972,859); די איבעריגע 110 טויזענד שטאמען אלזא פון דעם, וואס די
איינוואנדערינג אין די שטעדט איז אויף אזוי פיעל גרעסער ווי די אויסוואנדערונג פון
זיי. און אזוי ווי דער צו-וואוקס פון דער יודישער בעפעלקערונג פון רוסיש-פוילען אין
גאנצען ווערט דורך אויס-און איין-וואנדערונג נישט גרעסער (דאס יאהר 1906 ווייזט
אונז פערקעהרט נאך, דאס ער ווערט קלענער), קומט אלזא אויס, דאס מינדעסטענס 110
טויזענד האבען איינגעוואנדערט אין די פוילישע שטעדט פון די פוילישע שטעדטלעך גו-
פא. מ'לויפט אויף אזאנ'ארט פון די שטעדטליך נישט נור אין פרעמדע געגענדען, נור
אויך אין די ארטיגע שטעדט. די שטעדט זענען אלזא אין דער אונטערשטער שורה גרוי-
סע צוציהונגס-צענטרען, אין וועלכע די יודישע בעפעלקערונג פערמעהרט זיך דורך די
וואנדערונג; די שטעדטלעך זענען די ארויסשטופונגס-צענטרען, אין וועלכע די יודישע בע-
פעלקערונג פערקלענערט זיך. די גרעסטע צוציהונגס-קראפט האבען דערביי די גרעסטע
שטעדט. אין ווארשא און לאדז איז פאר די דריי יאהר די יודישע בעפעלקערונג גרע-
סער געווארען אויף פולע 60 טויזענד, אין אלע איבעריגע 114 פוילישע שטעדט צו-

גען און גאָר ענטוויקעלט זיך דער מאַשיניזם, און דאָס פֿערקעהרט, מיר העלען צווישען זיי געפֿינען פֿיעל וועניגער פֿאַרשטעהער פֿון יענע פּראָפֿעסיעס, אין וועלכע די מאַשין־פּראָדוקציע האָט נאָך זעהר אַ קליינעם אָרט פֿערנומען. ווי מיר האָבען אָבער געזעהען, זענען גענויע דריי פֿערטעל (73 פּראָצ.) פֿון אַלע עקאָנאָמיש־אַקטיווע יודישע וואַנדערער: בעשעפֿטיגטע אין בעקליידונגס־אינדוסטריע (37 פּראָצ.) אָדער דינסט־לייט, הענדלער, סתם לופֿט־מענשען, פּריקאַזשציקעס און ערד־אַרבייטער (36 פּראָצ.; 33 פּראָצ. די „געמישטע" גרופּע און דריי פּראָצענט די פּריקאַזשציקעס), ד. ה. די יודישע עמיגראַציע בעשטעהט הויפּטזעכליך פֿון פֿאָרשטעהער פֿון יענע פּראָפֿעסיעס, וואו דער מאַשיניזם האָט נאָך כמעט קיין שום אָנווענדונג נישט געפֿונען; דערנאָך געהען בעשעפֿטיגטע אין האָלץ און בוי־אינדוסטריע (10 פּראָצ.), וואו דער מאַשיניזם האָט נאָך דערווייל אויך זעהר אַ קנאַפּע אָנווענדונג; און נישט מעהר, ווי 8 פּראָצענט בעשטעהט פֿון פֿאָרשטעהער פֿון אַלע יענע פֿאַכען, אין וועלכע דער מאַשיניזם איז יאָ אַריינגעדרונגען און מאַכט ווירקליך פֿאָרשריט (מעטאַל־און מאַשין־אינדוסטריע און אַנדערע קלענערע אינדוסטריע־בראַנזשען — צוזאַמען גענומען).

ג) ווען די הויפּט־סבה פֿון דער יודישער עמיגראַציע וואָלט געווען דער גלות (אין דעם זין, ווי די סאָציאַל־ציוניסטען אָדער די סתם־ציוניסטען פֿערשטעהען עס), דאַן וואָלטען די יודען פֿון אומעטום געדאַרפֿט אויסוואַנדערען אין אַ גרעסערער פּראָפּאָרציע ווי די אָרטיגע נישט־יודישע בעפֿעלקערונג; מיר האָבען אָבער געזעהן, דאָס אַחוץ רוס־לענדער מלוכה און רומעניען, איז איצט אָפּט די מעשה פֿערקעהרט: די יודישע בעפֿעלקערונג עמיגרירט פֿון די „גלות־לענדער" וועניגער, ווי די אָרטיגע בעפֿעלקערונג.

ד) וועגען די הויפּט־סבה פֿון דער אויסערגעוועהנליכער גרויסקייט פֿון דער יודישער עמיגראַציע וואָלט געוועזען דאָס, וואָס יודען זענען

זאַמען האָט זיך די יודישע בעפֿעלקערונג פֿערגרעסערט אויף 91 טויזענד. גאַנץ בעזונדער גרויס איז דער צו־וואוקס פֿון דער יודישער בעפֿעלקערונג טאַקי אין וואַרשאַ (אונגעפֿעהר 53 טויזענד מאַן); העכער אַ דריטעל פֿונ'ם צו־וואוקס פֿון אַלע פּוילישע שטעדט קומט אויס אויף איין שטאָדט וואַרשאַ. אַזוי ווי דער נאַטירליכער צו־וואוקס לויט דעם אויבען געבראַכטען חשבון איז ביי דער יודישער בעפֿעלקערונג פֿון וואַרשאַ אונגעפֿעהר 11 טויזענד פֿאַר די דריי יאָהר (יודישע בעפֿעלקערונג אין וואַרשאַ אין 1907 איז געוועזען—265.177; דער נאַטירליכער צו־וואוקס איז אַלזאָ — $\frac{265177\times14\times3}{1.000}$, קומט אַלזאָ אויס דאָס אין דיזע דריי יאָהר אויף 42 טויזענד, אָדער יעהרליך אונגעפֿעהר אויף 14 טויזענד, איז די יודישע איינוואַנדערונג אין וואַרשאַ גרעסער ווי די אויסוואַנדערונג פֿון דאָרטען.

אמינדערהייט אויף א פרעמדער טעריטאריע, דאן וואלט קיין בעזונדער גרויסען אונטערשייד נישט געדארפט זיין צווישען די אינטעסיוויטעט פון דער יודישער עמיגראציע אין עסטרייך-אונגארן און אין רוסלענדער מלוכה. באמת אבער זעהען מיר, דאס אין דער לעצטער איז די יודישע עמיגראציאנס-שטופע כמעט צוויי מאל אזוי הויך ווי אין עסטרייך-אונגארן (זעה אויבען ערשטע אבטיילונג קאפ. III און קאפ. IV); ווען די יודישע עמיגראציאנס-שטופע פון רוסלאנד זאל זיך אראבלאזען אויף א העלפט, וואלט די יודישע עמיגראציע פערלארען בכלל איהר גאנץ-אויסנאהמסווייזען כאראקטער.

ה) ווען דיזע ערקלערונג וואלט געווען ריכטיג, וואלטען מיר געדארפט קאנסטאנטירען, דאס די יודישע וואנדערונג האלט אומעטים אין וואקסען. אין דער ווירקליכקייט אבער האבען מיר דאס בשום אופן נישט בעמערקט; פערקעהרט, פיעל ריכטיגער איז דער היפך פון דעם: פערהעלטניסמעסיג, אין פערגלייך מיט דער עמיגראציע פון די ארומיגע פעלקער, האלט די יודישע עמיגראציע אין פאלען. אפילו אין רוסלענדער מלוכה, וואו די עמיגראציאנס-נארמע איז ביי יודען פיעל העכער, ווי ביי די נישט-יודען, ווערט דיזער אונטערשייד קלענער. בעזונדער בעלעהרענד איז דערביי די יודישע עמיגראציע פון עסטרייך-אונגארן: די עמיגראציע פון כמעט אלע איבעריגע פעלקער האלט דארטען אין ראשען שטייגען, און נישט-קוקענדיג אויף דעם, די יודישע עמיגראציע פון דארטען הויבט זיך לחלוטין נישט, אויב זי האלט נישט גיכער אין אבסאלוטען פאלען, אזוי דאס די יודישע עמיגראציאנס-שטופע געהערט די לעצטע צייט צו די נידעריגסטע, וואס מען קען טרעפען ביי די פעלקער פון דער האבסבורגער מאנארכיע (ערשטע אבטיילונג, קאפיטעל II און III).

די טעריטאריאליסטישע ערקלערונג פון דער יודישער עמיגראציע האט אלזא נישט קיין גרעסערע ממשות, ווי די ראסען-ערקלערונג. לאמיר איצט זיך צוהערען צו דער פאליטיש-רעכטליכער ערקלערונג.

## 3. די פאליטיש-רעכטליכע ערקלערונג.

אין קורצען בעשטעהט דיזע ערקלערונג אין פאלגענדעם: די אויסערגעוועהנליכע גרויסקייט פון דער יודישער עמיגראציע איז ארויסגערופען דורך די אלגעמיינע אבגעשטאנענקייט פון רוסלענדער מלוכה און די ספעציעלע אונטערדריקונגען, וואס זענען דארטען געווענדעט געגען דער יודישער בעפעלקערונג*).

*) די „אוננאטירלכע" הויך פון דער צאהל אויסוואנדערער איז אבהענגיג נישט פונ׳ם בייזען ווילען, וועלכער קאן געבראכען ווערען, נאר פון דער פאליטישער, עקאנא-

נור אויך דאָס איז בלויז אַ פֶּערקִירצטֶער און נִישט קֵיין גֶענוּגֶענוּיֶער אויסדרוק פוּן דֶעם, אִין וואָס דִי פֶערטֵיידִיגֶער פוּן דֶער פּאָלִיטִישׁ־רֶעכטלִיכֶער עֶרקלֶעהרוּנג־זֶעהֶען־אַיין דִי הויפּט־סִבה פוּן דֶער בֶּעזוּנדֶער־גרויסֶער יודִישֶׁער עֶמִיגראַציֶע. וואָרוּם אִין אמת׳ן אִיז דאָך רוסלאַנד מִיט אַ יאָהר 40—50 צוּרִיק אִין אַלֶע הִינזִיכטֶען גֶעווֶעזֶען פִיעל מֶעהר אָבּגֶעשטאַנֶען ווִי הַיינט, און קֵיין יודִישֶׁע אויסוואַנדֶערוּנג פוּן דאָרטֶען אִיז כּמעט אִינגאַנצֶען נִישט גֶעווֶען. אויך דאָ דאַרף מֶען אַלזאָ פֶערשטֶעהֶען נִישט דִי אָבּגֶעשטאַנענקַייט פוּן רוסלאַנד סתּם אַזוי, נור דִי אָבּגֶעשטאַנֶענקַייט פוּן דֶער מלוּכה און דִי אַרויסגֶערוּפֶענֶע דוּרך דֶעם ספּעציעלֶע „גֶעזֶעצלִיכֶע“ און אוּנגֶעזֶעצלִיכֶע יודען־פֶערפאָלגוּנגֶען בַּיי גלַייכצַייטִיגֶער הֶערשוּנג פוּן דֶער קאַפִּיטאַלִיסטִישֶׁער ווִירטשאַפט אִין׳ם לאַנד.

דִי קאַפִּיטאַלִיסטִישֶׁע ווִירטשאַפט רוּפט בּכלל אַרויס אִין אַלֶע לֶענדֶער און בַּיי אַלֶע פֶעלקֶער אַ עֶמִיגראַציאָנס־בֶּעווֶעגוּנג; דִיזֶע בֶּעווֶעגוּנג אִיז שטאַרקֶער דאָרטֶען, וואו דִי בּרֵייטֶע גֶעזֶעלשאַפטלִיכֶע שִׁיכטֶען, בַּיים שווֶערֶען עֶקאָנאָמִישֶׁען קאַמף, וואָס זַיי קוּמט אוים כּסדר צוּ פִיהרֶען בַּיי דֶער קאַפִּיטאַלִיסטִישֶׁער אָרדנוּנג, זֶענֶען נאָך דֶערצוּ גֶעבּוּנדֶען און גֶעדרִיקט אִין זֵייעֶר עֶקאָנאָמִישֶׁער טֶעטִיגקַייט דוּרך דִי רֶעשטֶען פוּן דֶער פרִיהֶערדִיגֶער, פאַרקאַפִּיטאַלִיסטִישֶׁער, פֶעאָדאַלִישׁ־ (פּריציש־) אַבּסאָלִיטִיסטִישֶׁער אָרדנוּנג. אִין רוסלענדער מלוּכה אִיז בִּיז הַיינט דִי פּרִיצִישׁ־אַבּסאָלוּטִיסטִישֶׁע מאַכט פֶערבּלִיבֶּען שטאַרקֶער, ווִי אִין אַלֶע אַנדֶערֶע קאַפִּיטאַלִיסטִישֶׁע לֶענדֶער; דִיזֶע פּרִיצִישׁ־אַבּסאָלוּטִיסטִישֶׁע ממשלה שטִיצט זִיך, ווִי בֶּעוואוּסט, אויף אַ פּאָלִיטִיק פוּן נאַציאָנאַלֶער אוּנטֶערדרִיקוּנג און נאַציאָנאַלֶע הֶעצֶערַייֶען, וועלכֶע זֶענֶען גֶעווֶענדֶעט גֶעגֶען יודֶען אָהן אַנ׳עֶרך מֶעהר נאָך, ווִי גֶעגֶען אַנדֶערֶע אוּנטֶערדרִיקטֶע פֶעלקֶער פוּן רוסלֶענדֶער מלוּכה. גֶעבּוּנדֶען, אַזוי צוּ זאָגֶען, אויף יֶעדֶען טרִיט פוּן זַיין עֶקאָנאָמִישֶׁער טֶעטִיגקַייט, אָנהויבֶּענדִיג פוּנ׳ם „תּחום“, וואָס פֶערבּאָט דֶעם יודֶען זִיך בֶּעזֶעצֶען דאָרטֶען, וואו עֶר וואָלט גֶעקֶענט בֶּעסֶער האָבֶּען חיוּנה, און עֶנדִיגֶענדִיג מִיט דִי שוּהל־בֶּעגרֶענצוּנגֶען, וואָס לאָזֶען אִיהם נִישט קרִיגֶען בִּילדוּנג מִיט אַנדֶערֶע צוּגלַייך, קֶען דֶער יוּד אַ סך ווֶענִיגֶער אויסהאַלטֶען דִי קאָנקוּרֶענץ (וועלכֶע אִיז דִי גרוּנד־בֶּעדִינגוּנג פוּן דֶער קאַפִּיטאַלִיסטִישֶׁער אָרדנוּנג), ווֶערט פִיעל מֶעהר ווִי אַנדֶערֶע עֶקאָנאָמִישׁ־רוּאִינִירט, פֶערדראָרֶעמט און מֶעהר ווִי אַלֶע אַנדֶערֶע, גֶעצוואוּנגֶען צוּ זוּכֶען חיוּנה אִין דֶער פרֶעמד, צוּ עֶמִיגרִירֶען.

מישער און קולטורעלער אָבגעשטאַנענקייט פון רוסלאַנד, פון דער ווילדער נאַציאָנאַלער שנאה, פון דער נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג, וואָס הערשען דאָרטען, א. אז. וו.—בעריכט פונ׳ם בונד „צו דער עמיגראַציאָנס-פראַגע“ צום שטוטגאַרטער אינטערנעציאָנאַלען קאָנגרעס (1907). ז. 39.

אַזוי ווי מיר ווייסען אָבער, דאָס די ענטוויקלונג פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפֿט גופֿא בעשאַפֿט די נויטיגע בעדינגונגען און די בעוואוסטזיניגע סאָציאַלע קרעפֿטען, וואָס פֿערניכטען די רעשטען פֿון דער פֿאַרקאַפּיטאַליסטישער עפּאָכע, וואָס נעהמען־אָב די פֿריהערדיגע מאַכט ביי די פּריצים און די פֿאָרשטעהער פֿונ'ם אַבסאָלוטיזם, און פֿיהרט צו דער דעמאָקראַטיזירונג פֿון דער מלוכה — קומט אַלזאָ אויס, דאָס די קאַפּיטאַליסטישע ענטוויקלונג פֿון רוסלענדער מלוכה וועט אָבשאַפֿען אויך די סבות פֿון דער בעזונדערער גרויס פֿון דער יידישער עמיגראַציע; אין דער דעמאָקראַטישער רוסלענדער מלוכה וועט דעריבער די יודישע עמיגראַציע אָנווערען איהר אויסער־געוועהנליכע גרויס; זי וועט אָננעהמען גאַנץ נאָרמאַלע פֿאָרמען ווי ביי אַנדערע פֿעלקער, וואָס לעבען איבער די עפּאָכע פֿונ'ם קאַפּיטאַליזם.

דאָ איז דער אָרט צו צעשטרעהען אַ טעות, וואָס איז שטאַרק איינגעוואָרצעלט אין געוויסע קרייזען, און וואָס רופֿט אָפֿטמאָל אַרויס היציגע פּאָלעמיק, וועלכע צילעוועט זיך און שיסט איינגאַנצען אָן אַ זייט. פֿיעלע זעהען דעם אונטערשייד צווישען דער טעריטאָריאַליסטישער און דער פּאָליטיש־רעכטליכער ערקלערונג אין דעם, דאָס לויט דער ערשטער (טעריטאָריאַליסטישער) איז די הויפּט־סיבה פֿון דער יודישער עמיגראַציע דער *עקאָנאָמישער* חורבן, דער מאַנגעל אין חיונה, בעת לויט דער צווייטער (פּאָליטיש־רעכטליכער) איז די הויפּט־סבה די *פּאָליטישע* פֿערפֿאָלגונגען; דעריבער פּרובירט מען אָפֿטמאָל דערווייזען, דאָס די ברייטע יודישע וואַנדערער־מאַסע לויפֿט נישט פֿון פּאָליטישע פֿערפֿאָלגונגען, נור פּשוט, ווייל מ'האָט אין דערהיים קיין חיונה נישט; מיט אַזעלכע טענות מיינט מען געוועהנליך צו צושטערען די פּאָליטיש־רעכטליכע ערקלערונג*). אין אמת'ן אָבער ברעכט מען זיך דערמיט, נור אין אָפֿענע טהירען. דאָס די מאַסע לויפֿט, ווייל זי האָט קיין חיונה נישט — איז קיין שום ספֿק נישט; דאָס איז קלאָהר פֿאַר אַ בלינדען אויך. די פֿראַגע

*) אין דיזען טעות איז צווישען אַנדערע אַריינגעפֿאַלען אויך דר. ק. *פֿאָרנבערג*, וועלכער סטאַרעט זיך אין פֿילע ערטער פֿון זיין בראָשור „יעווריעיסקאַיאַ עמיגראַציאַ״ צו דערווייזען, דאָס די סבות פֿון דער יודישער עמיגראַציע ליעגען אינ'ם עקאָנאָמישען חורבן און נישט אין די פּאָליטישע פֿערפֿאָלגונגען.—עס מוז אָבער צוגעגעבען ווערען, דאָס געוויסע ניט געלונגענע אויסדריקע ביי דער פֿאָרמולירונג פֿון דער פּאָליטיש־רעכטליכער ערקלערונג האָבען אין אַ געוויסער מאָס געשטיצט דעם דאָזיגען טעות; אַזוי צ. ב. אין דעם דערמאָהנטען בעריכט „צור עמיגראַציאָנס־פֿראַגע״ (ז. 40) געפֿינט זיך אַזאַ פֿראַזע: „עס קומט פֿאָר אַ מאַסען־לויפֿעניש צוליב דער אונערטרעגליכער קאָנקורענץ און נאָך מעהר צוליב דער נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג און רעכטסלאָזיגקייט״,—אַזוי ווי די אונערטרעגליכע קאָנקורענץ און די נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג וואָלטען געווען צוויי אָבגעזונדערטע אומשטאַנדען, בעת מיט אַ פּאָר שורות פֿריהער ווערט גאַנץ קלאָהר אָנגעוויזען, דאָס די קאָנקורענץ איז געוואָרען אונערטרעגליך טאַקי דורך די פֿיעל־פֿאַכיגע נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג.

איז גור, פֿון וואַנען נעהמט זיך דער עקאָנאָמישער חורבן, וואָס שטופּט די יודישע מאַסע צו דער אויסוואַנדערונג: אויף דעם ענטפֿערען די סאָציאַל-ציוניסטען, אַז די סבה איז דאָס, וואָס יודען וועגען בײַ דער ענטוויקלונג פֿונ'ם קאַפּיטאַליזם אין גלות; די יודישע סאָציאַל-דעמאָקראַטען זעהען זי אין דעם געגענוואַרטיגען סאָציאַל-פּאָליטישען צושטאַנד פֿון רוסלאַנד (און רומעניען). לויט די סאָציאַל-ציוניסטען ליעגט דערבײַ די סבה פֿון דעם עקאָנאָמישען חורבן און דער עמיגראַציע בײַ יידען אין דער ענטוויקעלטקײַט פֿון די אויסוואַנדערונגס-לענדער, און די יודישע עמיגראַציע דאַרף, לויט זיי, וואַקסען וואָס מעהר די דאָזיגע לענדער וועלען זיך ענטוויקלען; לויט דער פּאָליטיש-רעכטליכער ערקלערונג, שטאַמט, פֿערקעהרט, די אויסערסט-געדריקטע עקאָנאָמישע לאַגע און די עמיגראַציע פֿון די ברייטע יודישע פֿאָלקס-מאַסען — פֿון דער אָבגעשטאַנענקײַט פֿון דער מלוכה, וואו עס וואוינט דער גרעסטער טייל פֿון דער יודישער בעפֿעלקערונג, צוזאַמען אָבער מיט דער ענטוויקלונג פֿון דיזער מלוכה דאַרף די יודישע עמיגראַציע קלענער ווערען און פֿערליהרען איהר אוננאָרמאַלע גרויס.

די פּאָליטיש-רעכטליכע ערקלערונג פֿון דער יודישער עמיגראַציע איז, ווי מ'זעהט, פֿריי פֿון נעבעלהאַפֿטע אָדער געהיימניספֿולע עלעמענטען; זי איז דורכאויס פּשוט און פֿערשטענדליך, און שוין מיט דעם אַליין דערנעהנטערט זי זיך צום אמת, וועלכער איז שטענדיג איינפֿאַך און קלאָהר. דיזע ערקלערונג איז אויך בהסכם מיט די פֿאַקטען. זי מאַכט אונז באמת פֿערשטענדליך, פֿאַרוואָס איז אַזוי גרויס דער אונטערשייד צווישען די עמיגראַציאָנס-שטופֿען בײַ די רוסלענדער און נישט-רוסלענדער יודען, פֿאַרוואָס פֿון אַלע באַלקאַנישע לענדער געפֿינען מיר אַזאַ פֿערהעלטניסמעסיג-גרויסע אויסוואַנדערונג בלויז בײַ די רומענישע יודען א. אַז. וו.

צי ערקלערט זי אונז אָבער אַלע וויכטיגערע פֿאַקטען פֿון דער יודישער עמיגראַציע, וואָס מיר האָבען אויבען געזעהען? — אויף דעם מיז געענטפֿערט ווערען: ניין. דאָס, וואָס זי ווייזט אָן, איז ריכטיג; זי ווייזט אָבער נישט אַלץ אָן.

ערשטענס, פֿאַרוואָס האַלט אין דער לעצטער צײַט די יודישע עמיגראַציע אין קלענער ווערען אין פֿערגלײַך מיט דער עמיגראַציע פֿון די פֿעלקער צווישען וועלכע די יודען וואוינען? אין רוסלענדער מלוכה לאָזט זיך עס נאָך דערקלעהרען מיט דעם, וואָס די לעצטע צײַטען האָבען זיך פֿערשטאַרקט די פֿערפֿאָלגונגען, פֿון וועלכע עס לײַדען אויך אַנדערע נישט-רוסישע פֿעלקער און וואָס דורכדעם האָט זיך זייער עמיגראַציע פֿערשטאַרקט מעהר ווי די יודישע; איבריגענס, אין רוסלענ-

דער מלוכה בלייבט נאך די יודישע עמיגראציאנס־נארמע פיעל שטארקער, ווי ביי אנדערע פעלקער. וואס איז אבער די סבה פון דער פערקלענערונג פון דער עמיגראציע ביי יודען אין פערגלייך מיט אנדערע פעלקער — אין עסטרייך־אונגארן? פארוואס אויף יעדע 100 איינגעוואנדערטע פאלאקען פון עסטרייך־אונגארן האבען פון דארטען איינגעוואנדערט אין די פעראייניגטע שטאטען אין 1903 — 50 יודען, און אין 1910 — בלויז 22? אויף יעדע 100 איינגעוואנדערטע רוטענער איינגעוואנדערט 191 יודען אין 1903 און בלויז 48 אין 1910? (טאבעלע III). פארוואס, אחוץ רוסלענדער מלוכה און רומעניען, איז איצט געוועהנליך די עמיגראציאנס־נארמע ביי יודען קלענער, ווי ביי די פעלקער, צווישען וועלכע זיי וואוינען?

דאס, וואס יודען וואנדערען וועניגער ווי די ארומיגע פעלקער איז, פערשטעהט זיך, נישט קיין ווידערשפרוך צו דעם, אז דארטען, וואו זיי עמיגרירען מעהר, איז דיזע אויסערגעוועהנליכע עמיגראציע ארויסגערופען דורך די ספעציעלע סאציאל־פאליטישע בעדינגונגען פון די דאזיגע לענדער. פערקעהרט, דאס שטרייכט נאך אונטער די ריכטיגקייט פון דער ערקלעהרונג, פארוואס עמיגרירען יודען מעהר ווי אנדערע גראד פון יענע לענדער, וואו זיי קומט־אויס צו ליידען בעזונדערע צרות. דאס וואס יודען עמיגרירען אבער אנדערש־וואו וועניגער ווי אנדערע, בלייבט אהן א ערקלעהרונג.

אהן א ערקלעהרונג בלייבט אויך דער אייגענארטיגער בעשטאנד פון דער יודישער וואנדערענדער מאסע. פארוואס איז דיזע מאסע פיעל ענהליכער צו דער מערב־ ווי צו דער מזרח־אייראפעאישער, נישט קוקענדיג אויף דעם, וואס די יודישע עמיגראציע ציהט זיך גראד פון מזרח־אייראפע? דערמיט, וואס יודען זענען בכלל א שטעדטישע בעפעלקערונג, קען מען לייכט ערקלעהרען דעם בעזונדער־גרויסען פראצענט פאכאווע ארבייטער צווישען די יודישע וואנדערער; ווארום וואס מעהר די עמיגראנטען זענען דארפס־לייט, אלץ קלענער איז צווישען זיי דער פראצענט פאכאווע ארבייטער; און ווי מיר קענען זעהען אויף דער טאבעלע XVII, איז באמת דיזער פראצענט געוועהנליך גרעסער ביי די וואנדערער פון די פעלקער, וואו אין די שטעדט לעבט א גרעסערער טייל פון דער בעפעלקערונג, און בעזונדער קליין ביי יענע פעלקער, וועלכע בעשטעהען כמעט אויסשליסליך פון דארפישע איינוואוינער. מיט דעם זעלבען אומשטאנד קען מען אויך ערקלעהרען דאס, וואס צווישען די יודישע וואנדערער איז פאראן וועניגער אנאלפאבעטען, ווי צווישען די איבעריגע מזרח־אייראפעאישע עמיגראנטען: די איינוואוינער פון די שטעדט זענען וועניגער אונוויסענד, ווי די דארפישע בעפעלקערונג פונ'ם זעלבען געגענד; די יודישע וואנדערער גיבען אבער א פיעל גרעסערען

פראצענט אנאלפאבעטען, ווי די עמיגראנטען פון די געבילדעטע מערב־אייראפעאישע לענדער, ווארום אפילו אין די דערפער פון דיזע לענדער איז ווייניגער דא אנאלפאבעטען, ווי אין די שטעדט פון רוסלאנד, גאליציען און רומעניען. די אויסערסט־גרויסע צאהל עקאנאמיש־פאסיווע צווישען די יודישע וואנדערער איז, ווי מיר האבען געזעהן, א דירעקטער רעזולטאט פון דעם, וואס צווישען די יודישע עמיגראנטען געפינען מיר דעם גרעסטען פראצענט פרויענצימער און קינדער. פארוואס איז אבער דער פראצענט פרויען און קינדער אזוי אויסערסט גרויס צווישען די יודישע וואנדערער?

ערקלעהרען עס דערמיט, וואס מלופט פון פאגראמען, איז ריכטיג בלויז צום טייל, און נישט צום גרעסטען טייל. ווי מיר האבען געזעהען (טאבעלע IX), אין די יאהרען פון פאגראמען שטארקט זיך טאקע די לויפעניש פון פרויען און פון קינדער; די פאגראמען הויבען אלזא באמת אויף זייער אנטייל אין דער עמיגראציע העכער ווי געוועהנליך; פארוואס איז אבער געוועהנליך, אפילו אין יאהרען, וואו פון פאגראמען איז גאר קיין שום רייד נישט געווען (צ. ב. אין 1899—1902), זייער פראצענט צווישען די יודישע וואנדערער אזוי אויסערסט־הויך, העכער ווי ביי די וואנדערער פון אלע אנדערע פעלקער?

נור בעזונדער אונפערשטענדליך בלייבט דער אנטייל, וואס די פערשידענע פאכען נעהמען אין דער וואנדערונג ביי יודען. פארוואס זענען די פערשידענע קוואליפיצירטע פראפעסיעס אזוי נישט גלייך פארגעשטעלט צווישען די וואנדערער? פון וואנען נעהמט זיך עס, דאס פון יעדע דריי יודישע עמיגראנטען איז איינער א שניידער און איינער א הענדלער? בעזונדער טאקי, פארוואס איז אזוי גרויס דער פראצענט בעשעפטיגטע מיט שניידעריי (און בעקליידונגס־אינדוסטריע בכלל) צווישען די יודישע עמיגראנטען? צי שוין זשע דריקט זיי א בעזונדער שווערער פאליטישער יאך, פון וועלכען עס ליידט נישט די איבעריגע מאסע פון דער יודישער בעפעלקערונג?

די פאליטיש־רעכטליכע ערקלעהרונג איז אלזא ריכטיג, זי איז אבער נישט גענוגענד; זי ערקלעהרט נישט אלע פאקטען, וואס מיר האבען געזעהען; זי שעפט די פראגע נישט אויס, און מוז דעריבער נאך דערגענצט ווערען. לאמיר אלזא נעהענטער זיך צוקוקען צו די טרייב־קרעפטען פון דער געגענווערטיגער יודישער וואנדערונג.

## קאפ. II.—דער פראפעסיאנעלער בעשטאנד פון דער יודישער בעפעלקערונג.

דאס, וואס נישט אלע פראפעסיעס נעהמען ביי יודען א גלייכען אנטייל אין דער וואנדערונג; נאך מעהר, דאס, וואס די גרעסטע מאסע

פון די יודישע וואנדערער רעקרוטירט זיך כסדר פון פארשטעהער טר פון א פאר בעשטימטע פראפעסיעס און נישט פון אנדערע, ווייזט אונז, דאס מסתמא איז ביי יודען פאראן אנ׳איבערפלוס אין מענשען פון דיזע פראפעסיעס. קאנקרעט רעדענדיג הייסט עס, דאס ביי יודען איז פאראן צופיעל בעשעפטיגטע מיט האנדעל און מיט בעקליידונגס-אינדוסטריע. די פראפעסיעס זענען ביי יודען איינגעטיילט נישט גלייכמעסיג, געוויסע פראפעסיעס זענען איבערגעפאקט מיט מענשען, וועלכע געפינען נישט די מעגליכקייט צו ארבייטען און פערדינען — די פארשטעהער פון דיזע פראפעסיעס מוזען דעריבער אין אזא גרויסער מאס געהן עבר לים, אבי צו קענען מאכען א לעבען.

דיזע ערקלעהרונג, ווי פשוט זי איז נישט, רופט אבער באלד ארויס די ערווידערונג: דאס איז דאך מעהר נישט ווי א השערה; צי זענען טאקי אין דערווירקליכקייט די פראפעסיעס אזוי נישט-גלייכמעסיג איינגעטיילט צווישען די יודען? צי איז טאקי באמת פאראן ביי יודען צופיעל בעשעפטיגטע אין האנדעל און אין בעקליידונגס-אינדוסטריע?

כדי זיך צו איבערצייגען, אויב די פראפעסיעס זענען ביי יודען אין דער ווירקליכקייט פונאנדערגעטיילט פיעל-ווייניג גלייכמעסיג אדער נישט, לאמיר קודם כל זיך צוקוקען צו די גרעסטע פראפעסיאנעלע גרופען ביי יודען און ביי אנדערע. מיר בעקומען דאן פאלגענדעס בילד (טאב. XXVIII*).

ביי יודען פון רוסלענדער מלוכה לעבט זעהר א קליינער טייל בעפעלקערונג (3½ פראצענט) פון לאנדווירטשאפט, א פיעל קלענערע אפילו ווי ביי די איינוואוינער פון די פארגעשטריטענסטע לענדער (אין דייטשלאנד האט נאך אין 1895 געלעבט פון לאנדווירטשאפט 36 פראצענט פון דער בעפעלקערונג און אין 1907 — 29 פראצענט, ד. ה. 8—10 מאל א גרעסערער פראצענט, ווי ביי די יודען פון רוסלאנד). ער איז 18 מאל קלענער ווי ביי די פאלאקען און 21 מאל קלענער ווי ביי

*) די ידיעות וועגען רוסלענדער מלוכה זענען גענומען פון דער אלגעמיינער פאלקס-צעהלונג פון 1897; די ידיעות וועגען דייטשלאנד—פון דער ווירטשאפטליכער צעהלונג פון 1895; און הגם בנוגע צו דייטשלאנד האבען מיר שוין גענוי-בעארבייטע ידיעות פון דער נייסטער צעהלונג פונ׳ם יאהר 1907, ברענג איך פונדעסטוועגען די ידיעות פון 1895, ווייל זיי זענען נעהנטער צו דעם מאמענט פון דער רוסלענדער פאלקסצעהלונג. אין דער גרופע „האנדעל" איז טראנספארט נישט אריינגערעכענט געווארען.—גענויע און זעהר אינטערעסאנטע ידיעות וועגען דעם פראפעסיאנאלען בעשטאנד פון דער יודישער בעפעלקערונג אין רוסלענדער מלוכה, אויפן גרונד פון דער פאלקסצעהלונג פון 1897, קען מען געפינען אין ב. ברוצקוס׳עס ארבייט:

„Профессіональный составъ евр. насел. Россіи".

ארויסגעגעבען אין פעטערבורג אין 1908 דורך יק״א.

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| אין דייטשלאנד . . . . . . | 36 | 39 | 9 | 16 |
| „ עסטרייך . . . . . . | 52½ | 27 | 4½ | 16 |
| אין רוסלענדער מלוכה: בכלל . . . . . . | 74 | 10 | 4 | 12 |
| אין רוסלענדער מלוכה: בײ די פּאָלאַקען . . | 63 | 14 | 2 | 21 |
| אין רוסלענדער מלוכה: „ „ יודען . . . | 3½ | 35½ | 38½ | 22½ |

דער רוסלענדער בעפעלקערונג בכלל. פערקעהרט, דער פּראָצענט בעפעלקערונג, וואָס לעבט פון האַנדעל, איז בײַ די יודען פון רוסלענדער מלוכה פיעל גרעסער, ווי אין די פאָרגעשטריטענסטע לענדער; ער איז 4—5 מאָל אַזוי גרויס, ווי בײַ דער בעפעלקערונג פון דײַטשלאַנד, 8 מאָל אַזוי גרויס ווי אין עסטרײַך, 10 מאָל אַזוי גרויס ווי בײַ דער אַלגעמײַנער בעפעלקערונג פון רוסלאַנד, 20 מאָל אַזוי גרויס ווי בײַ די פּאָלאַקען. דער פּראָצענט בעפעלקערונג, וואָס לעבט פון אינדוסטריע, איז בײַ די רוסלענדער יודען עטוואָס קלענער, ווי בײַ דער בעפעלקערונג פון דײַטשלאַנד; ער איז אָבער פיעל גרעסער ווי בײַ דער עסטרײַכישער בעפעלקערונג, כמעט 3 מאָל אַזוי גרויס, ווי בײַ די פּאָלאַקען און 3½ מאָל, ווי בײַ דער רוסלענדער בעפעלקערונג בכלל.

יודען זענען אַ שטעדטישע בעפעלקערונג און דאָס ווירקט, פערשטעהט זיך, אויף די פּראָפעסיעס, מיט וועלכע זיי פערנעהמען זיך. לאָמיר דעריבער פערגלײַכען דעם פּראָפעסיאָנעלען בעשטאַנד פון דער יודישער און נישט־יודישער שטעדטישער בעפעלקערונג פון רוסלענדער מלוכה. הגם אין אַ פיעל קלענערער מאָס, בעמערקען מיר די זעלבינגע ערשײַנונג (טאַבעלע XXIX):

דער פּראָצענט, וואָס לעבט פון לאַנדווירטשאַפט, איז דאָ אויך פיעל קלענער (15 מאָל) בײַ דער יודישער ווי בײַ דער נישט־יודישער בעפעלקערונג; דערפאַר איז דער פּראָצענט, וואָס לעבט פון האַנדעל 3 מאָל אַזוי

טאַבעלע XXVIII. פון יעדע 100 מענשען פון דער בעפעלקע־רונג האָבען געלעבט פון פאָלגענדע בעשעפטיגונגען:

| | לאַנדווירטשאַפט | אינדוסטריע | האַנדעל | אַנדערע בעשעפטיגונגען |
| --- | --- | --- | --- | --- |

טאַבעלע XXIX. פון יעדע הונדערט שטעדטישע אײנוואוינער האָבען אין רוסלענדער מלוכה געלעבט פון פאָלגענדע פּראָפעסיעס:

| | לאַנדווירטשאַפט | האַנדעל | אינדוסטריע: אין גאַנצען | אינדוסטריע: פון בעקליידונג | אַנדערע באַשעפטיגונגען |
|---|---|---|---|---|---|
| בײ יודען . . . | 0,7 | 37 1/2 | 37 | 16 | 25 |
| „ נישט־יודען . . . | 10 1/2 | 12 1/2 | 32 | 7 | 45 |

גרויס בײ דער יודישער ווי בײ דער נישט־יודישער שטעדטישער בעפעלקערונג; אויך דער פּראָצענט, וואָס לעבט פון אינדוסטריע, איז בײ די יודען רעכט גרעסער, ווי בײ די נישט־יודען, הגם דאָ איז דער אונטערשייד שוין נישט אַזוי גרויס. — „אינדוסטריע“ איז אָבער ווײט נישט קײן אײנהײטליכע בעשעפטיגונג; גיבען מיר אַ קוק אויף די פערשידענע אינדוסטריעלע בראַנזשען, קאָן וואַרפען זיך אונז באַלד אין די אויגען דער גרויסער אונטערשייד, וואָס איז פאַראַן צווישען דער צאָהל מענשען, וואָס לעבען פון בעקליידונגס־אינדוסטריע, בײ דער יודישער און נישט־יודישער שטעדטישער בעפעלקערונג: בײ דער נישט־יודישער שטעדטישער בעפעלקערונג לעבען בלויז 7 פּראָצענט פון בעקליידונגס־אינדוסטריע, בײ דער יודישער — גאַנצע 16. בײ אַ גלײכער צאָהל־שטעדטישער בעפעלקערונג, קומט־אויס צו לעבען פון בעקליידונגס־בראַנזש העכער 2 מאָל אַ גרעסערע צאָהל יודען ווי נישט־יודען.

און טאַקי בלויז פון דעם, וואָס אַזאַ נישט־פּראָפּאָרציאָנעל גרויסער טייל פון דער שטעדטישער בעפעלקערונג לעבט בײ יודען פון בעקליידונגס־אינדוסטריע, נעהמט זיך עס, דאָס וואָס בײ די יודען לעבט פון אינדוסטריע אַ גרעסערער פּראָצענט ווי בײ דער נישט־יודישער בעפעלקערונג. רעכענען מיר אַראָב די, וואָס לעבען פון בעקליידונגס־בראַנזש, דאַן זעהען מיר, דאָס פון אַלע איבעריגע אינדוסטריע־צווײגען לעבט בײ די יודען אַ קלענערער פּראָצענט שטעדטישער בעפעלקערונג, ווי בײ נישט־יודען; בײ יודען בלויז 21 פּראָצענט (37—16), בײ נישט־יודען — 25 פּראָצענט (32—7).

דער נישט־פּראָפּאָרציאָנעל גרויסער פּראָצענט יודען, וואָס קומט אויס אויף בעקליידונגס־בראַנזש, איז בשום אופן נישט נור אַ ספּעציעל-

שטעדטישע ערשיינונג; גיבען מיר א קוק אויף די יודישע בעפעלקערונג אין גאנצען און פערגלייכען מיר דעם ארט, וואס די צאהל בעשעפטיג-טע אין בעקליידונגס-בראנזש פערנעהמט ביי יודען און ביי אנדערען, בעקומען מיר פאלגענדע טאבעלע: *)

טאבעלע XXX. בעשעפטיגטע אין בעקליי-דונגס-אינדוסטריע.

| | צווישען 1000 פון די איינוואוי-נער. | צווישען 1000 פון די בעשעפטיג-טע אין אינדוסטריע |
|---|---|---|
| אין דייטשלאנד | 29 | 183 |
| " עסטרייך | 22 | 181 |
| אין רוסלענדער מלוכה: איבערהויפט | 9 | 213 |
| אין רוסלענדער מלוכה: ביי נישט-יודען | 7 | 186 |
| ביי יודען: אין גאנץ עסטרייך | 29 | 294 |
| ביי יודען: " גאליציען | 25 | 277 |
| ביי יודען: רוסלענדער מלוכה | 50 | 458 |

מיר זעהען אלזא, דאס דער פּראצענט בעפעלקערונג, וואס איז בע-שעפטיגט אין בעקליידונגס-בראנזש, איז ביי די רוסלענדער יודען, אונ-געפעהר צוויי מאל אזוי גרויס ווי ביי דער בעפעלקערונג פון דייטשלאנד און עסטרייך, 5—6 מאל אזוי גרויס ווי ביי דער אלגעמיינער בעפעלקערונג פון רוסלענדער מליכה און 7 מאל אזוי גרויס ווי ביי דער נישט-יודישער בע-פעלקערונג פון דיזער מלוכה. פערגלייכען מיר די צאהל בעשעפטיגטע אין בעקליידונגס-בראנזש נישט מיט דער גאנצער בעפעלקערינג בכלל, נור, מיט דער צאהל בעשעפטיגטע אין אינדוסטריע, בעקומען מיר אן עהנליכעס בילד: בעת סיי אין דייטשלאנד, סיי אין עסטרייך, סיי ביי דער נישט-יו-דישער בעפעלקערונג פון רוסלענדער מלוכה זענען אונגעפעהר 18 פּרא-צענט פון דער אינדיכטריעלער בעפעלקערונג (183, 181 און 186 פון טוי-

*) מ'דארף נישט צוזאמענמישען די צאהל בעשעפטיגטע אין א בעוויסער בראנזש מיט דער צאהל מענשען, וואס לעבען פון דיזער בראנזש. אין ערשטען פאל האבען מיר צו טאהן בלויז מיט די עקאנאמיש-אקטיווע, אין צווייטען פאל ווערען צוגערעכענט אויך די פאמיליען-מיטגלידער און אנדערע אנגעהעריגע פון די עקאנאמיש אקטיווע, ד. ה. אויך די עקאנאמיש-פאסיווע, וואס ווערען אויפגעהאלטען דורך די בע-שעפטיגטע אין דער בראנזש.

זענד), פערנומען מיט בעקליידינגס־פּראָדוקציע, — זענען ביי די רוס־לענדער יודען בעשעפטיגט מיט דיזער פּראָפעסיע 46 פּראָצענט, אָדער כמעט אַ העלפט פון דער גאַנצער אינדוסטריעלער בעפעלקערונג (458 פון טויזענד).

אַ איבערגעפּאַקטקייט אין דער בעקליידונגס־בראַנזש איז אויך צו זעהן ביי די יודען פון עסטרייך, ספּעציעל פון גאַליציען: פון 28 ביז 29 פּראָצענט פון אַלע בעשעפטיגטע אין אינדוסטריע געפינען זיך ביי די פערנומען אין בעקליידונגס־בראַנזש. עס איז פונדעסטוועגען לייכט צו בעמערקען, דאָס די איבערגעפולטקייט איז ביי די גאַליציאַנער יודען פיעל קלענער, ווי ביי די רוסלענדער: אַנשטאַט 50 פון טויזענד איינוואוינער, ווי מיר זעהען ביי די יודען אין רוסלאַנד, געפינען זיך אין גאַליציען בלויז 25 בעשעפטיגט מיט בעקליידונג; אַנשטאַט אַ קנאַפּע העלפט פון דער אינדוסטריעלער בעפעלקערונג, ווי מיר זעהען ביי די יודען אין רוסלאַנד, איז אין גאַליציען בלויז אַ פולער פערטעל בעשעפטיגט אין אינדוסטריע פון בעקליידונג.*)

*) פאָלגענדע ידיעות וועלען אונז געבען די מעגליכקייט זיך צו מאַכען אַ גע־נויערען בעגריף וועגען דעם פּראָפעסיאָנעלען בעשטאַנד פון דער יודישער בעפעלקערונג אין גאַליציען אין פערגלייך, פון איין זייט, מיט דער נישט־יודישער בעפעלקערונג פונ׳ם זעלבען געגענד און, פון דער צווייטער, מיט דער יודישער בעפעלקערונג פון רוסלענדער מלוכה. פון 7 מיליאָן 316 טויזענד איינוואוינער, וואָס זענען אויפגעצעהלט געוואָרען אין גאַליציען אין 1900, זענען געווען יודען 811.871, ד. ה. 11 פּראָצענט אָדער 125 יודען אויף 1.000 נישט־יודען. מיט וואָס זיי זענען געווען בעשעפטיגט, איז צו זעהען פון דער טאַבעלע, XXXI (זעה זייטע 98):

אויך אין גאַליציען געפינען מיר אַלזאָ אַ ג׳אויסערגעוועהנליך־הויכען פּראָצענט פון דער יודישער בעפעלקערונג אין האַנדעל: ער איז 30 מאָל אַזוי גרויס, ווי ביי דער נישט־יודישער בעפעלקערונג פונ׳ם זעלבען געגענד! אויך דער פּראָצענט פון די עקאָנאָ־מיש־אַקטיווע יודען, וואָס זענען בעשעפטיגט מיט אינדוסטריע, איז 6 מאָל אַזוי גרויס, און מיט בעקליידונגס־אינדוסטריע 7 מאָל אַזוי גרויס, ווי ביי דער נישט־יודישער בע־פעלקערונג פונ׳ם געגענד. פערגלייכען מיר אָבער דעם פּראָפעסיאָנעלען בעשטאַנד פון דער יודישער בעפעלקערונג פון גאַליציען מיט׳ן פּראָפעסיאָנעלען בעשטאַנד פון די יודען אין רוסלענדער מלוכה, דאַן זעהען מיר, דאָס די נישט־גלייכמעסיגקייט אינ׳ם איינטייל פון די פּראָפעסיעס איז פיעל שאַרפער ביי די רוסלענדער, ווי ביי די גאַליציאַנער יודען: ביי די גאַליציאַנער איז דער פּראָצענט בעשעפטיגטע אין לאַנדווירטשאַפט פיעל גרעסער (18 פּראָצענט אין גאַליציען שטאַט $2^1/_2$ אין רוסלענדער מלוכה), דער פּראָצענט בעשעפטיגטע אין האַנדעל און אין אינדוסטריע רעכט קלענער ווי ביי די רוסלענדער יודען; דערביי דאַרף אויפמערקזאַם געמאַכט ווערען, דאָס דער קלענערער פּראָצענט אין אינדוסטריע ביי די גאַליציאַנער יודען נעהמט זיך טאַקי פון דעם, וואָס אין דער אינדוסטריעלער בראַנזש, אין וועלכער די רוסלענדער יודען זענען איבערגעפּאַקט, אין בעקליידונגס־בראַנזש, איז ביי די יודען פון גאַליציען פערנומען אַ פיעל קלענערער פּראָצענט, ווי ביי די יודען פון רוסלענדער מלוכה: 7 פּראָצענט פון אַלע עקאָנאָמיש־אַקטיווע אין גאַליציען שטאַט $16^1/_2$ פּראָצענט אין רוסלענדער מלוכה—דער לעזער קען איבריגענס גאַנץ לייכט אַליין פערגלייכען דיזע טאַבעלע מיט די טאַבעלען XXXII און XXXIII.

## טאַבעלע XXXI.—פראָפעסיאָנעלער בעשטאַנד פון דער נישט־יודישער בעפעלקערונג אין גאַליציען און פון דער יודישער בעפעלקערונג אין גאַליציען און אין רוסלענדער מלוכה.

| | עקאָנאָמיש־אַקטיווע. | | | | | צווישען יעדע 100 עקאָנאָמיש־אַקטיווע זענען געווען בעשעפטיגט. | | | | אויף יעדע 100 נישט־יודען בעשעפטיגטע אין דער פראפעסיע קומט־אויס יודען | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | אין גאנצען | אין לאנד־ווירטשאפט. | אין האנדעל און פערקעהר. | אין אינדוסטריע. אין גרויסע. | אין אינדוסטריע. אין קליינע. | אין לאנדווירט־שאפט. | אין האנדעל און פערקעהר. | אין אינדוסטריע. אין גרויסע. | אין אינדוסטריע. אין קליינע. | אין לאנדווירט־שאפט. | אין האנדעל און פערקעהר. | אין אינדוסטריע. אין גרויסע. | אין אינדוסטריע. אין קליינע. |
| אין גאַליציען ביי נישט־יודען | 3.696.319 | 3.188.757 | 36.461 | 155.297 | 37.532 | 86 | 1 | 4 | 1 | . . . | . . . | . . . | . . . |
| " " יודען.. . | 277.566 | 48.998 | 81.617 | 73.207 | 20.298 | 18 | $29^1/_2$ | $26^1/_2$ | 7 | $1^1/_2$ | 224 | 47 | 54 |
| " רוסלענדער מלוכה ביי יודען. | 1.530.737 | 37.373 | 520.938 | 555.229 | 254.375 | $2^1/_2$ | 34 | 36 | $16^1/_2$ | . . . | . . . | . . . | . . . |

94 פּראָצענט פֿון דער יודישער בעסעלקערונג פֿון רוסלענדער מלוכה וואוינט אינ׳ם „תחום“. צים פּראָפֿעס׳אַנעלען בעשטאַנד פֿון די יודען אינ׳ם תחום דאַרפֿען מיר דעריבער זיך נעהנטער צוקוקען.

לויט דער פֿאָלקסצעהלונג פֿון 1897, איז געגויע 12 פּראָצענט (11,6), פֿון דער בעפֿעלקערונג פֿונ׳ם תחום בעשטאַנען פֿון יודען, אָדער 13 יודען אויף הונדערט נישט־יודישע איינוואוינער. אין לאַנדווירטשאַפֿט, זענען געוועזען בסך הכל בעשעפֿטיגט געגויע 36 טויזענד יודען (אָדער 2½ פּראָצענט פֿון דער עקאָנאָמיש־אַקטיווער יודישער בעפֿעלקערונג), און צווישען אַלע בעשעפֿטיגטע אין דיזען פּראָדוקציאָנס־צווייג בילדען די יודען אַפֿילו נישט קיין איין פּראָצענט (געגויע 6 צעהנטעל פּראָצענט). — נעהנטער וועלען מיר זיך צוקוקען צו די צוויי אַנדערע וויכטיגע עקאָנאָמישע צווייגען; צום האַנדעל און אינדוסטריע. פֿערגלייכענדיג די צאָהל בעשעפֿטיגטע אין דיזע בראַנזשען ביי דער יודישער און נישט־יודישער בעפֿעלקערונג, בעקומען מיר פֿאָלגענדע טאַבעלע, (זעה זייטע 100):

בעת ביי דער נישט־יודישער בעפֿעלקערונג פֿונ׳ם תחום זענען אַפֿילו קיין 2 פּראָצענט פֿון דער עקאָנאָמיש־אַקטיווער בעפֿעלקערונג ניט בעשעפֿטיגט מיט האַנדעל, איז ביי יודען דערמיט בעשעפֿטיגט כמעט אַ דריטעל (31½ פּראָצענט) פֿון אַלע עקאָנאָמיש־אַקטיווע, ד. ה. 18 מאָל אַ גרעסערער חלק פֿון דער בעפֿעלקערונג ווי ביי די נישט־יודען. בעת ביי דער נישט־יודישער בעפֿעלקערונג איז בעשעפֿטיגט מיט אינדוסטריע בלויז אַ ניינטעל פֿון די עקאָנאָמיש־אַקטיווע (11½ פּראָצענט), איז ביי יודען בעשעפֿטיגט דערמיט אַ פֿולער דריטעל (36 פּראָצענט), ד. ה. 3 מאָל אַ גרעסערער חלק ווי ביי די נישט־יודען. אויף אַזאַנ׳אַרט, הגם אויף 100 נישט־יודישע איינוואוינער זענען פֿאַראַן בלויז 13 יודישע, קומט אָבער אויס אויף 100 נישט־יודען בעשעפֿטיגטע מיט אינדוסטריע 46 יודען, און אויף 100 נישט־יודען בעשעפֿטיגטע מיט האַנדעל — 268 יודען.

נור וואָלטען וועניגסטענס די יודען געוועזען גלייכמעסיג פֿונאַנדערגעטיילט צווישען די פֿערשידענע בראַנזשען פֿון דער אינדוסטריע און האַנדעל גופֿא: די מעשה איז אָבער נישט אַזוי. מיר האָבען שוין געזעהן, דאָס פֿון אַלע אינדוסטריעלע בראַנזשען געפֿינט זיך אַ קנאַפּע העלפֿט פֿון דער יודישער בעפֿעלקערונג פֿון רוסלענדער מלוכה אין — בעקליידונגס־בראַנזש. דאָס זעלבע זעהען מיר ספּעציעל אין תחום: בעת ביי דער נישט־יודישער בעפֿעלקערונג איז בלויז אַ פֿינפֿטעל (20 פּראָצ) פֿון דער אינדוסטריעלער בעפֿעלקערונג פֿערנומען מיט בעקליידונגס־אינדוסטריע, איז ביי יודען דערמיט פֿערנומען אַ קנאַפּע העלפֿט (45½ פּראָצענט) פֿון אַלע בעשעפֿטיגטע מיט אינדוסטריע. אויף אַזאַנ׳אַרט, הגם אויף 100 נישט־יודען בעשעפֿטיג־

## טאבעלע XXXII. בעשעפטיגטע מיט האנדעל און אינדוסטריע אינ'ם תחום:

| | עקאנאמיש־אקטיווע. | | | | | | | צווישן יעדע 100 עקאנאמיש־אקטיווע זענען געווען בעשעפטיגט | | | | אויף יעדע 100 ניט־יודען בעשעפטיגטע אין דער פראפעסיע קומען אוים יודען | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | | אין אינדוסטריע. | | | אין האנדעל. | | | אין אינדוסטריע | | אין האנדעל | | אין אינדוסטריע | | אין האנדעל | |
| | אין גאנצן. | אין גאנצן. | אין בעקליידונגס־אינדוסטריע. די צאהל בעשעפטיגטע | אין בעקליידונגס־אינדוסטריע. פון 100 בעשעפטיגטע אין אינדוסטריע | אין גאנצן. | מיט בהמות, תבואה און אנדערע לאנדווירטשאפט־ליכע פראדוקטן. די צאהל בעשעפטיגטע | מיט בהמות, תבואה און אנדערע לאנדווירטשאפט־ליכע פראדוקטן. פון יעדע 100 בעשעפטיגטע מים האנדעל | אין גאנצן | אין בעקלייד. | אין גאנצן | מיט בהמות, תבואה א. א. וו. | אין גאנצן | אין בעקלייד. | אין גאנצן | מיט בהמות, תבואה א. א. וו. |
| ביי יודען | 1.428.835 | 518.075 | 235.993 | 45,5 | 450.427 | 202.016 | 45 | 36 | 16,5 | 31.5 | 14 | 46 | 106 | 268 | 351 |
| ביי נישט־יוד. | 9.854.054 | 1 132 264 | 222.764 | 20 | 168.499 | 57.485 | 34 | 11,5 | 2 | 1,7 | 0,6 | .. | ... | ... | ... |
| בכלל | 11.282.889 | 1 650 339 | 458.757 | 28 | 618.926 | 259.501 | 42 | 15 | 4 | 5,5 | 2,3 | .. | ... | ... | ... |

טע מיט אינדוסטריע קומט אויף אויס אַ גענוג גרויסע צאָהל (46) יודען, איז די צאָהל יודען אין פערגלייך צו די נישט-יודען נאָך גרעסער אין בעקליידונגס-בראַנזש: אויף 100 נישט-יודען, וואָס זענען דערין בעשעפטיגט, קומט אויס 106 יודען. נישט קוקענדיג אויפ'ן קליינעם פּראָצענט, וואָס די יודען בילדען צווישען דער גאַנצער בעפעלקערונג, איז די צאָהל יודען, וואָס בעשעפטיגען זיך מיט בעקליידונגס-אינדוסטריע אַבסאָלוט גרעסער, ווי ביי אַלע איבעריגע פעלקער, וואָס וואוינען אין תחום, צוזאַמען גענומען.

די זעלבע נישט-גלייכמעסיגע פערטיילונג פון דער עקאָנאָמיש-אַקטיווער בעפעלקערונג זעהען מיר אויך אין די האַנדעלס-פּראָפעסיעס. מערקווירדיג איז דערביי, דאָס פון אַלע מינים האַנדעל האָט זיך די יודישע בעפעלקערונג אַם מייסטען קאָנצענטרירט אין יענע בראַנזשען, וואָס זענען אויף דעם ענגסטען אופן פערבונדען מיט דער דאָרפישער, אַלזאָ נישט-יודישער בעפעלקערונג: **אַ קנאַפּע העלפט** (45 פּראָצענט) **פון אַלע יודען בעשעפטיגטע מיט האַנדעל זענען פערנומען אין „האַנדעל מיט לעבעדיגע בהמות, תבואה און אַנדערע לאַנדווירטשאַפטליכע פּראָדוקטען”**, בעת ביי דער אַרומיגער בעפעלקערונג, וועלכע שטעהט, דאַכט זיך, נעהענטער צום דאָרף, איז דערמיט בעשעפטיגט בלויז אַ דריטעל (34 פּראָצענט) פון דער שוין אַזוי אויך קליינער צאָהל בעשעפטיגטע מיט האַנדעל. אויף אַזאַ אַרט קומט אויס, דאָס בסך הכל אויף 100 נישט-יודישע הענדלער מיט לאַנדווירטשאַפטליכע פּראָדוקטען זענען פאַראַן העכער 350 יודישע; בעת ביי אַלע איבעריגע פעלקער פון'ם תחום צוזאַמען זענען מיט דיזער האַנדעלס-בראַנזש פערנומען 57 טויזענד מענשען, בעשעפטיגען זיך דערמיט ביי יודען געוויע 170 טויזענד מאַן; פון דיזער האַנדעלס-בראַנזש **לעבען** אינ'ם תחום 858.560 (6/7 מיליאָן) נפשות, אָדער 18 פּראָצענט פון דער גאַנצער יודישער בעפעלקערונג פון'ם תחום.

אַ גרעסערע נישט-גלייכמעסיגקייט אינ'ם אײנטייל פון די פּראָפעסיעס, קען שוין, דאַכט זיך, נישט זיין. מענשען זאָלען זיין אין נאָך אַ גרעסערער מאָס צוזאַמענגעפּאַקט אין אַ פּאָר פּראָפעסיעס, איז שוין, דאַכט זיך, שווער זיך פאָרצושטעלען. די ווירקליכקייט ווייזט אונז אָבער, דאָס אַזאַ מיינונג איז אַ טעות. דאָס, וואָס מיר האָבען ביז איצט געזעהען, איז דאָך בלויז דער **דורכשניט** פון דער צוטיילונג פון די פּראָפעסיעס אינ'ם תחום. מ'קען אַלזאָ שוין פון פאָראויס אַפילו דערוואַרטען, דאָס אין געוויסע געגענדען פון'ם תחום איז די איבערגעפּולטקייט נאָך גרעסער. לאָמיר דעריבער אַ רגע נאָך אַ קוק-טאָן אין דיזען פּרט אויף יעדען פון די וויכטיגסטע געגענדען פון'ם תחום בעזונדער.

דעם גאַנצען תחום וועלען מיר דערביי צוטיילען אויף די זעלבע פיער ראַיאָנען, וואָס זענען אָנגענומען אין דעם אויבען-ציטירטען **ברוצקוס**'עס

ווערק. מיר וועלען אַלזאָ אונטערשיידען: 1) דעם צפונ׳דיגען געגענד (ליטא און ווייס-רוסלאַנד, אָדער די גובערניעס: קאָוונער, גראָדנער, ווילנער, מינסקער, וויטעבסקער און מאָהילעווער); 2) דעם דרום-מערב׳דיגען געגענד (גובערניעס: וואָהלינער, פּאָדאָלער, בעסאַראַבער, קיעווער און כערסאָנער); 3) קעניגרייך פּוילען; 4) דעם דרום-מזרח׳דיגען געגענד (גובערניעס: טשערניגאָווער, יעקאַטערינאָסלאַווער, טאַווריטער און פּאָלטאַווער).

לויט דער פאָלקס-צעהלונג פון 1897, זיינען יודען אינ׳ם ערשטען און דעם דריטען געגענד פולע 14 פּראָצענט פון דער גאַנצער בעפעלקערונג, אין צווייטען געגענע 12½ פּראָצענט, אינ׳ם פיערטען בלויז 4½ פּראָצענט פון דער אָרטיגער בעפעלקערונג. דער ערשטער געגענד איז שוין פון לאַנג אָן אַ געגענד פון אויסוואַנדערונג; דער פירטער איז פיעל מעהר אַ געגענד פון איינוואַנדערונג ווי פון אויסוואַנדערונג; דער צווייטער אין דער דריטער האָבען אַ רעכט-גרויסע איין-און אויסוואַנדערונג: הערביי אָבער פלעגט אינ׳ם דרום-מערב׳דיגען געגענד נאָך פאַר 1897 די אויסוואַנדערונג איינשלינגען די גאַנצע איינוואַנדערונג און ביי היינטיגער צייט איז די אויסוואַנדערונג פון דאָרטען געוויס פיעל גרעסער ווי די איינוואַנדערונג אַהין; פערקעהרט, אין פּוילען איז נאָך ביז נישט לאַנג די איינוואַנדערונג (אין וואַרשעווער און פּעטריקאָווער גובערניעס) געוועזען בעדייטענד גרעסער ווי די אויסוואַנדערונג פון דיזען געגענד*). דער דרום-מערב׳דיגער געגענד שטעהט אַלזאָ נעהנטער צו דעם צפונ׳דיגען מיט זיין הערשענדער אויסוואַנדערונג, בעת פּוילען שטעהט פערקעהרט נעהענטער צו דעם דרום-מזרח׳דיגען ראַיאָן מיט זיין גרויסער איינוואַנדערונג. הערביי ציהט פּוילען

*) לויט די אָנגאַבען, וואָס געפינען זיך אין ערשטען באַנד פונ׳ם «Сборникъ матеріаловъ объ экономическомъ положеніи евреевъ въ Россіи», ז. XXXIV—XXXVI, ארויסגעגעבען דורך די יק״א, קען מען פעסטשטעלען, דאָס בעת דער דורכשניטליכער צו-וואוקס פון דער יודישער בעפעלקערונג אין די 15 גובערניעס פונ׳ם תחום (אַ חוץ פּוילען) האָט בעטראָפען יעהרליך געגוויע 13 אויף טויזענד (פאַר די צייט 1881—1897) איז אין צפונ׳דיגען געגענד דער צו-וואוקס געוועזען בלויז 8 אויף טויזענד, אין דרום-מערב׳דיגען געגענד—געגוויע 13, אין פּוילען (פאַר די צייט 1890—1897) 21½ אויף טויזענד און אין דעם דרום-מערב׳דיגען ראַיאָן—38 אויף טויזענד. ווען מ׳זאָל אַריינרעכענען אויך פּוילען, וועט אלזאָ דער דורכשניטליכער צו-וואוקס בעטרעפען מעהר ווי 13 אויף טויזענד; אין דרום-מערב׳דיגען געגענד איז אלזאָ שוין דאַן די אויסוואַנדערונג געווען גרעסער ווי די איינוואַנדערונג; אין פּאָדאָלער גובערניע איז די יודישע בעפעלקערונג, לויט די זעלבע אָנגאַבען, אבסאלוט קלענער געוואָרען אויף העכער 52 טויזענד מענשען. אַנ׳אבסאָלוטע פערקלענערונג וייזט, לויט די זעלבע אָנגאַבע אויך קאָוונער גובערניע (אויף 57 טויזענד) און מעהר קיין אנדערע. צו דעם דרום׳דיגען איינוואַנדערונגס ראַיאָן וואָלט געדאַרפט אייגענטליך צוגערעכענט ווערען אויך כערסאָנער גובערניע, וואו די שטאָדט אָדעס ציהט צו זיך צו יודישע בעפעלקערונג פון גאַנץ דרום-רוסלאַנד, הויפּטזעכליך פון קיעווער, פּאָדאָלער און וואָהלינער גובערניעס.

צו צו זיך הויפּטזעכליך די יודישע בעפעלקערונג פון דעם בשכנות-ליגענדען צפון׳דיגען קאַנט („די ליטוואַקעס״); און דער דרום-מזרח׳דיגער געגענד ציהט-צו — די יודישע בעפעלקערונג פון דעם בשכנות׳דיגען דרום-מערבֿ׳דיגען געגענד.

נישט אַריינגעהענדיג אין איינצעלהייטען, ווי אינטערעסאַנט זיי וואָלען נישט זיין פאַר זיך און פאַר אונזער אונטערזוכונג, וועלען מיר דאָ אַ קוק טאָן בלויז אויף די אונטערשטע שורה, אויף די מדרגה, צו וועלכער עס דערגרייכט די איבערגעפולטקייט מיט יודען אין די דערמאָהנטע פּראָפעסיעס אין יעדען פון דיזע פיער געגענדען פונ׳ם תחום. פאָלגענדע טאַבעלע שטעלט עס אונז פאָר (זעה אויך דיאַגראַמע № 6):

## טאַבעלע XXXIII.—די צאָהל יודען אויף יעדע 100 נישט-יודען בעשעפטיגטע אין דערוועלבער פּראָפעסיע:

| געגענדען פונ׳ם תחום. | אין אינדוסטריע. אין גאַנצען | אין אינדוסטריע. אין בעקליידונג | אין האנדעל. אין גאַנצען | אין האנדעל. מיט בהמות תבואה און אנד. לאנדוו. פּראדוקטען. |
|---|---|---|---|---|
| אינ׳ם צפון׳דיגען געגענד. | 114 | 234 | 777 | 1.218 |
| „ דרום-מערבֿ׳דיגען געג. | 57 | 120 | 298 | 425 |
| אין פּוילען | 30 | 87 | 270 | 333 |
| אינ׳ם דרום-מזרח׳דיגען געג. | 16 | 39 | 86 | 97 |

אין אַלע געגענדען פון תחום געפינען מיר אַלזאָ, דאָס די צאָהל יודען, וואָס זענען בעשעפטיגט סיי אין אינדוסטריע סיי אין האַנדעל — גענומענע אין גאַנצען — און נאָך מעהרער ספּעציעל אין דער בעקליידונגס-אינדוסטריע און אינ׳ם האַנדעל מיט לאַנדווירטשאַפטליכע פּראָדוקטען, איז פיעל מאָל גרעסער ווי די צאָהל יודען צווישען די אָרטיגע איינוואוינער. אין אַלע געגענדען פונ׳ם תחום געפינען מיר אַלזאָ אין דיזע בראַנזשען אַ נישט-פּראָפּאָרציאָנעל גרויסע צאָהל יודען. עס איז אָבער לייכט צו בעמערקען, דאָס דיזע פּראָפעסיעס זענען פיעל מעהר אָנגעפּאַקט מיט יודען אין די ערשטע צוויי געגענדען ווי אין די לעצטע צוויי.

אין דעם דרום-מזרח׳דיגען געגענד איז נאָך די צאָהל יודען אין אַלע דיזע פּראָפעסיעס קלענער, ווי די צאָהל נישט-יודען (אויף 100 נישט-יודען קומט אויס וועניגער ווי 100 יודען). אין פּוילען איז די צאָהל יודען בעשעפטיגטע מיט אינדוסטריע און אַפילו ספּעציעל מיט

בעקליידונגס־אינדוסטריע נאָך אַלץ קלענער, ווי די צאָהל נישט־יודען בעשעפטיגטע מיט די זעלבע פּראָפעסיעס. אויך אין האַנדעל מיט לאַנדווירטשאַפטליכע פּראָדוקטען, קומט אויס אויף יעדע 100 נישט־יודען אַ קלענערע צאָהל יודען, ווי דורכשניטליך אין תחום, הגם שוין אַ פיעל גרעסערע ווי די צאָהל נישט־יודען, אין דיזע צוויי געגענדען איז אַלזאָ די איבערגעפאַקטקייט מיט יודען פיעל קלענער, ווי אין צפון־דיגען און דרום־מערב׳דיגען געגענדען.

און טאַקי דערין דאַרף מען זוכען איינע פון די וויכטיגסטע סבות פון די וואַנדערונגען, וואָס געהען פון׳ם צפון׳דיגען געגענד קיין פוילען און פון די אינערליכע וואַנדערונגען פון די יודען אין רוסלענדער מלוכה, פון דרום־מערב׳דיגען געגענד צום דרום־מזרח׳דיגען *).

שוין אין דעם דרום־מערב׳דיגען געגענד איז סיי אין אינדוסטריע

*) ליידער קען איך דאָ די פראגע וועגען די אינערליכע וואנדערונגען פון די יודען אין רוסלענדער מלוכה גענויער נישט בעהאנדלען. נאָך דעם, וואָס איז אָבער געוויזען געוואָרען, מיין איך, וועט דעם לעזער נישט ערשיינען גאנץ ווילקירליך דער הויפט־געדאנק, דאָס די אינערליכע וואנדערונגען פון די יודען זענען ארויסגערופען, אַחוץ דער אלגעמיינער צוציהונגס־קראפט פון די גרויסע שטעדט, הויפטזעכליך דורך דעם, וואָס די צוויי וויכטיגסטע פאר דער יודישער בעפעלקערונג פּראָפעסיאָנעלע גרופען — האנדעל און בעקליידונגס־אינדוסטריע — זענען אין פארשיידענע געגענדען נישט גלייך איבערגעפאקט: יודען לויפען דערביי פון די געגענדען, וואו די קווטשעניש אין דיזע פּראָפעסיעס איז שטארקער און וואו צו פערדיענען צום לעבען איז דורך דעם שווערער,—אין יענע מקומות, וואו ס׳איז נאָך נישט פארהאַן אזא „איבער־פּראָדוקציע“ אין מענשען פון דיזער פּראָפעסיע. מעהר ווי דיזען הויפטגעדאַנק קען איך דאָ נישט אויסדריקען, כּדי נישט צו פארקריכען אָן א זייט. איך וויל דאָ נאָר בעמערקען נאָך איין זאך: די אלע אסימילאטאָרישע און נאציאָנאליסטישע וכּוחים, וואָס קומט אנדערע מאָל אויס צו הערען אָדער צו לעזען מכּוח די יודישע וואנדערונגען, און וואָס ווילען אין דיזע וואנדערונגען דערזעהן א ראיה, דאָס די יודישע מאַסע האָט א טענדענץ זיך צו צעשפּרייטען אָדער פערקעהרט זיך צו קאָנצענטרירען, — זענען באמת פוסטע רייד. ס׳איז אנ׳אומזין צו בעהויפּטען, דאָס דער יוד שטרעבט גראָד אין דער פרעמד, וואו דאָס לעבען איז אין אלע הינזיכטען שווערער און ביטערער ווי אין א היימישער סביבה, בלויז פאר ליעבשאפט צו דער פרעמד; ס׳איז אָבער, פון דער אנדער זייט, נאָך א גרעסערער אומזין צו זעהן אין דער צוגעבונדענקייט צו דער היימישער סביבה עפּעס א ספּעציעל־יודישעס, אזוי ווי ביי מענשען פון אנדערע פעלקער וואָלט זיין עפּעס אנדערש. עס דאַרף געפונען ווערען די סאָציאלע טרייב־קראַפט פון די יודישע וואנדערונגען און ערשט נאָכדעם וועט זיך לאָזען מיט א גרעסערער אָדער קלענערער וואָהרשיינליכקייט זאָגען, צו די יודען וועלען נאָכ׳ן אָבשאַפען דעם תחום בלייבען וואוינען אלס קאָמפּאקטע מאַסען—אין מערב־רוסלאנד, אָדער זיי וועלען זיך צושפּרייטען הויפּטזעכליך איבער דעם גאנצען אויבערפלאַך פון דער גרויסער רוסלענדער מלוכה. ווען אַנשטאָט דעם, רעדט מען אָבער נור פון „איינגעבאָרענע שטרעבונגען“ וואָס זענען ספּעציעל מסוגל דעם יודען, בעשעפטיגט מען זיך מיט בטלנ׳ישען פּלפּול און מעהר מיט גאָרנישט. — צו דערזעלבער פראגע זעה אויך קאַפּיטעל III און V.

און האנדעל בכלל, סיי ספעציעל אין בעקליידונגס-אינדוסטריע און אין האנדעל מיט לאנדווירטשאפטליכע פראדוקטען, די צאהל בעשעפטיגטע יודען אויף יעדע 100 נישט-יודען — גרעסער ווי דורכשניטליך אינ'ם תחום; שוין אינ'ם דרום-מערב'דיגען געגענד איז די צאהל יידען בעשעפטיגטע מיט בעקליידונגס-אינדוסטריע אבסאלוט גרעסער ווי די צאהל נישט-יודען; די „איבערגעפאקטקייט" דערגרייכט נאך אבער דארטען נישט איהר העכסטע שטופע. די העכסטע שטופע פון דער נישט-פראפארציאנעל גרויסער צאהל יודען אין געוויסע בראנזשען געפינען מיר — אין צפונ'דיגען געגענד: נישט קוקענדיג אויף דעם, וואס יודען זענען דארטען בלויז 14 פראצענט פון דער בעפעלקערונג, איז דארטען אויף יעדע 100 נישט-יודען בעשעפטיגטע אין בעקליידונגס-אינדוסטריע פאראן 234 יודען בעשעפטיגטע אין דערזעלבער בראנזש; אויף 100 בעשעפטיגטע מיט האנדעל פון אנדערע פעלקער — 777 יודען בעשעפטיגטע דערמיט, און אויף יעדע 100 נישט-יודען בעשעפטיגטע ספעציעל מיט האנדעל פון לאנדווירטשאפטליכע פראדוקטען קומט אויס 1218 יודען, וואס זענען מיט דיזען מסחר פערנומען.

## קאפ. III. — דער תחום אלס אבזאץ-פלאץ פאר'ן האנדעל און און פאר די אינדוסטריע פון די יודען.

— נור וואס ווילט איהר דערמיט דערווייזען, — וועט מיך געוויס איבערהאקען נישט איין אויפמערקזאמער לעזער: אז יודען קענען דורך די וויכטיגסטע פראפעסיעס זייערע מעהר נישט עקזיסטירען, ווייל אין זיי איז שוין פאראן א גרויסע „איבערפראדוקציע" פון מענשען? דאס איז אייך נישט געלונגען צו דערווייזען. איהר האט נור בעוויזען איין זאך: די יידישע בעפעלקערונג קען ביי אזעלכע בעדינגונגען, ווען זי זאל זיין אנגעוויזען נור אויף זיך אליין, נישט עקזיסטירען. „לכו והתפרנסו זה מזה" קען, פערשטעהט זיך, פערווירקליכט ווערען נור דאמאלט, ווען די פראפעסיעס זענען איינגעטיילט בערך גלייכמעסיג ביי דער בעפעלקערונג; בעת אבער אלע פראדוצירען און האבען צו פערקויפען כמעט איינס און דאסזעלבע, איז, זעלבסטפערשטענדליך, כמעט אונמעגליך וואס עס איז צו פערקויפען אין צו בעקומען צו קויפען אויף צו בעפרידיגען אלע איבעריגע בעדערפנישען פון דער בעפעלקערונג. אויפ'ן עקאנאמישען לשון, הייסט עס, האט איהר דערוויזען בלויז דאס, אז יודען קענען בשום אופן נישט בילדען קיין „זיך-זעלבסט-גענוגענדע עקאנאמישעס גאנצעס". נור ביי היינטיגע צייטען זענען שוין אין גאנצען פערשוואונדען פון דער ציוויליזירטער וועלט אזעלכע איזאלירטע, געשלאסענע, עקאנאמישע איינהייטען: יעדעס לאנד פערקויפט אין אויסלאנד געוויסע פראדוקטען און קויפט, פער-

קעהרט, אין אויסלאַנד אַנדערע סחורות, וועלכע זי האָט גישט געגוג ביי זיך: ווען ענגלאַנד וואָלט נעמוזט אַליין פערברויכען אַלע מאַשינען, שיפען אָדער טוך, וואָס די אַרבייט־אויס, ווען זי וואָלט זיי נישט געקענט פערקויפען פרעמדע אָדער בענוצען פאַר׳ן פרעמדען טראַנספּאָרט א. ד. ג., וואָלט די באַלד געמוזט שטאַרבען פאַר הונגער. דאָסזעלבע ביי יודען: די גרויסע צאָהל בעשעפטיגטע מיט האַנדעל און מיט בעקליידונגס־אינדוסטריע וואָלטען געוויס געדאַרפט שטאַרבען פון הונגער, אויב זיי וואָלטען געמוזט בעשרענקען זייער עסק נאָר מיט דעם יודישען פובליקום; די מעשה איז אָבער, דאָס דער יוד האַנדעלט אויך מיט׳ן קריסט און די פראָדוקטען פון דעם יודישען האַנדווערק ווערען געקויפט אויך דורך דעם נישט־יודען. איהר האָט געזעהן, דאָס יודען זענען אָנגעפּאַקט אין אַ פּאָר פראָפעסיעס; דערמיט איז נאָך אָבער נישט דערוויזען, דאָס זיי זענען דאָרטען איבערגעפּאַקט; זייער צאָהל אין דיזע פראָפעסיעס קען זיין נאָך גרעסער ווי איצט, און זיי קענען דערביי האָבען גאָר נישט קיין שלעכטע חיונה, אויב זיי האָבען נור אַ גענוג גרויסען נישט־יודישען מאַרק פאַר׳ן אָבזאַץ פון זייערע פראָדוקטען און פאַר זייער האַנדעל.

„אויב זיי האָבען אַ גענוג גרויסען נישט־יודישען מאַרק פאַר׳ן אָבזאַץ פון זייערע פראָדוקטען אין פאַר זייער האַנדעל“. נור טאַקי דאָ איז, ווי די דייטשען זאָגען, דער הונד בעגראָבען.

געוויס, די צאָהל מענשען, וואָס קענען לעבען פון אַ געוויסער פראָפעסיע, איז נישט קיין אַבסאָלוטע זאַך. זי הענגט אָב פון זעהר פערשידענע טעכנישע און סאָציאַלע אומשטאַנדען און הויפּטזעכליך פון צוויי בעדינגונגען: פון דער גרויס פון די בעדערפנישען ביי די מענשען פון דיזער פראָפעסיע און נאָך מעהר פון דער גרויס פונ׳ם מאַרק, פאַר וועלכען עס אַרבייטען די מענשען פון דיזער פראָפעסיע; זענען זייערע בעדערפנישען קלענער, קענען זיי זיך צופרידענשטעלען מיט אַ קלענערן פערדיענסט, דאַן קענען ביי גלייכע איבעריגע בעדינגונגען זיך פערנעהמען מיט דער זעלבער פראָפעסיע מעהר מענשען. דאָסזעלבע, וואָס גרעסער איז דער מאַרק, אָדער מיט אַנדערע ווערטער, וואָס מעהר פראָדוקטען פון דיזער פראָפעסיע עס ווערען פערקויפט, אַלץ מעהר מענשען קענען זיך מיט דיזער פראָפעסיע פערנעהמען.

די גרויס פונ׳ם מאַרק גופא, אָדער די גרויס פונ׳ם סחורה־אָבזאַץ, הענגט ווייטער אָב פון פערשידענע בעדינגונגען, פון וועלכע ס׳איז גענוג צו דערמאָהנען דריי: ערשטענס, די צאָהל מענשען, וואָס שטעלען פאַר דיזען „מאַרק“, צווייטענס, זייער עקאָנאָמישער וואוילשטאַנד, און דריטענס, זייערע קולטורעלע בעדערפנישען. אַ גרעסערע צאָהל מענשען, אַ גרעסערער עולם האָט, פערשטעהט זיך, נויטיג מעהר פראָ-

דוקטען און מעהר פראדוצענטען פון יעטוועדער מין ווי א קלענערער עולם; ביי א גלייכער צאהל קונים, איז די נאכפראגע אויף סחורה גרעסער אויב דער עולם איז רייכער; ביי גלייכער פערמעגליכקייט פון די קונים, וואס מעהר קויפען דער, וואס האט ברייטערע לעבענס-בעדערפנישען; די ערפאהרונג ווייזט אונז, דאס צוזאמען מיט דער ציוויליזאציע וואקסען די בעדערפנישען; וואס מעהר א פאלק איז ציוויליזירט, אלץ ברייטער זענען זיינע בעדערפנישען; ביי גלייכער פערמעגליכקייט, האט ברייטערע בעדערפנישען א דייטשער פויער, ווי א פוילישער, א פוילישער ווי א רוסישער א. אז. וו.; א מעהר-ציוויליזירטער עולם שטעלט אלזא פאר א גרעסערען מארק, א גרעסערען אבזאץ-פלאץ פאר סחורה, ווי א ווענינער-ציוויליזרטער.

אויב די יודען, וואס פערנעהמען זיך מיט האנדעל און בעקליידונגס-אינדוסטריע, וואלטען האבען א גענוג-גרויסען נישט-יודישען מארק פאר'ן אבזאץ פון זייערע פראדוקטען און פאר זייער האנדעל, איז ווי גרויס עס זאל נישט זיין דער פראצענט פון דער יודישער בעפעלקערונג, וואס פערנעהמט זיך מיט די דאזיגע פראפעסיעס, וואלטען זיי פונדעסטוועגען געקענט עקזיסטירען און וואלטען נישט געדארפט וואנדערען פון איין לאנד אין דעם אנדערען און פון איראפע קיין אמעריקע. די פראגע איז אדער: ווי גרויס דארף זיין אט דער נישט-יודישער מארק, כדי די יודען פון די דערמאהנטע פראפעסיעס זאלען נישט דארפען לויפען אין פרעמדע לענדער? און צי איז שוין אינ'ם תחום נישט פאראן אזוי פיעל הענדלער און בעשעפטיגטע מיט בעקליידונגס-אינדוסטריע, וואס די גאנצע בעפעלקערונג פונ'ם תחום, סיי די יידישע, סיי די נישט-יודישע, קען זיי גענוג בעשעפטיגונג נישט פערשאפען זיי זאלען דערפון חיונה האבען?

מיר האבען געזעהען, דאס אין גאנצען תחום בכלל, ווען מ'זאל די בעפעלקערונג נישט טיילען אויף יודישע און נישט-יודישע, זענען 5½ פראצענט פון אלע עקאנאמיש-אקטיווע בעשעפטיגט מיט האנדעל און 4 פראצענט מיט דער בעקליידונגס-אינדוסטריע (טאבעלע XXXII). אין דייטשלאנד זענען אין 1895 געווען 22 מיליאן 914 טויזענד עקאנאמיש-אקטיווע (Erwerbstätige) און פון זיי 1 מיליאן 881 טויזענד בעשעפטיגטע מיט האנדעל און 1 מיליאן 513 טויזענד בעשעפטיגטע מיט בעקליידונגס-אינדוסטריע, ד. ה. אין האנדעל זענען געווען בעשעפטיגט פולע 8 פראצענט און אין בעקליידונגס-אינדוסטריע פולע 6½ פראצענט פון אלע עקאנאמיש-אקטיווע. אין תחום (און אין יעטוועדען גענענד פונ'ם תחום בעזונדער) איז אלזא פערנומען אין דיזע פראפעסיעס א קלענערער פראצענט פון דער גאנצער בעפעלקערונג, ווי אין דייטשלאנד. מ'קען דעריבער טאקי נישט זאגען, דאס אין תחום איז שוין פאראן אבסאלוט צו פיעל סוחרים און בעקליידונגס-פראדוצענטען, אזא גרויסע צאהל, וואס קען שוין דארטען ביי קיין שום בעדינגונגען קיין חיונה נישט האבען; ווען די

אלגעמיינע בעפעלקערונג פון תחום וואלט געשטאנען אויף אזא עקאנאמישען און קולטורעלען מצב, ווי די בעפעלקערינג פון דייטשלאנד, וואלט זיך נאך אין תחום געפיהלט א מאנגעל אין האנדעלס-לייט און בעקליידונגס-פראדוצענטען און די יודען וואלטען פון דארטען נישט געהאט וואס צו לויפען(*), נור דאס דערמאהנט מיר א פויליש-ווערטעל: „ווען די באבע וואלט געהאט וואנצעס... וואלט זי געווען א זיידע". געוויס, ווען דער תחום וואלט געהאט א פנים, ווי דייטשלאנד, וואלט דאס נישט געווען דער תחום.

פון 14 מיליאן 109 טויזענד עקאנאמיש-אקטיווע זענען אין 1900 אין עסטרייך געווען בעשעפטיגט אין האנדעל 641 טויזענד**) און אין בעקליידונגס-אינדוסטריע 567 טויזענד מענשען, ד. ה. 4½ פראצענט אין האנדעל און 4 פראצענט אין בעקליידונגס-אינדוסטריע. [די בעפעלקערונג פון עסטרייך שטעהט אין דורכשניט לויט איהר עקאנאמישען און קולטורעלען מצב נידעריגער ווי די בעפעלקערונג פון דייטשלאנד, אבער בכלל רעכט-העכער ווי די בעפעלקערונג פונ'ם תחום]. דער פראצענט בעשעפטיגטע מיט בעקליידונגס-אינדוסטריע איז אלזא אינ'ם תחום פונקט אזוי גרויס ווי אין עסטרייך. אזוי אבער ווי די עקאנאמישע און קולטורעלע לאגע פון דער נישט-יודישער בעפעלקערונג אינ'ם תחום איז נידעריגער, ווי אין עסטרייך, קומט שוין ממילא אויס, דאס ביי די איצטיגע בעדינגונגען איז אין תחום בכלל פאראן צופיעל בעשעפטיגטע מיט בעקליידונגס-פראדוקציע. ווען אפילו די יודישע בעקליידונגס-פראדוצענטען זאלען האבען די נישט-יודישע קונים פונ'ם תחום, קענען זיי אויך קיין גענוגענדע הכנסה נישט האבען — און מוזען אויסוואנדערן. אין האנדעל איז אין תחום בעשעפטיגט נאך א פיעל גרעסערער פראצענט ווי אין עסטרייך (5½ אנשטאט 4½); ביי איצטיגע בעדינגונגען איז אלזא אין תחום פאראן צו פיעל הענדלער — און אויך זיי קענען דארטען נישט האבען פון וואנען צו לעבען.

פון די איינצעלנע געגענדען פונ'ם תחום, געפינען מיר בלויז אינ'ם דרום-מזרח'דיגען ראיאן 4½ פראצענט בעשעפטיגטע מיט האנדעל (96.137 בעשעפטיגטע מיט האנדעל פון 2 מיליאן 120 טויזענד עקאנאמיש-אקטיווע); בלויז אין דיזען ראיאן, וואו די יודישע בעפעלקערונג איז פיעל קלענער ווי אין די איבעריגע געגענדען פונ'ם תחום, איז דער פראצענט בעשעפטיגטע

*) דער פראצענט עקאנאמיש-אקטיווע יודען, וואס זענען פארנומען מיט האנדעל, איז אין דייטשלאנד פיעל גרעסער, ווי אין רוסלאנד, אינ'ם תחום; אין דייטשלאנד זענען אין האנדעל און פערקעהר פערנומען 54½ פראצענט, ד. ה. די אבסאלוטע מערהייט פון אלע עקאנאמיש-אקסיווע יודען, בעת אין אינ'ם תחום זענען דערמיט פערנומען בלויז 34½ פראצענט, ד. ה. א פולער דריטעל.

**) אזוי ווי די גרופירונג פון די האנדעלס-פראפעסיעס אונטערשיידעט זיך שטארק אין דער עסטרייכישער סטאטיסטיק פון דער רוסישער, ווערט דא אנגענומען דער ציפער וואס איז אויסגערעכענט דורך ברוצקוס'ען (ציטירטעס ווערק, ז. 34 אנמערקונג 1).

מיט האנדעל גליך צו דעם דורכשניטליכען פראצענט פון עסטרייך*); דערפאר אבער אין דרום־מערב׳דיגען געגענד פערנעהמען זיך מיט האנדעל גאנצע 6½ פראצענט פון אלע עקאנאמיש־אקטיווע, ד. ה. כמעט אויף א העלפט מעהר ווי אין דרום־מזרח׳דיגען ראיאן; די יודישע הענדלער לויפען טאקי פון דרום־מערב׳דיגען געגענד קיין דרום־מזרח, נישט רעדענדיג שוין פון זייער אויסוואנדערונג קיין אמעריקא. אין פוילען זענען בעשעפטיגט מיט האנדעל 5 פראצענט פון אלע עקאנאמיש־אקטיווע (155.172 פון 2.954.685); דאס זעלבע געפינען מיר אויך 5 פראצענט אין צפון׳דיגען געגענד (125.241 פון 2.528.890) דער צפון׳דיגער געגענד (ליטא און ווייס־רוסלאנד) איז אבער דער ארעמסטער און עקאנאמיש־אבגעשטאנענסטער געגענד פונ׳ם תחום, בעת פוילען פערקערט פערנעהמט אינ׳ם תחום דעם ערשטען ארט לויט איהר האנדעל און אינדוסטריע; אין צפון׳דיגען געגענד איז פאראן א סך ווייניגער פלאץ פאר סוחרים ווי אין פוילען, און אויב אין פוילען געפינען מיר 5 פראצענט בעשעפטיגט מיט האנדעל, הייסט דאס, אז אין צפון׳דיגען געגענד איז פאר 5 פראצענט קיין פלאץ נישטא; ווי מיר האבען געזעהן, לויפט מען טאקי פון צפון׳דיגען געגענד אין פוילען.

דאס אין צפון׳דיגען געגענד איז פאראן בעשעפטיגטע מיט האנדעל און בעקליידונגס־אינדוסטריע מעהר, ווי די מדינה קען ביי איצטיגע בעדינגונגען אויסהאלטען, האט שוין זעהר גוט געוויזען ה. ברוצקוס אין זיין ציטירטען ווערק (זז. 29—32). ער האט גענומען צוויי גובערניעס פונ׳ם תחום (וויטעבסקער און מאהילעווער) אין צוויי גיבערניעס, וואס ליעגען אויסער דעם תחום (סמאלענסקער און פסקאווער), וועלכע זענען בכלל זעהר ענליך איינע צו די אנדערע לויט זייערע נאטירליכע אייגענשאפטען און עקאנאמישען מצב; נור בעת אין די ערשטע צוויי (אין תחום) איז פאראן 12 פראצענט יודען, זענען יודען אין די לעצטע צוויי (אויסער׳ן תחום) פאראן ווייניגער ווי איין פראצענט (7/10 פראצענט). ווייזט זיך ארויס, דאס פון יעדע 1000 איינוואוינער פון די לעצטע גובערניעס (אויסער׳ן תחום) לעבען פון האנדעל 19 נפשות און פון בעקליידונגס־אינדוסטריע 11. אין

*) גאליציען געהערט צו די ארעמסטע און מעהר אבגעשטאנענע פראווינצען פון עסטרייך. דער פראצענט עקאנאמיש־אקטיווע, וואס איז אין דער מדינה (יודען און נישט־יודען צוזאמען) פערנומען מיט האנדעל און בעקליידונגס־אינדוסטריע, איז טאקי אויך פיעל קלענער ווי דורכשניטליך אין עסטרייך. פון 3.973.885 עקאנאמיש־אקטיווע (יודען און נישט־יודען צוזאמען) זענען 118.078 בעשעפטיגט מיט האנדעל און 57.830 מיט בעקליידונגס־פראדוקציע, ד. ה. אין האנדעל איז געווען בעשעפטיגט 3 פראצענט און אין בעקליידונגס־אינדוסטריע 1 מיט א האלב פראצענט פון אלע עקאנאמיש־אקטיווע. אויב אין דיזע פראפעסיעס איז דארטען נאך אלץ פאראן א איבערפלוס, איז ער אלזא יעדענפאלס פיעל קלענער ווי אינ׳ם תחום.

די 2 גובערניעס פֿון תּחום — 53 פֿון האַנדעל און 24 פֿון בעקליידונגס-אינדוסטריע. בײַ אונגעפֿעהר דיזעלבע בעדינגונגען, בײַ וועלכע עס לעבען איבער דעם תּחום 100 מענשען פֿון האַנדעל און 100 פֿון בעקליידונגס-אינדוסטריע, קומט-אויס צו לעבען אין די בשכנות'דיגע גובערניעס אינ'ם תּחום 270 מענשען פֿון האַנדעל און 220 פֿון בעקליידונגס-פּראָדוקציע.

אַזוי איבערפֿולט זענען די צווײ ווײַכטיגסטע יודישע פּראָפֿעסיעס אינ'ם תּחום אין גאַנצען און אין יעדען געגענד פֿונ'ם תּחום בעזונדער. אויב די נישט-יודישע בעפֿעלקערונג פֿונ'ם תּחום זאָל אַפֿילו נישט מאַכען קיין שום אונטערשייד צווישען יודען און נישט-יודען סײַ בײַם קויפֿען סײַ בײַם פֿערקויפֿען, האָבען אַלזאָ די יודען, וואָס זענען פֿערנומען מיט האַנדעל און בעקליידונגס-פּראָדוקציע, אויך נישט אַזאַ גענוגענדען מאַרק פֿאַרן אָבזאַץ פֿון זײערע פּראָדוקטען און פֿאַר זייער האַנדעל, זיי זאָלען קענען פֿערדינען אויף צו פֿיהרען אַ מענשליכע עקזיסטענץ, — שוין צוליב דעם אַליין, ווײַל מיט זײערע פּראָפֿעסיעס זענען אין תּחום פֿערנומען פֿיעל מעהר מענשען, וויפֿיעל עס קענען בײַ היינטיגער צײַט פֿון דיזע פּראָפֿעסיעס אינ'ם תּחום עקזיסטירען.

„כּדי די יודישע בעפֿעלקערונג — זאָגט דעריבער ה. ברוצקוס — זאָל זיך געפֿינען אין די זעלבע בעדינגונגען, אין וועלכע עס געפֿינט זיך די האַנדעלס-אינדוסטריעלע בעפֿעלקערונג פֿון די דערמאָהנטע גובערניעס אויסער'ן תּחום, איז נויטווענדיג, דאָס אונגעפֿעהר 60 פּראָצענט פֿון איהר (פֿון דער יודישער בעפֿעלקערונג — ל. ה.) זאָל איבערגעהן צו אַנדערע בעשעפֿטיגונגען אָדער זאָל אויסוואַנדערען“.

ביסלעכווײַז געהט די יודישע בעפֿעלקערונג טאַקי איבער צו אַנדערע בעשעפֿטיגונגען. הויפּטזעכליך געהט מען איבער פֿון האַנדעל צו אינדוסטריע, ווען דאָס לעבען אין האַנדעל ווערט אַלץ מעהר געדריקט. פֿערשידענע פֿאַקטען אויף וועלכע איך קען מיך דאָ נישט אָבשטעלען, ווײַזען, דאָס אַזאַ פּראָצעס קומט טאַקי פֿאָר בײַ יודען. דאָס איז אָבער, ווי איך האָב שוין געהאַט די געלעגענהײַט עס אָנצומערקען, אַ שרעקליך לאַנג דויערענדער פּראָצעס, אַ מעשׂה אויף יאָהרצעהנדליגען. אַלץ עפּטער טאַקי גיט אָב דער קליינער און מיטעלער הענדלער זײַן קינד לערנען אַ פֿאַך. מ'דאַרף אָבער זוכען מיט ליכט אַ סוחר, וואָס זאָל אַליין ווערען אַ בעל-מלאכה, אָדער אַ שנײַדער, וואָס זאָל אַליין ווערען אַ וועבער. ער אַליין, בעת ער דערשפּירט, דאָס ער האָט נישט גענוג אויף חיונה, אָנשטאָט זיך אָנהויבען לערנען אַ נײַע פּראָפֿעסיע, וועלכע גאַראַנטירט

אִידם פֿון פֿאַראויס אויך נישט קיין בעשטימטע פּרנסה, געדם ער בעסער ביי דער ערשטער מעגליכקייט אַהין, וואו לויט די ידיעות, וואָס ער האָט פֿון קרובים, בעקענטע א. ד. גל., קען מען „מאַכען אַ לעבען" מיט דער פּראָפֿעסיע, וועלכע ער האָט אין האַנד, מיט דער בעשעפֿטיגונג, צו וועלכער ער איז געוועהנט. אין אַ דור אַרום וועט געווים דער אַנטייל פֿון די פּראָפֿעסיעס צווישען דער יודישער בעפֿעלקערונג זיך שטאַרק אונטערשיידען פֿון דעם געגענווערטיגען; דערווייַלע אָבער איז קיין ראַשער מאַסען-איבערגאַנג פֿון איין פּראָפֿעסיע צו אַנדערע נישטאָ און קען נישט זיין (און נור אַן אויסערסט-ראַשער מאַסען-איבערגאַנג וואָלט געקענט בעמערקבאַר אין שנעל ענדערען די לאַגע פֿון די יודישע הענדלער און בעשעפֿטיגטע מיט בעקליידונגס-פּראָדוקציע) — מוז מען אַלזאָ עמיגרירען.

## קאַפּ. IV. — אַ אַמאָל

— און וואָס איז געווען אַמאָל, מיט אַ יאָהר פֿופֿציג, הונדערט, אָדער צוויי הונדערט צוריק? — וועט עמיצער אַ פֿראַגע טאָן: פֿאַרוואָס האָבען יודען דאַן נישט עמיגרירט? צי זענען דען צווישען זיי די פּראָפֿעסיעס דאַן געווען איינגעטיילט גלייכמעסיגער? און פֿאַרוואָס איז די יודישע עמיגראַציע געוואָרען אַזוי בעזונדער גרויס אינ'ם לעצטען צעהנדליג יאָהר?

ריכטיג, מיט דורות צוריק זענען די פּראָפֿעסיעס ביי יודען געווען נאָך ווייניגער גלייכמעסיג איינגעטיילט, ווי היינט. אויסערסט גרויס איז דערביי געווען טאַקי דער פּראָצענט פֿון דער יודישער בעפֿעלקערונג, וואָס האָט געלעבט פֿון האַנדעל; פֿון די פֿערשידענע האַנדווערק-פּראָפֿעסיעס האָט טאַקי אויך אין יענע, פֿאַרקאַפּיטאַליסטישע צייטען די ערשטע ראָלע געשפּילט שניידעריי *). דאַן האָט אָבער די יודישע בעפֿעלקערונג געלעבט אין געאַרבייט ביי גאַנץ אַנדערע בעדינגונגען, ווי היינט. איך וועל נור אָנמערקען די וויכטיגערע פֿון זיי.

ערשטענס, די בעדערפֿנישען פֿון דער יודישער בעפֿעלקערונג זענען דאַן געווען אָהן אַנערך נידעריגער ווי איצט. און הגם אינטערע־סען זענען געווים גרעסער געוואָרען אויך די בעדערפֿנישען פֿון דער נישט-יודישער בעפֿעלקערונג, נור ס'אונטערליגט קיין שום ספק נישט, דאָס ביי די יודען, וועלכע זענען אַ שטעדטישע בעפֿעלקערונג, זענען אונטער דער צייט די בעדערפֿנישען אויסגעוואַקסען פֿיעל מעהר, ווי ביי די נישט-יודען, וועלכע זענען אין זייער אַלערגרעסטער מעהרהייט פּויערים. מיט אַ לעגענדאַר-קליינעם פֿערדיענסט, מיט וועלכען ס'איז איצט

*) עטוואָס אויספֿיהרליכער וועגען דעם אין דער פֿראַנצויזישער אויסגאַבע.

שווער צו עקזיסטירען אַפֿילו אַנאײנצעלנעם מענשען, האָט נאָך מיט אַ דור אָדער צוויי צוריק — מיר קענען עס זיך נאָך אַליין דערמאָהנען — געלעבט אַ גאַנצע יודישע פֿאַמיליע אויב נישט בהרחבֿה, ווענינגסטענס בצמצום.

צווייטענס, האָט די יודישע בעפֿעלקערונג, ווענינגסטענס אין די קלענערע שטעדט (און וואו זענען דאַן געווען נישט נור גרויסע, נור אַפֿילו מיטעלע שטעדט אין דעם איצטיגען זין פֿון וואָרט?), נאָך דאַן געלעבט אין אַ גרויסער מאָס נישט פֿון געלד־ווירטשאַפֿט, נור, ווי מ׳רופֿט עס, פֿון נאַטוראַל־ווירטשאַפֿט. בעת מ׳זאָגט, דאָס יודען האָבען געלעבט פֿון האַנדעל, דאַרף מען נישט האָבען קיין טעות אין דער בעדייטונג פֿון דיזע ווערטער. נישט די גאַנצע חיונה האָט דעם סוחר׳ס אָדער דעם בעל־מלאכה׳ס פֿאַמיליע געצויגען פֿון האַנדעל און פֿון דער ספּעציעלער מלאכה. אַ געוויסען, זעהר אָפֿט אַ רעכט־גרויסען טייל פֿון איהרע לעבענס־מיטעל פֿלעגט זי געוועהנליך אַליין פּראָדוצירען. ברויט פֿלעגט מען אַליין באַקען; הינטערען הויז פֿלעגט געוועהנליך זיין אַ גאָרטען, וואו עס פֿלעגט וואַקסען קאַרטאָפֿעל, קרויט, ציבעלעס אין אַנדערע געגענשטענדען פֿון טעגליכען געברויך צו יענער צייט; אַ בהמה, אַ קוה אָדער אַ ציעג, פֿלעגט געבען מילך; אויך אַ שפּינדעל און אָכטמאָל אַפֿילו אַ וועבשטוהל פֿלעגט זיך געפֿינען אין שטוב; בעטגעוואַנד פֿלעגט מען זיך אַליין שאַפֿען פֿון פֿעדערען פֿון געקוילעטע עופֿות, — אין די לאַנגע ווינטערדיגע אָבענדען פֿלעגט מען דיזע פֿעדערען פֿליקען אין פֿריהערדיגע צייטען, און ביי די אָרעמערע שיכטען געוועהנליך נאָך ביי דער ליכט פֿון אַ פּאָר קינעלעך, וואָס מ׳פֿלעגט, פֿערשטעהט זיך, אַליין צושפּאַלטען *).

ביי אַזעלכע בעדינגונגען, איז אויסגעקומען זעהר ווענינג צו קויפֿען אויף חיונה, געלד האָט מען ווענינג געדאַרפֿט, און די עטליכע גילדען — ווען הויך, די עטליכע רובעל — אַ וואָך, וואָס עס האָבען יאָ געפֿאָדערט די שטוב־הוצאות, האָט מען שוין ווי עס איז פֿון מסחר אָדער פֿון דער מלאכה געקענט ציהען.

געוויס האָט פֿון דער אַנדער זייט, די נאַטיראַל־ווירטשאַפֿט ביי דער אַרומיגער בעפֿעלקערינג געהערשט אין נאָך אַ גרעסערער מאָס, ווי ביי דער יודישער; די אַרימיגע בעפֿעלקערונג האָט דעריבער ווענינגער ווי היינט געדאַרפֿט הענדלער און בעל־מלאכות, וויבאַלד זי האָט זעהר ווענינג געקויפֿט און פֿערקויפֿט; צו פֿערדינען דיזע „עטליכע גילדען" איז דעריבער דאַן שווערער געווען ווי איצטער. נור אויך אין דער הינזיכט, ווי

*) מעהר ווי שפּורען פֿון דיזער נאַטוראַל־ווירטשאַפֿט איז אין פֿערשיעדענע ערטער געבליבען נאָך ביז היינטיגען טאָג; אין אונזער קינדהייט איזדאָס נאָך געוועזען אַ וויכטיגער עלעמענט פֿון יודישען עקאָנאָמישען לעבען אין פֿיעל קלענערע שטעדט און שטעדליך פֿונ׳ם תחום.

בנוגע צו די בעדערפֿענישן, איז די ענדערונג, וואָס די קאַפּיטאַליסטישע ווירטשאַפֿט האָט געבראַכט, אַ פֿיל שטאַרקערע אין שטאָדט ווי אין דאָרף, ביים יודען ווי ביים נישט-יודען: בעת אין שטאָדט איז די נאַטוראַל-ווירטשאַפֿט שוין כמעט אין גאַנצען פֿערשוואונדען געוואָרען, איז זי אין רוסלענדער דאָרף, ביים פּויער, נאָך עד היום דער וויכטיגסטער טייל פֿון זיין ווירטשאַפֿט; דעם גרעסטען טייל פֿון זיין חיונה ציהט נאָך ביז היינט דער רוסלענדער פּויער נישט פֿון דעם, וואָס ער פֿערקויפֿט און קויפֿט, נור פֿון דעם, וואָס ער פּראָדוצירט דירעקט אַליין. אויב עס איז אַפֿילו לייכטער היינט צו פֿערדינען עטליכע גילדען ווי אַמאָל, איז דעריבער אָבער פֿיל שווערער היינט צו פֿערדינען אויף די גאַנצע חיונה ווי אַמאָל עטליכע גילדען.

און דריטענס, איז די רייזע אין פֿאַר-קאַפּיטאַליסטישע צייטען געוועזען נישט דאָס וואָס היינט: זי פֿלעגט פֿאָדערען אָהן אַנערך מעהר צייט, געזונד און געלד. דערהויפּט נאָך לויט דעם דאַמאָלדיגען געלד-מאַסשטאַב. דערצו דאַרף מען נאָך צוגעבען דאָס, וואָס ס'איז נישט געווען קיין שנעלע, אָפֿטע און רעגולערע פּאָסט-פֿערבינדונגען צווישען אַמעריקע און דעם פֿערוואָרפֿענעם תחום; דער, וואָס פֿלעגט ביי אַזעלכע בעדינגונגען אַוועקפֿאָהרען קיין אַמעריקע, פֿלעגט מוזען זיך פֿיהלען אין גאַנצען אָבגעריסען פֿון אַלע זיינע נאָהענטע און טייערע, פֿון דער היימישער סביבה, פֿון דער גאַנצער יודישער וועלט. דער געאָגראַף מעג אייך זאָגען, דאָס אַמעריקע איז היינט פּונקט אַזוי ווייט פֿונ'ם תחום, ווי מיט 50 אָדער 100 יאָהר צוריק; דער עמיגראַנט מעסט אָבער די ווייטקייט פֿון אַ וועלכען נישט איז געגענד נישט אויף מיילען, נור לויט דעם דויער פֿון דער רייזע, לויט די הוצאות פֿון דער רייזע, לויט די קערפּערליכע און גייסטיגע פּיין, וואָס זענען פֿערבונדען מיט דער רייזע; און אין **דעם** זין, וועלכער איז דער איינציג-וויכטיגער פֿאַר'ן עמיגראַנט, איז אַמעריקע מיט צוויי דורות צוריק געווען אונענדליך ווייטער ווי היינט; פֿאַר יודען פֿון קאָוונער גובערניע איז אַפֿילו בערדיטשעוו דאַן געווען פֿיל ווייטער ווי אַרגענטינא אָדער טראַנסוואַל היינט.

האָט מען טאַקי „עבר לים“ נישט געוואַנדערט. אויב עמיצער פֿלעגט זיך שוין יאָ ענטשליסען געהן אין „מרחקים“ זוכען „גליקען“, פֿלעגט ער זיך לאָזען געהן קיין „ראַסיי“ ד. ה. אין די דרום-רוסישע גובערניעס פֿונ'ם תחום, אָדער אין די אינערליכע רוסישע גובערניעס, אויף וויפֿיעל די אָרטיגע פּאָליציי פֿלעגט פֿאַר „חבר“ זיך מאַכען נישט-וויסענדיג פֿונ'ם אָנגעקומענעם יודען.

## קאפיטעל V.—דער אגראר-קריזיס און די יודישע עמיגראציע

ביז איצט האבען מיר געזעהען די זאך בלויז אין אלגעמיין. מיר האבען געזעהען, דאס ביי היינטיגער צייט איז בכלל פאראן אינים תחום צופיעל הענדלער און בעשעפטיגטע מיט בעקליידונגס-פראדוקציע: א טייל פון די יודישע הענדלער און שניידער איז אלזא אונמעגליך דארטען צו געפינען חיונה, ווען דער נישט-יודישער מארק וואלט אפילו אין גאנצען אפען געבליבען פאר'ן יודען. צו איז ער אבער באמת אין גאנצען אפען? צי האט זיך דיזער מארק מיט דער צייט נישט געענדערט? און צי מאכט די נישט-יודישע בעפעלקערונג פונ'ם תחום ביי איהר קויפען, און אפילו ביים פערקויפען, קיין שום אונטערשייד נישט צווישען דעם יודען און דעם נישט-יודען? — און דא קומען מיר צו דעם וויכטיגסטען מאמענט פון דער פראגע, מיט וועלכער מיר פערנעהמען זיך.

דער נישט-יודישער מארק פערשמעלערט זיך אלץ מעהר פאר די יודישע בעפעלקערונג פון רוסלענדער מלוכה; אין א געוויסער מאס איז דאס אויך ריכטיג בנוגע צו גאליציען און רומעניען.

צוליב פערשידענע היסטארישע סבות האט אין אלע דיזע לענדער דער קאפיטאליזם גענומען זיך ענטוויקלען נישט צערשטערענדיג די פריהערדיגע פעאדאלע ארדנונג, נור צוזאמענגיסענדיג זיך מיט איהר. די לאגע פון דער פויערשער ווירטשאפט, פאר וועלכע עס קומען-אן אומעטום שווערע צייטען צוזאמען מיט דעם נצחון פון דער געלד-ווירטשאפט און דער ענטוויקלונג פונ'ם קאפיטאליזם, איז אין דיזע פריציש-קאפיטאליסטישע לענדער געווארען בעזונדער קריטיש. דער אגראר-קריזיס וואס רואינירט סיסטעמאטיש דעם פויער אין דיזע לענדער, קען געפינען זיין גלייכען בלויז אין דרום-איטאליען און אין אירלאנד, וואו פערשידענע היסטארישע בעדינגונגען האבען געשאפען דעם פויער א ענהליכע לאגע. אין קיין אנדער געגענד פון אייראפע געפינען מיר נישט אזא דלות ביי דער פויערשער בעפעלקערונג ווי אין רוסלאנד, גאליציען און רומעניען. צוזאמען מיט דער אויסערסטער מאטעריעלער ארעמקייט און שטיצענדיג זיך איינע אויף דער אנדערער, געהט אויך א אונבעגרייפליכע אין אייראפע קולטורעלע צוריקגעשטאנענקייט; אין אלע דיזע לענדער בעשטעהט די ווייט-גרעסטע מעהרהייט פון דער בעפעלקערונג פון אנאלפאבעטען, ד. ה. פון מענשען וואס קענען נישט לעזען און נישט שרייבען. דיזע קולטורעלע אבגעשטאנענקייט, וועלכע ווערט דירעקט און אונדירעקט אונטערגעהאלטען דורך די פריצישע ממשלה, האט פון דער אנדער זייט, צוזאמען מיט'ן פולען מאנגעל אין קאפיטאל, געמאכט אונמעגליך פאר'ן פויער דעם איבער-

גאנג פון דער עקסטענסיווער ווירטשאפט צו א אינטענסיווער, צו יענעם מין ווירטשאפט, וואו דורך פערשידענע טעכנישע אויסבעסערונגען און קאפיטאל-פערוועגדונגען ווערט אויף א קליין שטיקעל ערד געפיהרט א מעהר ספעציעליזירטע און פערהעלטניסמעסיג-גרויסע פראדוקציע. די פויערשע מאסע איז אין דער קאפיטאליסטישער ארדנונג אזאנארט געבליבען ביי די פארצייטיגע פראדוקציאנס-פארמען. אזוי אבער ווי די ערד, וואס איז געבליבען ביי די פויערים בעת זייער בעפרייאונג און וואס איז לכתחלה פאר זיי צו קליין געוועזען, איז מיט דער צייט אין גאנצען צובראקעלט געווארען צוליב פערשידענע סבות, און הויפטזעכליך, טאקי צוליב דעם נאטירליכען וואוקס פון דער בעפעלקערונג, — איז די ברייטע פויערשע מאסע שרעקליך פעראראמט געווארען ניט נור רעלאטיוו, ניט נור אין פערגלייך מיט דעם עקאנאמישען מצב פון אנדערע געזעלשאפטליכע שיכטען, נור זעהר אפט אויך אבסאלוט, אין פערגלייך מיט איהר אייגענער פריהערדיגער עקאנאמישער לאגע. א בעזונדער שארפען כאראקטער, האט, ווי בעוואוסט, אנגענומען דער דאזיגער אגראר-קריזיס אין רוסלענדער מלוכה, וואו די פולע רעכטלאזיגקייט פון די ברייטע פאלקס-שיכטען בכלל, און ספעציעל די האלב-לייבהעריגע לאגע פון די פויערים, פון איין זייט, און די גאנצע צאל-און שטייער-פאליטיק פון דער מלוכה, פון דער אנדערער, האבען געבראכט די ברייטע פויערשע מאסע צו א פולען חורבן*)

ווי האט דאס געמוזט ווירקען אויף די עקאנאמישע לאגע פון די יודען אין דיזע לענדער און ספעציעל אויף די לאגע פון די רוסלענדער יודען? איך דערמאן מיך דערביי דעם בעוואוסטען פיזיאקראטישען כלל: „ארעמער פויער — ארעמע מלוכה, ארעמע מלוכה ארעמער מלך“. מילא וועגען מלך קען מען זיך נאך האמפערן: ס'איז נאך א ספק, צי איז ער טאקי שטענדיג א מלך אביון, אויב זיינע פויערים זענען אביונים. אבער וועגען די יודען, וואס האלטען זיך, ווי בעוואוסט, פאר בני מלכים, און אין די לענדער, וועו עס וואוינט דער וויים-גרעסטער טייל פונ'ם יודישען פאלק, איז דיזער כלל געוויס ריכטיג: איז ארעם דער פויער, מוז אויך זיין ארעם דער יוד, מוז דער יוד זעהר אפט זיין נאך מעהר פעראראמט. ביטער איז טאקי די לאגע פונ'ם פויער שוין דאן, בעת זיין פעלד טראגט איהם נישט אזוי פיעל, ער זאל קענען פערשידענע פראדוקטען ברענגען אויפ'ן מארק צו פערקויפען; ווארום מיט וואס וועט ער קויפען די סחורות, וואס ער פראדוצירט נישט אליין? מיט וואס וועט ער צאהלען זיינע חובות און די שטייערען, וואס די מלוכה לעגט אויף איהם ארויף? — ווייט נישט אלץ אבער דארף ער קויפען צום לעבען, זעהר פילע געגענשטאנדען

*) איך שטעל מיך ברייטער נישט אב אויף דעם אגראר-קריזיס אין רוסלאנד צוליעב דעם, ווייל וועגען דעם איז פיעל געשריבען געווארען, אין דער פאקט גופא איז דעם יודישען לעזער אויך גענוג בעקאנט.

וואָס זענען נויטיג נישט צו שטאַרבען פאַר הונגער און קעלט, פראָדוצירט ער אַליין; אויב ער האָט נישט צו פערקויפען (און צו קויפען), איז ער דורכדעם טאַקי זעהר געדריקט; אויב אַזאַ צושטאַנד דויערט פיעלע יאָהרען נאָכאַנאַנד, פאַלט ער טאַקי אַריין אין אַלץ גרעסערע חובות, און פערלירט סוף כל סוף אין גאַנצען זיין שטיקעל ערד פאַר זיינע חובות; יאָהרען־לאַנג קען ער זיך אָבער האַלטען דורך די לעבענס־מיטעל, וואָס זיין לאַנדווירטשאַפט טראָגט איהם דירעקט. אַנדערש איז אָבער מיט'ן יודען, וואָס האַנדעלט מיט'ן פויער אָדער וואָס פראָדוצירט פאַר'ן פויערשען מאַרק: האָט דער פויער נישט די מעגליכקייט צו קויפען, דאַן בלייבט באַלד דער דאָזיגער יוד אויפגעשטעלט מיט זיין סחורה, און אויב ער וויל נישט שטאַרבען פאַר הונגער, מוז ער לויפען אין פרעמדע געגענדען.

און נישט נור פון דעם פויערס קויפונגס־קראַפט, נור אויך, אַזוי צו זאָגען, פון זיין פערקויפונגס־קראַפט העננט אָב דער עקאָנאָמישער מצב פון דער יודישער בעפעלקערונג. מיר האָבען אויבען געזעהען, דאָס די קנאַפע העלפט פון אַלע יודען, וואָס זענען אין רוסלאַנד בעשעפטיגט מיט האַנדעל, האַנדלען מיט לאַנדווירטשאַפטליכע פראָדוקטען, ד. ה. מיט אַזעלכע פראָדוקטען, וואָס דער פויער פערקויפט. פאַלט אָבער דעם פויערס ווירטשאַפט אָדער זי לעבט איבער אַ קריטישע צייט פון נישט־גערעטענישען, אין דער פויער געצוואונגען אַליין אויפצועסען די פראָדוקטען פון זיין ווירטשאַפט, האָט נישט וואָס צו פערקויפען, דאַן האָבען ווייניג וואָס צו טאָן די אַלע הענדלער, וואָס ציהען געוועהנליך זייער חיונה פון אויפקויפען די פויערשע פראָדוקטען. דערצו דאַרף מען נאָך נישט פערגעסען, אַז ווען דער פויער האָט נישט וואָס צו פערקויפען רופט דאָס נאַטירליכער־ווייזע אַרויס אין שטאָדט אַ יקרות אויף לעבענס־מיטעל, און פון דעם ליידט ווידער די יודישע בעפעלקערונג, צוגלייך מיט דער נישט־יודישער שטעדטישער בעפעלקערונג, און דער אַרבייטער־קלאַס מעהר ווי אַלע אַנדערע סאָציאַלע קלאַסען.

ווערט פעראָרעמט דער פויער, דאַן ווערט שוין דורכדעם גופא פעראָרעמט דער יוד; דאָס איז ווירקליך געשעהען אין גאַליציען, רומעניען און הויפטזעכליך אין רוסלאַנד.

און זאָל מען נישט זאָגען, אַז דער אַגראַר־קריזיס איז בעזונדער שאַרף נישט אינ'ם תחום, נור אין מזרח־רוסלאַנד. דאָס איז ביז אַ געוויסען גראַד ריכטיג וועגען פוילען, וואו די עקאָנאָמישע לאַגע פונ'ם פויער איז בכלל (הגם נישט אין אַלע גובערניעס) נישט אַזוי שלעכט, ווי אין רוסלאַנד (און טאַקי הויפטזעכליך דערמיט ערקלעהרט זיך אי דאָס, וואָס פוילען דיענט אַלס איינוואַנדערונגס־געגענד פאַר אַ געוויסען טייל פון די רוסלענדער יודען, אי דאָס, וואָס די עמיגראַציאָנס־שטופע איז ביי די פאָליאַקען אין רוסיש־פוילען צוויי מאָל קלענער ווי אין גאַליציען). דאָס

איז אָבער לחלוטין נישט ריכטיג בנוגע צום תחום אין ענגען זין פון וואָרט, צום תחום אָהן די פוילישע גובערניעס. אויב די שוואַנקינגען פון די געראָטענישען זענען אין מזרח־רוסלאַנד גרעסער ווי אין תהים, קען מען אָבער בשום אופן נישט זאָגען דאָס די שטענדיגע, אַלגעמיינע לאַגע פונ׳ם פויער אין ליטא אָדער ווייס־רוסלאַנד איז אַ געהויבענערע ווי די לאַגע פון זיין חבר אין לאַלוגער אָדער וואָראָנעזשער גובערניעס.

מען קען זיך, איבריגענס, אין דעם איבערצייגען לויט דעם פּראָצענט פויערים, וואָס האָבען אין גאַנצען אָנגעוואָרען זייער לעצט שטיקעל ערד אין פערשידענע רוסלענדער גובערניעס. — פון די 50 גובערניעס, וואָס געפינען זיך אין אייראָפּעאישען רוסלאַנד (אַ חוץ פוילען) זענען אין 1893 שוין געווען 18, אין וועלכע די פויערשע געהעפטען („דוואָר“, פאַמיליע אין ברייטען זין פון וואָרט), וואָס זענען געבליבען אָהן ערד, האָבען געבילדעט מעהר ווי 10 פּראָצענט פון אַלע פויערשע געהעפטען; פון דיזע 18 גובערניעס, וואו מיר געפינען דעם גרעסטען פּראָצענט אָהן־ערדיגע פויערשע פאַמיליעס געהערען 10 צום תחום (קאָוונער, גראָדנער, ווילנער, מינסקער, וויטעבסקער, בעסאַראַבער, כערסאָנער, פּאָדאָלער, קיעווער און פּאָלטאַווער) און בלויז 8 געפינען זיך אויסערען תחום (אַסטראַכאַנער, אָרענבורגער, פּערמער, אופימער, נאָווגאָראָדער, קאָסטראָמער, טווערער און ניזשני־נאָווגאָראָדער). פון 15 גובערניעס, וואָס צעהלט דער תחום (פוילען איז געלאָזען אין אַ זייט) האָבען אַלזאָ גאַנצע 10 אַזאַ הויכען פּראָצענט פויערים אָהן ערד; פון 35 גובערניעס, וואָס געפינען זיך אויסערן תחום, זענען פאַראַן אַזעלכע גובערניעס בלויז 8.

אינטערעסאַנט דערביי איז דאָס, וואָס דער גאַנצער צפון׳דיגער געגענד און דער גאַנצער דרום־מערב׳דיגער געגענד פונ׳ם תחום, די ביידע געגענדען פון שטאַרקער אויסערליכער און אינערליכער אויסוואַנדערונג, בעשטעהען ביידע כסדר פון גובערניעס מיט אַזאַ הויכען פּראָצענט אָהן־ערדיגע פויערים; נור איין גובערניע איז ביי יעדען פון זיי פאַראַן, וואו דער פּראָצענט אָהן־ערדיגע איז קלענער ווי 10; דאָס זענען: מאָהילעווער — אין צפון׳דיגען געגענד און וואָהלינער אין דרום־מערב׳דיגען (און דיזע ביידע גובערניעס געהערען גראָד צו יענע, וואו דער צו־וואוקס פון דער יודישער בעפעלקערונג איז גרעסער, ווי געוועהנליך אינ׳ם תחום). פערקעהרט, אין דרום־מזרח׳דיגען ראַיאָן פונ׳ם תחום, אין יעדעם ראַיאָן, וועלכער דיענט אלס אַ צוציהונגס־צענטר פאַר אינערליכע אייטוואַנדערונג, געפינען מיר בלויז איין גובערניע (פּאָלטאַווער) מיט אַזאַ הויכען פּראָצענט אָהן־ערדיגע פויערים; און טאַקי אין דיזער גובערניע געפינען מיר דעם קלענסטען צו־וואוקס פון דער יודישער בעפעלקערונג אין דיזען ראַיאָן*).

*) אויספיהרליכער וועגען דעם אין דער פראַנצויזישער אויסגאבע.

שוין פון דיזע אנגאבען זעהען מיר ביז א געוויסען גראד נישט נור דעם לאגישען, נייר אויך דעם פאקטישען צוזאמענהאנג צווישען דער ארעמקייט פון דער פויערשער און דער יודישער בעפעלקערונג, צווישען דער עקאנאמישער לאגע פונ'ם פויער און דער יודישער וואנדערונג. דיזען צוזאמענהאנג קען מען קאנסטאטירען אויף פערשידענע אופנים. אם דייטליכסטען זעהען מיר עס אבער, בעת מיר פערגלייכען די שוואנקונגען פון די גערעטענישען אין רוסלענדער מלוכה און די שוואנקונגען פון דער יודישער עמיגראציע. צוליב א גאנצע רייהע סבות דארף מען זיך נישט ריכטען צו געפינען א פולען צוזאמענהאנג צווישען די גערעטענישען אין רוסלאנד און די שוואנקונגען פון דער יודישער עמיגראציע. ווארום אחוץ די נישט-גערעטענישען ווירקען דאך יעדענפאלס אויף די שוואנקונגען פון דער יודישער עמיגראציע אויך א סך אנדערע אומשטאנדען, ווי צ. ב. די פאליטישע און געזעלשאפטליכע פערהעלטנישען אין רוסלאנד, די האנדעלס-אינדוסטריעלע קאניונקטור אין רוסלאנד און אין אמעריקא א. אז. וו.; א חוץ דעם זענען איבערהויפט אין רוסלענדער מלוכה, אין דעם זעלביגען יאהר די גערעטענישען פון פערשידענע מינים תבואה זעהר פערשידען, און אפילו ביי דעם זעלביגען מין איז די גערעטעניש גאנץ פערשידען אין פערשידענע ראיאנען, אזוי דאס א יאהר פון א גוט גערעטעניש אויף איין ארט קען זיין א הונגער-יאהר אויף אן-אנדער ארט*).

פונדעסטוועגען, אויב די ארעמקייט פון דער יודישער מאסע הענגט באמת אב אין אזא גרויסער מאס פון דער פויערשער ארעמקייט, ווי מיר האבען עס אויבען געזוכט צו דערווייזען, דאן דארפען מיר רעכענען, דאס אין די יאהרען פון בעזונדער שארפע נישט-גערעטענישען, ווען די פויערשע בעפעלקערונג געפינט זיך אין בעזונדער קריטישע עקאנאמישע בעדינגונגען, ליידט אויך בעזונדער, די עקאנאמישע לאגע פון דער יודישער מאסע, און איהר אויסוואנדערונג פערגרעסערט זיך דעריבער. לאמיר אלזא מיטאנאנדערשטעלען די שוואנקונגען פון די גערעטענישען פון קארן אין אייראפעאישען רוסלאנד מיט די שוואנקונגען פון דער יודישער עמיגראציע פון רוסלענדער מלוכה אין די פעראייניגטע שטאטען (פון אלע מינים געוויקסען קלייב איך אויס קארן, צוליב דעם, ווייל דאס איז דער וויכטיגסטער מין פון דער פויערשער פראדוקציע אין רוסלאנד, און דאס וויכטיגסטע לעבענס-מיטעל פון די ברייטע פאלקס-שיכטען). מיר בעקומען דאן פאלגענדע טאבעלע (ז. זייטע 119 **):

*) גענויער אין דער פראנצויזישער אויסגאבע.

**) די שוואנקונגען פון די בערעטענישען זענען אויף דער טאבעלע אויסגעדריקט אין פראצענטען פון דער דורכשניטליכער גערעטעניש, ד. ה. די דורכשניטליכע גערעטעניש

## טאַבעלע XXXIV.—די שוואַנקונגען פון די קאָרן־גערעטענישען אין רוסלאַנד און די עמיגראַציע פון רוסלענדער יודען נאָך די פעראייניגטע שטאַטען (1888—1911):

| יאָהרען | גערעטע־נישען | עמיגראַציע | יאָהרען | גערעטע־נישען | עמיגראַציע |
|---|---|---|---|---|---|
| 1887—88 | 111 | 31.256 | 1899—1900 | 118 | 37.081 |
| 1888—89 | 111 | 31.889 | 1900—01 | 117 | 37.660 |
| 1889—90 | 84 | 33.147 | 1901—02 | 95 | 37.846 |
| 1890—91 | 95 | 42.145 | 1902—03 | 115 | 47.689 |
| 1891—92 | 70 | 76.417 | 1903—04 | 112 | 77.594 |
| 1892—93 | 85 | 35.626 | 1904—05 | 127 | 92.388 |
| 1893—94 | 102 | 36.725 | 1905—06 | 92 | 125.234 |
| 1894—95 | 120 | 33.232 | 1906—07 | 81 | 114.932 |
| 1895—96 | 106 | 45.137 | 1907—08 | 100 | 71.978 |
| 1896—97 | 106 | 22.750 | 1908—09 | 102 | 39.150 |
| 1897—98 | 85 | 27.221 | 1909—10 | 116 | 59.824 |
| 1898—99 | 97 | 24.275 | 1910—11 | 113 | 65.472 |

דיזע טאַבעלע, און נאָך דײַטליכער די בײַגעלעגטע דיאַגראַמע 7 א, וועלכער איז געצייכענט לויט דיזער טאַבעלע, ווײַזען אונז, דאָס צווישען די נישט־גערעטענישען און די שוואַנקונגען פון דער יודישער עמיגראַציע איז אין דער ווירקליכקײַט פאַראַן נאָך אַ פיעל גרעסערער צוזאַמענהאַנג, ווי מ'האָט עס געקענט ערוואַרטען בדרך סברא. נישט נאָר אין די יאָהרען פון די שאַרפסטע נישט־גערעטענישען, אין 1891—2 און אין 1905—7 (זאָל בעמערקט ווערען אין קלאַמערען: אַנ'אויסערסט־ווילטיגער מאָמענט צווישען די טרײַב־קרעפטען פון דער רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג אין רוס־לאַנד) געפינען מיר אויך די גרעסטע אויפשוואַנגען פון דער יודישער עמיגראַציע, נור אין פערלויף פון די גאַנצע 24 יאָהר, וואָס געפינען זיך אויף אונזער טאַבעלע, געפינען מיר קיין איינציגעס יאָהר נישט, ווען דאָס גערעטעניש זאָל האָבען געפאַלען אין פער־גלײַך מיט'ן פאָר־יאָהר און די יודישע עמיגראַציע זאָל זיך נישט האָבען געהויבען. אַנ'אויסנאַהם שײַנט צו זײַן בלויז און אַליין דאָס יאָהר 1906—7: דאָס נישט־גערעטעניש האָט זיך יענעס יאָהר נאָך בעמערקבאַר פערשאַרפט און די יודישע עמיגראַציע האָט זיך

איז בעצייכענט מיט'ן ציפער 100; אַ גערעטעניש וואָס איז צ. ב. געווען אויף 10 פראָצענט העכער ווי דער דורכשניט, איז בעצייכענט מיט'ן ציפער 110; אַ גערעטעניש וואָס איז מיט 8 פראָצענט נידעריגער פאַר'ן דורכשניט איז אויסגעדריקט מיט'ן ציפער 92, א. ז. וו. — בענויער וועגען דיזער טאַבעלע זעה אין דער פראַנצויזישער אויסגאַבע.

אין דער וועלכער צייט פערקלענערט אין פערגלייך מיטן פאר־יאהר; קוקט מען זיך אבער צו נעהענטער, פערשווינדעט אויך דיזער ווידערשפרוך ווצום אלגעמיינעם כלל: דאס פאר־יאהר (1905—6) איז דאך געוועזען נישט בלויז א יאהר פון נישט־גערעטעניש, נור אויך דאס בלוטיגע יאהר פון די אקטאבער־פאגראמען און די יודישע עמיגראציע פון יענעם יאהר קען דעריבער נישט געשטעלט ווערען אין איין רייהע מיט דער געוועהנליכער יודישער וואנדערונג; לאזען מיר אבער דאס יאהר 1905—6 אן א זייט, דאן זעהען מיר טאקי, דאס אין 1906—7, ווען דאס נישט־גערעטעניש איז געווען שארפער ווי אין אלע פריהערדיגע יאהרען, איז די יודישע עמיגראציע אויך געווען אזוי שטארק ווי אין קיין איינציגען פריהערדיגען יאהר.

געוויס קען געמאלט זיין אזא פאל, ווען אין רוסלאנד זאל זיין א נישט־גערעטעניש, און דורך שטארקע וואנדערונגס־שטערונגען, זאל די יודישע עמיגראציע גראד דאס יאהר ווערען אין א געוויסער מאס פערהאלטען; עס קען דהיינו געמאלט זיין, אז גראד דאס יאהר פון נישט־גערעטעניש אין רוסלאנד זאל אין אמעריקא אויסברעכען א שרעקליכער עקאנאמישער קריזיס, אזוי דאס וואנדערען אהין זאל ווערען כמעט אונמעגליך. נור דער פאקט נופא, וואס אין לויף פון צעהנדליגער יאהרען האבען מיר קיין איין מאל נישט געטראפען אזא פאל, די יודישע עמיגראציע זאל זיך נישט הויבען צוזאמען מיט א נישט־גערעטעניש, ווייזט אונז, ווי שטארק איז די ווירקונג פון די נישט־גערעטענישען אויף די יודישע עמיגראציע און ווי אויסנאהמס־ווייז גרויס וואלטען דארפען זיין די שטערונגען, כדי די יודישע עמיגראציע זאל זיך אין א יאהר פון נישט־גערעטעניש פערקלענערען.

**א ערגערע גערעטעניש — א גרעסערע עמיגראציע**, — אזוי קלינגט אין קורצען איינער פון די וויכטיגסטע נאטירליכע געזעצען, וואס הערשען איבער דאס יודישע לעבען ביי די בעדינגונגען, אין וועלכע די יודען געפינען זיך געגענווערטיג אין רוסלענדער מלוכה.

צי איז דאס פערקעהרטע אבער אויך ריכטיג? צי קען מען אויך זאגען: **א בעסערע גערעטעניש — א קלענערע עמיגראציע**? — ביי גלייכע אנדערע בעדינגונגען דארף געוויס אזוי זיין; דאס זעהען מיר אויך אפטמאל אין דער ווירקליכקייט לויט אונזער טאבעלע XXXIII און דער דיאגראמע № 7. אין די יאהרען אבער, ווען אין דער לאגע פון דער יודישער מאסע אדער אין די בעדינגונגען פון ארימיגען לעבען זענען פארגעקומען אזעלכע ענדערונגען, וואס האבען מיט א נייער קראפט גע־שטופט די יודישע מאסע צום וואנדערען, איז שוין א גוט גערעטעניש נישט בכח געווען דיזע אויסוואנדערונג צו פערקלענערען. מיר קענען אויף אזא ארט, קוקענדיג אויף אונזער טאבעלע XXXIII און אויף די דיאגראמע № 7, לייכט דערקענען די ווירקונג פון פערשידענע היסטארישע געשעהנישען

אויף די גרויס פון דער יודישער עמיגראציע: אין 1890—1, הגם דאס גערעטעניש האט זיך עטוואס פערבעסערט, האט זיך די יודישע עמיגראציע אין רוסלאנד אויף 9 טויזענד מאן פערגרעסערט, און מיר דערקענען באלד די ווירקונג פון די אויסטרייבונגען פון מאסקווא און פון די דערפער, וואס האט זיך דאן שוין אנגעהויבען; אין 1899—1900 דערקענען מיר דעם איינפלוס פונ'ם אינדוסטריעלען קריזיס, וואס האט דאן אויסגעבראכען אין רוסלאנד און אין איראפע בכלל, אין 1902—3 די לויפעניש, וואס האט זיך אנגעהויבען אין פריהלינג באלד נאכ'ן קישינעווער פאגראם; אין 1904—5— די ווירקונג פון דער מלחמה מיט יאפאן*) לסוף אינ'ם יאהר 1909—10 דערקענען מיר די געמיינזאמע ווירקונג, וואס האבען געהאט, פון איין זייט, די פערפאלגונגען פון די יודען אין רוסלאנד, די מאסען-אויסווייזונגען פון קיעוו, פון די דערפער און פון די אויסער-תחומ'יגע ערטער בכלל, און פון דער אנדערער — די אויכבעסערונג פון דער עקאנאמישער לאגע אין אמעריקא נאך דעם קריזיס, וואס האט געהאט אויסגעבראכען אין הערבסט 1907.

אט אזוי פערצייכענט די ליניע פון דער יודישער עמיגראציע די וויכטיגסטע ערשיטערונגען, וואס קומען פאר אין יודישען לעבען. אין אלע איבעריגע יאהרען, ווען אזעלכע בעזונדערע ערשיטערונגען זענען נישט פארגעקומען, וויעגט זיך די ליניע פון דער יודישער עמיגראציע צוזאמען מיט די שוואנקונגען פון די נישט-גערעטענישען; און דאן איז אויך ריכטיג, דאס א בעסערע גערעטעניש בעדייטעט א קלענערע אויסוואנדערונג. בכלל קען מען אלזא זאגען, דאס ווען פון דער זייט קומען נישט צו קיין פערערגערונגען אין דער לאגע פון דער יודישער מאסע אין רוסלאנד, הענגט איהר וואוילשטאנד אב פונ'ם פויערס וואוילשטאנד.

נאר אויב דער כלל, אז דער פויערשער וואוילשטאנד בעשאפט א בעסערע לאגע און א קלענערע עמיגראציע ביי די יודען, ווערט פערווירקליכט נור ביי געוויסע בעדינגונגען, איז, ווי מיר האבען געזעהן, דער פערקעהרטער כלל, דאס ביי היינטיגע צייטען רופט די פויערשע ארעמקייט ארויס א דלות און א פערשטארקטע אויסוואנדערונג ביי דער יודישער בעפעלקערונג, כמעט פון קיין שום תנאים נישט אבהענגיג. דער דלות

*) אזוי ווי די אקטאבער-פאגראמען זענען אויסגעפאלען צוזאמען מיט א שרעקליכער נישט-גערעטעניש, איז אונמעגליך צו בעווייזען, וואס פאר א חלק פון דעם אונגעהויערען אויפשוואונג פון דער עמיגראציע דארף פעררעכענט ווערען אויפ'ן חשבון פון דער נישט-גערעטעניש און וואס פאר א חלק דארף צוגעשריבען ווערען די פאגראמען (איך רעד שוין נישט פון אנדערע וויכטיגע געשעהנישען פון יענעם יאהר); אז די פאגראמען האבען אבער געהאט א גרויסען טייל ווירקונג אין דיזען אויפשוואונג פון דער עמיגראציע, ווייזען אונז אונזער טאבעלע און דיאגראמע גאנץ דייטליך דורך דאס פאלען פון דער יודישער עמיגראציע אין 1906—7, הגם דאס איז געווען א יאהר פון לאקאוטען און נאך שטארקערער נישט-גערעטעניש, ווי מיר האבען עס שוין עטוואס פריהער אנגעמערקט.

פון דער ברייטער פויערשער מאסע, וועלכע האט אין רוסלאנד כמעט אונאויפהערליך געוואקסען זייט דער בעפרייאונג פון די פויערים און צוזאמען מיט דער ראשער ענטוויקלונג פונ'ם קאפיטאליזם און דער געלדווירטשאפט, האט אלזא געמוזט ארויסרופען אויך א וואקסענדע יודישע עמיגראציע. דיזע אויסוואנדערונג האט געמיזט ווערען בעזונדער הויך דאן, בעת די פעראָרעמטקייט פון די פויערים האט געהאט דערגרייכט איהר העכסטע מדרגה, ד. ה. אינ'ם לעצטען יאהרצעהנדליג, דערהויפט זייט 1903, ווען די וואקסענדע פויערשע נויט האט לסוף אנגעהויבען זיך אויסצודריקען אין מעכטיגע אגראר-אונרוהען, וועלכע האבען זיך מיט א פאר יאהר שפעטער פערוואנדעלט אין א ברייטע און דויערנדע האלב-בעוואוסטזיניגע און האלב-סטיכייאישע רעוואלוציאנערע בעוועגונג.

## קאפ. VI.—די לויפעניש אין די שטעדט און די יודישע אויסוואנדערונג.

נור דאס איז בלויז איין זייט פין דער מעדאל.

דער שרעקליכער אגראר-קריזיס, וואס מאכט דעם פויער די עקזיסטענץ אין דארף אלץ שווערער, און וואס לאזט איהם זעהר אפט אין גאנצען אהן א פיצעל ערד, רופט ארויס א לויפעניש פין דארף. דאס אונבעוועגליכע, איינערטע, קאנסערוואטיווע פויערטום נעהמט מאסען-ווייז פערלאזען דעם היימישען דארף, די היימישע ערד, און לאזט זיך געהן — וואוהין? טיילווייז עבר לים, נאך אמעריקע, טיילווייז אין די שטעדט און שטעדטלעך פין דער מלוכה גופא. ווי גרויס איז אין רוסלאנד דיזע לויפעניש פין די דערפער אין די שטעדט, קען מען זיך מאכען א בעגריף פון די פאלגענדע צאהלען.

לויט דער פאלקסצעהלונג פון 1897, „פון 14.326.275 נפשות שטעדטישער נישט-יידישער בעפעלקערינג האבען 7.317.132, ד. ה. מעהר ווי א העלפט, געהערט צום דארפישען שטאנד, און פון זיי זענען 4.265.342 געבארען אויסער דעם „אויעזד“ („פאוויאט“), אין וועלכען עס געפינט זיך זייער וואוינונגס-שטאדט“ *). אלזא שוין אין 1897 ד. ה. אונגעפעהר מיט 15 יאהר צוריק איז די גרעסערע העלפט פון דער שטעדטישער נישט-יודישער בעפעלקערינג בעשטאנען פין אנגעקומענע פון די דערפער און כמעט א דריטעל פין דער נישט-יודישער שטעדטישער בעפעלקערונג איז בעשטאנען פין דארפס-לייט, וואס זענען אנגעלאפען פון אנדערע אויעזדען. ליידער האב איך נישט קיין גענויע ידיעות וועגען דער לויפעניש פון די הערפער אין די שטעדט פינ'ם תחום, נור דאס דיזע לויפעניש איז אינ'ם תחום נישט קלענער ווי דורכשניטליך אין

*) ברוצקוס, ציטירטע ווערק, ז. 21.

רוסלאַנד, קען קוים זײַן אַ ספֿק. אין פּוילען איז יעדענפֿאַלס דער וואוקס פֿון די שטעדט געגאַנגען מיט אַ פֿיעל גרעסערער שנעלקייט ווי דורכשניטליך אין ריסלענדער מלוכה. דיזע לויפֿעניש פֿון די דערפֿער אין די שטעדט האָט זיך מיט דער צײַט נישט נור נישט אָבגעשטעלט, נור פֿערלעדרט, פֿערברייטערט און פֿערשטאַרקט. פֿאַר די דרײַ יאָהר 1907—1910 האָט זיך די קאַטוילישע בעפֿעלקערונג פֿון די פּוילישע שטעדט פֿערגרעסערט אויף העכער אַ פֿערטעל מיליאָן (253,601), ד. ה. אויף 210 פּער טויזענד אַיינוואוינער*); אַזוי ווי דער נאַטירליכער צו־וואוּקס פֿון דער קאַטוילישער בעפֿעלקערינג אין פּוילען איז די לעצטע יאָהרען 17 פּער טויזענד יעהרליך, אָדער 62 טויזענד מאַן פֿאַר דרײַ יאָהר, קומט אַלזאָ אויס, דאָס גענויע 200.000 קאַטאָליקען זענען אין די לעצטע 3 יאָהר צוגעוואַנדערט פֿון די דערפֿער אין די שטעדט פֿון פּוילען. דאָס איז אַ קלײנער סך הכל פֿון דער לויפֿעניש פֿון די דערפֿער פֿאַר אַ קורצער צײַט פֿון דרײַ יאָהר בלויז אין פּוילען, און דערצו נאָך בלויז אין די שטעדט אָהן די שטעדטליך (מיאַסטעטשקאַ). ווי גרויס איז די לויפֿעניש פֿון די דערפֿער אין די שטעדט און אין די שטעדטלעך אין אַלע 25 גובערניעס פֿונ'ם תחום!

מיט וואָס בעשעפֿטיגען זיך אין די שטעדט און שטעדטליך דיזע נײַ־אָנגעקומענע נישט־יודישע מאַסע? — אַ טייל פֿון זיי ווערט לוין־אַרבײַטער, פּראָלעטאַריער, אַנ'אַנדער טייל ווערט קלײנבירגער — קליין־הענדלער און בעל־מלאכות.

אַלס לוין־אַרבײַטער געהען זיי אַהין, וואו ס'איז זיי לײַכטער צו געפֿינען בעשעפֿטיגונג ד. ה. מייסטענס אין די פֿאַבריקען מיט זעהר אַ ענטוויקעלטער טעכנישער אײַנאָרדנונג, וואו די אַרבײַט איז צוטיילט אויף זעהר אײַנפֿאַכע עלעמענטען, אַזוי דאָס דער נישט־קוואַליפֿיצירטער דאָרפֿס־מאַן קען זי אויסלערנען אין זעהר אַ קורצע צײַט. אין אָנפֿאַנג איז דעריבער נישט צו בעמערקען קיין אַנטאַגאָניזם צווישען איהם און דעם יודישען אַרבײַטער, וואָס איז בעשעפֿטיגט איבערהויפּט אין האַנדווערק. שפּעטער אָבער, ווען דער גאַנג פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער ענטוויקלינג און די ענגשאַפֿט אין די פֿריהערדיגע יידישע בעשעפֿטיגונגען צווינגט די יודישע בעפֿעלקערינג אָנהויבען איבערצוגעהן פֿון האַנדווערק צו פֿאַבריק־אינדוסטריע, אין פֿון האַנדעל און בעקלײדונגס־אינדוסטריע צו אַנדערע פּראָדוקציאָנס־צווײַגען, קימען שוין אָפֿט פֿאַר צוזאַמענשטויסען צווישען די יודישע און נישט־יודישע אַרבײַטער, וועלכע האַלטען די נײַע

*) אין 1907 זענען אין די שטעדט פֿון פּוילען געווען 1.209.062 קאַטוילישע אײַנוואוינער.

פּראָדוקציאָנס־פֿאָרמען אין פּראָדוקציאָנס־צווייַגען פֿאַר אַ מין חזקה וויַיערע.
די אונטערנעהמער, די יידישע ווי נישט־יודישע שטיצען מיט אַלין, וואָס
ליעגט אין זייער מאַכט (און זייער מאַכט איז דאָך איצטער בייַם אָננעהמען
אַרבּייַטער בּרוך השם די אייַנציג־ווירקליכע), אַזאַ פּסיכאָלאָגיע בייַ די
נישט־יודישע אַרבּייַטער: דער נישט־לאַנג אָנגעקימענער פֿון דאָרף שטעלט
געוועהנליך פֿאַר אַ גערהאָרכזאַמערע, אַ וועניגער ווידערשטאַנדס־פֿעהיגע
און וועניגער קלאַסען־בעוואוסטזיניגע אַרבּייַטס־קראַפֿט, ווי דער יוד, וואָס
איז זייַט פֿיעלע דורות אַ שטאָדט־מאַן; דער פֿריש־אָנגעקומענער פֿון
דאָרף האָט אויך קלענערע לעבּענס־בּעדערפֿנישען; זייַן פֿאַמיליע בּלייַבּט
דערבּייַ נאָך זעהר אָפֿט אין דאָרף און בּעזאָרגט זיך שוין ווי נישט איז
אַלייַן אין גאַנצען אָדער דעם גרעסטען טייל פֿון דעם, וואָס זי בּעדאַרף
צום לעבּען *); אַזאַ „אַרבּייַטס־קראַפֿט“ קען מען אַלזאָ, אַחוץ אַלע זייַטיגע
חשבונות, קויפֿען פֿיעל בּיליגער. בייַ אַזעלכע בּעדינגונגען קומט־אויס דעם
יודישען אַרבּייַטער אויסצישטעהן אַ שווערען און לאַנג־דויערענדען קאַמפֿ
אויף פֿערשידענע פראָנטען, בּיז איהם געלינגט — און דערווייַלע טאַקי
זעהר פֿאַמעליך — אַרייַנצודרינגען אין די פֿאַבּריקען.

נור אויב אין דער ראַש־וואַקסענדער גרויס־אינדוסטריע, וואָס אַרבּייַט
נישט נור פֿאַר די בּעדערפֿנישען פֿין דער אָרטיגער בּעפֿעלקערונג, נור
אויך פֿאַר'ן ווייַטען מאַרק פֿון טיף־ריסלאַנד, איז פֿאַראַן גענוג פּלאַץ סייַ פֿאַר
די יודישע סייַ פֿאַר די נישט־יודישע אַרבּייַטער און די מיספֿערשטענדני־
שען צווישען זיי קענען אָהן בּעזונדערע שוויריגקייַטען בּעזייַטיגט ווערען, —
האַלט די זאַך גאַנץ אַנדערש אין קליין־האַנדעל און אין האַנד־ווערק, וועלכע
זענען געבּויט כמעט אויסשליסליך אויף די בּעדערפֿנישען פֿון דער אָר־
טיגער בּעפֿעלקערונג. אין דער צייַט פֿון מעכטיגער קאַפּיטאַליסטישער

*) ווי גרויס דער אונטערשייד איז אין דער הינזיכט צווישען דער יודישער און נישט יודישער שטעדטישער בּעפעלקערונג, קען מען זעהן פון פאָלגענדע צאָהלען. אין די ש ט ע ד ט פונ'ם תחום האָבּען אין 1897 יאָהר געוואוינט 2.306.832 יודען, פון זיי 1.118.749 מאַנס־לייט און 1.188.083 פרויענצימער, ד. ה. אויף 100 מאַנסלייט 108 פרויענצימער. אָבּער בּיי די פולע 4¼ מיליאָן נישט־יודישע שטעדטישע בּעפעלקערונג, וואָס איז אָנגעקומען פון אַנדערע אויעזדען, קומט אויס אויף יעדע 100 מאַנסלייט בּ ל ו י ז 55 פּ ר ו י ע נ־צ י מ ע ר; אויף יעדע 100 עקאָנאָמיש־אַקטיווע ש ט ע ד ט י ש ע אייַנוואוינער קומט־אויס אין רוסלענדער מלוכה עקאָנאָמיש־פּאַסיווע (פאַמיליען־מיטגליעדער) בּיי יודען 199, בּיי נישט־יודען—בּלויז 98 (בּרוצקוס, ציטירטע שטעלע); אַנדערס גערעדט, יעדען יודישען אַייַנוואוינער אין שטאָדט קומט־אויס דורכשניטליך אויסצוהאַלטען, אַחוץ זיך, נאָך צוויי פאַמיליען־מיטגליעדער, בּעת דעם נישט־יודען קומט אויס ד ו ר כ ש נ י ט ל י ך אויסצוהאַל־טען נאָר אייַנעם. הייַנט וואונדערט זיך נאָך דעם, פאַר וואָס די יודישע פאַבּריקאַנטען, וועלכע האָבּען אַ בּרייט יודיש הארץ און זענען כלל־ישראל־פערזאָרגער, ווילען ניט הערען פון יודישע אַרבּייטער: אַ פאַבּריק איז דאָך עפעס נישט קיין צדקה־פושקע. און צום צוועק האָט זי נישט צו פערזאָרגען פראָלעטאַריער מיט אַרבּייט, נאָר צו פערשאַפען רוח דעם קאַפּיטאַליזם; הייַנט וואָס וויל מען פון די פאַבּריקאַנטען?

עֶנטוויקלונג און דערצו נאָך דאָרטעֶן, וואו די צאָהל בּעֶשעֶפֿטיגטעֶ מיט
קליין=האַנדעֶל און מיט געֶוויסעֶ מלאכות איז שוין אַזוי אויך צו=גרויס,
קעֶן געֶוועֶהנליך דעֶר ניי=אָנגעֶקומעֶנעֶר דאָרפֿס=מאַן געֶפֿינעֶן אין דיזעֶ בּראַנ=
זשעֶן אַ בּעֶשעֶפֿטיגונג נישט אַנדעֶרש, ווי אַרויסשטופּעֶנדיג פֿון
דאָרטעֶן דעֶם יודעֶן. אָבּציהעֶן דאָס נישט=יודישעֶ קונדשאַפֿט פֿון
די יודעֶן איז פֿאַר דעֶם ניי=געֶוואָרעֶנעֶם קליין=בּירגעֶר אַ לעֶבּעֶנס=פֿראַגעֶ,
און שטילעֶרהייט אין פֿויקעֶנדיג ווערעֶן אַרויסגעֶלאָזעֶן און פֿעֶרשפּרייט באָי=
קאָט=לאָזונגעֶן: „קויפֿט נישט בּיי ידעֶן!“ (אין פּוילעֶן) אָדעֶר: „איי=
געֶנעֶ בּיי אייגעֶנעֶ!“ (אין ליטאָ) א. ד. גל. — מיר קענעֶן נאָך בּיי היינ=
טיגעֶן טאָג נישט בּעֶשטימעֶן, ווי גרויס איז די צאָהל פֿון די ידעֶן, וואָס
זענעֶן אַזוי „אַרויסגעֶשטופּט“ געֶוואָרעֶן פֿון האַנדעֶל און פֿון האַנדווערק,
נור דעֶר פֿאַקט גופֿא, דאָס יודעֶן ווערעֶן אין אַ גרויסעֶר מאָס אַרויס=
געֶשטופּט פֿון האַנדעֶל און קליין=אינדוסטריע איז היינט שוין אַזוי קלאָר
פֿאַר יעֶדעֶן אייננציגעֶן, דאָס עֶס איז איבּעֶריג אויף דעֶם לעֶנגעֶר זיך
אָבּצושטעֶלעֶן *).

דעֶר יודישעֶר קליינבּירגעֶר זעֶהט ווי מיט יעֶדעֶן טאָג וואַקסעֶן איהם
אויס בּיי דעֶר זייט נישט=יודישעֶ קאָנקורעֶנטעֶן, און מורא האָבּעֶנדיג עֶר
זאָל אויך זיינעֶ יודישעֶ קונים נישט אָנווערעֶן, פּרובּט עֶר זיך ראַטעֶווען
מיט אַנ׳איינעֶנעֶר נאַציאָנאַליסטישעֶר פּראָפּאַגאַנדעֶ. זיין לאָזונג ווערט:
גיט צו פֿעֶרדינעֶן אַ ייִדעֶן! נור אויבּ דעֶר נאַציאָנאַליזם אויפֿ׳ן עֶקאָנאָ=
מישעֶן בּאָדעֶן איז פֿאַר דעֶם נישט=יודישעֶן קליינבּירגעֶר טאַקי אַ מעֶכטיגעֶס
געֶוועֶהר, איז דאָס אָדעֶר פֿאַר׳ן יודעֶן אַ חלף, וואָרים בּלויז דורך דעֶם יו=
דישעֶן מאַרק, ווי מיר האָבּעֶן עֶס קלאָר געֶזעֶהן, קעֶן דעֶר יודישעֶר האַנ=
דעֶל און די ספּעֶציפֿישעֶ, נישט=ליי־מעֶסיג פֿונאַנדעֶרגעֶטיילטעֶ יודישעֶ

*) איינער פון די „נעאָ=אַנטיסעמיטען“ פ. זובאָוויטש, גיט איבער אין דער
פראָגרעסיווער פוילישער צייטונג „פראַוודאַ“ (1910, נומ. 4) פאָלגענדען אינטערעסאַנטען
פאַקט: „אין קאַוונער גוב., ווילקאָמירער אויעזד, אינ׳ם שטעדטעל טרויפ, איז מיט אַ
יאָהר 10—15 צוריק געווען 8 יודישע קרעמלאַך, איין קרעטשמע און צוויי ביער=הייזער,
וואָס האָבען געהאַלטען יודען, בעלי=מלאכות זענען געווען אויסשליסליך יודען. איצט גע=
פינען זיך אינ׳ם שטעדטעל 2 ליטווישע קראָמען און קיין איינציגע יודישע נישט. צוויי ליט=
ווישע ביער=הייזער און איין יודישעס. פון 5 שניידערס און שניידערקעס זענען 3 ליטווישע,
פון 4 שוסטער איז איין ליטווישער“. צו דעם גיעט דער שרייבער צו: „די זעלבע פער=
העלטעניש הערשט אויך אין פילע אַנדערע שטעדטלאַך אין ליטאַ און זאמוט. אין די או=
יעזדנע שטעדט און די גרעסערע פון די שטעדטלאַך איז דער אייגענטומס=צושטאַנד
פון די יודען נישט פערענדערט געוואָרען, הגם אויך דאָרטען קומען ביסלעכווייז אויף
ליטווישע קראָמען, און אַלץ עפטער קען מען טרעפען ליטווישע האַנדווערקער אויף פער=
שידענע פלעצער“. —איך ברענג דיזע ידיעה ווייל זי איז נוגע צו ליטאַ, און ווייל זי איז
געדרוקט געווען געבויע דריי יאָהר פאַר די וואַרשאַווער וואַהלען צו דער פיערטער דו=
מאַ, וועלכע האָבען בלומר׳שט געבראַכט צום באָיקאָט אין פוילען.

קליין-אינדוסטריע בשום אופן נישט עקזיסטירען. דער נאַציאָנאַליזם אויפ'ן עקאָנאָמישען באָדען איז פֿאַר'ן יודישען קליינבירגער אַ גאָל-מעסער, פֿאַר וועלכען ער כאַפּט זיך, דערפֿיהלענדיג אַז ער טרענקט זיך: דער גאָל-מעסער קען איהם אָבער בלויז דערקוילענען און בשום אופן נישט אַרויסציהען פונ'ם תהום פון דלות, אין וועלכען ער האַלט זיך אין טרענקען.

## קאַפּ. VII.—די פּראָדוקציאָנס-פֿאָרמען און די יודישע עמיגראַציע.

וואו איז דער אויסוועג?

איבערגעהן צו אַנדערע פּראָפֿעסיעס? — נור ווי שווער דאָס איז, און וויפֿיעל צייט דאָס פֿאָדערט, וועגען דעם האָבען מיר שוין אויבען גערעדט. און אַחוץ אַלץ, צו האָבען די יודען דאָס רעכט פֿריי אויסצוקלויבען זייערע פּראָפֿעסיעס? נישט רעדענדיג פון די לאַנדווירטשאַפֿטליכע פּראָפֿעסיעס, וועלכע זענען פֿאַר יודען פֿערצוימט דירכדעם, וואָס זיי טאָרען נישט וואוינען אין די דערפֿער, זענען דאָך ווייט נישט אַלע שטעדטישע פּראָפֿעסיעס פֿאַר זיי אָפֿען; וואָס איז צו רעדען וועגען דעם, וואָס פֿאַר יודען זענען פֿערמאַכט אָדער בעשרענקט די ליבעראַלע פּראָפֿעסיעס, ווען אַפּילו אַ סטראָזש, אַ הויז-וועכטער טאָר דאָך אַ ייד אויך נישט זיין.

אָרגאַניזירען די פּראָדוקציע אין די איצטיגע פּראָפֿעסיעס אַזוי, אַז דער אָבזאַץ זאָל נישט זיין אָבהענגיג פֿונ'ם אָרטיגען פּובליקום? מיט אַנדערע ווערטער, איבערגעהן פֿון דער פּראָדוקציע פֿאַר דעם אָרטיגען געברויך צו דער פּראָדוקציע פֿאַרן ווייטערען מאַרק? — דאָס איז געוויס אַ וויכטיגער מיטעל; פֿאַר די סחורה איז קיין תחום נישטאָ, און ווען זי קען נור קומען אויפ'ן אַלגעמיינרוסלענדער מאַרק, דאַן האָט שוין פֿאַר'ן אָבזאַץ אַ קליינע בעדייטונג, צי די פּראָדיצענטען וואוינען צוזאַמענגעפּאַקט אינ'ם תחום אָדער צושפּרייט איבער דער גאַנצער מלוכה; די נאַציאָנאַליסטישע אַגיטאַציע האָט דאָ אויך אַ פֿיעל קלענערע ווירקונג, ווי בעת מ'איז אָבהענגיג פֿונ'ם אָרטיגען קאָנסומענט, וואָס קימט בעשטעלען פֿאַר זיין אייגענעם געברויך, וואָרום פֿאַר דעם ווייטען ריסלענדער סוחר, וואָס קויפֿט איין די פּראָדוקטען עם שפּעטער צו פֿערקויפֿען, איז קודם כל וויכטיג דער רוח, וואָס די סחורה קען איהם געבען, און נישט די נאַציאָנאַליטעט פֿונ'ם פּראָדוצענט.

אין געוויסע בראַנזשען בעמערקט זיך טאַקי אַזאַ רעפֿאָרמע אין דער יודישער פּראָדוקציע. אַזוי צ. ב. ביי שוכוואַרג איז מען שוין פֿון רעכט לאַנג-אָן אין אַ גרויסער מאָס איבערגעגאַנגען פֿון קליינע וואַרשטאַטלעך, וואָס אַרבייטען פֿאַר'ן אָרטיגען בעשטעלער, צו גרויסע וואַרשטאַטען און פֿאַבריקען, וואָס שיקען זייערע פּראָדוקטען אויפ'ן טיעף-

רוסלענדער, קאַווקאַזער אין סיביר'ער מאַרק, און וועלכע האָבען דעריבער ווייניג וואָס מורא פֿאַר די אַנטיסעמיטישע אַגיטאַציע און פֿאַר די פֿערהעלטניסמעסיג־גרויסע צאָהל שוסטער אינ'ם תחום.

שוסטער עמיגרירען טאַקי אַבסאָלוט און פֿערהעלטניסמעסיג פֿיעל ווייניגער ווי די בעשעפטיגטע אין אַלע איבעריגע פֿאַכען פֿון בעקליידונגס־אינדוסטריע, און ווייניגער אַפֿילו ווי די פֿאַרשטעהער פֿון פֿערשידענע אַנדערע קוואַליפֿיצירטע פּראָפֿעסיעס ביי יודען.. א גענויערען בעגריף קען מען זיך וועגען דעם מאַכען פֿון פֿאָלגענדער טאַבעלע *):

## טאַבעלע XXXV. די צאָהל בעשעפטיגטע מיט געוויסע פּראָפעסיעס ביי יודען אין תחום און די יודישע איינוואַנדערונג פון דיזעלבע פּראָפעסיעס אין די פער. שטאַטען.

| פּראָפּעסיעס | בעשעפטיגטע אין תחום (1898—99) | איינגעוואַנדערט אין די פער. שטאַטען: בסך הכל פאַר די 12 יאָהר 1899—1910 | דורכשניטליך יעהרליך: אבסאָלוטע צאָהל | דורכשניטליך יעהרליך: אויף יעדע 1000 בעשעפטיגטע אין תחום מיט דעם זעלבען פּראָפעס. אין 1898-99 |
|---|---|---|---|---|
| שניידעריי . . . . . . | 147.435 | 184.754 | 15.396 | 105 |
| יובילעריי און אוהרען־אינדוסטריע | 8.690 | 8.512 | 709 | 80 |
| בוי־און האָלץ־אינדוסטריע . . | 41.624 | 36.138 | 3.012 | 72 |
| מעטאַל־און מאַשינען־אינדוסטריע . | 40.231 | 29.605 | 2.467 | 61 |
| שפּייזונג־אינדוסטריע . . . . | 57.887 | 28.310 | 2.359 | 41 |
| שוסטעריי . . . . . . | 71.856 | 23.519 | 1.960 | 27 |
| טעקסטיל־אינדוסטריע . . . . | 16.461 | 4.407 | 367 | 22 |

ווי מ'זעהט פֿון דיזער טאַבעלע, איז סוף 19־טען יאָהרהונדערט אינ'ם תחום געווען יודען בעשעפטיגטע מיט שניידעריי צוויי מאָל אַזוי פֿיעל, ווי בעשעפטיגטע מיט שוסטעריי; צווישען די יודישע אימיגראַנטען אָבער איז פֿאַראַן בעשעפטיגטע מיט שניידעריי אַכט מאָל אַזוי פֿיעל, ווי בעשעפטיגטע מיט שוסטעריי; די שוסטער עמיגרירען אַלזאָ פֿערהעלטניסמעסיג 4 מאָל ווייניגער ווי די שניידער. פֿון יעדע טויזענד בעשעפטיגטע אין דער פּראָפעסיע, עמיגרירען ביי שוסטער דריי מאָל ווייניגער ווי ביי יובעלירען אין זייגער־מאַכער אָדער ביי בויערער און סטאָלערס (בוי־און האָלץ־אַרבייטער), פֿון צוויי ביז דריי מאָל ווייניגער ווי ביי מע־

*) צו דיזער טאַבעלע זענען אויסגענוצט געוואָרען די בעוואוסטע „מאַטעריאַלען וועגען דער עקאָנאָמישער לאַגע פון די יודען אין רוסלאַנד“ פון יק"א. זעה אויך די אַנמערקונג צו דיזער טאַבעלע אין דער פראַנצויזישער אויסגאַבע.

טאַל=אַרבײַטער אָדער בעשעפטיגטע אין שפּײַזונג=אינדוסטריע. פון אַלע פּראָפעסיעס, וואָס געפינען זיך אויף אונזערע טאַבעלען, האָט בלויז ביי טעקסטיל=אַרבײַטער עמיגרירט אַ קלענערער פּראָצענט, ווי ביי שוסטער. נור אַ חוץ, וואָס אין טעקסטיל=אינדוסטריע איז, ווי מיר זעהען פון דיזער טאַבעלע גופא, בעשעפטיגט אַ פערהעלטניסמעסיג קליינע צאָהל יידען און קיין „איבערגעפּאַקטקייט“ ווי אין שוסטעריי איז דאָרטען נישטאָ, — דאַרף מען טאַקי אין אַכט נעהמען אויך דאָס, אַז אין טעקסטיל=אינדוסטריע ווערט נאָך ווייניגער ווי אין שוסטעריי געאַרבײַט דירעקט פאַר דעם אָרטיגען פערבּרויך, פאַר דעם אָרטיגען בעשטעלער, נור הויפּטזעכליך, כמעט אויסשליסליך פאַר'ן ווײַטען מאַרק *).

נור הגם דער איבערגאַנג פון דער קליין=אינדוסטריעלער פּראָדוקציע, וואָס אַרבייט פאַר דעם אָרטיגען בעשטעלער, צו דער גרויס=אינ=

*) וועגען די איבעריגע פּראָפעסיעס פון דער לעצטער טאַבעלע קען אָנגעמערקט ווערען פאָלגענדעס: די אויסוואַנדערונג=שטופע איז נאָך זעהר הויך ביי די יובעלירען און זייגערמאַכער; דאָס איז גראָד אויך פון די עלטסטע „יודישע“ מלאכות, וואו יודען האָבען שטענדיג געאַרבייט נישט נאָר פאַר זיך, נאָר הויפּטזעכליך פאַר די נישט=יודישע בעפעלקערונג, הגם אויך ביי דיזער בעדינגונג האָט, פאַרשטעהט זיך, די אבסאָלוטע צאָהל יובעלירען און זייגערמאַכער נישט געקאָנט זיין קיין גרויסע; אָהן דעם נישט=יודישען מאַרק, קען אויך דער גרעסטער טייל יובעלירען און זייגערמאַכער נישט עקזיסטירען. ביי דער פאָלקס=צעהלונג זענען די ביידע מלאכות צוטיילט; יובילעריי איז פאַראייניגט אין איין גרופּע מיט מאָהלעריי, פּראָדוקציע פון קונסט=אַרטיקלען א. ד. גל.; זייגער=מאַכעריי איז פאַראייניגט מיט פּראָדוקציע פון וויסענשאַפטליכע און מוזיקאַלע אינסטרומענטען. און דיזע ביידע גרופּען געהערען צו די „איבערגעפּאַקטע“, די צווייטע נאָך פערהעלטענמעסיג פיעל שטאַרקער ווי בעקליידונגס=אינדוסטריע. בעזונדער איבערגעפּאַקס מיט יודען זענען דיזע צוויי גרופּען אין צפון'דיגען געגענד, וואו זיי טראָגען דערצו נאָך אויסשליסליך דעם כאַראַקטער פון קליין=אינדוסטריע (אין ווארשא ווערט שוין אין דיזע פאַכען פּראָדוצירט פאַר'ן ווייטען מאַרק): אין דער ערשטער (יובילעריי, מאָהלעריי א. ז. וו.) בילדען דאָרטען די יודען 72 פּראָצענט פון אַלע בעשעפטיגטע מיט דיזער בראַנזש, אָדער אויף 100 נישט=יודען איז דערמיט בעשעפטיגט 253 יודען; אין דער צווייטער (זייגער=מאַכעריי, פּראָדוקציע פון אינסטרומענטען א. ז. וו.) זענען די יודען 76 פּראָצענט פון אַלע בעשעפטיגטע, ד. ה. אויף 100 נישט=יודען 312 יודען (פערגלייך דיזע צאָהלען מיט די צאָהלען פון דער טאַבעלע XXXIII). ביי דעם קליין=אינדוסטריעלען כאַראַקטער פון דיזער פּראָדוקציע ווערט די לאַגע פון די יודישע יובעלירען און זייגערמאַכער בעזונדער טרויריג, בעת זיי פערלירען דאָס נישט=יודישע פּובליקום, וואָרום זייער פּראָדוקט איז אַ לוקסוס=זאַך און די יודישער אָרעמקייט פערקלענערט דעריבער פאַר זיי, מעהר ווי פאַר אַנדערע פּראָפעסיעס, אויך דעם יודישען מאַרק. — גרויס איז נאָך אויך דער פּראָצענט אויסגעוואַנדערטע ביי די בויערער און סטאָלער, וועלכע אַרבייטען נאָך בכלל פאַר דעם אָרטיגען בעשטעלער, הגם אין אַ רייהע ערטער איז מען שוין איבערגעגאַנגען צו דער פּראָדוקציע פאַר'ן ווייטען מאַרק. קלענער איז שוין דער פּראָצענט עמיגראַנטען ביי די מעטאַל=און מאַשינען=אַרבייטער פון וועלכע אַ בעמערקבאַרער טייל (שלאָסער, מעכאַניקער בלעכער א. ז. וו.) אַרבייטען נישט נאָר פאַר'ן אָרטיגען בעשטעלער, נאָר פּראָדוצירען אויך פאַר'ן ברייטען מאַרק. נאָך קלענער איז דער פּראָצענט עמיגראַנטען ביי די בעשעפ=

דיסטריע, וואָס פּראָדוצירט פֿאַר'ן ברייטען מאַרק פֿין רוסלענדער מלוכה, האַלט טאַקי געקענט ראַדיקאַל ענדערען די איצטיגע קריטישע עקאָנאָמישע לאַגע פֿון דער יידישער בעפֿעלקערונג, — דאַרף מען אָבער נישט פֿערגעסען, דאָס אויך אַזאַ קאָנצענטראַציע אין דער פּראָדוקציע קען אין איין מיטוואָך נישט געשאַפֿען ווערען. דער קאָנצענטראַציאָנס-פּראָצעס, ווי יעדער גרויסער סאָציאַל-עקאָנאָמישער פּראָצעס, פֿאָדערט פֿיעלע יאָהרען. כדי אין דעם זיך צו איבערצייגען, איז גענוג זיך צוקוקען צו דעם גאַנג פֿון דער פּראָדוקציאָנס-קאָנצענטראַציע אַפֿילו אין די פֿאָרגעשריטענסטע לענדער פֿון איראָפּע און אַמעריקע. וואָס זשע טוט מען אָבער דערווייל?

און אַחוץ אַלעם, איז ווייט נישט אין אַלע פּראָפֿעסיעס גלייך לייכט צו אַרבייטען פֿאַר'ן ווייטען, אונפּערזענליכען מאַרק. שוכוואַרג, צ. ב. קען מען פֿיעל לייכטער פּראָדוצירען, נישט קענענדיג דעם קאָנסומענט, ווי בגדים: ביי שיכוואַרג איז גענוג צו פֿאַבריצירען עטליכע נומערען אין פֿון אַ פּאָר גאַטונגען, און מען קען זיכער זיין, דאָס אויב איין פּאָר שיך וועט איין קאָנסומענט זיין צו גרויס אָדער צו קליין, דאַן האָט איהם אַן אַנדער פּאָר זיין אין מאָס, און די ערשטע פּאָר וועט פּאַסען עמיצען אַן אַנדערען; ביי אַ בגד אָבער קען זעהר אָפֿט געמאָלט זיין, דאָס ער זאָל קיינעמען נישט גוט פּאַסען צוליעב דער מאָס, דער פֿאָרם אָדער דער גאַטונג א. ד. גל.; און פֿאַקטיש זעהען מיר, דאָס זעהר און זעהר פֿילע, וואָס קויפֿען פֿאַר זיך פֿאַרטיגע שיך אין שוך-געוועלב, לאָזען אַ בגד זיך מאַכען אויף בעשטעלונג; די פּראָדוקציע פֿון פֿאַרטיגע סחורה פֿאַר'ן ווייטען מאַרק איז אַלזאָ פֿיעל שווערער (הגם נישט אונמעגליך) אין שניידעריי ווי אין שוסטעריי. דאָס זעלבע, קען אויך אין אַ גרעסערער אָדער קלענערער מאָס אָנגעווענדעט ווערען בנוגע צו געוויסע אַנדערע מלאכות. — פֿאַר'ן דעטאַל-הענדלער איז, פֿערשטעהט זיך, לחלוטין אונמעגליך צו אַרבייטען פֿאַר'ן ווייטען מאַרק און אויף אַזאַ אַרט זיך בעפֿרייען פֿון דער קלעגליכער לאַגע, אין וועלכע עס שטעלען איהם די אויבען-בעשריבענע אָרטיגע בעדינגונגען.

פֿאַר די סחורות איז טאַקי קיין רעכטליכער תחום נישטאָ. פֿאַר פֿילע פֿון זיי איז אָבער פֿאַראַן אַ מין נאַטירליכער תחום, וועלכער שמידט זיי צו צו דעם אָרט, וואו עס געפֿינט זיך דער פּראָדוצענט (אָדער הענדלער). און וואָס מעהר צוריקגעשטאַנען עס איז די יודישע פּראָדוקציאָן גופֿא, וואָס מעהר זי טראָגט אַ קליין-אינ-

סיגטע מיט שפּייזונגס-אינדוסטריע: ביים גרעסטען טייל פֿון זיי איז די פּראָדוקציע פֿון שטענדיג אויסגערעכענט געווען אויף אַ יודישען עולם (קצבים, וואורשט-מאַכער, געוויכע מינים בעקער א. ד. גל.), ביי אַ געוויסען טייל פֿון זיי (טאַבאַק-אַרבייטער און פּאַפּיראָסען-מאַכער) ווערט געאַרבייט טאַקי פֿאַר'ן „אונפּערזענליכען" מאַרק.

דוסטריעלען כאַראַקטער און אַרבײַט אויף בעשטעלונג פֿונ'ם אָרטיגען קאָנ-סומענט, אַלץ מער איז דער פּראָדוקט צוגעשמידט צום אָרט, וואו עס לעבט און אַרבײַט דער פּראָדוצענט, ד. ה. אַלץ מעהר איז אין תּחום פֿערשפּאַרט נישט נור דער יודישער פּראָדוצענט, נור אויך די פּראָדוקטען פֿון דער יודישער אַרבײַט. נור אויב דער פּראָדוקט אָהן דעם פּראָדיצענט קען נישט וואַנדערען, דאַן, בײַ די געגענוואַרטיגע בעדינגונגען אינ'ם תּחום, מוז וואַנדערען דער פּראָ-דוצענט גופא.

## קאַפּ. VIII.—אינערליכע און אויסערליכע וואַנדערונגען.

וואוהין? — קיין ריכלאַנד, אויסער דעם תּחום, וואו ס'איז פֿאַראַן מאַנגעל נישט נור אין אינדיכט-יעלע קרעפֿטען, נור אַפֿילו אין האַנדעלס-לייט, וואו דורך דעם מאַנגעל אין פֿערמיטלער ווערט די פֿריערשע בע-פֿעלקערונג זעהר אָפֿט רואינירט אַפֿילו אין יאָהרען פֿון אויסגעצייכענטע גערעטעניש׳ען (וואָרום די תּבואה בלײַבט פֿערליגען און די פּרײַזען פֿאַלען אַרונטער נידעריגער ווי די פּראָדוקציאָנס-קאָסטען) — טאָר דער יוד נישט נעהן. קומט אַלזאָ אויס צו וואַנדערען, ערשטענס, אין תּחום גופא, פֿון די ערטער, וואו די „איבערגעפּאַקטקײַט“ אין די יודישע פּראָפֿעסיעס איז שוין פּשוט אונערטרעגליך, צו די געגענדען, וואו ס'איז נאָך ווי עס איז מעגליך צו מאַטערען זיך. נור דאָס איז, פֿערשטעהט זיך, אַ קאַפּע רפֿואה, וואָרום אין אַ גרעסערער אָדער קלענערער מאָס זענען די יודישע פּראָ-פֿעסיעס „איבערגעפּאַקט“ אין אַלע געגענדען פֿונ'ם תּחום.

צו דעם זענען נאָך צוגעקומען: דאָס אַרויסטרײַבען די יודען פֿון די דערפֿער, וואָס האָט נאָך מיטגעהאָלפֿען אָבצורײַסען דעם יודען פֿון דעם נישט-יודישען מאַרק; די ספּעציעלע בעגרענצונגען פֿאַר יודען אין דעם אויסוואַהל פֿון זייערע בעשעפֿטיגונגען, וואָס האָט נאָך פֿערשטאַרקט די „איבערגעפּאַקטקײַט“ אין די יודישע פּראָפֿעסיעס; די ענטוויקלונג פֿון דעם אַרבייטער-קלאַס, פֿונ'ם יודישען ווי פֿונ'ם נישט-יודישען, די בער-פֿאַלגונג פֿון די פּראָפֿעסיאָנעלע אַרבײַטער-פֿעראיינען, וואָס דריקט אַרונ-טער דעם עקאָנאָמישען מצב פֿונ'ם אַרבײַטער און אויך דעם מצב פֿון יענע סאָציאַלע שיכטען, וואָס זייער עקזיסטענץ איז דירעקט פֿערבונדען מיט דער גרויס פֿון דעם אַרבײַטערס קויפֿונגס-קראַפֿט; דער פֿערצויגענער אינדוסטריעלער קריזיס און די לאָקאַלען-עפּידעמיע, אַ רייהע נישט-גערעטעניש׳ען, דער מבול פֿון פּאָגראָמען, — און ס'איז קיין אַנדער ברירה נישט געבליבען, ווי זיך לאָזען לויפֿען אין פֿרעמדע לענדער, ווי עמיגרירען מאַסען-ווײַז.

דאָ מוז אָבער אָנגעוויזען ווערען אויף אַ גרויסען אונטערשייד צווישען די בעשעפֿטיגטע מיט האַנדעל און די בעשעפֿטיגטע מיט מלאכה, מיט אַ

קוואַליפיצירטער אינדוסטריעלער פּראָפעסיע. אַ מענש מיט אַ פאַך אין האַנד קען זיך פיל לייכטער לאָזען איבער דער וועלט, ווי אַ הענדלער. אַ הענדלער דאַרף פיל־וועניג קענען דעם מאַרק, זיין באַקאַנט מיט די באַדערפענישען און געשמאַקען פון דער באַפעלקערונג, און קענען אַ ביסעל איהר שפּראַך. אויסער דעם, אויף אָנהויבען האַנדלען מוז ער געוועהנליך האָבען כאָטש אַ קליינע סומע באַרעס געלד, אַחוץ דאָס, וואָס איז נויטיג אויף רייזע־קאָסטען און אויף אונטערצוהאַלטען דאָס לעבען, ביז מ'הויבט עפּיס אָן צו פאַרדינען: אויב ער קען זיך דיזע סומע נישט שאַפען, דאַן קען ער זיך פון אָרט נישט ריהרען; פאַרמאָגט ער יאָ די סומע, דאַן ריזיקירט ער, זיך באַזעצענדיג אין אַ נייעם געגענד און ביי גאַנץ אַנדערע סאָציאַלע באַדינגונגען, צו פערלירען זיינע פּאָר גראָשען, און דאַן אין גאַנצען געהן צו גרונד. — אַ פאַכאַרבייטער אָבער דאַרף נור וויסען צי מיט זיין פאַך קען מען אין אַ געוויסען געגענד געפינען אַרבייט; אויב ער קען פיעל־וועניג די שפּראַך פונ'ם נייעם געגענד, איז איהם געוויס לייכטער צו געפינען אַרבייט, אָבער ידי אונבאַקאַנטשאַפט מיט דער שפּראַך איז פאַר איהם אַ קליינע שטערונג, אַ פיעל קלענערע ווי פאַר'ן הענדלער; די ריזיקע פון אויסוואַנדערען איז פאַר איהם אויך פיעל קלענער, וואָרום זיין „גרונד־קאַפּיטאַל", זיין פאַך קען ער דורכדעם נישט אָנווערען. דער הענדלער מוז אַלזאָ ביים באַזעצען זיך אויף נייע ערטער זיין פיעל מעהר פאָרזיכטיג און צוריקגעהאַלטען, ווי דער פאַכאַרבייטער. מיר דאַרפען דעריבער ערוואַרטען, דאָס עבר לים, קיין אַמעריקאַ, וואו די סאָציאַל־עקאָנאָמישע און קולטורעלע באַדינגונגען זענען גאַנץ פאַרשיעדען פון די באַדינגונגען אין תחום, וועלען עמיגרירען הויפּטזעכליך פאַכאַרבייטער, און איבערהויפּט טאַקי באַשעפטיגטע מיט שניידעריי, פאַר וועלכע ס'איז שוין אַזוי שרעקליך ענג אינ'ם תחום; פאַרקעהרט, די אינערליכע יודישע וואַנדערונגען אין תחום גופא, וואו די באַפעלקערונג אונטערשיידט זיך נישט אַזוי שטאַרק נישט לויט איהר שפּראַך, נישט לויט איהר עקאָנאָמישער טעטיגקייט און נישט לויט איהר לעבענסאַרט, פון איין געגענד צו דעם אַנדערען, דאַרפען אַרומנעהמען הויפּטזעכליך די הענדלער. העכסט וואַהרשיינליך קומט אַזוי טאַקי פאָר אין דער ווירקליכקייט.

איך זאָג העכסט וואַהרשיינליך און ניט באַשטימט, ווייל ליידער האָבען מיר ניט קיין סטאַטיסטישע ידיעות וועגען דעם פּראָפעסיאָנעלען בעשטאַנד פון די יודישע אינערליכע וואַנדערער. אויף וויפיעל מ'קען זיך אָבער פערלאָזען אויף פערזענליכע באָאָבאַכטונגען, קען אין דעם קוים זיין אַ ספק. עס וועט קוים ווער נישט צוגעבען, דאָס די ווייט־גרעסטע מעהרהייט פון די „ליטוואַקעס" אין פּוילען זענען באַשעפטיגט מיט האַנדעל, און דאָס בלויז אַ קליינער טייל פון זיי איז פאַרנומען מיט אינדוסטריע. איברי־

גענס, אונדירעקטע סימנים, אַז די אינערליכע וואַנדערונג איז מעהר אַ וואַנדערונג פון הענדלער, קען מען געפינען אויך אין די סטאַטיסטישע מאַטעריאַלען, וועלכע מיר פערמאָגען. דיזע סימנים בעשטעהען אין פאָלגענדעם:

הגם אין די געגענדען פון די אינערליכע איינוואַנדערונגען (פוילען און דרום-מזרח'דיגען ראַיאָן), ווי מיר האָבען געזעהען, איז בכלל פאַראַן אַ קלענערער פראָצענט הענדלער, ווי אין די אויסוואַנדערונגס-ראַיאָנען (צפוני-דיגער און דרום-מערב'דיגער געגענד), נור צווישען דער יודישער בעפעלקערונג איז דער פראָצענט בעשעפטיגטע מיט האַנדעל גרעסער גראָד אין די געגענדען, וואוהין עס געהט די אינערליכע וואַנדערונג, ווי אין יענע געגענדען, פון וואַנען דיזע וואַנדערונג געהט. לויט דער פאָלקס-צעהלונג פון 1897, האָבען די בעשעפטיגטע מיט האַנדעל געבילדעט ביי יודען אין צפון'דיגען געגענד 26 פראָצענט פון אַלע עקאָנאָמיש-אַקטיווע און אין פוילען 31 פראָצענט; אין דרום-מערב'דיגען געגענד האָבען זיי געבילדעט 36 פראָצענט און אין'ם דרום-מזרח'דיגען 38 פראָצענט. בעזונדער וויכטיג איז דערביי דער פראָצענט בעשעפטיגטע מיט האַנדעל אין דעם לעצטען, דרום-מזרח'דיגען געגענד. זיין גאַנצע יודישע בעפעלקערונג איז פערהעלטניסמעסיג נישט לאַנג איינגעוואַנדערט פון אַנדערע געגענדען פון'ם תחום; נאָך אין 1881 האָט די גאַנצע יודישע בעפעלקערונג פון דיזען געגענד בעטראָפען געניץ 240 טויזענד (239.545) פערזאָן; אין 1897 איז שוין דאָרטען געוועזען געניע 400 טויזענד יודען (392.903); די פערגרעסערונג פאַר דער צייט האָט אַלזאָ אויסגעטראָגען כמעט 2/3 (64 פראָצענט) פון דער פריהערדיגער בעפעלקערונג, בעת דורכשניטליך האָט די יודישע בעפעלקערונג אין די 15 גובערניעס פונ'ם תחום (פוילען געלאָזען אַ זייט) זיך פערגרעסערט בלויז אויף אַ פוילען פינפטעל (2.. פראָצענט); די איינוואַנדערונג איז אַלזאָ דאָרטען געוועזען בעזונדער שטאַרק, און לסוף געפינען מיר, דאָס צווישען דער יודישער בעפעלקערונג פון יענעם געגענד איז דער פראָצענט בעשעפטיגטע מיט האַנדעל פיעל העכער ווי אין אַלע איבעריגע געגענדען פונ'ם תחום. ווי מ'זאָל עס זיך ניט ערקלערען, ווייזט דאָס אונז פאָרט, דאָס צווישען די אינערליכע וואַנדערער ביי יודען איז בעזונדער הויך דער פראָצענט בעשעפטיגטע מיט האַנדעל.

פערקעהרט, פון די, וואָס וואַנדערען קיין אַמעריקע, זענען צוויי דריטעל פאַבריקע אַרבייטער (67 פראָצענט, טאַבעלע XX) און בלויז העכער אַ פינפטעל (21 פראָצענט, טאַבעלע XIX) אַזעלכע, וואָס זענען געוועזען בעשעפטיגט מיט האַנדעל, אַריינרעכענדיג אין דעם אויך יענע, וואָס ווערען ביים איינוואַנדערען פערצייכענט אַלס „אַרבייטער" אָהן אַ בעשטימטען פאַך. נאָך מעהר, צווישען די יודישע איינוואַנדערער אין אַמעריקא איז, ווי מיר האָבען אויבען געזעהען, דער פראָצענט, וואָס בילדעט די האַנדעלס-

גרופּע (ווען מ׳זאָל צו איהר צורעכענען די אַרבּייטער אָהן אַ פאַך), די לעצטע יאָהרען בּעמערקבּאַר געפאַלען: די עמיגראַציע קיין אַמעריקאַ פון פאַכאָווע אַרבּייטער איז געשטיגען אין אַ גרעסערער מאָס, ווי די עמיגראַציע פון בּעשעפטיגטע מיט האַנדעל.

## קאַפּיטאַל IX. פון וואַנען נעהמט זיך דער אייגענאַרטיגער כאַראַקטער פון דער יודישער עמיגראַציע?

### A.—דער פּראָפעסיאָנעלער בּעשטאַנד.

ניט אַלע פאַכען נעהמען אָבּער אַ גלייכען אַנטהייל אין דער עמיגראַציע, און איצט פערשטעהען מיר פאַרוואָס.

פון די פאַכען, וואו די „איבּערגעפּאַקטקייט“ איז קלענער און וואו דער איבּערגאַנג צו דער פּראָדוקציע פאַר'ן ווייטען מאַרק איז לייכטער, דאַרף די עמיגראַציע זיין קלענער; זי דאַרף פערקעהרט זיין אַבּסאָלוט און פערהעלטניסמעסיג גרעסער אין יענע פאַכען, וואו די „איבּערגעפּאַקטקייט“ איז אַם שטאַרקסטען און וואו דער איבּערגאַנג צו דער קאָנצענטרירטער פּראָדוקציע איז שווערער. קאָנקרעט הייסט עס, דאָס בּעזונדער גרויס דאַרף בּיי יודען זיין די צאָהל וואַנדערער בּיי די בּעשעפטיגטע מיט שניידעריי, דאָס די עמיגראַציע דאַרף זיין אַבּסאָלוט און רעלאַטיוו קלענער אין אַלע וויכטיגערע איבּעריגע פּראָדוקציאָנס־צווייגען. דאָס אַזוי געהט עס טאַקי צו אין דער ווירקליכקייט, האָבּען מיר שוין גענויער איבּען געזעהן (טאַבּעלע XXXV). דאָ ווּעלען מיר צוגעבּען בּלויז אַ קליינע בּעמערקונג.

אין בּעקליידונגס־אינדוסטריע איז פאַראַן איין וויכטיגער פאַך, אין וועלכען דער איבּערגאַנג צו דער קאָנצענטרירטער פּראָדוקציע איז ניט נור גאַנץ לייכט, נור איז אין אַ גרויסער מאָס שוין פערווירקליכט געוואָרען, און פון וועלכען די עמיגראַציע איז דעריבּער טאַקי בּעדייטענד קלענער ווי אין פילע אַנדערע פאַכען: דאָס איז דער שוסטער־פאַך. נעהמען מיר דעריבּער בּלויז דעם שניידער־פאַך (שניידער, שניידערקעס און וועשנעהטערינס), דאַן זעהען מיר, דאָס ער אַליין האָט צוגעשטעלט 184.754 אימיגראַנטען אין די פעראייניגטע שטאַטען, ד. ה. 47 פּראָצענט פון אַלע פאַכאָווע אינדוסטריעלע יודישע וואַנדערער; לויט די אויבּען־דערמאָהנטע „מאַטעריאַלען“ פון יק״א זענען אין תחום געווען 147.435 יודען בּעשעפטיגטע מיט שניידעריי (שניידער, שניידערקעס און וועשנעהטערינס), ד. ה. 28 פּראָצענט פון אַלע יודען בּעשעפטיגטע מיט אינדוסטריע אינ'ם תחום. דער פּראָצענט שניידערס צווישען די אינדוסטריעלע יודישע וואַנדערער איז אַלזאָ כמעט 2 מאָל אַזוי גרויס, ווי צווישען די בּעשעפטיגטע מיט אינדוסטריע אינ'ם תחום. נאָך בּולטער זעהען מיר עס, ווען מיר פערגלייכען די צאָהל בּעשעפטיגטע מיט שניידעריי ניט מיט

די בעשעפטיגטע אין אינדוסטריע, נור מיט דער יודישער עקאנאמיש-אקטיווער בעפעלקערונג בכלל. אינ'ם תחום בילדען ביי יודען די בעשעפטיגטע מיט שניידעריי 10 פראצענט. (די צאהל עקאנאמיש-אקטיווע איז לויט דער פאלקס-צעהלונג געווען (1.428.835) פון אלע עקאנאמיש-אקטיווע; צווישען די עקאנאמיש-אקטיווע אימיגראנטען בילדען זיי 31 פראצענט, ד. ה. דער אנטייל פון די שניידער אין דער עמיגראציע איז 3 מאל אזוי גרויס, ווי דער פראצענט, וואס זיי בעטרעפען צווישען דער יודישער בעפעלקערונג אינ'ם תחום. א צעהנטחלק פון דער יודישער בעפעלקערונג האט צונעשטעלט א דריטעל פון דער יודישער עמיגראציע.

נור דאס, וואס אין אנדערע פאכען איז די „איבערגעפאקטקייט" אהן אנערך קלענער, ווי אין שניידער-פאך, און דער איבערגאנג צו דער פראדוקציע פאר'ן ווייטען מארק געווענליך פיעל לייכטער, דארף אויך פיהרען צו דעם, דאס דער פראצענט וואנדערער פון דיזע פאכען זאל מיט דער צייט קלענער ווערען, אדער מיט אנדערע ווערטער, דאס א גרעסערער פראצענט פון די יודישע וואנדערער זאל בעשטעהן פון בעשעפטיגטע מיט שניידעריי. ווי מיר האבען געזעהען (טאבעלע XXIV און XXV). קומט עס טאקי אזוי פאר אין דער ווירקליכקייט, און ס'איז איבעריג דא עס איבערצוחזר'ן*). פארוואס די יודישע עמיגראציע שטרעבט צו ווערען אלץ מעהר א וואנדערונג פון בעשעפטיגטע מיט שניידעריי — איז אלזא פאר אונז מעהר שוין קיין חדוש נישט.

## B.—די ריכטונג פון דער יודישער עמיגראציע.

קיין חדוש דארף שוין איצט פאר אונז אויך נישט זיין, פארוואס כמעט דער גאנצער שטראם פון דער יודישער וואנדערונג ציהט זיך צו די פעראייניגטע שטאטען פון צפון-אמעריקא און נישט ערגיץ אנדערש-וואו. — נישט ווייסענדיג די סבות פון דער יודישער עמיגראציע און דעם פראפעסיאנעלען בעשטאנד פון די יודישע וואנדערער, דארף דיזער פאקט ערשיינען ווי אן אונבעגרייפליכע רעטעניש; באמת, ווענינ לענדער זענען פאראן אויף דער וועלט, נעהענטערע און ווייטערע, מעהר און ווייניגער בעפעלקערטע, מעהר און ווייניגער דעמאקראטישע, ווי די פעראייניגטע שטאטען? פארוואס זשע געהט די גרויסע יודישע וואנדערנדע מאסע גראד אין די צפון-אמעריקאנישע רעפובליק? און אפילו אין די פעראייניגטע שטאטען גופא, פארוואס

*) דא וועלען מיר בלויז אנמערקען, דאס אויך דער שוסטער-פאך בילדעט נישט קיין אויסנאהם; ווי מ'האט געדארפט ערווארטען איז דער פראצענט שוסטער צווישען די פאכאווע יודישע עמיגראנטען מיט דער צייט בעמערקבאר. געפאלען: פון פולע 9 פראצענט אין 1899 איז ער אין 1910 געפאלען אויף גענויע $6^0/_0$.

בעזעצען זיך די יודישע אימיגראַנטען גראָד אין די שטאָטען און די צענטרען, וואָס זענען אַם שטאַרקסטען „בעפעלקערט", וואָס זענען „איבערבעפעלקערט", ווי עס דריקען זיך אויס די יעניגע, וועלכע האָבען אַ קנאַפּען בעגריף וועגען דעם, וואָס דאָס איז „איבערבעפעלקערונג"? פאַר וואָס געהט די יודישע עמיגראַציע נישט אין די וועניג־בעפעלקערטע, האַלב־וויסטע שטאָטען פון מערב־אַמעריקאַ? פאַר וואָס געהט זי בכלל נישט אין וועניג־בעפעלקערטע, האַלב־פּוסטע לענדער?

נאָך דעם, וואָס איז אָבער שוין געוויזען געוואָרען בנוגע צום פּראָפעסיאָנעלען בעשטאַנד און די סבות פון דער יודישער עמיגראַציע, איז די ריכטונג איהרע מעהר שוין קיין רעטעניש נישט. מיר האָבען געזעהן, דאָס די יודישע בעפעלקערונג עמיגרירט פונ'ם תחום, ווייל צוליב דעם נישט־גלייכמעסיגען איינטייל פון די פּראָפעסיעס ביי יודען, ווערט דאָרטען איהר עקזיסטענץ אונערטרעגליך, אויף וויפיעל עס בעשרענקט זיך פאַר איהר דער נישט־יודישער מאַרק; ווען דער נישט־יודישער מאַרק וואָלט זיך פאַר די יודען אין גאַנצען פערמאַכט, וואָלט זייער עקזיסטענץ אינ'ם תחום געוואָרען להלוטין אונמעגליך. ווען דער פּראָפעסיאָנעלער בעשטאַנד פון די יודישע וואַנדערער וואָלט געוועזען דערזעלביגער, ווי ביי די יודען אינ'ם תחום, וואָלטען זיי אַלזאָ שוין נישט געקענט געהען אין אַזאַ מדינה, וואו ס'איז פאַראַן אַ בעשרענקטע און אָרעמע אָרטיגע בעפעלקערונג, וואָרום אין דיזער מדינה וואָלט דאָך זייער לאַגע נישט געוועזען קיין בעסערע ווי אינ'ם תחום; נאָך פיעל מעהר אונמעגליך וואָלט פאַר די געוועזען, ביי אַזאַ פּראָפעסיאָנעלען בעשטאַנד, זיך צו בעזעצען אין אַ פּוסטע מדינה אָהן אַ שום אָרטיגער בעפעלקערונג, וואָרום אין דיזער מדינה וואָלט זייער עקזיסטענץ געוועזען נאָך אָהן אַנ'ערך אונערטרעגליכער, ווי אינ'ם תחום, וואו פאַר'ן יודישען הענדלער און פאַר'ן יודישען בעקליידונגס־אַרבייטער איז פאַראַן הגם אַ בעשרענקטער צוטריט צו דעם נישט־יודישען מאַרק. אין אמת'ן אָבער איז, ווי מיר האָבען געזעהן, די נישט־גלייכמעסיגקייט פונ'ם איינטייל פון די פּראָפעסיעס צווישען די יודישע וואַנדערער נאָך פיעל שטאַרקער, ווי צווישען די יודישע איינוואוינער פונ'ם תחום, וואָרום די פּראָפעסיעס, וואָס זענען אינ'ם תחום „איבערגעפּאַקט" שיקען אין דער אונטערשטער שורה אַרויס אַ פיעל גרעסערען פּראָצענט עמיגראַנטען, ווי אַנדערע פּראָפעסיעס. אמת, די האַנדעלס־גרופּע בילדעט צווישען די יודישע איבער־אָקעאַנישע וואַנדערער אַ קלענערען פּראָצענט, ווי אינ'ם תחום (21 פּראָצענט פון דער עקאָנאָמיש־אַקטיווער אימיגראַציע אין די פעראייניגטע שטאַטען און 31 פּראָצענט אינ'ם תחום); דערפאַר אָבער די בעשעפטיגטע מיט שניידעריי בילדען צווישען דיזע וואַנדערער עטליכע מאָל אַ גרעסערען פּראָצענט ווי אינ'ם תחום (31 פּראָצענט, פון די עקאָנאָמיש־אַקטיווע אימיגראַנטען און 10 פּראָצענט, פון די עקאָנאָמיש־אַק־

טיווע אינ׳ם תחום), און בעת אין תחום איז ,כאָטש פאַראַן אויף יעדען שנײַדער 9 יודען בעשעפטיגטע מיט אַנדערע פּראָפעסיעס, איז צווישען די ואַנדערער פאַראַן אויף יעדען שנײַדער בלויז צוויי יודען פון אַנדערע פּראָפעסיעס.

פאַר יעדען הענדלער — 4 קונים, פאַר יעדען שנײַדער גאַנצע 2 קונדען — אָט דאָס איז דער פּראָפעסיאָנעלער בעשטאַנד פון דער יודישער וואַנדערענדער מאַסע, אויב זי זאָל זײַן אָנגעוויזען צו לעבען נור פון זיך אַליין. אויב מיר פעראייניגען נאָך די הענדלער און די אַרבײַטער אָהן אַ בעשטימטען פאַך מיט די דיענסטלײַט אין איין גרופּע פון איצטיגע, געוועזענע און אַזוי צוזאָגען „נישט-געוואָרענע" הענדלער, אָדער פשוט לופט-מענשען, דאַן בעקומען מיר, ווי מיר האָבען עס געזעהן בײַם סוף פונ׳ם 1-טן טייל פון דיזען ווערק, דאָס צווישען יעדע 3 „עקאָנאָמיש-אַקטיווע" יידישע וואַנדערער איז פאַראַן איין לופט-מענש אין איין שנײַדער. בײַ אַזאַ פּראָפעסיאָנעלען בעשטאַנד איז קלאָר ווי דער טאָג, איז קלאָר אפילו פאַר בלינדע, דאָס די יודישע עמיגרירענדע מאַסע קען פון זיך אַליין נישט לעבען.

„דיזער אייגענאַרטיגער פּראָפעסיאָנעלער בעשטאַנד פון דער יודישער עמיגראַציע בעשטימט די ריכטונג, וואוהין עס קען געהן און וואוהין עס געהט פאַקטיש דער יודישער עמיגראַציאָנס-שטראָם"; די יידישע שנײַדער און הענדלער „קענען געהן ניר אַהין, וואו עס איז פאַראַן אַ גרויסע און גענוג וואוילשטענדיגע אָרטיגע בעפעלקערונג, פאַר וועלכע זיי זאָלען קענען אַרבײַטען און בײַ וועלכער זיי זאָלען קענען פערדינען צים לעבען. און אַזוי ווי די יודישע וואַנדערונג איז נישט קיין מאָמענטאַלע ערשײַנונג, נור אַ לאַנג-דויערענדער, אָנהאַלטענדער פּראָצעס, איז נויטהוענדיג, דאָס די מדינה, וואוהין עס ציהען זיך יאָהר-איין יאָהר-אויס די צעהנדליגע טויזענדע שנײַדער און הענדלער, זאָל האָבען אַ גרויסע בעפעלקערינג, וועלכע האַלט כסדר אין ראַשען וואַקסען סײַ אין צאָהל, סײַ אין וואוילשטאַנד". אַ בעזונדערע ציציהונגס-קראַפט דאַרף דערבײַ האָבען פאַר די יודישע וואַנדערער אַזאַ לאַנד, וואו די אָרטיגע בעפעלקערונג וואַקסט הויפטזעכליך דורך אײַנוואַנדערונג, וואָרום די אַלגעמיינע וואַנדערענדע מאַסע בעשטעהט צום גרעסטען טייל פון דאָרפס-לײַט, און די קוואַליפיצירטע אַרבײַטער בכלל, און, אין אײַנצעל׳ גענומען, די בעשעפטיגטע מיט שנײַדערײַ, בילדען בײַ איהר אַ פערהעלטענס-מעסיג קליינעם פּראָצענט *).

אַזעלכע בעדינגונגען געפינען מיר טאַקי אין דער

*) אין פערלויף פון די 12 יאָהר (1910—1899) האָבען אין די פעראייניגטע שטאַאַטען אײַנגעוואַנדערט נישט-יודישע: 66.787 שנײַדערס, 22.066 שנײַדערקעס און 32.869 וועסטמאַכערינס, צוזאַמען 121.722 בעשעפטיגטע מיט שנײַדערײַ צווישען 6.458.689 נישט-יודישע עקאָנאָמיש-אַקטיווע עמיגראַנטען, ד. ה. גענויע 2 פּראָצענט.

ג ר ו י ס ע ר  ר ע פ ו ב ל י ק  פ ו ן  צ פ ו ן - א מ ע ר י ק ע *). „דאָרטען קענען געפינען אַנטוענדונג פאַר זייער אַרבייט און אַהין קענען וואַנדערען די יודישע קליידונגס-אַרבייטער און הענדלער, און אַהין עמיגרירען זיי טאַקי אין דער ווירקליכקייט“. און אין די פעראייניגטע שטאַטען גופא בעזעצען זיי זיך נאַטירליכער-ווייזע אין יענע שטאַטען, וועלכע זענען, אַזוי צו זאָגען, די אַמעריקאַנער אַמעריקא, וואו דאָס עקאָנאָמישע לעבען ענטוויקעלט זיך ראַשער ווי אַנדערסוואו, וואו דער אַבסאָלוטער צו-וואוקס פון דער בעפעלקערונג דורך אונענדליכע מאַסען נישט-יודישע איינוואַנדערער איז אַם שטאַרקסטען, ד. ה. אין די מזרח׳דיגע שטאַטען, וועלכע זענען אַגב די נעהנטסטע. אין קיין אַנדער לאַנד געפינען מיר הערווייַלע נישט אַזעלכע בעדינגונגען, ווי אין די פעראייניגטע שטאַטען, אין קיינעם פון זיי איז דערווייַל נישטאָ קיין פלאַץ פאַר די איינענאַרטיגע יודישע וואַנדערער-מאַסע, און אין קיינעם פון זיי געהט אויך ווירקליך ביז איצט נישט דער יודישער עמיגראַציאָנער שטראָם.

איך זאָג „דערווייַלע“, „ביז איצט“, ווייַל ס׳איז בשום אופן נישט אויסגעשלאָסען די מעגליכקייט, דאָס אין דער צוקונפט זאָלען אין נאָך אַן אַנדער לאַנד בעשאַפען ווערען בעדינגונגען ענליכע צו יענע, וואָס מיר געפינען אין די פעראייניגטע שטאַטען. אַזוי צ. ב. איז גאַנץ מעגליך, דאָס ק א נ א ד א, וועלכע האָט נאָך אונאָבשעצבאַרע, ניט-אויסגעפאָרשטע און נישט-עקספּלאָאַטירטע נאַטירליכע רייַכטומער, וועט בייַ איהר גינסטיגער געאָגראַפישער לאַגע אין דער נישט ווייַטער צוקונפט אָנהויבען שפּילען אויף דעם עקאָנאָמישען באָדען אַ ענליכע ראָלע צו דער, וואָס די פעראייניגטע שטאַטען שפּילען הייַנט; די אַ ל ג ע מ י י נ ע איינוואַנדערונג אין קאַנאַדאַ, וועלכע איז איצט אויך בעדייַטענד גרויס*), וועט דאַן געוויס נאָך פיעל

*) פון די מערב-אייראָפּעאישע לענדער וואַקסט אַם שנעלסטען די בעפעלקערונג אין דייטשלאַנד. אין 1870 יאָהר, האָט נאָך דייטשלאַנד געהאַט כמעט אויף 2 אַ האַלב מיליאָן אַ גרעסערע בעפעלקערונג, ווי די פעראייניגטע שטאַאַטען; אין 1910 איז שוין די בעפעלקערונג פון די פעראייניגטע שטאַאַטען געוואַקסען אויף פ ו ל ע 27 מ י ל י א ן גרעסער ווי די בעפעלקערונג פון דייטשלאַנד. דיזער בייַשפּיל-לאָז ראַשער וואוקס פון דער בעפעלקערונג אין די פעראייניגטע שטאַאַטען נעהמט זיך נישט פון דעם נ א ט י ר ל י כ ע ן צו-וואוקס, וועלכער איז דאָרטען גראַד א ו י ס ע ר ס ט-ק ל יי ן, נאָר הויפּטזעכליך פון דער א יי נ וו א נ ד ע ר ו נ ג. איינגעוואַנדערט האָבען אין די פעראייניגטע שטאַאַטען בסך הכל פאַר די לעצטע 40 יאָהר—$20\frac{1}{2}$ מיליאָן מענשען, פון וועלכע קרוב צו 9 מיליאָן זענען אָנגעקומען אין אַמעריקא אין פערלויף פונ׳ם לעצטען יאָהר-צעהנדליג (1901—1910).

*) ק א נ א ד ע האָט אין יאָהר 1901 געהאַט בסך הכל אַ בעפעלקערונג פון פולע $5\frac{1}{3}$ מיליאָן (5.371.315), ד. ה. ווי איינע פון די קלענסטע אייראָפּעאישע לענדער, אָדער ווי די פעראייניגטע שטאַאַטען פונקט מיט הונדערט יאָהר צוריק. די איינוואַנדערונג אַהין האַלט אָבער שוין איצט אין ראַשען וואַקסען: אינ׳ם פיסקאַל-יאָהר 1898 האָבען איינגעוואַנדערט 31.900 מענשען; אין 1900 - 44.690; אין 1902—67.397; אין 1904—134.331; אין 1906—189.064; אין 1908—204.071; אין 1909—152.071; אין 1910—264.992; אין 1911—333.850.

גרעסער ווערען, און דאן וועלען די יודישע וואנדערער קענען מאסען־ווייז אהין עמיגרירען, און וועלען עס אויך בלי ספק ווירקליך טאן. דאס זעלבע קען אויך געשעהן אין ארגענטינא *), אין געוויסע דרום־שטאטען פון בראזיליען, הגם די געאגראפישע לאגע פון דיזע לענדער מאכט, פערשטעהט זיך, פיעל שווערער די איינוואנדערונג אהין פון די צפון־אייראפעאישע לענדער. — ווי לאנג אבער קאנאדע, ארגענטינע א. אז. וו. געפינען זיך ביי זייערע געגענווערטיגע בעדינגונגען, ווי לאנג די ארטיגע בעפעלקערונג איז נאך פערהעלטניסמעסיג קליין, און די אלגעמיינע איינוואנדערונג אהין איז נאך נישט בעזונדער גרויס, — קען אהינצו וואנדערען א גרעסערע אדער א קלענערע צאהל יודישע עמיגראנטען, ס'איז אבער ביי זיי נישטא קיין פלאץ פאר די גרויסע און גאנצע מאסע יודישע וואנדערער. נור נאך אינענדליך־ווייניגער פלאץ איז פאראן פאר די די יודישע וואנדערער אין א נייער מדינה, וואס איז נאך כמעט אין גאנצען פוסט פון מענשען; די יודישע וואנדערער־מאסע קען אהין ניט געהן, ווייל זי „וואלט דארטען מוזען פשוט שטארבען פון הונגער, ווארום אויב די בעפעלקערונג פון דיזער מדינה זאל בעשטעהן נור פון דער יודישער עמיגרירענדער מאסע, דאן וואלטען פון יעדע דריי „פערדינער" געמוזט וועניגסטענס זיין איין הענדלער און איין שניידער. וועגען וואנדערען נאך אזא מדינה קען, ווי מען זעהט, ביי דער יודישער עמיגרירענדער מאסע קיין שום רייד נישט זיין**).

## C.—ענדגילטיגע און צייטווייליגע עמיגראציע.

דער אייגענארטיגער פראפעסיאנעלער בעשטאנד פון די יודישע עמיגראנטען רופט ארויס אויך אנדערע בעזונדערהייטען פון דער יודישער וואנדערונג. ווי מיר האבען אויבען געזעהן, (און ביי דעם פראפעסיאנעלען בעשטאנד פון דער יודישער בעפעלקערונג אויף די ערטער קען אנדערש נישט זיין), צייכענט זיך די יודישע עמיגראציע אויס פון דער אלגעמיינער דערמיט, וואס צווישען די יודישע וואנדערער איז פאראן אן אויבערכט־גרויסער פראצענט באזאזע ארבייטער אין אנאויבערכט־קליינער פראצענט לאנד־ארבייטער, בעת ביי די נישט־יודישע עמיגראנטען, און

*) די בעפעלקערונג פון ארגענטינא האט סוף 1900 נישט אויסגעטראגען אפילו קיין 5 מיליאן (4 מיליאן 794 טויזענד). די איינוואנדערונג אהין איז אבער די לעצטע צייט זעהר גרויס; אזוי האבען אהין איינגעוואנדערט אין 1898—95.188 מענשען; אין 1900—117.036; אין 1902—96.080; אין 1904—161.078; אין 1906—302.249; אין 1908—303.112; אין 1910—289.640.

**) די געבראכטע ציטאטען זענען גענומען פון פ. ליבמאנ'ס ארטיקעל „די רעגולירונג פון דער יודישער עמיגראציע" אינ'ם צווייטען באנד צייט־פראגען (ווילנא 1910), ז. 67.

ספּעציעל בײַ די וואַנדערער פֿון יענע פֿעלקער, צווישען וועלכע עס וואוינט די גרויסע מאַסע פֿון דער יידישער בעפֿעלקערונג, איז פֿערקעהרט אויסערסט-קליין דער פּראָצענט פֿאַכאָווע אַרבײַטער און אויסערסט-גרויס דער פּראָצענט בעשעפֿטיגטע מיט לאַנדווירטשאַפֿט. אין דער הינזיכט פֿון צי-געבונדענקײַט צים אויסוואַנדערונגס-אָרט איז אָבער פֿאַראַן אַ טיפֿער אונטערשייד צווישען דעם אויסגעוואַנדערטען אינדוסטריעלען אַרבײַטער און דעם בעשעפֿטיגטען מיט לאַנדווירטשאַפֿט. דער קוואַליפֿיצירטער אַרבײַטער, וואָס וואַנדערט אויס, קען זאָגען וועגען זיך, ווי דער פֿילאָזאָף ביאַס מיט טויזענדער יאָהרען צוריק: „אַלדאָס מײַניגע טראָג איך מיט זיך"; קיין נחלאות לאָזט ער אין דער היים נישט, און זײַן גאַנצע חיונה ציהט ער געוועהנליך פֿון זײַן אַרבײַט, און דעריבער דאָרטען, וואו ער אַרבײַט; עקאָנאָמיש הערט ער אין גאַנצען אויף צו זײַן פֿערבונדען מיט זײַן אַלטען היים. — אַ סך ווייניגער קען מען דאָסזעלבע זאָגען וועגען די לאַנדווירטשאַפֿטליכע וואַנדערער. די פֿון זיי, וועלכע ערווערבען זיך אַני-איינגענע לאַנדווירטשאַפֿט אין דעם נײַעם לאַנד, בלײַבען טאַקי אויף שטענדיג אָבגעריסען פֿון זייער אַלטען היים. נור צווישען די לאַנדווירטשאַפֿטליכע אײַנוואַנדערער אין די פֿעראייניגטע שטאַטען בילדען בײַ הײַנטיגער צײַט אַזעלכע קאָלאָניסטען אַ פֿערשווינדענדע מינדערהײַט. די ווײַט גרעסטע מעהרהײַט זייערע קומט אַהין, כדי זיך דאָרט צו בעשעפֿטיגען אַלס געדונגענע אַרבײַטער. אין צווישען די לעצטע איז טאַקי אויך פֿאַראַן זעהר פֿיעל, וואָס האָבען פֿערקויפֿט דאָס לעצט שטיקעל ערד, וועלכע איז נאָך בײַ זיי געבליבען אין דערהיים, און זענען אַוועק אין אַמעריקע, איבעררייסענדיג אויף אַזאַ אַרט דעם לעצטען עקאָנאָמישען באַנד מיט דעם היימישען געגענד. אַ גרויסער טייל פֿון די פּויערים עמיגרירט אָבער געוועהנליך גאַנץ אַנדערש: דאָס שטיקעל ערד, וואָס גיט נישט גענוג קיין אַרבײַט און קיין פֿערדינסט פֿאַר די גאַנצע פֿאַמיליע, לאָזען זיי איבער זייער הויז-געזינד, דער ווײַב און די קינדער, און אַליין געהען זיי אין פֿרעמדע געגענדען און פֿערדינגען זיך בײַ פֿערשידענאַרטיגע אַרבײַט, כדי מיט דעם געלד, וואָס זיי וועלען האָבען פֿערדינט אויף דער פֿרעמד, אויפֿצוהויבען זייער געפֿאַלענע און פֿאַלענדע לאַנדווירטשאַפֿט אין דער היים. זיי געהען אין פֿרעמדע געגענדען אָפֿטמאָל בלויז אויף די צײַט פֿון די פֿעלד-אַרבײַט און קעהרען זיך אום צוריק אַהיים, ווען דיזע אַרבײַט ווערט פֿערענדיגט. אַזעלכע ס ע ז אָ ן-וו אַ נ ד ע ר ע ר זענען געוועהנליך קאָנטינענטאַלע וואַנדערער, ד. ה. זיי געהען אין די בשכנות'דיגע לענדער פֿון איראָפּע גופא*). נור אויך צווישען די איבער-אָקעאַנישע וואַנדערער און ספּעציעל

*) אזוי צ. ב. זענען אין ד ײ ט ש ל א נ ד אין יאָהר 1908-9 בעקומען אויף זומער-סעזאָן-ארבייט 196.995 פּ אָ ל א ק ע ן פון רוסלענדער מלוכה, 62,813 פּ א ל א ק ע ן פון גאליציען און 42.430 רוטענער פון גאליציען, און בסך הכל 335.824 איינגעוואנדערטע זו-

צווישען די אימיגראנטען אין די פעראייניגטע שטאטען איז נישט קליין די צאהל פון אזעלכע סעזאן-וואנדערער. אין די פעראייניגטע שטאטען האט זיך איינגעווארצעלט א רעגעלמעסיגע אייראפעאישע סעזאן-ארבייט: רוסען, פאלאקען, גאליציאנער, איטאליענער קומען יאהר-איין יאהר-אויס אין אנהויב פון דער צייט פון שניט איבער'ן אקעאן און קעהרען זיך אום אין הערבסט צוריק. פונדעסטוועגען איז די צאהל סעזאן-ארבייטער צווישען די איבעראקעאנישע וואנדערער גענוג בעשרענקט; בדרך כלל, ווען א פויער לאזט אין דער היים זיין שטיקעל בעל-הבתישקייט און געהט אין אמעריקע, געהט ער געוועהנליך נישט אויף א סעזאן, נור אויף א אונבעשטימטע צייט און פערנעהמט זיך מיט פערשידענע נישט-קוואליפיצירטע ארבייט. יעדענפאלס אבער, צי ער קומט אין אמעריקע בלויז אויף א סעזאן אדער אויף א לענגערע צייט, בלייבט ער אין א בעדייטענדער מאס עקאנאמיש צוגעבונדען צו זיין היימישען דארף אפילו נאך דער אויסוואנדערונג. די צאהל צוריק-וואנדערער איז דעריבער גרעסער צווישען די פויערים ווי צווישען די קוואליפיצירטע ארבייטער. זי איז גרעסער ביי די לאנדווירטשאפטליכע פעלקער; זי איז קלענער ביי די אינדוסטריעלע. און ס'איז דעריבער גאנץ פערשטענדליך, דאס זי איז פיעל קלענער ביי די יודישע עמיגראנטען, ווי ביי די איבעריגע מזרח-אייראפעאישע וואנדערער.

זעלבסטפערשטענדליך, דאס דער ספעציעלער סאציאל-פאליטישער דרוק, אונטער וועלכען עס געפינט זיך די יודישע בעפעלקערונג אין רוסלענדער מלוכה, פערקלענערט נאך די צאהל פון די יודישע צוריק-וואנדערער אהין. עס איז דעריבער קיין וואונדער נישט, וואס דער פראצענט צוריקוואנדערער צווישען די יודישע עמיגראנטען איז נאך בעדייטענד קלענער אין רוסלאנד ווי אין גאליציען.

## D.—עלטער, געשלעכט און פאמיליען-צושטאנד.

איצט פערשטעהען מיר אויך, פארוואס געפינען מיר צווישען די יודישע עמיגראנטען א גרעסערען פראצענט פרויען און קינדער ווי ביי די וואנדערער פון אלע איבעריגע פעלקער. אויב דער פאמיליען-טאטע עמיגרירט בלויז אויף א געוויסע צייט, דאן בלייבט געוועהנליך די פאמיליע אויפן ארט. צווישען די איבעראקעאנישע צייטווייליגע וואנדערער איז דעריבער פאראן א קלייינער פראצענט פרויענצימער און קינדער.

מער-סעזאן-ארבייטער; אינ'ם יאהר 1909-10 זענען צהין געקומען אויף די זעלבע ארבייט 217.357 פאלאקען פון רוסלענדער מלוכה, 64.456 פאלאקען פון גאליציען און 47.120 רוטענער פון גאליציען און בסך הכל 363.983 איינגעוואנדערטע זומער-סעזאן-ארבייטער.

Handwörterbuch der Staatswissenschaften, III Auflage, 8 Band, S. 545.

נאָך מעהר, די פויערשע אויסוואַנדערונג שטיצט זיך אין אַ גרויסער מאָס אויף דעם, וואָס די פאַמיליען־מיטגלידער בלייבען אין דער היים פיהרען די לאַנדווירטשאַפט, ווי לאַנג דער פאָטער איז אין דער פרעמד. אין די פיעל צעהליגע פאַלען, ווען דער פויער עמיגרירט, כדי דורכדעם אויפצוהויבען דעם מצב פון זיין לאַנד־ווירטשאַפט, איז דאָס פערבלייבען פון די פאַמיליען־מיטגלידער אין דער היים אַ נויטווענדיגע פאָרבעדינגונג פון דעם פאַמיליען־פאָטערס אויסוואַנדערונג, וואָרום אויב ער זאָל נישט האָבען וועמען איבערלאָזען די דער־ווייליגע פיהרונג און בעאַרבייטונג פון זיין שטיקעל בעל־הבית'ישקייט, איז פאַר איהם פשוט אַנ'אונזין צו וואַנדערען.

דאָרטען, וואו די אויסוואַנדערונג איז אַ פויערשע און אַ צייטווייליגע, איז אַלזאָ צווישען די וואַנדערער פאַראַן אַ קלענערער פראָצענט פרויענצימער און קינדער; פערקעהרט, ביי די פעלקער, וואו די צייטווייליגע אויסוואַנדערונג איז קלענער, וואו די אויסוואַנדערונג איז מעהר אַ ענדגילטיגע, איז דער פראָצענט וואַנדערענדע פרויען און קינדער גרעסער.

ביי דעם פראָפעסיאָנעלען בעשטאַנד פון דער יודישער בעפעלקערונג און פון די יודישע וואַנדערער, ביי דעם ענדגילטיגען כאַראַקטער פון דער יודישער עמיגראַציע, האָט אַלזאָ דער פראָצענט פרויענצימער און קינדער ביי די יודישע וואַנדערער געמוזט זיין גרעסער ווי ביי די וואַנדערער פון אַלע איבעריגע אייראָפעאישע פעלקער. ווי מיר האָבען געזעהען, געהט עס טאַקי אַזוי צו אין דער ווירקליכקייט.

E.—פערהעלטניסמעססיגער צוריקגאַנג פון דער יודישער עמיגראַציע.

נור איין פונקט איז דערווייל געבליבען נישט פערשטענדליך. מיר האָבען געזעהען, דאָס דער פראָצענט, וואָס די יודען בילדען צווישען די וואַנדערער פון מזרח־אייראָפע האַלט אין פאַלען; דאָס דער וואוקס פון דער נישט־יודישער עמיגראַציע איז די לעצטע יאָהרען פיעל ראַשער און שטאַרקער ווי פון דער יודישער; דאָס אין גאַליציען צ. ב. איז שוין איצט די אויסוואַנדערונגס־שטופע ביי די פאָליאַקען, ביי די רוטענער און אַנדערע פעלקער בעדייטענד שטאַרקער ווי ביי די יודען; קורץ דאָס אין פערגלייך מיט דער עמיגראַציע פון די אַרומיגע פעלקער, האַלט די יודישע עמיגראַציע (אין רוסלאַנד ווייניגער, אַנדערש־וואו מעהרער) אין פאַלען. דיזע ערשיינונג קומט־אויס נאָך ווייניגער בעגרייפליך ביי דעם ענגען צוזאַמענהאַנג צווישען דער עקאָנאָמישער לאַגע פון דער יודישער און נישט־יודישער בעפעלקערונג, וועלכען מיר האָבען עט־וואָס העכער אָנגעוויזען און אַנאַליזירט.

באמת אָבער איז די זאַך גאַנץ איינפאַך. די שטאָט און דער דאָרף, אָדער גענויער די בעשעפטיגטע מיט אינדוסטריע און די בעשעפטיגטע מיט לאַנדווירטשאַפט, הויבען־אָן צו עמיגרירען מאַסען־ווייז נישט צו גלייכער צייט און עמיגרירען נישט אין דער זעלבער מאָס. די אינדוסטריעלע בעפעלקערונג, ווי די אינדוסטריע גופא, איז מעהר בעוועגליך, פּראָגרעסיוו: די לאַנדווירטשאַפטליכע בעפעלקערונג, איז מעהר אינגע־טנע, קאָנסערוואַטיוו. די געלדווירטשאַפט און דער קאַפּיטאַליזם דרינגען פריהער אַריין אין די אינדוסטריע; די אינדוסטריעלע בעפעלקערונג דערפיהלט פריהער סיי די צושטערענדע, סיי די בויענדע ווירקונג פון דער נייער עקאָנאָמישער אָרדנונג; די אינדוסטריעלע בעפעלקערונג ענדערט אויך שנעלער איהר עקאָנאָמישע טעטיגקייט און פּאַסט זיך אויף אַזאַ אַרט גיכער צו צו די נייע פּראָדוקציאָנס־פאָרמען; זי נעהמט זיך אויך פריהער צום אויסוואַנדערען, אַלס צו איינעם פון די צופּאַסונגס־מיטלען צו די נייע סאָציאַל־עקאָנאָמישע בעדינגונגען.

אין די לאַנדווירטשאַפט דרינגען אַריין די געלדווירטשאַפט אין דער קאַפּיטאַליזם פיעל שפּעטער, ווי אין די אינדוסטריע, און די ווירקונג פונ'ם אינדוסטריעלען קאַפּיטאַל דערפיהלט די לאַנדווירטשאַפט שפּעטער ווי די אינדוסטריע גופא; דערפיהלענדיג שוין דיזע ווירקונג, בלייבט נאָך די לאַנדווירטשאַפט, איבערהויפּט די פּויערשע ווירטשאַפט, אַ רעכט לאַנגע צייט ביי איהרע אַלטע פּראָדוקציאָנס־פאָרמען; און אַפילו בעת מ'נעהמט שוין איינפיהרען וועלכע נישט איז ענדערונגען אין דער פּראָדוקציע, זענען דיזע ענדערונגען אין דער לאַנדווירטשאַפט לאַנגזאַמער און אויבערפלעכליכער ווי די ענדערונגען אין דער אינדוסטריע; דער צופּאַסונגס־פּראָצעס צו דער נייער סאָציאַל־עקאָנאָמישער אָרדנונג הויבט זיך אַלזאָ אָן אין דער לאַנדווירטשאַפט שפּעטער, און איז סוף כל סוף נאָך דערווייל נישט קיין ראַדיקאַלער. ערשט שפּעטער, ווען, ווי דער פּסוק זאָגט, באו מים עד נפש, ווען עס ווערט אונמעגליך ווייטער אַזוי צו לעבען, נעהמט דער פּויער זוכען אויף נייע עקאָנאָמישע וועגען אַנ'אויסגאַנג פון זיין קריטישער לאַגע; און נישט האָבענדיג די נויטיגע פינאַנציעלע מיטלען אויפצוהויבען דעם טעכנישען שטאַנד פון זיין ווירטשאַפט, נעהמט ער זיך צום איינציגען אויסוועג, וואָס איז פאַר איהם ברייט אָפען — צום לויפען פון דאָרף; ער לויפט פון דאָרף, כדי דורך די פערדינסטען אויף דער פרעמד אויפצוהויבען זיין געפאַלענע ווירטשאַפט; ער לויפט אויך פון דאָרף אויף שטענדיג, נעהמענדיג זיך צו אַנדערע בעשעפטיגונגען ווי לאַנדווירטשאַפט. און דאָ זעהען מיר ווידער די זעלבע ערשיינונג ווי ביי יעדע גרויסע אינערטנע מאַסע: ס'איז אויסערסט שווער זי צו רירען פון אָרט, אָבער איינמאַל געבראַכט אין בעוועגונג, איז איהר בעוועגונגס־קראַפט־פּונקט אַזוי שטאַרק ווי איהר פריהערדיגע אינבעוועגליכקייט. די וואַנדערונג פון דאָרף נעהמט

אַן אמת־עפּידעמישן כאַראַקטער: מ'וואַנדערט מאַסען־ווייז, מ'וואַנדערט אָפּטמאָל גאַנצע דערפער־ווייז, איבערלאָזענדיג אין דער היים בלויז די פרויענצימער, די קינדער און די אַלטע לייט. די „פרייע" אויסוואַנדערונג, וואָס הויבט זיך אָן צוזאַמען מיט דער ענטוויקלונג פונ'ם קאַפּיטאַליזם, איז אויף אַזאַ אָרט אין אָנהויב מעהר אַנ'אויסוואַנדערונג פון שטעדטישע, פון אינדוסטריעלע עלעמענטען און שפּעטער, פערקעהרט, מעהר אַנ'אויסוואַנדערונג פון דאָרפישע, לאַנדווירטשאַפטליכע שיכטען, די אויסוואַנדערונג דערלאַנגט טאַקי אין יעדער מדינה צו איהר העכסטער מדרגה, בעת עס קומט אין בעוועגונג דער דאָרף.

און אין דער ווירקליכקייט, בעת מיר קוקען זיך צו צו דער עמיגראַציע פון פערשידענע פעלקער פון דרום־און מזרח־אייראָפּע, ביי וועלכע די מאַסען־אויסוואַנדערונג איז נאָך אַ פערהעלטניסמעסיג נייע זאַך, בעמערקען מיר פאָלגענדע ערשיינונג: ביי אַלע דיזע פעלקער האָט זיך די לעצטע יאָהרען פערשטאַרקט סיי די האַנדעלס־אינדוסטריעלע סיי די לאַנדווירטשאַפטליכע עמיגראַציע; די לעצטע האָט זיך אָבער אומעטום פערשטאַרקט אָהן אַנ'ערך מעהר ווי די ערשטע; דער פּראָצענט האַנדעלס־אינדוסטריעלע וואַנדערער, וועלכער איז אין אָנהויב ביי אַלע דיזע פעלקער געווען זעהר גרויס צווישען די עמיגראַנטען, איז דורכדעם מיט דער צייט שטאַרק געפאַלען *).

די יודישע עמיגראַציע פון די מזרח־אייראָפּעאישע לענדער האָט דערביי געהאַט דעם זעלביגען גורל, וואָס בכלל די האַנדעלס־אינדוסטריעלע אויסוואַנדערונג פון דיזע לענדער: די יודען, וועלכע זענען אויף פיער פינפטעל אַ האַנדעלס־אינדוסטריעלע בעפעלקערונג, האָבען אָנגעהויבען מאַסען־ווייז צו עמיגרירען, איידער די אַרומיגע נישט־יידישע, אויף פיער פינפטעל (און אָפּטמאָל נאָך מעהר) לאַנדווירטשאַפטליכע בעפעלקערונג, האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף יענער זייט אָקעאַן; דער פּראָצענט יודען צווישען די עמיגראַנטען פון די מזרח־אייראָפּעאישע לענדער איז דעריבער אין אָנפאַנג געווען אַזוי גרויס, דאָס עמיגראַציע און יודישע עמיגראַציע האָבען אין דיזע לענדער בעדייטעט כמעט איינס און דאָסזעלבע; שפּעטער אָבער איז געקומען אין בעוועגונג די גרויסע אינערטנע לאַנדווירטשאַפטליכע מאַסע — און דער פּראָצענט יודען צווישען די וואַנדערער פון דיזע לענדער איז שטאַרק געפאַלען. ער וואָלט געווען נאָך פיעל קלענער, ווען נישט די ספּעציעלע סאָציאַל־פּאָליטישע און עקאָנאָמישע בעדינגונגען, ביי וועלכע עס קומט־אויס צו לעבען דער יודישער מאַסע. אין עסטרייך און אין אונגאַרן, וואו די סאָציאַל־פּאָליטישע בעדינגונגען און די פּראָפעסיאָנעלע סטרוקטו־

*) אויספיהרליך וועגען דעם זעה אין דער פראַנצויזישער אויסגאַבע.

איז פֿאַר די יודען בעדייטענד גינסטיגער ווי אין רוסלענדער מלוכה, איז שוין איצטער נישט נור די אַבסאָלוטע צאָהל עמיגראַנטען, נור אַפּילו אויך די פֿערהעלטניסמעסיגע גרויס פֿון דער עמיגראַציע (די עמיגראַציאָנס־שטופֿע) ביי יודען בכלל קלענער ווי ביי דער נישט־יודישער, הויפּטזעכ־ליך־לאַנדווירטשאַפֿטליכער בעפֿעלקערונג. קיין נסים, ווי מיר זעהען, איז דאָ נישטאָ.

* *

*

אין קורצען קענען מיר רעזומירען אונזער ערקלערונג פֿון דער יודישער עמיגראַציע אויף פֿאָלגענדען אופֿן:

די אויסערסט נישט־פּראָפּאָרציאָנעלע פֿערטיילונג פֿון די פּראָפֿעסיעס ביי יודען מאַכט זייער עקזיסטענץ, דערהויפּט אין רוסלאַנד, לחלוטין אוני־מעגליך אָהן אַ ברייטען נישט־יודישען מאַרק, וואָס זאָל זיין אָפֿען פֿאַר די פּראָדוקטען פֿון זייער אינדוסטריע און פֿאַר זייער האַנדעל. דיזער מאַרק, וועלכער איז אין תהום שוין אַליין אויך צו קליין, האָט זיך נאָך שטאַרק פֿערשמעלערט פֿאַר די יודען אַדאַנק דער אַלגעמיינער אָבגעשטאַ־נענקייט פֿון די סאָציאַל־פּאָליטישע בעדינגונגען אין רוסלאַנד אין בעזונדער אַדאַנק דעם שרעקליכען קריזיס, וואָס די פֿויערשע ווירטשאַפֿט לעבט איבער אין מזרח־איראָפּע בכלל און אין רוסלאַנד בפֿרט; די יודען אין הויפּטזעכליך יענע פֿון זיי, וואָס זענען פֿערנומען אין די „איבערגעפּאַקטע" פּראָפֿעסיעס, זענען אויף אַזאַ אַרט געצוואונגען מאַסענווייז צו עמיגרי־רען. די גאַנץ אייגענאַרטיגע אויסנאַהמס־ווייזע איינטיילונג פֿון די פּראָ־פֿעסיעס ביי דער יודישער בעפֿעלקערונג ערקלערט אַלזאָ נישט בלויז די אונגעהויערע גרויס פֿון דער יודישער עמיגראַציע, נור אויך די אויסנאַהמס־ווייזע איינטיילונג פֿון די פּראָפֿעסיעס צווישען די יודישע עמיגראַנטען; פֿון דעם ווידער העגגען שוין אָב די אַלע איבעריגע בעזונדערע אייגענשאַפֿטען פֿון די יודישע וואַנדערער: זייער גלידערונג לויט דעם געשלעכט און לויטן עלטער, די ווירקונג פֿון דער עמיגראַציע אויף די פֿאַמיליען־אַנגעלעגענהייטען פֿון די וואַנדערער, דער ענדגילטיגער כאַראַקטער פֿון דער יודישער עמי־גראַציע און די ענדערונגען אין דער צאָהל פֿון די יודישע וואַנדערער אין פֿערגלייך צו די עמיגראַנטען פֿון יענע פֿעלקער, צווישען וועלכע עס וואוינט די הויפּט־מאַסע פֿון דער יודישער בעפֿעלקערונג אין איראָפּע.

## צווייטע אבטיילונג:

# בעדייטונג פון דער יודישער עמיגראציע.

## קאַפּיטעל 1.—סאָציאַל־עקאָנאָמישע און קולטורעלע פאָלגען.

וואָס פאַר אַ בעדייטונג האָט די מאַסען־עמיגראַציע פאַר די יודישע בעפעלקערונג? וואָס פאַר אַ ראָלע שפּיעלט זי אין׳ם יודישען לעבען?

וו. מעדעם ענטפערט: „מ׳דאַרף זאָגען גלייך: די עמיגראַציע (אין דעם גרויסען, אויסער־געוועהנליכען אומפאַנג, וואָס כאַראַקטעריזירט זי אין דער יודישער סביבה) — איז אַ פאָלקס־צרה“*). אין אַזאַ אַלגעמיינער און אַבסאָלוטער פאָרם קען אָבער דיזע מיינונג נישט דערווייזען ווערען און איז בשום אופן נישט ריכטיג.

אמת, אַ מיליאָן יודען האָבען אין די לעצטע 10 יאָהר עמיגרירט פון רוסלאַנד און גאַליציען קיין אַמעריקא. אָהן דער עמיגראַציע פון די לעצטע יאָהרען וואָלט אַלזאָ די יודישע בעפעלקערינג אין מזרח אייראָפּע געווען אויף אַ מיליאָן מענשען שטאַרקער, ווי זי איז איצט. צי איז אָבער אָט דער מיליאָן מענשען צו גרונד געגאַנגען חורך דעם אויסוואַנדערען?

געוויס ניט. די עמיגרירענדע מאַסע גופא געווינט נור פונ׳ם אויסוואַנדערען, זי פערבעסערט דורך דעם איהר לאַגע, וועלכע איז אינ׳ם תחום געוואָרען אונמעגליך; ווארום אויב נישט, אויב עס וואָלט זיך איהר אין אַמעריקא געלעבט ניט בעסער, ווי אין תחום, וואָלט, פערשטעהט זיך, נישט געקענט פאָרקומען אַ מאַסען־אויסוואַנדערונג פון די אַלטע וואוינונגס־לענדער קיין אַמעריקא.

*) Еврейское Обозрѣніе, 1910, №№ 8 и 9.

און נישט נור פאר זיך, נור אויך פאר די איבערגעבליבענע אויף די אלטע ערטער געהען די אויסגעוואנדערטע נישט אין גאנצען פערלארען. מיר האבען נישט קיין גענויע סטאטיסטיק וועגען דעם, ס'איז אבער אזוי אויך פאר קיינעם קיין סוד נישט, דאס נישט וועניג שטעדט און נאך אסך מעהר שטעדטלעך אינ'ם תחום, דערהויפט אין ליטא, לעבען דירעקט און אונדירעקט הויפטזעכליך פון די דאלאר'ס און פונטען, פון די „דראפטען" וואס עס שיקען אהין די עמיגרירטע.

פון דער צווייטער זייט, מאכט די מאסען-אויסוואנדערונג טאקי וועניגער שטיקענד די ענגשאפט אין די אלטע לענדער. ווי מיר האבען געזעהען, שלעפט די מאסען-עמיגראציע אוועק הויפטזעכליך די פארשטעהער פון יענע פראפעסיעס, ספעציעל פון שניידעריי, וואו די איבערגעפאקטקייט און די דחקות זענען בעזונדער שטארק; ס'איז אלזא זעהר וואהרשיינליך, דאס די מאסען-אויסוואנדערונג ביי אזעלכע בעדינגונגען שוואכט ביז א געוויסען גראד אב די נישט-גלייכמעסיגקייט אינ'ם איינטייל פון די פראפעסיעס צווישען דער יודישער בעפעלקערונג, וואס בלייבט אויף די ערטער, יענע נישט-גלייכמעסיגקייט, וועלכע איז ביי די איצטיגע סאציאל-פאליטישע בעדינגונגען די הויפט-סבה פון דעם יודישען דלות און פון דער בעזונדער גרויסער אויסוואנדערונג.

אויך אין קולטורעלער הינזיכט זענען די אויסגעוואנדערטע חייט נישט אין גאנצען קיין „פערלארענעס בלוט" פונ'ם יודישען פאלק: זאל די צוקונפט פון דער יידישער קולטור אין אמעריקא זיין פערהילעט מיט א דיקען, אונדורכזיכטבארען שלייער, די פערגאנגענהייט און די געגענווארט אונטערליגען אבער קיין שום ספק נישט; מ'קען אויך שאצען הויך אדער נידעריג דעם ווערטה פון אונזער נייער „יודישער" קולטור און ספעציעל די אמעריק.-יודישע קולטור; אבער, אז ס'איז געווען און ס'איז פאראן אויף דיזען בארען א געגענזייטיגע ווירקונג פון דער יודישער בעפעלקערונג אין די אלטע לענדער און אמעריקא, איז א אונבעשטרייטבארער פאקט; „די צוקונפט" און „דאס נייע לעבען" ווערען געלעזען נישט נור אין אמעריקא, נור אויך ביי אונז; שלום-עליכם, אש אדער רייזען ווערען געלייענט און געקויפט נישט נור אין איראפע, נור אויך אין אמעריקא; און ס'וואלט געווען לעכערליך צו בעהויפטען, דאס נארדינס דראמען האבען קיין שום ווירקונג נישט געהאט אויף די ענטוויקלונג פונ'ם יודישען טעאטער ביי אונז; נאך מעהר, בעת די פערפאלגונגען פון דער יודישער שפראך אין רוסלאנד האבען געשטיקט און נישט דערלאזען די ענטשטעהונג פונ'ם יודישען טעאטער ביי אונז אין דערהיים (ער איז דאך נאך ביז איצט כלומרשט א „דייטשער"!), האט ער געפונען פרייע ענטוויקלונגס-בעדינ-

גונגען אין אמעריקא, און ערשט פון אמעריקא האבען מיר בעקומען סיי די אויטארען, סיי דעם רעפערטואר, סיי די אקטיארען.

און אפילו פאר דעם בעפרייאונגס־קאמפף, וואס ווערט געפיהרט אין די אלטע וואוינונגס־לענדער, זענען די אויסגעוואנדערטע אויך נישט אין גאנצען פערלארען געגאנגען: אויסגעוואנדערטע האבען ניט נור בעשאפען דעם גרעסטען טייל פאעזיע פון דיזען קאמפף (דעם עסטעטישען ווערטה פון דיזער „פאעזיע“ לאז איך דא אן א זייט, אבער דאס זי האט געהאט א געוויסע פאליטישע בעדייטונג, ווייס יעדער, ווער עס האט זיך נור בעגעגענט מיט דער יודישער ארבייטער־מאסע אין חער נאך נישט לאנגער פערגאנגענהייט), נור זיי האבען אויך, בעזונדער אינ'ם קריטישען מאמענט פונ'ם קאמפף ענערגיש געשטיצט איהם מאראליש און הויפטזעכליך טאקי — מאטעריעל; וועגען דעם לעצטען פרעגט נישט נור דעם „בונד“, די רוסישע ס. ד., די פארטיי ס. ר.־ען, נור אפילו אויך — דאשינסקי'ן.

און דעריבער טאקי דארף מען אויף די געגענווערטיגע יודישע עמיגראציע קוקען נישט ווי אויף „א פאלקס־צרה“, נור ווי אויף אנ'אויסגאנג פון דער קריטישער לאגע, אין וועלכער די יודישע בעפעלקערונג געפינט זיך אין מזרח־אייראפע, ווי אויף א געוויסען צופאסונגס־מיטעל פון איהר זייט צו די עקזיסטירענדע סאציאל־עקאנאמישע בעדינגונגען.

דערמיט איז, פערשטעהט זיך, אבער בשום אופן נישט געזאגט, דאס די מאסען־עמיגראציע איז דער איינציג־מעגליכער אויסגאנג פון דער געגענווערטיגער לאגע, דער איינציג־מעגליכער צופאסונגס־מיטעל אדער אפילו דער בעסטער, צוועקמעסיגסטער און ראדיקאליסטער צופאסונגס־מיטעל; און דעריבער אויב די עמיגראציע קען נישט פעררעכענט ווערען גלאט פאר א פאלקס־צרה, הייסט דאס נאך נישט, דאס מיר דארפען אין איהר זעהען א גליק, א „ישועה“, „א צווייפעללאז פאזיטיווע ערשיינונג אין יודישען לעבען“, ווי דאס וויל בעווייזען ה' ברוצקוס אין „יעווריייסקי מיר“ (נומער 23, 1910). ער שטעלט זיך דארטען די זאך פאר אזוי, ווי די עמיגראציע וואלט טאקי געווען דער איינציג־מעגליכער אויסוועג פון דער געגענווערטיגער קריטישער לאגע*), און דאס ווען נישט זי, וואלט דער פולער מיליאן יודען, וואס האבען אין דעם לעצטען צעהנדליג יאהר אויסגעוואנדערט פון רוסלענדער מלוכה אין גאליציען, געמוזט פערוואנדעלט ווערען אין לומפענפראלעטאריער; און אזוי ווי דער צוגאב פון א לומפענפראלעטארישער מאסע קען קוים ניצליך

*) „נור א דאנק דער עמיגראציע, וועלכע טראגט כסדר אוועק די איבערפלוסיגע בעפעלקערונג, איז מעגליך געווען, דאס דער עקאנאמישער וואוילשטאנד און צוזאמען מיט איהם אויך דער קולטורעלער מצב פון דער יודישער מאסע זאל בלייבען אויף א געוויסער הויכקייט“. „דער עמיגראציאנס־קאנגרעס און זיינע אויפגאבען“ אין „יעווריייסקי מיר“, ציטירטער נומער.

זײַן פאַר די עקאָנאָמישע, פּאָליטישע אָבער קולטורעלע אינטערעסען פון אַ וועלכער נישט איז סאָציאַלער גרופּע, מיינט ער דעריבער, דאָס דורך די אויסוואַנדערונג פון דיזען מיליאָן מענשען האָט די יודישע בעפעלקערינג גאָר נישט פערלאָרען, און דאָס יעדע אויסבעסערונג, וואָס די עמיגראַציע ברענגט פאַר די אויסגעוואַנדערטע אָדער פאַר די געבליבענע, איז דעריבער אַ ריינעם געווינס; די עמיגראַציע איז דעריבער ביי איהם אָהן שום בעשרענקונגען „אַ צווייכעללאָז פּאָזיטיווע ערשיינונג"**).

די בעהויפּטונג, דאָס ווען נישט די מאַסען-עמיגראַציע, וואָלט צו דער יודישער בעפעלקערונג צוגעקומען בלויז אַ מחנה לומפּענפּראָלעטאַריער, איז אָבער געבויט אויף אַ גאַנץ פאַנטאַסטישער פאָרשטעלונג. אַ מיליאָן מענשען זאָל אין אַ קורצע צייט פון 10 יאָהר פערוואַנדעלט ווערען אין לומפּענפּראָלעטאַריער, איז אַ זאַך, וואָס האָט נישט נור אין ערגעץ נישט פּאַסירט, נור וואָס קען אין דער איצטיגער עקאָנאָמישער אָרדנונג נישט פּאַסירען. די קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג, וועלכע איז געבויט אויף עקספּלואַטירען מענשליכע אַרבייט, בעשאַפט לומפּענפּראָלעטאַריער דערפאַר, ווייל צוליב דער פלאַנלאָזיגקייט, וואָס הערשט אין דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוק-

*) ברוצקוס געהט נאָך ווייטער און זאָגט: „נישט נור אין יודישען לעבען דאַרף די עמיגראַציע אָבגעשאַצט ווערען אַלס אַ פּאָזיטיווע ערשיינונג; די מאַסען-עמיגראַציע דיענט אַלעמאָל צו פּטר'ן עקאָנאָמישע קריזיסען. ביי דער ליקווידירונג פון דעם בעוואוסטען אַגראַר-קריזיס אין אירלאַנד האָט די עמיגראַציע געהאַט אפילו די ענטשיידענדע בעדייטונג", ברוצקוס פאָרמולירט אויף אַזאַן'אַרט אַ סאָציאָלאָגישען געזעץ; ער ווייזט, ווי די מאַסען-עמיגראַציע ווירקט „אַלעמאָל"; און אַלס ראיה ברענגט ער דעם ביישפּיעל פון אירלאַנד. באמת, פון אַזאַ ערנסטען שרייבער, ווי ברוצקוס, האָט מען אַזאַ לייכטקייט אין פאָרמולירען סאָציאָלאָגישע געזעצען נישט געדאַרפט ערוואַרטען. וואָס איז נוגע דעם איינציגען ביישפּיל, וועלכען ער ברענגט אַלס ראיה צו זיין געזעץ, האָט ער טאַקע זוכענדיג אַפילו מיט ליכט, נישט געקענט געפינען עטוואָס ווייניגער געלונגענעס. וואָרום ערשטענס, איז דער אַגראַר-קריזיס אין אירלאַנד „ליקווידירט" בלויז אין דער פאַנטאַזיי, פון די ענגלישע לאָרדען, און ביז די סאָציאַל-פּאָליטישע און עקאָנאָמישע ממשלה פון די ענגלישע לאָרדען וועט אין אירלאַנד ראַדיקאַל געבראָכען ווערען, וועט אירלאַנד נישט אַרויס פון איהר קריטישער לאַגע. צווייטענס האָט דיזער מין „ליקווידירען" דעם אַגראַר-קריזיס אַרויסגעוואָרפען פון אירלאַנד העכער פינף מיליאָן מענשען (די גאַנצע געגענווערטיגע בעפעלקערונג פון אירלאַנד בעטרעפט 4 מיליאָן מיט 300 טויזענד). דריטענס, האָט זייט 1840, ד. ה. שוין זייט 70 יאָהר ביז היינטיגען טאָג, די בעפעלקערונג פון אירלאַנד נישט אויפגעהערט אַבסאָלוט זיך צו פערקלענערען (אין 1841 איז די בעפעלקערונג פון אירלאַנד בעשטאַנען פון 8 מיליאָן 200 טויזענד מענשען), אַזוי אַז אין 1841 האָבען די אירלענדער געבילדעט אונגעפעהר אַ דריטעל (פולע 30 פּראָצענט) פון אַלע בירגער פונ'ם „פעראייניגטען קעניגרייך" און איצט בילדען זיי בלויז אַ צעהנטעל (קנאַפּע 10 פּראָצענט) פון דיזע בירגער. אָט אַזוי האָבען 70 יאָהר מאַסען-עמיגראַציע „ליקווידירט" דעם קריזיס אין אירלאַנד און אָט דאָס איז דער „פּאָזיטיווער ווערטה" פון דיזער עמיגראַציע פאַר די ענטוויקלונג פון די עקאָנאָמישע, סאָציאַלע און פּאָליטישע קרעפטען פון די אירלענדער אין דער בריטישער מלוכה.

ציע, איז זי נישט אימשטאַנד פֿאָלקאָם אויסצונוצען די אַלע „פֿרייע" קרעפֿטען, וואָס זענען פֿאַראַן אויפֿ'ן אַרבייטס-מאַרק. דאָס זי זאָל אָבער סיסטעמאַטיש לאָזען „פֿרייע" אַרומגעהן מיליאָנען אַרבייטס-הענד און נישט וועלען זיי אויסנוצען; דאָס פֿאַר איהר זאָלען זיך וואַליערען אַזעלכע אוצרות פֿון מעהרווערטה, און זי זאָל פֿון זיי נישט זוכען צו שעפּען מיט פֿולע הויפֿענס, דאָס פֿאַר איהר זאָל זיך אַרומדרעהען אַזאַ אונגעהויער-גרויסער לעבעדיגער אינווענטאַר, און זי זאָל עס נישט שערען און מעלקען, שפּאַנען און בעזאָטלען, — דאָס איז פֿאַר דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפֿט פּשוט אַנאומדין. מ'דאַרף אַלזאָ רעכענען, דאָס ווען דער אויסגעוואַנדערטער מיליאָן וואָלט געבליבען אין די אַלטע לענדער, וואָלט העכסטענס בלויז אַ קליינער טייל פֿון איהם געוואָרען לומפּענפּראָלעטאַריער, אין גרויסען און גאַנצען אָבער וואָלט ער אויף אַזאַ אָדער אַנ'אַנדער אַרט אַריינגעצוואונגען געוואָרען אין דעם פּראָדוקטיווען לעבען פֿון דיזע לענדער. פֿון דער צווייטער זייט, אויב דער שרעק פֿאַר'ן דלות און ערנידערונג, וואָס איז פֿערבונדען מיט דער לאַגע פֿון לומפּראָלעטאַריער, טרייבט איצטער ברייטע מאַסען פֿון דער יודישער בעפֿעלקערונג צו עמיגרירען, דאַן דאַרף מען רעכענען, דאָס ווען די מעגליכקייט צו עמיגרירען וואָלט נישט געווען, וואָלט דער זעלבער שרעק פֿאַר'ן דלות און ערנידערונג געשטופּט ברייטע מאַסען פֿון דער יודישער בעפֿעלקערונג זיך בעסער צו-צופּאַסען אויף אַזאַ אָדער אַנ'אַנדער אַרט צום עקאָנאָמישען לעבען אויף די ערטער, פּונקט ווי ער שטופּט זיי היינט אויסצוּוואַנדערן.

וואָרום בכלל מוז אָנגעמערקט ווערען, דאָס אין אונזער אינדיווידואַליסטישער געזעלשאַפֿט, וואו יעדער איינציגער איז אָנגעוויזען צו „מאַכען אַ לעבען" מיט זיינע אייגענע כחות, שטרעבט געוועהנליך יעדערער ביים איינאָרדנען זיין עקאָנאָמישע לאַגע נישט צו שטיצען די אינטערעסען פֿון די צוקונפֿטיגע דורות און נישט צו ענטוויקלען די קולטורעלע און פּאָליטישע קרעפֿטען פֿונ'ם גאַנצען כלל, נור בלויז צו דעם, וואָס פֿאַר איהם פֿערזענליך איז בעקוועמער, נוצליכער, לייכטער, געהנטער און פֿערשטענדליכער. ביי די געגענווערטיגע בעדינגונגען, אין וועלכע עס קומט אויס צו לעבען דער יודישער בעפֿעלקערונג אין מזרח-אייראָפּע, איז פֿאַר פֿיעלע דער לייכטסטער וועג אויסצובעסערן זייער עקאָנאָמישע לאַגע — די אויסוואַנדערונג קיין אַמעריקא; און געהענדיג מיט דער ליניע פֿון קלענסטען ווידערשטאַנד, עמיגרירען זיי טאַקי אין דער ווירקליכקייט.

ס'איז שווער אין געוויסע בראַנזשען (ספּעציעל אין שניידעריי) צו אָרגאַניזירען די פּראָדוקציע פֿאַר'ן ווייטערען אומפּערזענליכען מאַרק — איז ווי מ'בלייבט אָהן קליענטען, לאָזט מען זיך פֿאָהרען קיין אַמעריקא; ס'איז שווער אַריינצודרינגען אין די פֿאַבריקען, איז אָנשטאָט אויסצו-

שטעהן א דויערנדען קאמפף, וואס זאל ברייט עפענען פאר'ן יודישען ארבייטער די טהירען פון די פאבריקען, געהט מען בעסער קיין אמעריקא; ס'איז שווער דערוואקסענערהייט צו בייטען די פראפעסיע, איז ווי מ'דערזעהט, דאס אין דער אייגענער פראפעסיע איז אין דערהיים אונמעגליך צו געפינען חיונה, געהט מען קיין אמעריקא. נאך מעהר, אנשטאט צו לערנען דעם זוהן זיינעם א מלאכה, וועלכע איז נאך נישט „איבערגעפאקט" ביי יודען, מאכט איהם דער טאטע זעהר אפט פאר א שניידער, רעכענענדיג, דאס אויב ער וועט נישט קענען האבען דורכדעם קיין חיונה אין דער היים, וועט ער שטענדיג געפינען ארבייט אלס שניידער — אין אמעריקא: די פערהעלטניסמעסיג־לייכטע מעגליכקייט צו עמיגרירען האלט אויף א זאנ'ארט זעהר אפט אויף דעם קריזיס, וועלכען זי דארף כלומרשט „ליקווידירען"*). דאס איז בנוגע צו דער צופאסונג אויפ'ן ריין־עקאנאמישען באדען; איך מיין, דאס מ'דארף דעם לעזער נישט אויסטייטשען די ענהליכע ווירקונג פון דער עמיגראציע בנוגע צו דער פאליטישער זייט פון דער יודישער לאגע אין מזרח־אייראפע.

קורץ, די מאסען־אויסוואנדערונג, וועלכע שאפט פאר ברייטע שיכטען פון דער יודישער בעפעלקערונג די מעגליכקייט אויסצובעסערן זייער עקאנאמישע לאגע מיט קלענערע אנשטרענגונגען, שוואכט דערמיט גופא אב די קאמפפס־פעהיגקייט פון דער יודישער מאסע פאר בעסערע און פעסטערע לעבענס־בעדינגונגען אין דערהיים.

און אין דער הינזיכט איז די יודישע מאסען־עמיגראציע געוויס א צרה. און א בעזונדערע צרה איז דאס ספעציעל פאר דעם יודישען ארבייטער־קלאס. פאר איהם איז זי בעזונדער שעדליך, ערשטענס, דערפאר, ווייל די גאנצע עקזיסטענץ פון דיזען קלאס, אויף וויפיעל ער וויל נישט פערוואנדעלט ווערען אין א קלאס פון קנעכט, מוז זיין איין אונאויפהערליכער קאמפף; און צווייטענס, טאקי אויך צוליעב דעם אונגעהויערען אומפאנג, וואס די עמיגראציע נעהמט אן ביי איהם. מיר האבען געזעהען, דאס צוויי דריטעל פון די עקאנאמיש־אקטיווע יודישע וואנדערער זענען קוואליפיצירטע ארבייטער; און הגם צווישען זיי איז פאראן נישט קיין קליינע צאהל געוועזענע קליינבירגער, וואס ווערען געדונגענע ארבייטער ערשט אין אמעריקא, בלייבט אבער די צאהל אויסגעוואנדערטע פראלעטארייער נאך אליין אזוי גרויס, ווי געוויס ביי קיין אנדערער שיכטע פון דער יודישער בעפעלקערונג.

*) און דערמיט ערקלערט זיך טאקע דער מערקווירדיגער פאקט, וואס נישט קוקענדיג אויף די אונגעהויער־גרויסע צאהל אויסגעוואנדערטע שניידער, ווערט די יודישע עמיגראציע אלץ מעהר א עמיגראציע פון שניידער.

נאָך בולט'ער טרעט אַרויס די צושטערענדע ווירקונג פון דער עמיגראַציע אויף די קאַמפּפס-פעהיגקייט פון יודישען אַרבייטער-קלאַס אין די איבערגעפילטע פאַכען. מיר האָבען געזעהען (טאַבעללע XXXV), דאָס די צאָהל יודען בעשעפטיגטע מיט שניידערײַ, וואָס האָבען אײַנגעוואַנדערט אין די פעראייניגטע שטאַטען אין די 12 יאָהר 1899—1910, איז אויף 25 פּראָצענט גרעסער ווי די צאָהל יודען, וואָס האָבען זיך אין אָנהויב פון דיזער פעריאָד בעשעפטיגט מיט שניידערײַ אינ'ם תחום. (184.754 אימיגראַנטען אין דעם משך פון 12 יאָהר אויף 147.435 יודישע שניידער, וואָס זענען געווען אין תחום אין 1899). ווען מ'זאָל אַפילו רעכענען דאָס אונגעפעהר 25 פּראָצענט פון די אײַנגעוואַנדערטע יודישע שניידער זענען געקומען קיין אַמעריקא פון גאַליציען, רומעניען און אַנדערע לענדער, קומען מיר אַלץ צו חלום שלום, דאָס פאַר די לעצטע 12 יאָהר האָבען אין די פעראייניגטע שטאַטען אײַנגעוואַנדערט פון רוסלאַנד אומגעפעהר אַזוי פיעל יודישע שניידער, וויפיעל עס האָבען זיך דאָרטען געפונען מיט 12 יאָהר צוריק. דערצו דאַרף מען נאָך צוגעבען אומגעפעהר 20 פּראָצענט, וואָס האָבען עמיגרירט אין אַנדערע לענדער אַחוץ די פעראייניגטע שטאַטען פון צפון-אַמעריקא. די גאַנצע צאָהל יודישע שניידער, וואָס האָבען עמיגרירט פון רוסלאַנד פאַר די 12 יאָהר איז אַלזאָ נאָך גרעסער, ווי די צאָהל יודישע שניידער, וואָס זענען דאָרטען געווען מיט אַ יאָהר 12 צוריק. דערמיט איז, פערשטעהט זיך, נישט געזאָגט, דאָס עס האָבען אויסגעוואַנדערט אַלע יודישע שניידער פון רוסלאַנד אָדער אַפילו אַלע יודישע שניידער, וואָס זענען דאָרטען געווען מיט 12 יאָהר צוריק. אונטער דער צײַט זענען צוגעקומען נײַע מאַסען שניידער און עמיגרירט האָבען אויך פיעלע פון די, וואָס זענען געוואָרען שניידער שפּעטער ווי אין 1899. נור בײַ אַזאַ „פליסיגקייט" פון דער יודישער אַרבייטערשאַפט אין די איבערגעפולטע פאַכען, בײַ אַזאַ קליינער שטאַנדהאַפטיגקייט איהרער, זענען אָפט די ערקעמפפטע אויסבעסערונגען אין די אַרבייטס-און לעבענס-בעדינגונגען זעהר עפעמער, לײַכט פאַראיבערגעהענד, פערשווינדענד, און די אָרגאַניזאַציעס, וואָס ווערען אויף אַזאַ יסוד געבויט, זענען אָפט בנינים געבויטע אויף זאַמד.

נאָך מעהר, וועלכער טייל פון דער אַרבייטער-מאַסע פון די איבערגעפולטע פאַכען עמיגרירט אַם מייסטען? — די רעכט ברייטע שיכטען פון יענע געוועהנליכע אַרבייטער, וועלכע, נישט זעענדיג קיין העלדען און קיין בעזונדערע אידעאַליסטען, זענען אָבער גענוג ענערגיש אויף צו טאָן עפּעס, כּדי אויפצוהייבען זייער עקאָנאָמישען און קולטורעלען מצב, ד. ה. דער געזונדטער עלעמענט פון יעדער מאַסען-אָרגאַניזאַציע. וועלכער עלעמענט בלײַבט געוועהנליך אויף די ערטער און עמיגרירט נישט? — פון איין זײַט, אַ קליין הייפעלע אידעאַליסטען, וועלכע זאָרגען אייגענט-

ליך ווייניג וועגען זייער פערזענליכען מאטעריעלען וואוילשטאנד און געהען דעריבער מיט דער ליניע פון גרעסטען ווידערשטאנד, אבי נור צו בעשאפען בעסערע לעבענס-בעדינגונגען פאר זייער קלאס בכלל; פון דער צווייטער זייט, די גרויסע, גרויע, אינערטנע און פערחשכ'טע מאסע, וואס איז אזוי פערקנעכטעט, דאס זי האט נישט קיין ענערגיע און אפילו קיין שטארקען און קלארען ווילען ארויסצוגראבלען זיך פונ'ם עקאנאמישען און קילטורעלען זומפ, אין וועלכען זי איז פערזונקען. ביי אזא מאסע איז דאס הייפעלע אידעאליסטען אין גאנצען מאכטלאז. אמת, די קאפיטאליסטישע ענטוויקלונג בעשאפט אליין נייע אקטיווע עלעמענטען אין די רייהען פון דער פאסיווער מאסע; נור וויבאלד די אקטיווערע עלעמענטען געהן כסדר מיט דער ליניע פון קלענערען ווידערשטאנד אוועק קיין אמעריקע, בלייבט בעצם שטענדיג די לאגע ווי פריהער.

און טאקי דערמיט ערקלערט זיך אין א גרויסער מאס א מערקווירדיגע ערשיינונג פון דער יודישער ארבייטער-בעוועגונג אין רוסלענדער מלוכה: די שניידער, וועלכע געהערען געוועהנליך צו די בעוואוסטזיניגערע עלעמענטען פונ'ם ארבייטער-קלאס, וועלכע זענען אין אנדערע לענדער געווען צווישען די ערשטע פאכען, וואס האבען געגרינדעט ביי זיך ברייטע פראפעסיאנעלע און קלאסען-ארגאניזאציעס, וועלכע געהערען אויך בלי ספק ביי יודען צו די בעוואוסטזיניגערע ארבייטער, וועלכע בעוואונדערען די ארבייטער-וועלט דורך זייער מעכטיגע איינינגונג בעת זיי זענען אין אמעריקע, און וועלכע פערנעהמען ביי יודען אזא ביישפיעל-לאז גרויסען פלאץ לויט זייער צאהל נאך, — האבען אבער ביז היינטיגען טאג נישט געגרינדעט אזעלכע פערהעלטנישמעסיג ברייטע און דויערנדע פראפעסיאנעלע ארגאניזאציעס, ווי ביי יודען גופא צ. ב. די בערשטער אדער די גארבער. א „בעוועגונג" געפינען מיר ביי די יודישע שניידער שטענדיג, אבער קיין פעסטע ברייטע און דויערהאפטיגע פעראייניגונגען ניט. די הויפט-סבה פון דעם דארף געוויס געזוכט ווערען אין דער מאסען-עמיגראציע פון די יודישע שניידער.

בעהויפטען ביי אזעלכע בעדינגונגען, דאס די מאסען-עמיגראציע האט די יודישע בעפעלקערינג בעפרייט בלויז פון א צוגאב פון א מיליאן לומפענפראלעטאריער, דאס זי האט דעריבער קיין שום שאדען נישט געבראכט די עקאנאמישע, פאליטישע און קילטורעלע אינטערעסען פון דער יודישער בעפעלקערינג אין רוסלענדער מלוכה, דאס זי האט אויף אזאנ'ארט בלויז געעפענט פאר דער יודישער בעפעלקערינג „א טהיר פון ישועה" (Спасительный клапанъ) און דאס זי איז דעריבער אהן שום רעזערוועז א „צווייפעל-לאז פאזיטיווע ערשיינונג אין יודישען לעבען", — הייסט אלזא אין בעסטען פאל זעהען בלויז איין זייט פון

דער ווירקונג פֿון דער עמיגראַציע, איהר פּאָזיטיווע זייט, און נישט זעהען די אַנדערע זייט איהרע, די נעגאַטיווע, די צושטערענדע.

באמת אָבער האָט די מאַסען־עמיגראַציע אַ צווייזייטיגע ווירקונג. און ווען מיר ווילען נישט פֿערמאַכען די אויגען ניט אויף די פּאָזיטיווע און ניט אויף די נעגאַטיווע זייט איהרע, דאַן מוזען מיר זאָגען: די מאַסען־עמיגראַציע איז אַ צופּאַסונגס־מיטעל פֿון דער יודישער בעפֿעלקערונג צו די היסטאָרישע בעדינגונגען, ביי וועלכע עס קומט איהר אויס געגענווערטיג צו לעבען — אַ צופּאַסונגס־מיטעל, וועלכער ליעגט אויף דער ליניע פֿונם קלענסטען ווידערשטאַנד, אָבער ווייט פֿון דער ליניע פֿון דער גרעסטער נוצליכייט פֿאַר די סאָציאַל־עקאָנאָמישע און קולטורעלע אינטערעסען פֿון דער יודישער בעפֿעלקערונג אין מזרח־איראָפּע.

## קאַפּיטעל II. — די עמיגראַציע און די לעזונג פֿון דער יודישער נאַציאָנאַלער פֿראַגע

נור אויב ס'איז אַ טעות צו מיינען, דאָס די מאַסען־עמיגראַציע איז אַ הוילע ישועה פֿאַר די יודישע בעפֿעלקערונג פֿון מזרח־איראָפּע, איז נאָך אַנ'אומענדליך פֿיעל גרעסערער טעות צו בעהויפּטען, דאָס אויפ'ן וועג פֿון דער עמיגראַציע, און ממילא הייסט עס אויסער די איצטיגע וואוינונגס־לענדער פֿון דער יודישער בעפֿעלקערונג, ליעגט די לעזונג פֿון דער יודישער נאַציאָנאַלער פֿראַגע אין איהר גאַנצען אומפֿאַנג.

אַזעלכע האָפֿנונגען ווערען אַרויסגעלעגט אויף די יודישע עמיגראַציע פֿון צוויי פֿערשיעדענע זייטען. אַנטיסעמיטען פֿון פֿערשיעדענע שאַטירונגען, פֿון איין זייט, און יודישע סאָציאַל־אוטאָפּיסטען, פֿון דער צווייטער, האָבען לאַנג געבויט, און אין אַ געוויסער מאָס בויען נאָך איצטער, זייערע האָפֿנונגען אויף די יודישע אויסוואַנדערונג. די אַנטיסעמיטען האָפֿען, דאָס דורך די יודישע מאַסען־עמיגראַציע וועלען זיי פּטור ווערען פֿון דער יודישער בעפֿעלקערונג. די יודישע סאָציאַל־אוטאָפּיסטען, ווי מיר האָבען שוין געהאַט די געלעגענהייט עס פֿריהער צו זעהען, מיינען, דאָס די יודישע עמיגראַציע פֿיהרט מיט נאַטירליכער נויטווענדיגקייט צו שאַפֿען ערגעץ וואו אַ „יודישע טעריטאָריע".

ציז ווי פֿיעל ניט איז בעגרינדעט די אַנטיסעמיטישע האָפֿנונג?

צי ווערט די יודישע בעפֿעלקערונג אין די אַלטע וואוינונגס־לענדער קלענער דורך די אויסוואַנדערונג? און קודם כל, צי פֿערקלענערט זיך דורך די עמיגראַציע די יודישע בעפֿעל־

קערונג פון רוסלענדער מלוכה, וואו די יודישע עמיגראציע און די יודישע עמיגראציאנס־שטופע זענען בעזונדער שטארק?

אנ׳איינפאכען און דירעקטען ענטפער אויף די לעצטע פראגע וועלען מיר, פערשטעהט זיך, בעקומען ערשט דאן, ווען אין רוסלאנד וועט דורכגעפיהרט ווערען א צווייטע אלגעמיינע פאלקס־צעהלונג, ווארום דאן וועט מען קענען פשוט פערגלייכען די אנגאבען פון דער ערשטער און דער צווייטער צעהלונג. אבער אויך די ידיעות, וועלכע מיר פערמאגען איצט, ערלויבען אונז צו בעקומען אנענטפער אויף אונזער פראגע, הגם אויף א אונדירעקטען וועג.

לויט דעם בעריכט פונ׳ם פעטערבורגער „צענטראלען סטאטיסטישען קאמיטעט, וואס איז ערשינען סוף 1909, און וואס ענטהאלט די ידיעות איבער די בעוועגונג פון דער בעפעלקערונג אין י. 1903 (ידיעות, ווי מ׳זעהט, ניט קיין בעזונדער פרישע, וועלכע האבען אבער די מעלה, וואס זיי בעציהען זיך אויף דעם מיטען פון דער פעריאד, מיט וועלכער מיר בעשעפטיגען זיך), — האט דער נאטירליכער צו־וואוקס (געבורטען מעהר ווי טויט־פאלען) ביי דער יודישער בעפעלקערונג פון אייראפעאיש רוסלאנד (אחוץ פוילען) אויסגעמאכט דיזען יאהר 62.159 מענשען. לויט דעם בעריכט פונ׳ם ווארשאווער סטאטיסטישען קאמיטעט פאר דאס יאהר 1906 *), האט דער נאטירליכער צו־וואוקס פון דער יודישער בעפעלקערונג אין רוסיש־פוילען יענעם יאהר בעטראפען 23.100 נפשות. אין דער גאנצער מלוכה וואקסט אלזא די יודישע בעפעלקערונג אויף אונגעפעהר 85.000 מענשען א יאהר. אין די צוועלף יאהר 1899—1910, דארף מען, הייסט דאס, רעכענען, איז צוגעקומען נאטירליכער־ווייזע העכער א מיליאן (1.020.000) יודען אין דער רוסלענדער מלוכה. — פון דער אנדער זייט, האבען אין פערלויף פון דיזע 12 יאהר אויסגעוואנדערט פון רוסלאנד אין די פעראייניגטע שטאאטען 765.531 יודען (זעה אונזער טאבעלע I). דערצו דארף מען נאך צורעכענען די, וואס האבען עמיגרירט אין אנדערע לענדער, און וואס שטעלען אויך פאר אונגעפעהר 20 פראצענט פון דער אימיגראציע אין די פעראייניגטע שטאאטען: עס קומט אלזא צו נאך אנ׳ערך 150 (153) טויזענד אויסגעוואנדערטע. בסך הכל האבען אויף אזא נ׳ארט פון רוסלענדער מלוכה אין פערלויף פון די 12 יאהר עמיגרירט העכער 900 (919) טויזענד יודען. רעכענט מען דיזען ציפער אראב פונ׳ם נאטירליכען צו־וואוקס פון דער יודישער בעפעלקערונג פאר דעם זעלבען משך צייט (1.020.000), בע־

*) אין די „ארבייט פונ׳ם ווארשאווער סטאטיסטישען קאמיטעט״ געפינען מיר ידיעות וועגען דעם צו־וואוקס פון דער יודישער בעפעלקערונג פאר די יאהרען 1904, 1906 און 1908. די ידיעות פאר 1906 זענען זעהר נאהנט צום דורכשניט פון דיזע דריי יאהר.

קומט מען אַנאָיבערפלוס פון 100 טויזענד מענשען. צו דעם דאַרף אָבער נאָך צוגעגעבען ווערען די צאָהל פון די צוריקגעקומענע אין רוסלאַנד. די צוריקוואַנדערונג איז, ווי מיר האָבען אויבען געזעהען (ערשטער טייל, ערשטע אָבטיילונג, קאַפּ. IV), ביי די יודען זעהר קליין; פונדערסטוועגען 7½ פּראָצענט פון די יודישע עמיגראַנטען קומען אין רוס-לאַנד צוריק; ביי העכער 900 טויזענד אויסגעוואַנדערטע בעטרעפט די צאָהל צוריקגעקומענע 70 טויזענד. לעגען מיר דיזע צאָהל צו צום אי-בערפלוס פונ'ם נאַטירליכען צו-וואוקס איבער די אויסוואַנדערונג, קומען מיר דאַן צו דעם שלוס, אַז די צאָהל פון דער יודישער בעפעל-קערונג אין רוסלענדער מלוכה האָט זיך פערגרעסערט אויף פולע הונדערט פופציג טויזענד (170.000) מענשען.

און דאָס איז דער סך-הכל פון דער צייט, ווען די יודישע עמי-גראַציע פון רוסלאַנד האָט געהאַט דערגרייכט איהר העכסטע שטופע.

נור אויב אין רוסלענדער מלוכה נישט נור וואָס די יודישע בע-פעלקערונג קומט נישט אָב, נור זי קומט נאָך צו (הגם אין אַבּע-שרענקטער מאָס), דאַן קען שוין, פאַרשטעהט זיך, קיין רעד נישט זיין וועגען אַ פערקלענערונג פון דער יודישער בעפעלקערונג אין עסטרייך-אונגאַרן, וואו די יודישע עמיגראַציע איז פיל קלענער, ווי אין רוס-לאַנד. די יודישע בעפעלקערונג האַלט דאָרטען אויך פאַקטיש אין וואַק-סען, ווי דאָס דערוויזען דייטליך די עסטרייכישער פאָלקסצעהלונגען.

**טאַבעלע XXXVI. די יודישע בעפעלקערונג פון עסטרייך או ספּעציעל פון גאַליציען:**

| יאָהר | גאַנץ עסטרייך | | | גאַליציען | | |
|---|---|---|---|---|---|---|
| | יודישע בעפעלקערונג | צו-וואוקס | | יודישע בעפעלקערונג | צו-וואוקס | |
| | | אבסאָלוט | סער 1000 | | אבסאָלוט | פּער 1000 |
| 1890 | 1.143.305 | — | -— | 772.213 | -- | — |
| 1900 | 1.224.899 | 81.594 | 71 | 811.371 | 39.158 | 51 |
| 1910 | 1.313.698 | 88.799 | 72 | 871.906 | 60.535 | 75 |

נישט נור וואָס די יודישע בעפעלקערונג פון עסטרייך בכלל און גאַליציען בפרט איז דורך די עמיגראַציע נישט צוריקגעגאַנגען, נישט נור וואָס זי האָט נישט אויפגעהערט זיך צו פערגרעסערען פון איין פאָלקס-צעהלונג ביז דער אַנדערער, נור מיר בעמערקען אפילו, דאָס אין די לעצטע 10 יאָהר האָט זיך די יודישע בעפעלקערונג דאָר-טען פערגרעסערט אין אַ בעדייטענד שטאַרקערער מאָס.

ווי אין דעם פאהריגען יאהצעהנדליג. — דיזער אינטערעסאנטער פאקט שטעהט אין צוזאמענהאנג מיט דעם, וואס די יודישע עמיגראציע פון עסטרייך-אונגארן האלט די לעצטע יאהרען אין פאלען, ווי מיר האבען עס שוין אויבען בעמערקט (ערשטער טייל, ערשטע אבטיילונג, קאפיטעל II).

די בעהויפטונג, דאס די יודישע בעפעלקערונג ווערט כלומר'שט דורך די מאסען-עמיגראציע אבסאלוט וועניגער אין איהרע איצטיגע וואוינונגס-לענדער, איז אלזא נישט מעהר ווי איינע פון די פילע יודישע עמיגראציאנס-לעגענדען, וואס פערשווינדען ווי נור מ'געהט צו זיי צו מיט דער ליכט פון קלארע פאקטען.

נור וויבאלד אפילו אין דער פעריאד פון דער גרעסטער יודישער עמיגראציע האט זיך די יודישע בעפעלקערונג אין די מזרח-איראפעאישע לענדער נישט נור נישט פערקלענערט, נור נאך פערגרעסערט, דאן פאלען ממילא אלע בייזע חלומות וועגען דעם, דאס דער יודישער בעפעלקערונג שטעהט פאר דורך די עמיגראציע צו פערשווינדען פון מזרח-איראפע. די פולע 7 מיליאנען יודישע בעפעלקערונג פון רוסלענדער מלוכה און עסטרייך-אונגארן בלייבען אלזא אין רוסלענדער מלוכה און עסטרייך-אונגארן, און קיין עמיגראציע רייסט זיי פון דארטען נישט ארויס. אין ווי אמאל האט מיראבא געענטפערט די שלוחים פון לודוויג דעם 16-טען, אזוי קען די העכער-7-מיליאנענדיגע יודישע בעפעלקערונג פון רוסלענדער מלוכה און עסטרייך-אונגארן זאגען אלע אנטיסעמיטען, וואס האפען דורך די עמיגראציע פון יודען פטור צו ווערען: דא בין איך — און דא בלייב איך!

דא בין איך — און דא בלייב איך! — דאס איז דער ענטפער אהן מליצות, דער ענטפער אהן ווערטער, דער ענטפער מיט פאקטען, וואס די פיעל-מיליאנענדיגע יידישע בעפעלקערונג פון רוסלענדער מלוכה אין עסטרייך-אונגארן גיט בכלל די אלעמען, וואס מיינען, אז די יודישע נאציאנאלע פראגע דארף געלעזט ווערען נישט אין דיזע לענדער, נור אויסער זיי. דאס אליין איז אלזא שוין א גענוגענדער ענטפער אויך פאר אונזערע סאציאלע (און נישט סאציאלע) אוטאפיסטען, וואס גלויבען, אז אויפ'ן וועג פון מאסען-עמיגראציע ליעגט די לעזונג פון דער יודישער פראגע, ווייל דורך דער מאסען-עמיגראציע וועט כלומר'שט דאס יודישע פאלק „מיט היסטארישער נויטווענדיגקייט" בעפרייט ווערען פונ'ם „גלות" און זיך בעזעצען אויף אנ'„אייגען לאנד".

די האפנונג, דאס די יודישע עמיגראציע פיהרט צו דעם, אז דאס יודישע פאלק זאל זיך בעזעצען אויף אנ'אייגען לאנד, איז אבער לחלוטין א טעות נישט נור בנוגע צו דער יודישער בעפעלקערונג אינגאנצען, נור אפילו בלויז בנוגע צו דעם טייל פון איהר, וואס וואנדערט-אויס.

קודם, ווען די יודישע עמיגראַציע וואָלט באמת געפירט „מיט א היסטאָרישער נויטווענדיגקייט“ צו בעזעצען אַזאַ מדינה, וואָס זאָל פערוואַנדעלט ווערען אין א יודישע טעריטאָריע, — וואָלטען מיר שוין היינט, ביים אונגעהויערען אומפאַנג פון דער יודישער עמיגראַציע, געדאַרפט זעהען געוויסע אויסערונגען פון אַזאַ „היסטאָריש-נויטווענדיגער“ טענדענץ. מ'וואָלט געדאַרפט בעמערקען, אַז אַלץ בעדייטענדערע מאַסען יודישע וואַנדערער קאָנצענטרירען זיך אין ערגעץ א ווייניג-בעזעצטען געגענד, קעמפען דאָרטען געגען די שוויריגקייטען פונ'ם ערשטען בעזעצען זיך אין פוסטע ערטער, א. ז. וו.; ביי דעם אונגעהויערען אומפאַנג פון דער יודישער עמיגראַציע וואָלט מען געדאַרפט ביי יודען בעמערקען לפחות אַזאַ קאָנצענטרירונג פון קאָלאָניסטען אין האַלב-וויסטע געגענדען, ווי מיר זעהען עס (שוין ניט רעדענדיג פון יענע פעלקער, וועלכע בילדען אייגענע מלוכות), צ. ב., ביי די פּאָלאַקען אין פ א ר א נ ע (דרום-בראַזיליען), וועלכע שאַפען נאָך דאָרטען פונדעסטוועגען ניט קיין „ניי-פּוילען“. פ א ק ט י ש אָבער זעהען מיר ביי יודען קיין שום ענליכע ערשיינונגען ניט*). העלער פיער פינפטעל פון דער יודישער עמיגראַציע געהט אין די פעראייניגטע שטאַאַטען פון צפון-אַמעריקא. דער איבעריגער טייל, ווייניגער ווי א פינפטעל, צעשפרייט און צעשפליטערט זיך איבער אַלע פנות העולם, און אויף יעדען איינציגען געגענד, אויסער די פעראייניגטע שטאַאַטען, קימט אויף אַזאַ ג'אַרט אויס א נישטיגער פּראָצענט פון די יודישע וואַנ-

*) און די יודישע קאָלאָניזאַציע אין פּאַלעסטינא אָדער אין ארגענטינא? צוליב דעם רעש און דער פּאָליטישער רעקלאַמע, וואָס מ'האָט געמאַכט און מ'מאַכט נאָך איצט ארום דיזע „קאָלאָניזאַציעס“, איז ווערט אויף זיי א קוק צו טאָן מיט ציפער אין די הענד.—לויט דעם „אויסקונפטס-בוך“ פון דעם צ י ו נ י ס ט י ש ע ן זשורנאַל „ראַזסוועט“ (Справочная книга Разсвѣта стр. 110.), האָבען אין 1910, ד. ה. נאָך ד ר י י ס י ג יאָהר „קאָלאָניזאַציע“, געוואוינט אין די יודישע דערפער („קאָלאָניעס“) פון פ א ל ע ס ט י נ א בסך-הכל 7.250 נפשות (דערונטער שוין פרויען און קינדער). ניט קוקענדיג אַלזאָ אויף די „גרויסע פאָלקס-בעוועגונג“, וואָס האָט געשטיצט די קאָלאָניזאַציע אין ארץ-ישראל, און אויף די פיעלע מיליאָנען, וואָס ראָטשילד האָט אויף איהר אויסגעגעבען, האָט מען קוים איינגעאָרדענט אַלס קאָלאָניסטען ד ר י י פ ו ן ט ו י ז ע נ ד יודישע עמיגראַנטען!—אין א ר ג ע נ ט י נ ע, לויט דעם אָפיציעלען בעריכט פון דער צענטראַלער פערוואַלטונגס פון דער יק"א (פּאַריז, 1909, ז. 54) האָבען אין די יודישע „קאָלאָניעס“ געוואוינט קרוב צו 16.000 נפשות (2.875 פאַמיליען, בסך הכל 15.771 פערזאָן). מיט דעם אונגעהויערען פערמעגען פונ'ם באַראָן הירש און פון דער יק"א, וואָס ער האָט געגרינדעט, איז מען נאָך צוואַנציג יאָהר קאָלאָניזאַציע ניט געקומען צו בעזעצען אין די ארגענטינער „קאָלאָניעס“ אפילו א י י נ ס פ ר א צ ע נ ט פון די יודישע עמיגראַנטען. דערביי איז נאָך אינטערעסאַנט צו בעמערקען, אַז היינט צו צייט מאַכען אויס די ארגענטינער יודישע קאָלאָניסטען בלויז 5% פון די יודישע איינגעוואַנדערטע אין ארגענטינע גופא.—מיר האָבען דאָ אַלזאָ פיעל מעהר צו טאָן מיט גערטנער אויף קולטיווירען א געוויסע צאָהל יודישע קאָלאָניסטען איידער מיט ווירקליכע בעזעצונגס-צענטרען פון וואַנדערער-מאַסען.

דערעדי*). פּאַקטיש אַלזאָ, אויסער די פּעראייניגטע שטאַאטען, בעזעצען די יודישע עמיגראַנטען אין ערגעץ ניט אַ וועלכע ס'איז מדינה, וואָס זאָל דורך זיי, ביי געוויסע גינסטיגע אומשטאַנדען, קענען פאַרוואַנדעלט ווע־רען אין אַ יודישע טעריטאָריע. ווייטער, אין די פּעראייניגטע שטאַאטען גופא, בלייבט ביז צוויי דריטעל פון די יודישע וואַנדערער אין דער שטאָדט ניו־יאָרק, און דער איבעריגער טייל צעשפּרייט זיך איבער די אַנדערע גרעסערע שטעדט (טשיקאַגאָ, באָסטאָן, פילאַדעלפיע, באַלטי־מאָרע א. אַנד.) און נאָך עטליכע פונקטען פון דער גרויסער אַמעריקאַ־נער רעפּובליק. פּאַקטיש אַלזאָ ווערט, אויסער ניו־יאָרק, אויך אין די פּעראייניגטע שטאַאטען אין ערגעץ קיין יודישע טעריטאָריע ניט גע־שאַפען. אין ניו־יאָרק דערגרייכט באמת די צאָהל יודען שוין היינט ביז אַ מיליאָן אונגעפעהר. ניו־יאָרק איז באמת דער גרעסטער יודישער צענטר זייט יודען עקזיסטירען אויף דער וועלט. הייסט דאָס אָבער, אַז ניו־יאָרק איז בעשערט צו ווערען די יודישע טעריטאָריע? — נאָר דאָס דאַרף זיך נאָך דערוויילע קיין איינציגען צעהיצטען טעריטאָריאַליסט אפילו ניט געחלומ'ט. אַגב, בילדען די יודען אין ניו־יאָרק אויך בלויז אַ זעקסט־חלק פון דער בעפעלקערונג, ד. ה. אַ קלענערען פּראָצענט ווי כמעט אין אַלע שטעדט און שטעדטלעך פונ'ם יודישען תחום.

מיר זעהען אַלזאָ, אַז פּאַקטיש בעזעצען זיך די יודי־שע עמיגראַנטען אין ערגעץ ניט אין אַ וועניג־בעפעל־קערטען געגענד, וואָס זאָל דורך די יודישע איינוואַנ־דערונג קענען פערוואַנדעלט ווערען אין אַ יודישע טע־ריטאָריע.

און אויף דעם איז, פערשטעהט זיך, ניטאָ וואָס צו וואונדערען זיך. אַלץ, וואָס מיר האָבען שוין אויבען געזעהען, ווייזט אונז, דאָס

*) די לעצטע פּאָר יאָהר האָט זיך פערגרעסערט די יודישע איינוואַנדערונג אין אַ ר ג ע נ ט י נ א. פונקט ווי אין די פּעראייניגטע שטאַאטען, בעזעצען זיך אויך דאָ די יודישע אימיגראַנטען כמעט אויסשליסליך אין די גרויסע איינוואַנדערונגס־צענטרען און בעזונדער אינ'ם אַרגענטינער ניו־יאָרק, אין ב ו ע נ א ס־א י ר ע ס (אויך אין ראָזאַ־ריאָ און אַ פּאָר אַנדערע פונקטען).—לויט די ציפער, וואָס געפינען זיך אינ'ם בעריכט פונ'ם פּ ע ט ע ר ב ו ר ג ע ר צענטראַל־קאָמיטעט פון יק"א פאַר דאָס יאָהר 1910 (ז. 82), האָבען יענעם יאָהר די יודישע עמיגראַנטען פון רוסלאַנד בדעה געהאַט צו געהען, אַ חוץ די פּעראייניגטע שטאַאטען, נאָך אין אַנדערע לענדער: אין אַרגענטינע (9,7 פּראָ־צענט פון די עמיגראַנטען), אין קאַנאַדאַ (2,8%), אין אייראָפּעאישע לענדער און דער־הויפּט אין ענגלאַנד (2,5%), אין פּאַלעסטינא (1,9%), אין דרום־אַפריקאַ (0,8%) און אַנדערע געגענדען (0,5%). בנוגע צו פּ א ל ע ס ט י נ א, וועלכע האָט שוין אַזוי אויך אַן'אויסערס־קליינע יודישע איינוואַנדערונג מוז נאָך צוגעגעבען ווערען, אַז די יודישע א ו י ס װ א נ ד ע ר ו נ ג פון דאָרטען (קיין אַמעריקאַ) איז אונגעפעהר גלייך גרויס ווי די איינוואַנדערונג אַהין.

בײַ דעם פּראָפֿעסיאָנעלען בעשטאַנד פֿון דער יודישער װאַנדערענדער מאַסע, קען זי געהן בלױז אין די גרױסע אַלגעמײנע אײנװאַנדערונגס־צענטרען; אין אַזאַ געגענד, װאָס זאָל װערען בעפֿעלקערט הױפּטזעכליך נור פֿון דער אײנגעװאַנדערטער יודישער מאַסע, קען זי בשום אופֿן נישט געהען.

די יידישע עמיגראַציע קען אַלזאָ אַפֿילו בלױז פֿאַר די יודישע װאַנדערענדע מאַסע קײן ספּעציעל־יודישע טעריטאָריע נישט שאַפֿען. די פֿערװירקליכונג פֿונ׳ם טעריטאָריאַליזם דורך די עמיגראַציע איז אַלזאָ נישט נור נישט קײן „היסטאָרישע נױטװענדיגקײט“, נור פּשוט אַ היסטאָרישע אונמעגליכקײט.

נאָר װאָס פֿאַר אַ קלײנע ידיעה װעגען דעם פּראָפֿעסיאָנעלען בעשטאַנד פֿון די יודישע װאַנדערער עס האָבען נישט די אַלע, װעלכע בױען אױף דער יודישער עמיגראַציע די פּלענער פֿון אַ צוקונפֿטיגען יודישען „פֿרײַלאַנד“, אַזױ פֿיעל פֿונדעסטװעגען װײסען זײ, דאָס צװישען יודען און ממילא אױך צװישען די יודישע װאַנדערער איז פֿאַרהאַן זעהר װעניג ערד־אַרבײטער, און דאָס אום צו בעזעצען זיך אין אַ פּוסטער אָדער האַלב־פּוסטער מדינה דאַרף מען זיך קודם פֿערנעהמען מיט לאַנדװירטשאַפֿט. צום טעריטאָריאַליזם פֿיהרט דעריבער, לױט די סאָציאַל־טעריטאָריאַליסטען, די עמיגראַציאָן דורך „קאָלאָניזאַציאָן“ און „קאָנצענטראַציאָן“. פֿרעגט מען זײ אָבער, װאו איז צו זעהען, דאָס די עמיגראַציאָן זאָל נעהמען איבערגעהען אין קאָלאָניזאַציאָן? אָדער אױפֿ׳ן פּשוט׳ן מענשליכען לשון: װאו איז צו זעהען, דאָס די יודישע װאַנדערער זאָלען אין בעמערקבאַרע מאַסען (װאָרום יחידים זענען דאָך בשום אופֿן נישט קײן ראַיה אױף די טענדענצען, װעלכע װירקען אין אַ מאַסען־בעװעגונג) אַװעקװאַרפֿען זײערע אַלטע פּראָפֿעסיעס און װערען לאַנד־אַרבײטער? — האָבען זײ אין די לעצטע פּאָר יאָהר אָנגעהױבען װײַזען אױף „די גרױסע יודישע פֿערמער־בעװעגונג“ אין אַמעריקא.

זײ הערענדיג, קומט אױס, װי מיר װאָלטען איבערלעבען טאַקי משיח׳ס צײַטען: מ׳צוברעכט די נעה־מאַשינען און מ׳שמידט אַקער־אײַזענס, און פֿון די שעהרען מאַכט מען „שנײַד־מעסערס“.

װי האַלט עס אָבער אין דער װירקליכקײט מיט דיזען „מאַסען־איבערגאַנג צו לאַנד־װירטשאַפֿט“ בײַ די יודישע װאַנדערער? — אין דער װירקליכקײט איז, פֿערשטעהט זיך, קײן ניסים ניטאָ. די געזעלשאַפֿט „דזואיש אַגריקולטשורעל ענד אינדאַסטריעל אײד סאָסײעטי“, װאָס איהר הױפּט־ציעל איז צו פֿערשפּרײטען ערד־אַרבײט צװישען יודען אין די פֿעראײניגטע שטאַאַטען, גיעט אַרױס יעהרליכע בעריכטען. פֿונ׳ם בעריכט פֿאַר דאָס יאָהר 1910 איז צו זעהן, אַז די צאָהל יודען, װאָס פֿערנעהמען זיך מיט ערד־אַרבײט אין אַמעריקא שטײַגט. די געזעלשאַפֿט װײס איצט פֿין

3.339 יודישע פֿערמערס אין דעם לאַנד. זי האָט נאָך אָבער ניט קיין בעציהונגען מיט אַלע יודישע ערד־אַרבייטער און זי רעכענט דע־ריבער, אַז דאָס איז נור אַ דעלפֿט פֿון דער ריכטיגער צאָהל.

ווי מ׳זעהט, איז די „דזשואיש אַגריקולטשורעל ענד אינדאָסטריעל אייד סאָסייעטי“ געשטימט גיכער אָפּטימיסטיש ווי פּעסימיסטיש בנוגע צו דער ענטוויקלונג פֿון ערד־אַרבייט צווישען די יודען אין די פֿער־איינינגטע שטאַאַטען. „די צאָהל יודען, וואָס פֿערנעהמען זיך מיט ערד־אַרבייט אין אַמעריקא שטייגט“. וויפֿיעל אָבער יודישע לאַנד־אַרבייטער זע־נען איהר בעוואוסט? — ווייניגער ווי 3.350; זי רעכענט, דאָס באמת איז די צאָהל יודישע לאַנד־אַרבייטער צוויי מאָל אַזוי גרויס. לאָמיר איהר גלויבען; מיר דאַרפֿען איהר גלויבען, וואָרום קיין אַנדערע, גענויערע קוועלען זענען דערווייל נישטאָ. די גאַנצע צאָהל יודישע לאַנד־אַרבייטער אין די פֿעראייניגטע שטאַאַטען איז איצט אַלזאָ אונגעפֿעהר 6.700.

צווישען די יודישע עמיגראַנטען, וואָס געהען קיין אַמעריקא, איז אָבער אויך פֿאַראַן אַ געוויסע צאָהל בעשעפֿטיגטע מיט לאַנד־ווירטשאַפֿט. זיי בילדען טאַקי אַנ׳אויסערסט־קליינעם פּראָצענט פֿון דער גאַנצער יו־דישער עמיגראַציע, אָבער דאָך זענען אַזעלכע אויך פֿאַראַן. אין די לעצ־טע יאָהרען, זייט סטאָליפּינס רעגירונג האָט אויפֿגעהערט צו פֿערדינגען די יודישע קאָלאָניסטען פֿון דרום־רוסלאַנד די קאַזיאָנע ערד, וואָס די קאָלאָניסטען פֿלעגען פֿריהער שטענדיג אַרענדירען, האָט דער מאַנגעל אין ערד פֿערגרעסערט דיזע לאַנדווירטשאַפֿטליכע אויסוואַנדערונג. ווי גרויס איז די צאָהל יודען, בעשעפֿטיגטע מיט לאַנדווירטשאַפֿט (לאַנדווירטען און לאַנדווירטשאַפֿטליכע אַרבייטער), וואָס האָבען אין די לעצטע 12 יאָהר איינגעוואַנדערט אין די פֿעראייניגטע שטאַאַטען? — אַנ׳ענטפֿער אויף דעם גיעט אונז פֿאָלגענדע טאַבעלע:

**טאַבעלע XXXVII: בעשעפטיגטע מיט לאַנדווירטשאַפט צווישען די יודישע אימיגראַנטען אין די פעראייניגטע שטאַאַטען:**

| יאָהרען | ערד־אַרבייטער | יאָהרען | ערד־אַרבייטער |
|---|---|---|---|
| 1899 | 313 | 1905 | 620 |
| 1900 | 662 | 1906 | 1.880 |
| 1901 | 379 | 1907 | 2.373 |
| 1902 | 375 | 1908 | 1.948 |
| 1903 | 380 | 1909 | 1.250 |
| 1904 | 361 | 1910 | 1.927 |
| בסך הכל פאַר די צייט 1899—1910 | | | 12.468 |

אלזא בלויז פאר די 12 יאהר 1899 — 1910 האבען אין די פעראייניגטע שטאאטען איינגעוואנדערט אונגעפעהר 12½ טויזענד יודען בעשעפטיגטע מיט לאנדווירטשאפט. איך לאז אן א זייט דעם נאטירליכען צו-וואוקס פון דיזער איינגעוואנדערטער לאנדווירטשאפטליכער בעפעלקערונג פאר גאנצע 12 יאהר. ס'איז גענוג, דאס פון דיזע איינגעוואנדערטע 12½ טויזענד זענען געבליבען ביי לאנדווירטשאפט אונגעפעהר 6.700; דאס הייסט, אז אונגעפעהר א העלפט פון די לאנדווירטשאפטליכע יודישע אימיגראנטען האבען אין די פעראייניגטע שטאאטען די לאנדווירטשאפט אוועקגעווארפען און איבערגעגאנגען צו אנדערע פראפעסיעס. — אט אזוי זעהט אין דער ווירקליכקייט אויס דער „מאסען-איבערגאנג צו לאנדווירטשאפט“ ביי די יודישע אימיגראנטען אין אמעריקא. און אזוי צעזייט זיך נאך איינע פון די פריש-געבאקענע יודישע עמיגראציאנס-לעגענדען.

## קאפ. III.—די עמיגראציע און די גרויס פון דער יודישער בעפעלקערונג אין פערשידענע ערטער.

אטייל אמת איז אבער פאראן אין דער געמיינזאמער טענה פון די אנטיסעמיטען און די יודישע אוטאפיסטען וועגען דער פערקלענערונג פון דער יודישער בעפעלקערונג אין די אלטע וואוינונגס-לענדער. און אויב מ'דארף זיך היטען פון אננעהמען אטייל אמת פאר אגאנצען אמת, דארף מען, פון דער אנדער זייט, ניט רעכענען פאר אינגאנצען פאלש דאס, וואס איז ביז א געוויסען גראד ריכטיג. און ריכטיג איז אין דיזער טענה פאלגענדעס:

### A.—די רעלאטיווע צאהל פון דער יודישער בעפעלקערונג אין רוסלאנד און עסטרייך-אונגארן.

ווי מיר האבען אויבען געזעהען (ערשטער טייל, ערשטע אבטיילונג, קאפ. III און IV), איז די ענדגילטיגע עמיגראציאנס-נארמע ביי די רוסלענדער יודען דורכשניטליך דריי מאל אזוי גרויס, ווי ביי דער ארומיגער פוילישער און ליטווישער בעפעלקערונג. אפילו אין עסטרייך (אונגארן נישט אריינגערעכענט) איז דורכשניטליך פאר די לעצטע 10 יאהר די ענדגילטיגע אויסוואנדערונגס-נארמע ביי די יודען העכער ווי אין אלגעמיין ביי דער נישט-יודישער בעפעלקערונג (זי איז ביי יודען, ווי מיר האבען געזעהען, דורכשניטליך אונגעפעהר גלייך גרויס, ווי ביי די פאלאקען, אבער דאפעלט גרעסער ווי ביי די רוטענער און פיעל גרעסער אויך ווי ביי די טשעכען און ביי די דייטשען). די עמיגראציע טראגט אלזא אוועק ביי די יודען א פיעל גרעסערען טייל פונ'ם

נאַטירליכען צו־וואוקס. און דגם, ווי מיר האָבען עס אָנגעוויזען אין פּאָריגען קאַפּיטעל, די יודישע בעפעלקערונג הערט נישט אויף צו וואַקסען, וואַקסט זי אָבער וועניגער ווי די אַרומיגע נישט־יודישע בעפעלקערונג; די יודען מוזען דורכדעם היינט בעטרעפען אַ קלענערען פּראָצענט פון דער בעפעלקערונג, ווי מיט יאָהרען צוריק.

די נעהנטסטע פאָלקסצעהלונג אין רוסלאַנד וועט עס געוויס אונז גאַנץ קלאָהר אויפווייזען, און קיין שום אילוזיעס דאַרף מען זיך וועגען דעם נישט מאַכען. אין עסטרייך, און ספּעציעל אין גאַליציען, קען מען עס דייטליך בעמערקען, פערגלייכענדיג די אָנגאַבען פון די דריי פאָלקס־צעהלונגען פון 1890, 1900 און 1910. אַזוי זעהען מיר, דאָס אויף 10.000 איינוואוינער פון עסטרייך איז אין 1890 יאָהר געוועזען 479 יודען, אין 1900 — 468 און אין 1910 — 460 יודען; אויף 1.000 איינוואוינער פון גאַליציען זענען געוועזען יודען: אין 1890 — 117, אין 1900 — 111. אין 1910 — 109. — דאָ איז נאָך דאָס פאַלען „פונ׳ם פּראָצענט יודען פערהעלטנישמעסיג זעהר קליין; אין רוסלענדער מלוכה איז ער בעשטימט פיעל שטאַרקער.

פון דער אַנדער זייט, ווייסען מיר אָבער (ערשטער טייל, ערשטע אָבטיילונג, קאַפּיטעל II און III), דאָס די יודישע עמיגראַציע, אַפילו אין רוסלאַנד, ניר גאַנץ בעזונדער אין עסטרייך־אונגאַרן, וואַקסט שוין איצט פיעל לאַנגזאַמער ווי די עמיגראַציע פון דער אַרומיגער נישט־יודישער בעפעלקערונג; אין גאַליציען איז צום סוף פון לעצטען יאָהרצעהנדליג די יודישע עמיגראַציאָנס־נאָרמע שוין איבערגעיאָגט געוואָרען נישט דורך דער פּוילישער, נור אויך דורך דער רוטענישער. מיר דאַרפען דעריבער רעכענען, אַז דאָס זינקען פונ׳ם פּראָצענט יודען צווישען דער בעפעלקערונג פינ׳ם לאַנד מוז מיט דער צייט ווערען שוואַכער און, אין עסטרייך־אונגאַרן, אַפילו אין גאַנצען אויפהערען. — באמת זעהען מיר, דאָס פון 1890 ביז 1900, איז דער ברוכטייל יודען צווישען דער בעפעלקערונג פון עסטרייך געפאַלען אויף 11 פער 10.000; פון 1900 ביז 1910 האָט ער געזונקען בלויז אויף 8 פער 10.000. אין גאַליציען איז ער פאַר דעם פריהערדיגען יאָהרצעהנדליג געזונקען אויף 6 פער טויזענד און אין דעם לעצטען יאָהרצעהנדליג בלויז אויף 2 פער טויזענד.

דער פּראָצענט (נישט די צאָהל!) יודען צווישען דער בעפעלקערונג פון לאַנד האָט אַלזאָ דורך דער עמיגראַציע געטוואָס געזונקען, דיזעס זינקען דאַרף אָבער גערעכענט ווערען אַלס אַ צייטווייליגע ערשיינונג, וואָס ווערט מיט דער צייט שוואַכער און פערגעהט.

## B.—איינצעלנע וואוינונגס-ראיאָנען.

אין געוויסע ערטער פון די אלטע וואוינונגס-לענדער איז די יודישע בעפעלקערונג דורך די אויסוואנדערונג אויך אבסאלוט קלענער געווארען. דאס איז דער פאל ביי יענע עקאנאמיש-אבגעשטאנענע געגענדען, וואו די ארטיגע בעפעלקערונג איז בעזונדער פערארעמט געווארען, און וועלכע דינען אלס אויסוואנדערונגס-פונקטען נישט בלויז פאר די אויסערליכע וואנדערונג, נור אויך פאר די אינערליכע.

דערפאר אבער אין יענע געגענדען, וואס דינען אלס איינוואנדערונגס-פונקטען פאר די אינערליכע יודישע וואנדערונגען, איז די יודישע בעפעלקערונג נישט נור אבסאלוט, נור אויך עטוואס פערהעלטניסמעסיג גרעסער געווארען, ד. ה. זיי בילדען דארטען היינט א עטוואס גרעסערען פראצענט פון דער בעפעלקערונג, ווי צו דער צייט פון דער ערשטער פאלקס-צעהלונג.

און אויך דא מוזען מיר זאגען, דאס גענויע ידיעות וועגען דעם, אויף וויפיעל עס האט זיך פערקלענערט אדער פערגרעסערט די צאהל און דער פראצענט פון דער יודישער בעפעלקערונג אין יעדען געגענד בעזונדער, וועלען מיר האבען ערשט דאן, בעת עס וועלען בעקאנט ווערען די רעזולטאטען פון א צווייטער פאלקס-צעהלונג. אבער אין די ריכטיגקייט פונ'ם אנגעמערקטען פאקט גופא, קען קיין שום צווייפעל נישט זיין, ווי דאס איז צו זעהן פון פאלגענדע ידיעות:

לויט דער ערשטער פאלקס-צעהלונג, איז אין 1897 יאהר אין פוילען געווען (אחוץ 12.170, וואס האבען דארטען געדיענט אין מיליטער) 1.308.930 יודען, אדער 14,3 פראצ. פון דער גאנצער בעפעלקערונג (פון 9.402.253 אראבגערעכענט 239.310, וואס האבען געדיענט אין מיליטער). אין 1909 געפינען מיר אין פוילען, לויט די ארבייט פונ'ם ווארשאווער סטאטיסטישען קאמיטעט, 1.747.655 יידען ביי 11.935.318 אלגעמיינער בעפעלקערונג פון פוילען; אין 1909 האבען די יודען אין פוילען אלזא געבילדעט שוין 14,6 פראצענט פון דער בעפעלקערונג.

אבסאלוט האט זיך די יודישע בעפעלקערונג פון פוילען פאר די צייט פערגרעסערט אויף 438.725 מענשען. ווי מיר האבען אבער אויבען געזעהן, האט די יודישע בעפעלקערונג פון דער גאנצער רוסלענדער מלוכה פאר אונגעפעהר דיזעלבע צייט זיך פערגרעסערט אויף אונגעפעהר 150 טויזענד מאן; עס קומט אלזא אויס, דאס אין דעם אויסער-פוילישען טייל פון רוסלענדער מלוכה, איז די יודישע בעפעלקערונג אבסאלוט קלענער געווארען אויף אנ'ערך פון א פערטעל מיליאן מענשען. אזוי ווי דער אינדיסטריעלער דרום-מזרח'דיגער גע-

גענד שפּילט אין דרום־רוסלאַנד אַזאַ ראָלע, וועלכע איז ענליך צו דער ראָלע פֿון פּוילען אין דעם מערבֿ'דיגען טייל פֿון דער מלוכה, און אַזוי ווי ביז 1897 (ווי מיר האָבען אויבען געזעהן) האָט דאָרטען די יודישע בעפֿעלקערונג געהאַלטען אין אַ בײַשפּיל־לאָז ראַשען וואַקסען, — דאַרף מען רעכענען, דאָס אויך נאָכדעם האָט יענער אײַנוואַנדערונגס־געגענד מסתמא צוגעצויגען צו זיך יודישע בעפֿעלקערונג פֿון דעם בשכנות־ליגענדען דרום־מערבֿ'דיגען געגענד; און דעריבער, אויב אַפֿילו אין דעם לעצטען איז די יודישע בעפֿעלקערונג אַבסאָלוט קלענער געוואָרען (וואָס איז נאָך אַ ספֿק), דאַרף מען עס פֿאַררעכענען אויפֿ'ן חשבון פֿון דעם צו־וואַקס אין דעם דרום־מזרח'דיגען געגענד. די אַבסאָלוטע פֿאַרקלענערונגען פֿון אַ פֿערטעל מיליאָן מענשען דאַרף אַלזאָ אין גאַנצען אָדער כמעט אין גאַנצען פֿאַררעכענט ווערען אויף די יודישע בעפֿעלקערונג פֿון צפֿון־דיגען געגענד, ד. ה. פֿון ליטאָ און רײַסען (ווײַס־רוסלאַנד).

אַלזאָ אַנ'אַבסאָלוטע און עטוואָס אויך אַ רעלאַטיווע פֿאַרגרעסערונג פֿון דער יודישער בעפֿעלקערונג אין פּוילען, אַ רעלאַטיווע און אַבסאָלוטע פֿאַרקלענערונג פֿון דער יודישער בעפֿעלקערונג אין ליטאָ. אָט אַזוי טראָגט די עמיגראַציע (צוזאַמען מיט די אינערליכע וואַנדערונגען) אַריבער דעם שווער־פּונקט פֿון דער יודישער בעפֿעלקערונג — פֿון ליטאָ קיין פּוילען. — אין דאָס ווידער מוז האָבען אַ טיפֿע ווירקונג אויף אַלע וויכטיגע זײַטען פֿונ'ם יודישען סאָציאַלען און קולטורעלען לעבען. אין באמת, דער אויפֿמערקזאַמער בעאָבאַכטער קען הײַנט לײַכט בעמערקען, דאָס ליטאָ האָט שוין אָבגעשפּילט די ראָלע, וואָס זי האָט נאָך נישט לאַנג צוריק געשפּילט אין יודישען לעבען. נישט אין דער שענער ליטעראַטור, נישט אין טעאַטער, נישט אין דער פּעריאָדישער פּרעסע, און אַפֿילו נישט אין דער אַרבײַטער־בעוועגונג שפּילט שוין הײַנט ליטאָ נישט דאָס ערשטע פֿידעל. און נישטאָ וואָס זיך צו חדושען: עס פֿאַלט אַבסאָלוט די יודישע בעפֿעלקערונג אין ליטאָ, עס וואַקסט די יודישע בעפֿעלקערונג אין פּוילען; און דאָס צאָהל־מעסיגע פֿאַלען אָדער וואַקסען פֿון דער בעפֿעלקערונג איז דאָך אויך בלויז אַ נאָכפֿאָלגע פֿון דעם עקאָנאָמישען פֿאַלען אָדער וואַקסען איהרען; דער עקאָנאָמישער דרוק, אינטער וועלכען עס לעבט די יודישע בעפֿעלקערונג אין ליטאָ, פֿאַרקלענערט די צאָהל פֿון דיזער בעפֿעלקערונג און איהרע סאָציאַל־קולטורעלע קרעפֿטען *).

*) און טאקי אויך דערפאר, ווייל דער שווערפונקט פון דער יודישער בעפעלקערונג און פונ'ם יודישען קולטורעלען לעבען ווערט אריבערגעטראגען קיין פוילען, מוז אלץ שארפער, אלץ ברענענדיגער ווערען די פראגע וועגען די פויליש־יודישע בעציהונגען.

## C. — די שטעדטלעך און די שטעדט.

און נישט נור פֿון איין געגענד אין דעם אַנדערען ווערט איבערגעטראָגען דער שווער־פּונקט פֿון דער יודישער בעפֿעלקערונג, נור אויך פֿון די קליינע שטעדט און פֿון די שטעדטלעך אין די גרויסע שטעדט. וועגען דעם האָבען מיר דערווייל נאָך וועניגער ידיעות ווי וועגען די ענדערונגען אין דער צאָהל פֿון דער בעפֿעלקערונג אין פֿערשידענע געגענדען. נור אויך דער פֿאַקט קען קוים אינטערליגען אַ וועלכען נישט איז ספֿק. ווי מיר האָבען אויבען אָנגעמערקט, דינען די קליינע שטעדט און שטעדטלעך אַלס אויסוואַנדערונגס־פּונקטען סיי פֿאַר די אויסערליכע סיי פֿאַר די אינערליכע וואַנדערונגען ביי יידען, בעת אין די גרויסע שטעדט געפֿינט די עמיגראַציע איהר ערזאַץ דורך אינערליכע איינוואַנדערונג. דער פֿאַקטישער צו־וואַקס פֿון דער יודישער בעפֿעלקערונג אין איין שטאָדט וואַרשא פֿאַר די לעצטע 3 יאָהר איז געווען גרעסער פֿאַר'ן ווירקליכען צו־וואַקס פֿון דער יודישער בעפֿעלקערונג אין דער גאַנצער מלוכה פֿאַר די זעלבע צייט. אין אַ ענהליכער אָדער אַ קלענערער מאָס קאָנען דאָס זעלבע געזאָגט ווערען וועגען אַנדערע גרויסע שטעדט און אינדוסטריעלע צענטרען (צ. ב., דער לאָדזער אינדוסטריעלער ראַיאָן). דער גרויסער וואוקס פֿון דער יודישער בעפֿעלקערונג אין די גרעסערע שטעדט ביי איהר קליינעם וואוקס אין דער מלוכה בכלל (דורכשניטליך פֿאַר די לעצטע 12 יאָהר אונגעפֿעהר 12 טויזענד מאַן יעהרליך) בעדייטעט אַלזאָ, דאָס די יודישע בעפֿעלקערונג אין די קלענערע שטעדט און שטעדטלעך ווערט אַבסאָלוט קלענער. אַלץ אַ גרעסערער טייל פֿון דער יודישער בעפֿעלקערונג געפֿינט זיך אַלזאָ אין די גרויסע שטעדט *). צו דעם דאַרף מען נאָך צוגעבען,

*) און טאַקי דעריבער האַלט איך פֿאַר שטאַרק איבערטריבען די מיינונג פֿון אַלע פּוילישע פּאַרטייען, דאָס צוזאַמען מיט'ן אָבשאַפֿען פֿון'ם תחום וועלען נישט נור די „ליטוואַקעס" אויפֿהערען צו וואַנדערען קיין פּוילען, נור דאָס אַפֿילו פֿון די פּוילישע יודען גופֿא וועט אַ בעדייטענדער טייל זיך אַריבערטראָגען אין די אינערליכע רוסישע גובערניעס. געוויס, ווען די אינערליכע רוסישע גובערניעס זאָלען זיך עפֿענען פֿאַר די יודישע בעפֿעלקערונג, וועט אַ טייל פֿון דער יודישער אויסוואַנדערונג פֿון צפֿון־מערב'דיגען געגענד זיך אַריבערטראָגען און די ביז־איצט פֿערמאַכטע רוסישע גובערניעס, וואו ס'איז אינגאַנצען נישט פֿאַראַן קיין איבערגעפֿאַקטקייט אין די „יודישע" פּראָפֿעסיעס (ספּעציעל אין האַנדעל); דאָס אָבשאַפֿען פֿון'ם תחום וועט מסתמא נאָך פֿערשטאַרקען די אינערליכע אויסוואַנדערונג פֿון ליטא אין רייסען, און פֿערקלענערען נאָך מעהר די יודישע בעפֿעלקערונג פֿון יענעם געגענד. אפֿשר וועט אַ געוויסער (יעדענפֿאַלס נישט קיין גרויסער) פּראָצענט פֿון די יודישע וואַנדערער פֿון פּוילען זיך אויך בעזעצען אין טיף־רוסלאַנד. מ'דאַרף אָבער נישט פֿערגעסען, דאָס די אינערליכע יודישע

דאָס די עמיגראַנטען אין אַמעריקאַ בעזעצען זיך אויך כמעט אויסשליסליך אין די גרויסע שטעדט.

אונטער דעם פֿעראייניגטען איינפֿלוס פֿון דער אויסערליכער און אינערליכער עמיגראַציע, פֿערוואַנדלען זיך די יודען פֿון אַ קליין-שטעדטעלדיגער בעפֿעלקערונג אין אַ גרויס-שטעדטישע, און דאָס ווידער מוז האָבען אַ בעזונדער טיעפֿע ווירקונג אויפֿ'ן גאַנצען גייסטיגען און קערפּערליכען געשטאַלט פֿונ'ם יודישען פֿאָלק; דאָס מוז מאַכען אַנ'איבערקערעניש אין דער פּסיכאָלאָגיע פֿון דער יודישער מאַסע, אין איהרע מאָראַלישע און רעליגיעזע אָנשויאונגען, אין איהר פּריוואַטען און געזעלשאַפֿטליכען לעבענס-אַרט, אין איהר אַרט פֿערדינען אויף חיונה ווי אין דעם כאַראַקטער פֿון איהר קולטורעלען שאַפֿען. וואוהין די יודישע מאַסע וואַנדערט נישט, צי פֿון ליטאַ קיין פּוילען, צו פֿון אייראָפּע קיין אַמעריקאַ, איז איהר עמיגראַציע כמעט אויסשליסליך אַ וואַנדערונג פֿון שטעדטעל אין שטאָדט, פֿון אַ קלענערע שטאָדט אין אַ גרעסערע. דיזע „אורבאַניזירענדע“ (גרויס-שטעדטיש-מאַכענדע) ווירקונג פֿון דער געגענווערטיגער יודישער וואַנדערונג קען פֿערשידען געשעצט ווערען פֿון פֿערשידענע שטאַנדפּונקטען; פֿאַר דער יודישער אַרבייטער-בעוועגונג איז דאָס אָבער געוויס אַ גרויסע מעלה: אין שטאָדט איז דער קאָנסערוואַטיזם קלענער, דער צוטרוי צו נייע אידעען גרעסער, די קלאַסען-געגענזאַצען בולטער, די אָרגאַניזירונגס-מעגליכקייטען פֿיעל ברייטער, ווי אין די קליינע שטעדטלעך. און בכלל אין דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג איז די פּאָליטישע ווירקונג פֿון דער גרויס-שטעדטישער בעפֿעלקערונג פֿיעל מעכטיגער, ווי די ווירקונג פֿון דער איבעריגער בעפֿעלקערונג פֿונ'ם לאַנד.

## קאַפּ. IV.—אַנדערע פֿאָלגען פֿון דער יודישער עמיגראַציע.

די ווירקונג פֿון דער יודישער עמיגראַציע איז פֿיעל-זייטיג; אַ סך

וואַנדערונגען זענען נישט נור איבערוואַנדערונגען פֿון ליטאַ קיין פּוילען (פֿון אַ געגענד מיט אַ גרעסערער איבערגעפֿאַקטקייט אין די „יודישע“ פּראָפּעסיעס צו אַ געגענד מיט אַ קלענערער איבערגעפּאַקטקייט), נור אויך איבערוואַנדערונגען פֿון די שטעדטלעך אין די גרויסע שטעדט און אינדוסטריעלע צענטרען. און באמת אין פּוילען גופא איז די יודישע בעפֿעלקערונג אין געוויסע גובערניעס (לאָמזשער, פּלאָצקער און סובאַלקער) אויך אַבסאָלוט קלענער געוואָרען זייט 1890; דער צו-וואוקס פֿון דער יודישער בעפֿעלקערונג איז בעזונדער גרויס אין דער שטאָדט וואַרשאַ און לאָדזער אינדוסטריעלען ראַיאָן. אַזוי ווי די איבערוואַנדערונג פֿון די שטעדטלעך און די גרויסע שטעדט וועט דורכ'ן אָבשאַפֿען דעם תחום נישט אויפֿהערען, איז ממילא צו זעהען, דאָס דער צוגוס פֿון דער יודישער בעפֿעלקערונג פֿון דער פּויליש-ליטווישער פּראָווינץ קיין וואַרשאַ און לאָדזער ראַיאָן וועט ווייטער פֿאָרקומען אפילו נאָכ'ן אָבשאַפֿען דעם תחום.

פּיעל-ווײַטיגער. ווי מיר האָבען עס ביז איצט געזעהען, און ווי איך האָב בכלל די מעגליכקײַט עס אָנצו-ווײַזען. אַזוי, צ. ב., קען פאַר קײַן אויפמערקזאַמען בעאָבאַכטער קײַן ספק ניט זײַן, דאָס די עמיגראַציע שפּילט זעהר אַ וויכטיגע ראָלע בײַ דער פּראָלעטאַריזירונג פון דער יודישער קלײנבירגערליכער מאַסע. זעהר אַ גרויסע צאָהל קלײנע בעל-מלאכות און געוועזענע הענדלער פאָהרען קײַן אַמעריקא מיט דעם צוועק, דאָרטען צו ווערען געדונגענע אַרבײַטער; אין דער-היים האַלט זיי אָב זעהר אָפט די גוט-בעקאַנטע בושה פון צו ווערען „אויס בעל-הבית“; אין דער פרעמד, הויפּטזעכליך אין אַמעריקא, פיהלען זיי זיך פרײַער; די עמיגראַציע איז אויף אַזאַ נ׳אַרט זעהר אָפט אַנ׳עטאַפּ בײַם איבערגאַנג פון׳ם קלײנבירגערטום צום פּראָלעטאַריאַט. — אויף דיזע ראָלע פון דער עמיגראַציע וואָלט געוויס נויטיג געווען זיך גענויער אָבצושטעלען. לײדער האָבען מיר הײַנט צו טאָג נישט קײַן גענויע, ציפערמעסיגע ידיעות אין דיזען פּרט. די פאָרשונג פון דיזער ערשײַנונג מוז דעריבער אָבגעלעגט ווערען אויף שפּעטערע צײַטען, אויף דאַמאָלט, ווען עס וועלען זײַן גענויע מאַטעריאַלען וועגען דעם.

מיר קענען דעסגלײַכען ברײַטער זיך ניט אָבשטעלען אויף אַנ׳אַנדער פראַגע, וועלכע האָט פאַר׳ן אַרבײַטער-קלאַס אַנ׳אויסערסט-וויכטיגע פּראַקטישע בעדײַטונג, די פראַגע וועגען דער ווירקונג פון דער יודישער מאַסען-אײַנוואַנדערינג אין אַמעריקא אויף די לאַגע פון די אַמעריקאַנער אַרבײַטער און הויפּטזעכליך אויף זײַערע שכירות. די פראַגע איז אין אַמעריקא אַ ברענענדיגע, הגם זי ווערט דאָרטען געשטעלט נישט ספּעציעל בנוגע צו דער יודישער אײַנוואַנדערונג, נור צו דער געגענוועַרטיגער מאַסען-אימיגראַציע בכלל. מיר קענען זי ניט בעהאַנדלען גענויער, צוליעב דעם זעלבען טעם, וואָס די פריהערדיגע פראַגע: מיר פערמאָגען נישט די נויטיגע גענויע, אויספיהרליכע און פּאָזיטיווע ידיעות, וואָס זאָלען ערלויבען צו געבען אויף דיזע אויסערסט-וויכטיגע פראַגע אַ וויסענשאַפטליכען ענטפער. אַלץ, וואָס איז וועגען דיזער פראַגע געזאָגט געוואָרען, איז געבויט אָדער אויף אַ קלײנע צאָהל צופעליגע בעאָבאַכטונגען, אָדער אויף השערות, וואָס לעגען זיך מעהר אָדער ווייניגער אויפ׳ן געדאַנק. אין יעדער פון דיזע פערשידענע און געגענזעצליכע השערות איז געוועהנליך פאַראַן אַ געוויסער טייל אמת. נור וועלכע פון דיזע השערות ווײַזט זיך אַרויס אין דער קאָנקרעטער ווירקליכקײַט שטאַרקער, וועלכע פון די געגענזעצליכע טענדענצען וויעגט אין דער ווירקליכקײַט אַריבער דעם וואָג-שאָל, — אויף דעם קען מען מיט השערות נישט ענטפערען, צו דעם דאַרף מען האָבען זעהר אַ גרויסע צאָהל אויספיהרליכע סטאַטיסטישע ידיעות פאַר אַ רעכט לאַנגער צײַט, — און דאָס איז דערווײַל נישט פאַראַן און נישט בעאַרבײַט.

נור ווײַבאַלד דער גאַנצער ייִחוס ווערט געפֿירט אויפֿן יסוד פֿון השערות, וועל איך מיך אויך דערלויבען אין קורצען אַרויסצוזאָגען אַ השערה:

אַזוי ווי דער פּראָפֿעסיאָנעלער בעשטאַנד איז בײַ די יודישע וואַנ־דערער אַ גאַנץ אַנדערער, ווי בײַ דער אימיגרירענדער מאַסע בכלל, שטע־לען שוין די אונגעהויערע מאַסען ניַשט־יודישע אײַנוואַנדערער גופֿא פֿאַר אַ גרויסען מאַרק פֿאַר די פּראָדוקטען פֿון די יודישע אימיגראַנטען; אויב סוף כל סוף קומט די יודישע אימיגראַנטען נאָך פֿאָרט אויס צו קאָנקו־רירען מיט די אַמעריקאַנער אַרבײַטער, וואָס זענען בעשעפֿטיגט אין די זעלבע פּראָפֿעסיעס, ווי די אײַנגעוואַנדערטע יודען, איז אַלזאָ דיזע קאָנקורענץ, אַדאַנק דער אימיגראַציע גופֿא, זעהר בעשרענקט. פֿון דער אַנדער זײַט, טאַקי צוליב דעם אײַגנטימליכען פּראָפֿעסיאָנעלען כאַראַקטער פֿון דער מאַסע יודישע וואַנדערער, שטעלען זיי פֿון זייער זײַט פֿאַר (אַלס קאָנסומענטען) אַ גרויסען אָבזאַץ־מאַרק פֿאַר אַלע איבעריגע בראַנ־זשען פֿון דער אַמעריקאַנער פּראָדוקציע. די יודישע אימיגראַנטען קאָנקורירען אַלזאָ בלויז אין אַ קלענער מאָס מיט די אַמעריקאַנער אַרבײַטער פֿון די זעלביגע פּראָפֿעסיעס און פֿערגרעסערען בעדײַטענד די נאָכפֿראַגע אויף פּראָ־דוקטען און אויף אַרבײַטס־קראַפֿט אין די איבעריגע פּראָ־דוקציאָנס־צווײַגען. נאָך אַלע פֿאַקטען, וואָס מיר האָבען אויבען פֿעסטגעשטעלט און אַנאַליזירט, זעהט דיזע השערה אויס גאַנץ וואַהר־שײַנליך.

איבעריגענס, די געגנער פֿון דער אימיגראַציע אין די פֿעראייניג־טע שטאַאַטען טרעטען־אַרויס געגען די עמיגראַנטען פֿון מזרח־און דרום־אייראָפּע הויפּטזעכליך דערפֿאַר, וואָס די לעצטע בעשטעהען פֿון ניט־קוואַליפֿיצירטע אַרבײַטער, וועלכע נויטיגען זיך נאָך דערצו ניט אין הויכע שכירות (צום טייל צוליעב דעם, ווײַל זייערע פֿאַמיליען־מיטגלידער בלײַ־בען דאָס רוב אין די היימישע דערפֿער פֿון אייראָפּע) און וועלכע קומען אין אַמעריקע בלויז אויף אַ קורצע צײַט און פֿיהרען נאָכדעם אַוועק מיט זיך דאָס געלד, וואָס זיי האָבען אָנגעזאַמעלט אין דער מדינה. ניט דאָ איז דער אָרט צו בעטראַכטען אויף ווי ווײַט די דאָזיגע טענות זענען גע־רעכט אָדער ניט. דאָ מוז אָבער אָנגעמערקט ווערען, אַז צו די יודישע וואַנדערער האָבען זיי קײַן שום שייכות ניט. ווי מיר האָ־בען אויבען געזעהען, זענען כמעט אַלע יידישע וואַנדערער ענדגילטי־גע אימיגראַנטען, וואָס בלײַבען אין אַמעריקאַ אויף שטענדיג. אַזוי אַז לויט דער ענדגילטיגקייט פֿון זייער עמיגראַציע שטייגען זיי אַריבער אַפֿילו אַלע מערבֿ־אייראָפּעאישע וואַנדערער חוץ די אירלענדער (טאַ־בעלע VII); דער פּראָצענט פֿון קוואַליפֿיצירטע אַרבײַטער איז צווישען

זיי העכער, ווי צווישען די וואנדערער פין אלע איבעריגע פעלקער אהן אויסנאהם, (טאבעלע XVII), און אויך דער אנטייל פון פרויען און קינדער אין דער עמיגראציע איז ביי זיי דער העכסטער (טאבעלען VIII, X און XV). אין דער הינזיכט זענען אלזא די יודישע עמיגראנטען מעהר „מערב־אייראפעער“ ווי די מערב־אייראפעאישע וואנדערער גופא.

די יודישע עמיגראציע האט נאך א גאנצע רייהע זעהר וויכטיגע אנדערע ווירקונגען, וואס זענען איהר געמיינזאם מיט אלע אנדערע מאסען אויסוואנדערונגען. מיר האבען זיך אבער אין דיזען ווערק ניט אבגעשטעלט אויף די אלגעמיינע *סבות* פון דער עמיגראציע און זיך בעשרענקט בלויז מיט'ן פעסטשטעלען די *ספעציעלע* סבות, וואס מאכען די יודישע עמיגראציע *בעזונדער* גרויס און גיבען איהר צו אנאייגענארטיגען כאראקטער. מיר וועלען דעריבער ניט אונטערזוכען אויך די אלגעמיינע *ווירקונגען* פון דער יודישער עמיגראציע אלס מאסען־וואנדערונג. ווי אינטערעסאנט די אלע פראגען וועגען די סבות און די ווירקונגען זאלען ניט זיין, זייער אונטערזוכונג געהט אבער ארויס פון די ראהמען פון אונזער ארבייט.

# דריטע אבטיילונג:

## די רעגולירונג פון דער יודישער עמיגראציע.

עס שטראָמט אַ טייך פֿון איין געגענד אין אַן אַנדערען; ווי אַ שלאַנג, דרעהט ער זיך איבער דער אויבערפֿלאַך פֿון דער ערד; ער יאָמערט אין שוימט ביי די שטיינער, וואָס ער טרעפֿט אין זיין גאַנג, און געהט זיך ווייטער זיין וועג, זיין נאַטירליכען וועג.

דער נאַטירליכער גאַנג פֿונ׳ם מעכטיגען שטראָם לאָזט זיך אָבער ביז אַ געוויסען גראַד רעגולירען. מ׳קען מיט אַ געוויסער גרויסער מיה אַוועקנעהמען די שטיינער, וואָס ליגען איהם אויפ׳ן וועג, און אויף אַזאַ אַרט מאַכען דעם שטראָם גלייכמעסיגער, רוהיגער, שטילער. נאָך מעהר, מיט אָנשטרענגונג פֿון פֿיעלע קרעפֿטען, מיט דער אָנווענדונג פֿון גרוי-סע טעכנישע מיטלען, קען מען דורכגראָבען קאַנאַלען און אויפֿשטע-לען דאַמבעס, וואָס זאָלען אויסגלייכען די קרומקייטען פֿונ׳ם נאַטירליכען וועג פֿונ׳ם טייך. הייסט דאָס, אַז מען קען דעם וואַסער-שטראָם געבען יע-דע ריכטונג, וואָס מען וויל נור? עמיצען קען זיך דוכטען, דאָס יאָ. וואָרום ווייבאַלד עס איז מעגליך אין אַ געוויסער מאָס צו רעגולירען דעם שטראָם, איז מעגליך אויך צו בעהערשען איהם אינגאַנצען. דער אונטער-שייד איז דאָ אין כמות און נישט אין איכות, קוואַנטיטאַטיוו און נישט קוואַליטאַטיוו. אויב ס׳איז מעגליך אַ ביסעל אָבצוציהען דעם שטראָם אָן אַ זייט, איז מעגליך איהם אָבצוציהען נאָך אַ ביסעל און צוגעבען סוף כל סוף דעם שטראָם אַפֿילו אַ גאַנץ פֿערקעהרטע ריכטונג פֿון זיין נאַ-טירליכען וועג.

אין אמת׳ן איז דאָס אָבער אַ טעות. דאָס וואַסער אינ׳ם טייך פֿליסט בכלל דורכדעם, וואָס פֿערשידענע געגענדען אויף דער אויבערפֿלאַך פֿון דער ערד האָבען נישט די זעלביגע הויך, און לויט דעם בעוואוסטען פֿיזישען געזעץ פֿון משופּע׳דיגע פֿלאַכקייטען, גיסט זיך דאָס וואַסער פֿון אויבען אַראָב, פֿון די העכערע געגענדען אין די נידעריגערע. מען קען דעריבער עטוואָס אָבציהען דעם וואַסער-פֿלוס אָן אַ זייט, אָבער נור אַזוי ווייט, ביז דאָס וואַסער וועט נאָך אַליין אויסקומען צו געהען פֿון העכערע געגענדען אין נידעריגע; אידהר וועט בשום אופן נישט קענען אויף אַזוי פֿיעל אימקירעווען דעם פֿלוס, דאָס וואַסער זאָל אָנהויבען געהען פֿון אינטען אַרויף, פֿון נידעריגערע געגענדען אין העכערע. אַנדערס גע-

רעדט, מ׳קען אין בעסטען פאל אבציהען אן א זייט דעם וואסער-פלוס בלויז אויף אזוי פיעל, ביז עס הערט נישט אויף צו ווירקען די סבה גופא, וואס ברענגט דאס וואסער אין בעוועגונג.

## קאפ. I.—די ראדיקאלע לעזונג פון דער עמיגראציאנס-פראגע.

רעגולירען די עמיגראציע, ווי רעגולירען יעטווידער אנדער פראצעס אין דער נאטור אדער אין סאציאלען לעבען, הייסט אריינטראגען אין איהם געוויסע ענדערונגען לויט א געוויסען פלאן און צו א בעשטימטען צוועק. ענדערונגען, וואס זאלען אריינגעטראגען ווערען אין דער עמיגראציע, קענען געמאלדען זיין פאלגענדע: 1) ענדערונגען אין דער צאהל פון די וואנדערער; מיט אנדערע ווערטער, הייסט עס, פערגרעסערונג אדער פערקלענערונג פון דער עמיגראציע: 2) ענדערונגען אין די אייגענשאפטען פון דער עמיגראציע, ספעציעל ענדערונגען אין דעם פראפעסיאנעלען בעשטאנד פון די וואנדערער און אין דער ריכטונג פון דער עמיגראציאנס-בעוועגונג, און 3) ענדערונגען אין דער לאגע פון די וואנדערער. — צו דעם, אז די רעגולירונג פון דער יודישער עמיגראציע דארף שטרעבען די יודישע אויסוואנדערונג צו פערגרעסערען, — האט זיך, אפילו ביי אלע פלוידערייען איבער די יודישע עמיגראציע, דאכט זיך, נאך קיינער ביי אונז נישט דערעדט. דיזע שטרעבונג קענען מיר אלזא לאזען אן א זייט. בלייבען אלזא די שטרעבונגען, די יודישע עמיגראציע צו פערקלענערען, צו ענדערען די אייגענשאפטען און די ריכטונג פון דער יודישער עמיגראציע און צו ענדערען די לאגע פון די יודישע עמיגראנטען.

נור דא שטעלט זיך באלד א פראגע: צו איז בכלל מעגליך די עמיגראציע צו רעגולירען? צו איז נישט די עמיגראציע א סטיכיאישער פראצעס, וואס געהט זיך זיין נאטירליכען גאנג, און וועלכען אונזערע שטרעבונגען קענען נישט אבהאלטען און נישט ענדערען?

געוויס, די עמיגראציע בכלל איז ביי היינטיגער צייט א סטיכיאישער פראצעס. דערמיט מיינט מען צו זאגען, דאס מיר האבען נישט קיין כוח צו בעזייטיגען די בעדינגונגען, דורך וועלכע זי ווערט ביי היינטיגער צייט ארויסגערופען. באמת, די געגענווערטיגע עמיגראציע, פונקט ווי די ארבייטס-לאזיגקייט און די פעריאדישע איבערפראדוקציע ווערט ארויסגערופען הויפטזעכליך דורך די אנארכיע, די פלאנלאזיגקייט, וואס הערשט ביי דער קאפיטאליסטישער ארדנונג אין דער פראדוקציע פון יעדער מדינה. אין דער קאפיטאליסטישער ארדנונג איז אונמעגליך דיזע פלאנלאזיגקייט פון דער פראדוקציע צו בעזייטיגען, און דעריבער מוז די עמיגראציע ביי דער קאפיטאליסטישער ארדנונג אונפערמיידליך פארקומען: די עמי-

גראַציע איז אַלזאָ איינער פֿון די סטיכיאישע פּראָצעסן, וואָס קומען פֿאָר אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפֿט. אָבער אַז די עמיגראַנטן זאָלן געפֿינען אַלערליי שטערונגען אויפֿ'ן וועג, מ'זאָל ביי זיי אויסנאַרן זייער געלד, מ'זאָל זיי קאָרמענען מיט פֿערשטונקענע הערינג, מ'זאָל זיי שיסן אויף די גרעניצן אָדער מ'זאָל זיי פֿערנאַרן אין זומפּיגע געגענדן און וויסטע מדבריות, — דאָס ווערט שוין אַרויסגערופֿן דורך אַזעלכע בעדינגונגען, וואָס ביי אַ געוויסער אָנשטרענגונג קענען זיי אינגאַנצן אָדער צום טייל בעזייטיגט ווערן אויך אין דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג; בעזייטיגענדיג די דאָזיגע בעדינגונגען, ענדערן מיר די לאַגע פֿון דער וואַנדערענדער מאַסע. מיר זענען אַלזאָ נישט בכוח אָבצושטעלן דעם וואַנדערער־שטראָם, מיר קענען אָבער בעזייטיגן די שטיינער, אויף וועלכע ער שטויסט זיך אָן אין גאַנג, און די ווירקונג פֿון די אָפֿענע בערגלעך און בעהאַלטענע גראָבענס, וואָס ציהען איהם אָב פֿונ'ם גלייכען וועג.

ס'איז דעריבער קלאָר, דאָס אויך ספּעציעל די יודישע עמיגראַציע איז מעגליך צו רעגולירען בלויז ביז אַ געוויסען גראַד. מ'קען מיט געוויסע אָנשטרענגונגען פֿיעל־ווייניג אויסבעסערען די לאַגע פֿון די וואַנדערער; ס'איז אָבער אונמעגליך די עמיגראַציע ביי יודען צו פֿערניכטען, וואָרום ביי דער איצטיגער סאָציאַלער אָרדנונג איז ביי יודען, צוגלייך ווי ביי אַלע אַנדערע אייראָפּעאישע פֿעלקער, די אויסוואַנדערונג אונפֿערמיידליך.

די יודישע עמיגראַציע, אָדער ריכטיגער געזאָגט, די יודישע עמיגראַציע פֿון רוסלענדער מלוכה, אונטערשיידעט זיך אָבער פֿון דער עמיגראַציע פֿון אַנדערע פֿעלקער סיי דורך איהר גרויס, סיי דורך איהר אייגענאַרטיגען בעשטאַנד. צי איז מעגליך צו בעזייטיגען דיזע בעזונדערהייטען פֿון דער יודישער עמיגראַציע? צו איז מעגליך זי קלענער מאַכען און ענדערען איהר אייגענאַרטיגען בעשטאַנד? זעלבסטפֿערשטענדליך, דאָכ אויך דאָ איז מעגליך צו בעזייטיגען (אָדער צו ענדערען) די רעזולטאַטען בלויז אויף אַזוי פֿיעל, אויף וויפֿיעל ס'איז מעגליך צו בעזייטיגען (אָדער פֿערענדערען) די בעדינגונגען, וואָס ברענגען צו דיזע רעזולטאַטען. אויף וויפֿיעל עס זאָלען ווערען אָבגעשאַפֿט די אומשטאַנדען, וואָס האָבען אַרויסגערופֿען און וואָס פֿערשאַרפֿען די אָרעמקייט און די לויפֿעניש פֿון דער יודישער בעפֿעלקערונג פֿונ'ם תחום, און ספּעציעל ביי געוויסע פּראָפֿעסיעס פֿון דיזער בעפֿעלקערונג, — אויף אַזוי פֿיעל וואָלטען ווערען אָבגעשאַפֿט אויך די רעזולטאַטען פֿון דיזע אומשטאַנדען, די אויסערגעוועהנליך־גרויסע אויסוואַנדערונג און איהר אייגענאַרטיגער בעשטאַנד.

ווען עס זאָלען אָבגעשאַפֿט ווערען די „רעכטליכע" אין אונרעכט־

ליכע בעגרענצונגען, וואס רואינירען די יודישע בעפעלקערונג, ספע-
ציעל ווען עס זאל אבגעשאפט ווערען דער תחום, וועלכער לאזט זעהר
אפט דעם יודען נישט וואוינען דארטען, וואו ער וואלט געקענט האבען
חיונה פון זיין פראפעסיע; ווען עס וואלט זיך אויפגעהויבען דער סאצי-
אל-עקאנאמישער מצב פון דער נישט-יודישער בעפעל-
קערונג, ספעציעל פון די פויערים, און דורכדעם וואלט זיך פער-
גרעסערט די האנדעלס- און אבזאץ-מעגליכקייטען פאר די יודישע האנ-
דעלס- און אינדוסטריעלע בעפעלקערונג; ווען דער איינטייל פון די
פראפעסיעס צווישען דער יודישער בעפעלקערונג וואלט געווארען בע-
דייטענד גלייכמעסיגער, אזוי דאס זי זאל אין אפיעל קלענערער מאס
ווי איצט אבהענגיג זיין פון דעם נישט-יודישען מארק; ווען אונטערנעה-
מונגען אין די „איבערגעפילטע" פראפעסיעס ביי יודען וואלטען טעכ-
ניש און קאמערציעל טיעף רעפארמירט געווארען, אזוי דאס זיי זאלען
פיעל מעהר ווי איצט ארבייטען פאר'ן ווייטען מארק, און דערביי
זאלען די יודישע פאבריקאנטען נישט ארויסווארפען זייערע יודישע אר-
בייטער: ווען אין איינער פון דיזע בעדינגונגען וואלט פארגעקומען א
בעדייטענדע ענדערונג, — וואלט שוין אין די „יודישע" פראפעסיעס אויפ-
געהערט זיך צו פיהלען אזא אונערטרעגליכע ענגשאפט, און די יודישע
עמיגראציע פון רוסלענדער מלוכה וואלט אנגעווארען איהר איצטיגע אוי-
סערגעוועהנליכע גרויסקייט. איך רעד שוין נישט פון דעם, דאס ווען
עס וואלטען זיך בעדייטענד געבעסערט די ארבייטס-בעדינגונגען
און דער ארבייטס-לוין, וואלט אויך די יודישע עמיגראציע, ווי די
עמיגראציע פון יעדען פאלק, בעדייטענד קלענער געווארען. און אין וואס
בעשטעהט דען די ראדיקאלסטע רעגולירונג פון דער עמיגראציע, אויב
נישט אין אנווענדען אזעלכע מיטלען, וואס זאלען ברענגען צו דעם, דאס
די בעפעלקערונג זאל וואס וועניגער געצוואונגען זיין צו עמיגרירען?*).

*) מ'דארף, פערשטעהט זיך, נישט צוזאמענמישען דיזע מיטלען, וועלכע מאכען
די עמיגראציע איבעריג, מיט רעפרעסיווע מיטלען, מיט וועלכע מ'וויל צווינגען
די בעפעלקערונג נישט צו עמיגרירען, בעת די עקאנאמישע לאגע איהרע טרייבט זי
אין דער פרעמד. אזעלכע צוואנגס-מיטלען געגען דער עמיגראציע (אין א געוויסען
זין קען אהער צוגערעכענט ווערען אויך דער רוסישער פעסער-סיסטעם) פערשאפען
בלויז אומזיסטע צרות דעם וואס איז גענויטיגט צו עמיגרירען, און צו פערהאלטען
די עמיגראציע זענען זיי וועניג וואס אימשטאנד. דעם בעסטען ביישפיל, ווי וועניג אזעל-
כע צוואנגס-מיטלען זענען בכוח צו פערהאלטען די עמיגראציע, קענען מיר זעהען אין
כינא. א געזעץ פון 1728 יאהר האט ארויפגעלעגט טוידס-שטראף אויף יעדען עמי-
גראנט פון דער מלוכה; דיזער געזעץ איז אבגעשאפט געווארען ערשט אין 1893; פונ-
דעסטוועגען איז די כינעזישע אויסוואנדערונג נאך פריהער געווען אזוי גרויס, דאס
די אויסטראלישע קאלאניעס און די פעראייניגטע שטאאטען האבען געמוזט ביי זיך אנ-
נעהמען ענערגישע מיטלען געגען דער כינעזישער איינוואנדערונג (פון 1876 ביז 1901

דער, וואס וואנדערט נישט, ווערט אבסאלוט בעפרייט אי פון שיף-אגענטען, אי פון גנב'נען דעם גרענעץ, אי פון קאנטראל-סטאנציעס, אי פון דער שיפס-אדמיניסטראציע, אי פון צו זיין נע ונד פון דער היים, אי פון זוכען ארבייט אין אונבעקאנטע סאציאל-קולטורעלע בעדינגונגען, קורץ, פון אלע ליידען, וואס עס שטעהט אויס דער וואנדערער. און דעריבער טאקי דארף מען דעם ראדיקאלסטען סיסטעם פון רעגולירען די יודישע עמיגראציע זעהען אין אזעלכע מיטלען, וועלכע דינען אויפצוהויבען דעם עקאנאמישען מצב פון דער יודישער בעפעלקערונג אין איהרע אלטע וואוינונגס-לענדער.

נור אין דער קאפיטאליסטישער ארדנונג, טאקי צוליב דער פלאנלאזיגקייט, וואס הערשט איןווירטשאפטליכען לעבען, איז אונמעגליך בעוואוסטזיניג, אין א קורצען משך צייט און אין א בעדייטענדער מאס צו ענדערען דעם איינטייל פון די פראפעסיעס ביי דער בעפעלקערונג; פון זיך אליין אבער, ווי מיר האבען שוין אנגעמערקט, ענדערט ער זיך אין א בעדייטענדע מאס זעהר לאנגזאם, אין א משך פון צעהנדליגער יאהרען. און דעריבער טאקי איז און בלייבט ריכטיג, דאס דער מעגליך-ראדיקאלסטער וועג צו דער לעזונג פון דער יודישער עמיגראציאנס-פראגע ליעגט אינ'ם קאמף פאר די יודישע גלייכבערעכטיגונג, פאר די דעמאקראטיזירונג פון דער מלוכה, פאר א ראדיקאלע לעזונג פונ'ם אגראר-קריזיס אין רוסלענדער מלוכה און פאר א בעסערע עקאנאמישע לאגע פונ'ם יודישען ארבייטער-קלאס (די פערקלענערונג אין פערגלייך מיט'ן פאר-יאהר אויף אונגעפעהר 6½ טויזענד פון דער צאהל עקאנאמיש-אקטיווע יודישע אימיגראנטען אינ'ם יאהר 1905—1906, וואס איז פארגעקומען נישט קוקענדיג אויף דעם מבול פאגראמען אין רוסלאנד און אויף די עקאנאמישע אויפבליהונג אין אמעריקא, נור א דאנק דער זיגרייכער שטרייק-בעוועגונג פון יודישען פראלעטאריאט אין יענעם יאהר, — ווייזט אונז קאנקרעט די טיפע ווירקונג פונ'ם פראלעטארישען קאמף אין די אלטע לענדער אויף דעם גאנג פון דער יודישער עמיגראציע). און דעריבער ווידער אויב דאן, בעת אלעמען האט געשיינט, דאס די יודישע גלייכבערעכטיגונג, די אלגעמיינע דעמאקראטיזירונג פון דער מלוכה און די ראדיקאלע לעזונג פונ'ם אגראר-קריזיס זענען גאנץ נאהענט, אויב דאן זענען געווען אזעלכע, וואס פערנומענע מיט'ן פאליטישען און עקאנאמישען קאמף, האבען זיי געקוקט פון אויבען אראב אויף די שטרעבונגען צו רעגולירען די יודישע עמיגראציע אויף אנ'אנדער אופן, ווי קעמפענדיג

האבען פון כינא אויסגעוואנדערט אונגעפעהר 5 מיליאנען מענשען, הויפטזעכליך נאך סיאם, דער מאלאאישען האלב-אינזעל, די מזרח-אינדישע אינזעלען און אויך נאך אמעריקא).

פאר די בעפרייאונג אויף די ערטער, — זענען זיי דאמאלט געוועזען פאלקאם גערעכט: שוין נישט רעדענדיג וועגען די אונגעהויערע בעדייטונג, וואס דיזע בעפרייאונג וואלט געהאט דירעקט אויף די אלגעמיינע לאגע פון דער יודישער בעפעלקערונג אין רוסלענדער מלוכה, נור נעהמענדיג אפילו אין אנבעטראכט בלויז די ענדערונג, וואס די בעפרייאונג וואלט אונדירעקט געבראכט אינ'ם גאנג פון דער יודישער עמיגראציע, האבען זיי געהאט דאס רעכט צו קוקען אויף זייער קאמף, ווי אויף דעם וויכטיגסטען און נעהנטסטען וועג צו א ראדיקאלער רעגולירונג פון דער יודישער אויסוואנדערונג.

זעלבסטפערשטענדליך אבער, דאס ווי לאנג עס בלייבען די בעדינגונגען, וועלכע רופען ארויס די אייגענארטיגע און אונגעוועהנליך-גרויסע יודישע עמיגראציע, ווי לאנג די פראפעסיעס ביי יודען בלייבען אזוי נישט-גלייכמעסיג איינגעטיילט און די ארומיגע סאציאל-פאליטישע בעדינגונגען פערשמעלערען פאר זיי דעם נישט-יודישען מארק, קען קיין רעד נישט זיין וועגען א בעדייטענדער פערקלענערונג פון דער יודישער אויסוואנדערונג.

## קאפ. II.—צי איז מעגליך צו ענדערען די ריכטונג פון דער יודישער עמיגראציע?

נאך דעם, וואס מיר האבען אויבען געזעהען, איז קלאר, אז ווי לאנג די פראפעסיעס וועלען ביי יודען אויף די ערטער בלייבען אזוי נישט-גלייכמעסיג איינגעטיילט, ווי איצטער, וועט דער פראפעסיאנעלער בעשטאנד פון די יודישע עמיגראנטען ווייניג געענדערט ווערען, ווען די יודישע עמיגראציע זאל אפילו בעדייטענד קלענער ווערען דורך די אבשאפונג פון די איבעריגע בעדינגונגען, וואס צוזאמען מיט'ן נישט-גלייכמעסיגען איינטייל פון די פראפעסיעס רופען זיי ארויס די אויסערגעוועהנליכע יודישע עמיגראציע; ווארום אויך אין דער פערקלענערטער עמיגראציע וועלען מיר בלי ספק געפינען מעהר פארשטעהער (הגם אפשר נישט פערהעלטניסמעסיג, נור אבסאלוט) פון יענע פראפעסיעס, מיט וועלכע עס זענען פערנומען ברייטערע שיכטען פון דער יודישער בעפעלקערונג. און ווייניגער מענשען פון יענע בעשעפטיגונגען, וואס פערנעהמען ביי יודען א קליינעם פלאץ. די יודישע עמיגראציע קען אלזא קלענער ווערען און דערביי זאל איהר אייגענארטיגער פראפעסיאנעלער בעשטאנד בלייבען ווייניג געענדערט. די איינציגע זאך, וואס וואלט וועזענטליך געענדערט דעם פראפעסיאנעלען בעשטאנד פון די יודישע וואנדערער, איז א טיפע ענדערונג אינ'ם פראפעסיאנעלען בעשטאנד פון דער יודישער בעפעלקערונג אויף די ערטער. אבער, ערשטענס, ווי מיר האבען עס שוין אויבען אייניגע מאל אנגעמערקט, פאדערט אזא ענדערונג

אין די בעשעפטיגונגען פון דער בעפעלקערונג א משך פון צעהנדליגער יאהרען; און צווייטענס, ווען עס זאל פארקומען א טיפע ענדערונג אינ׳ם פראפעסיאנעלען בעשטאנד פון דער יודישער בעפעלקערונג, ווען די פראפעסיעס זאלען ביי איהר אויפהערען צו זיין נישט־גלייכמעסיג איינגעטיילט, ווען ס׳וואלט פערשוואונדען די שרעקליכע ענגשאפט אין די געגענווערטיג־איבערגעפילטע פראפעסיעס, וועלכע שטעלען צו דעם גרעסטען טייל פון די יודישע וואנדערער, דאן וואלט דאך שוין דורכדעם גופא די יודישע עמיגראציע אנגעווארען איהר איצטיגע אויסערגעוועהנליכע גרויסקייט. ווי לאנג אבער זי בלייבט אזוי אויסערגעוועהנליך שטארק, און נאך מעהר, ווי לאנג עס בלייבען אלע בעדינגונגען, וואס מאכען די יודישע עמיגראציע אזוי בעזונדער גרויס, מוז זי אלזא אויך פערהאלטען איהר געגענווערטיגען פראפעסיאנעלען כאראקטער.

די ריכטונג פון דער יודישער עמיגראציע הענגט אבער אב פון איהר פראפעסיאנעלען בעשטאנד. מיר דארפען אלזא רעכענען, דאס ווילאנג די יודישע עמיגראציע וועט בלייבען ביי איהר געגענווערטיגער גרויס, און אפילו א לאנגע צייט שפעטער, קען איהר ריכטונג נישט געענדערט ווערען. לאזענדיג אן א זייט דאס, וואס וועט פארקומען אין צעהנדליגער יאהרען ארום, וועגען וועלכע מיר האבען קיין שום ידיעה נישט, און בעגרענצענדיג זיך בלויז מיט דער צוקונפט, אין וועלכע מיר קענען פיעל־ווייניג אריינקוקען, הייסט עס קורץ: די ריכטונג פון דער יודישער עמיגראציע קען נישט געענדערט ווערען*).

פון דעם דארף מען, פערשטעהט זיך, נישט מאכען קיין קאריקאטור. דאס הייסט בשום אופן נישט, דאס די יודישע עמיגראציע מוז געהען היקא קיין ניו־יארק און נישט חס ושלום קיין גאלוועסטאן, קיין מאנטרעאל אדער קיין בוענאס־איירעס. אזא שלוס וואלט אין פיעל פאלען (אין אין דער צוקונפט נאך אפטער ווי היינט) געווען דער היפך פון דעם, וואס מיר האבען געזעהען און אנאליזירט ביז איצט.

געוויס פאר די יודישע וואנדערער האט ניו־יארק א גרעסערע צוציהונגס־קראפט, ווי א וועלכער נישט איז אנדער פונקט פון צפון־ אדער דרום־אמעריקא. ערשטענס, איז נישטא נאך איין פונקט אויף דער וועלט,

*) די יודישע עמיגראציע איז אין דער הינזיכט נישט קיין אויסנאהם פון דער געגענווארטיגער עמיגראציע בכלל; פערקעהרט, די געשיכטע פון דער עמיגראציע פון אלע אנדערע אייראפעאישע פעלקער ברענגט אונז אויך צו דעם זעלביגען אויספיהר. אין דער יודישער עמיגראציע געפינען מיר בלויז די בעשטעטיגונג פונ׳ם אלגעמיינעם כלל. עטוואס אויספיהרליכער וועגען דיזען כלל אין ס. ליבמאנס ארטיקעל „די רעגולירונג פון דער יודישער עמיגראציע“ אינ׳ם זאמעלבוך „צייט־פראגען“, II באנד, ז. 61—65.

וואו די אַלגעמיינע איינוואַנדערונג (נישט בלויז די יודישע) זאָל לויט איהר גרויס נאָך זיין חאָטש עהנליך צו דער ניו-יאָרקער איינוואַנדערונג: די נאָכפֿראַגע אויף די פּראָדוקטען פֿון די „יודישע" פּראָפעסיעס איז דעריבער דאָרטען אָהן אַנ'ערך גרעסער, ווי אין אַ וועלכען נישט איז אַנדער פונקט פֿון דעם ערד-קוגעל. צווייטענס, לויט דער צאָהל יודען, וואָס וואוינען דאָרטען, איז ניו-יאָרק דער גרעסטער יודישער צענטער אויף דער גאַנצער וועלט*); קומענדיג אַהין, געפֿינט דער יוד אַרום זיך נאָך אַ שטאַרקערע יודישע סביבה, ווי אין זיין אויסוואַנדערונגס-לאַנד: ער געפֿינט זיך דאָרטען צווישען מענשען, וואָס רעדען זיין שפּראַך; ער געפֿינט יודישע צייטשריפֿטען, ער געפֿינט יודישע טעאַטרען, קאַבאַרעטען און בתי-מדרשים מיט רבנים און אַלע איבעריגע כלי-קודש; קורץ, ניו-יאָרק האָט, אַחוץ זיין עקאָנאָמישע צוציהונגס-קראַפֿט, נאָך די צוציהונגס-קראַפֿט פֿון אַ גרויסען, יודישען קולטורעלען צענטער. דריטענס, האָט כמעט יעדער יוד, וועלכע נישט איז קרובים און גוטע פֿריינד אין ניו-יאָרק; דאָרטען איז דעריבער דעם אימיגראַנט פֿיעל לייכטער צו בעקומען אַ גייסטיגע און מאַטעריעלע שטיצע ביז'ן געפֿינען אַרבייט, ביים אויפֿזוכען אַרבייט און בכלל אין דער ערשטער „גרינער" צייט, — ווי בעת ער וואָלט געוואַנדערט אין אַזעלכע געגענדען, וואו ער האָט נישט קיין קרוב און קיין גואל; און סתם דאָס רוב פֿאָהרען די עמיגראַנטען**) קיין אַמעריקא אויף די הוצאות אָדער פשוט מיט די שיפֿס-קאַרטען, וואָס שיקען זיי זייערע קרובים פֿון אַמעריקא, און ווען זייערע קרובים וואָלטען זיי נישט אַרויפֿגענומען צו זיך, וואָלטען זיי בכלל זיך נישט געקענט ריהרען פֿון אָרט; זיי קענען אַלזאָ פֿאָהרען נור אין די פֿעראייניגטע שטאַאַטען, ספּעציעל אין ניו-יאָרק, וואו עס

*) ניו-יאָרק איז אויך דער גרעסטער אָדער איינער פֿון די גרעסטע צענטרען ביי פֿיעלע אַנדערע פֿעלקער. אַזוי צ. ב. געפֿינט מען אין ניו-יאָרק אירלענדער צוויי מאָל אַזוי פֿיעל ווי אין דובלין (די הויפּט-שטאָדט פֿון אירלאַנד), איטאַליענער מעהרער ווי אין רוים, דייטשען מעהר ווי אין די גרעסטע דייטשע צענטרען חוץ בערלין און וויען, א. ז. וו.

**) אין 1909 פֿון 57.551 יודישע אימיגראַנטען אין די פֿעראייניגטע שטאַאַטען האָבען אַליין בעצאָהלט זייער רייזע-קאַרטע בלויז 22.537, אָדער 39 פּראָצענט; ביי די איבעריגע 61 פּראָצענט זענען די רייזע-קאַרטען בעצאָהלט געוואָרען דורך אַנ'אַנדער פּערזאָן (כמעט אויסשליסליך דורך קרובים). אין 1910 זענען די רייזע-קאַרטען בעצאָהלט געוואָרען דורך קרובים ביי 53 פּראָצענט יודישע איינוואַנדערער און אין 1911 ביי 57 פּראָצענט (לויט די יעהרליכע בעריכטען פֿונ'ם גענעראַל-קאָמיסאַר איבער די איינוואַנדערונג). מ'דאַרף צו דעם צוגעבען, דאָס צווישען די, וואָס האָבען „אַליין" געקויפֿט זייערע רייזע-קאַרטען, זענען געוויס פֿאַראַן זעהר פֿיעל, וועלכע האָבען עס געקויפֿט מיט'ן געלד, וואָס זיי האָבען בעקומען צוגעשיקט פֿון זייערע אַמעריקאַנער קרובים. וואָרום כמעט אַלע יודישע איינוואַנדערער (94 פּראָצענט אין 1909, 95 פּראָצענט אין 1910 און אין 1911) מעלדען דאָס זיי פֿאָהרען צו קרובים.

וואוינען זייערע קרובים. פערטענס, איז ניו-יארק פיעל נעהנטער ווי אנדערע איינוואנדערונגס-פונקטען, ספעציעל ווי ארגענטינא און דרום-אפריקא; די רייזע-קאסטען זענען דעריבער קיין ניו-יארק פיעל קלענער, און זעהר פיעל עמיגראנטען זענען פשוט געצוואונגען צו געהן קיין ניו-יארק, ווייל ס'פעהלט זיי אויף הוצאות צו פאהרען ערגעץ אנדערש וואו. און פינפטענס, ווירקען דא אויף דער ביישפיל און די טראדיציע: מ'געהט קיין ניו-יארק (אדער בכלל אין די פעראייניגטע שטאאטען), ווייל אלע געהען אהין.

ווי מ'זעהט, זענען דאס אלץ זעהר וויכטיגע אומשטאנדען. ס'וואלט אבער געווען א טעות צו מיינען, דאס דיזע אומשטאנדען וועלען שטענדיג שפילען די זעלבע ראלע, וואס היינט, און דאס געגען זיי איז גאר נישטא וואס צו טאהן. ערשטענס, ווי מיר האבען געזעהען, האלט די אלגעמיינע אימיגראציע אין קאנאדא און ארגענטינא אין ראשען וואקסען; עס וואקסט אלזא אין יענע לענדער דורכדעם גופא די נאכפראגע אויף די פראדוקטען פון די „יודישע“ פראפעסיעס און די ציהונגס-קראפט פאר יודישע אימיגראנטען. פון דער צווייטער זייט, הגם איך האלט פאר אונמעגליך, די פעראייניגטע שטאאטען זאלען איינגאנצען אדער כמעט אין גאנצען פערמאכען זייערע פארטען פאר אייראפעאישע עמיגראנטען *), איז אבער זעהר מעגליך און וואהרשיינליך, דאס פאר געוויסע קאטעגאריעס אימיגראנטען וועלען זיי מאכען פיעל גרעסערע שוועריגקייטען ווי ביז איצט; א געוויסער, הגם איך רעכען, אז נישט קיין בעזונדער גרויסער טייל פון די יודישע וואנדערער וועט דורכדעם זיך ווענדען צו אנדערע איינוואנדערונגס-לענדער. אחוץ דעם, ענטשטעהען מיט דער צייט בעדייטענדע יודישע צענטרען אויך אין געוויסע שטעדט פון קאנאדא, ארגענטינא און דרום-אפריקא; ס'וואקסט די צאהל יודען, וואס האבען דארטען קרובים און וואס קריגען פון דארטען צוגעשיקט אויף הוצאות הדרך (און דיזע הוצאות ווערען אגב מיט דער צייט אויך קלענער); און עס הערט אויף צו זיין א זעלטענע ערשיינונג דאס עמיגרירען אין יענע געגענדען. קורץ, הגם אין א פיעל קלענערער מאס, ווי אין די פעראייניגטע שטאאטען און ספעציעל אין ניו-יארק, אבער דאך ווערען אין געוויסע אנדערע געגענדען בעשאפען אזעלכע בעדינגונגען, וואס ציהען-צו יודישע אימיגראנטען, און דיזע בעדינגונגען ווערען מיט דער צייט נאך שטארקער און איינפלוסרייכער.

מיט פלאנמעסיגער ארגאניזירטער טעטיגקייט און הויפטזעכליך מיט דער הילף פון זעהר גרויסע פינאנציעלע מיטלען איז מעגליך דיזע ציהונגס-בעדינגונגען נאך צו פערשטארקען. דורך ברייטע אינפארמירונג-

*) עטוואס ברייטער וועגען דעם ביי פ ליבמאן, ציטירטער ארטיקעל, ז. 62—64.

גען (מינדליכע און דורך געדרוקטע אויסגאַבען) קען מען גענויער באַקאַנט מאַכען די מאַססע, וואָס איז גרייט צו עמיגרירען, וועגען די אַרבייטס-בעדינגונגען אין די לענדער, וואו ס'איז פֿאַראַן אַ וואַקסענדע נאָכפֿראַגע אויף די פּראָדוקטען פֿון די „יודישע" פּראָפֿעסיעס; דורך שפּראַך-קורסען פֿאַר דערוואַקסענע אין דער היים, אויפ'ן שיף אָדער אויף די נייע ערטער קען מען לייכטער מאַכען דאָס איינאָרדנען זיך אין דיזע געגענדען; דורך פֿערבינדונגען מיט די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿעראיינען פֿון יענע מדינות קען מען דעם וואַנדערער ערלייכטערען דאָס געפֿינען אַרבייט און אָבשוואַכען די פֿרעמדקייט פֿון דער נייער סביבה; דורך אָבמאַכען מיט די שיף- און באַהן-געזעלשאַפֿטען קען מען בעקומען ראַבאַט אויף די פּרייזען פֿון דער רייזע פֿאַר די עמיגראַנטען, וואָס געהען אין יענע געגענדען; עס קענען אויך געשטיצט ווערען די קולטורעלע אונטערנעהמונגען פֿון די איינגעוואַנדערטע א. ז. וו. — אין הגם נאָך אַלעם דעם וועט קאַנאַדאַ, אַרגענטינא אָדער דרום-אַפֿריקא פֿאָרט בלייבען ווייטער ווי די מזרח-שטאַאַטען פֿון דער צפֿון-אַמעריקאַנישער רעפּובליק; הגם די קולטורעלע ציהונגס-קראַפֿט פֿון די שטעדט אין דיזע לענדער וועט בלייבען קלענער ווי די ציהונגס-קראַפֿט פֿון ניו-יאָרק אָדער טשיקאַגאָ; הגם די אַ ל ג ע מ י י נ ע איינוואַנדערונג (און דורכדעם אויך די נאָכפֿראַגע אויף אַרבייטער פֿון די „יודישע" פּראָפֿעסיעס) וועט נאָך אויך זעהר לאַנג בלייבען אין די פֿעראייניגטע שטאַאַטען שטאַרקער, ווי אין אַנדערע לענדער. — פֿונדעסטוועגען איז בשום אופֿן נישט אויסגעשלאָסען, דאָס אַ בעדייטענדער טייל פֿון דער יודישער עמיגראַציע זאָל געהען אויך קיין אַרגענטינא, קאַנאַדאַ און אַנדערע געגענדען, וואוהין עס ציהט זיך געגענוואַרטיג אַ גרויסע אַ ל ג ע מ י י נ ע איינוואַנדערונג, און עס קען דעריבער קיים זיין אַ ספֿק, דאָס אין דער צוקונפֿט וועט דער טייל יודישע עמיגראַנטען, וואָס פֿאָהרען אין דיזע לענדער, זיין פֿיעל בעדייטענדער ווי היינט. אַ פּלאַנמעסיגע טעטיגקייט אין דיזער הינזיכט קען אַלזאָ בעשטימט האָבען געוויסע רעזולטאַטען *).

*) די טענות וועגען די א י ב ע ר ג ע פֿ ו ל ט ק י י ט פֿון די אַלטע איינוואַנדערונגס-צענטרען, ווי ניו-יאָרק און טשיקאַגאָ, זענען בלי ספק אין אַ געוויסער מאָס איבערטריבען. וועגען דעם, אַז ניו-יאָרק איז שוין „איבערגעפֿולט" מיט יודען און אַז מעהר איז שוין אייגענטליך דאָרטען פֿאַר זיי קיין פּלאַץ נישטאָ, טענה'ט מען ביי אונז וויינציגסטענס שוין זייט אַ יאָהר צעהן, און פֿונדעסטוועגען איז דאָרטען די יודישע בעפֿעלקערונג פֿאַר דער צייט געוואָרען לכל הפּחות דריי מאָל אַזוי גרויס ווי פֿריהער. נישט קוקענדיג אויף די „איבערגעפֿולטקייט" האָט זיך אַלזאָ אין ניו-יאָרק געפֿונען אַ סך מעהר פּלאַץ פֿאַר יודען, ווי מען האָט בערעכענט. ווי אַזוי איז דאָס געשעהען?—געוויס, ווען זייט 10 יאָהר וואָלטען קיין נוי-יאָרק עמיגרירט ב ל ו י ז יודען, דאַן וואָלט שוין ניו-יאָרק לאַנג געווען איבערגעפֿולט מיט זיי און זיי וואָלטען דאָרטען נישט געקאָנט עקזיסטירען; אונטער דער צייט האָבען אָבער אַהין אימיגרירט מיליאָנען נישט-יודען, און דורכדעם איז

נור ווײַבאַלד אַזוי, ווערט עמיצער אַ פֿראַגע מאַן, ווײַבאַלד עס איז מעגליך, דאָס די יודישע עמיגראַציע זאָל אין אַ בעדײַטענדער מאָס אָנהויבען געהען מיט אַנאַנדער וועג ווי ביז איצט; ווײַבאַלד עס איז מעגליך בעוואוסטזיניג מיטצווירקען צו דיזער ענדערונג אין דער ריכטונג פֿון דער יודישער עמיגראַציע, — הײַנט פֿאַרוואָס איז נישט מעגליך דאָס מ'זאָל אויסעקפֿירען דעם יודישען וואַנדערער-שטראָם אַהין, וואו מיר געפֿינען נור פֿאַר נוצליך פֿונ'ם נאַציאָנאַל-טעריטאָריאַליסטישען שטאַנדפּונקט? אויב ס'איז מעגליך אַ בעדײַטענדען טייל פֿון דער יודישער עמיגראַציע אָבצוציהען פֿון ניו-יאָרק קײַן גאַלוועסטאָן אָדער אַפֿילו פֿון די פֿעראייניגטע שטאַאַטען קײַן קאַנאַדאַ און פֿון צפֿון-אַמעריקא קײַן אַרגענטינא, טאָ פֿאַרוואָס איז אונמעגליך אָבצוציהען זי פֿון אַמעריקא קײַן אויסטראַליען, אַנגאָלאַ, קירענאַאיק, אַנגאָלאַ, מעסאָפּאָטאַמיען אָדער פּאַלעסטינא? ווײַבאַלד עס איז מעגליך אין אַ געוויסער מאָס צו קירעווען דעם עמיגראַציאָנס-שטראָם, פֿאַרוואָס זשע איז אונמעגליך בכלל איהם צו בעהערשען? וואָס איז דען דאָ דער אונטערשייד? „אָט דאָס איז טאַקי דער אונטערשיעד פֿון בעהערשען צו רעגולירען", שרײַבט ה' באָראָכאָוו: „בעהערשען בעדײַטעט מעהר מאַכט, רעגולירען — וועניגער מאַכט, בעהערשונג איז די ווײַטערדיגע און העכערע שטופֿע פֿון דער רעגולירונג; דער אונטערשיעד איז אין כמות, און נישט אין איכות. רעגולירען הייסט שוין טיילווײַז בעהערשען" *).

דאָרטען געשאַפֿען געוואָרען אַלץ נײַע און נײַע אײַנוואַנדערונגס-מעגליכקײַטען פֿאַר יודען — בעצם אָבער מוז צוגעגעבען ווערען, דאָס די צוציהונגס-קראַפֿט פֿון ניו-יאָרק פֿאַר יודישע אײַנוואַנדערער איז באמת שוואַכער געוואָרען, מיר קענען זיך אין דעם איבערצײַגען פֿון פֿאָלגענדע ציפֿער:

פֿון 100 יודישע אימיגראַנטען אין די פֿעראייניגטע שטאַאַטען זענען געפֿאָהרען קײַן ניו-יאָרק: אין 1899—70; אין 1900—72; אין 1901—68; אין 1902—69; אין 1903—67; אין 1904—65; 1905—64; 1906—62; 1907—63; 1908—61; 1909—60; 1910—62. בעת אין אָנפֿאַנג פֿון די לעצטע 12 יאָהר פֿלעגט ניו-יאָרק צוציהען אונגעפֿעהר 70 פּראָצענט פֿון אַלע יודישע אימיגראַנטען פֿון די פֿעראייניגטע שטאַאַטען, צעהלט זי צום סוף פֿון דיזען פּעריאָד בלויז אונגעפֿעהר 60 פּראָצענט פֿון דיזע וואַנדערער. און באמת האָבען די יודען געהאַט געבילדעט אַ צו הויכען פּראָצענט פֿון די אײַנוואַנדערער אין ניו-יאָרק, און מיט דער צײַט האָט דיזער פּראָצענט געמוזט קלענער ווערען. אין דער ווירקליכקײַט זעהען מיר, דאָס אין 1899 בילדען די יודען 23 פּראָצענט פֿון אַלע ניו-יאָרקער אימיגראַנטען, אין 1900—28 פּראָצענט, אין 1901—24 פּראָצענט; אין 1909 — בילדען זיי בלויז 16 פּראָצענט פֿון די ניו-יאָרקער אימיגראַנטען און אין 1910—$18\frac{1}{2}$ פּראָצענט. ווי מיר זעהען, בילדען די יודען נאָך איצט אַ זעהר הויכען פּראָצענט צווישען די אימיגראַנטען אין ניו-יאָרק, און דיזער הויכער פּראָצענט (און נישט די גרויסע אַבסאָלוטע צאָהלען) בעשאַפֿט אין ניו-יאָרק ווירקליך אַ געוויסע איבערגעפֿילטקײַט פֿון יודען.

*) באָראָכאָוו'ס בראָשור: „די יודישע-עמיגראַציאָנס-פּאָליטיק" (קראָקוי, 1911) זז. 36—37.

אין פּלוג זעהט עס טאַקי אַזוי אויס, באמת איז דאָס אָבער אַ גרויסער טעות. די מעגליכקייט פֿאַר אַ בעדייטענדען טייל פֿון די יודישע וואַנדערער צו געהען קיין קאַנאַדאַ אָדער אַרגענטינאַ איז בעשאַפֿען געוואָרען דורכדעם, וואָס עס איז אויסגעוואַקסען און עס וואַקסט די אַלגעמיינע איינוואַנדערונג אין דיזע לענדער; און די מעגליכקייט אַהין צו וואַנדערען איז פֿאַראַן און קען זיין פֿאַר די יודישע עמיגראַנטען בלויז אויף אַזוי פֿיעל, אויף וויפֿיעל זיי בילדען אַ קליינע מינדערהייט צווישען די נישט-יודישע אימיגראַנטען, וועלכע שטעלען פֿאַר אַ ברייטען אין וואַקסענדען מאַרק פֿאַר'ן אָבזאַץ פֿון זייערע פּראָדוקטען.

אויב מיר זאָלען אַפֿילו זיין אימשטאַנד אָבצוציהען אַ בעדייטענדען טייל פֿון דעם יודישען וואַנדערער-שטראָם פֿון די פֿעראייניגטע שטאַאַטען צו אַנ'אַנדער לאַנד, וואו ס'איז אויך פֿאַראַן אַ ברייטער מאַרק פֿאַר די פּראָדוקטען פֿון די „יודישע" פּראָפֿעסיעס, איז אָבער לחלוטין אוממעגליך, אַפֿילו ביי דער אָנווענדונג פֿון די גרעסטע פֿינאַנציעלע מיטלען, אָבצוציהען דעם וואַנדערער-שטראָם אַהין, וואו קיין גרויסע אַלגעמיינע איינוואַנדערונג איז נישטאָ, און נאָך מעהר אַהין, וואו ס'איז אַפֿילו קיין בעדייטענדע אָרטיגע בעפֿעלקערונג אויך נישט פֿאַראַן, אין אַ וויסטע אָדער אַ האַלב-וויסטע מדינה. וואָרום נישט דאָרטען איז דעם יודישען שניידער אָדער דעם יודישען הענדלער ענג, וואו עס איז פֿאַראַן אַ זעהר גרויסע אָרטיגע בעפֿעלקערונג, וועלכע איז בעשעפֿטיגט מיט אַנדערע פּראָפֿעסיעס, ווי ער, — דאָרטען האָט ער גראָד אַ ברייטען פּלאַץ פֿאַר זיין אַרבייט, און דאָרטען לעבט זיך איהם גראָד זעהר געראַם; נור דאָרטען איז איהם ענג דערשטיקט צו ווערען, וואו די בעפֿעלקערונג, ווי קליין און שיטער זי זאָל נישט זיין, וואָלט זיך בעשעפֿטיגען כמעט אויסשליסליך מיט די זעלבע פּראָפֿעסיעס, וואָס ער: אין אַזאַ געגענד קען ער זיין פֿוס נישט שטעלען, פֿון אַזאַ געגענד מוז ער לויפֿען. ביי אַזעלכע בעדינגונגען איז קלאָר, דאָס שטרעבען צו „בעהערשען" די יודישע עמיגראַציע, צו קירעווען זי אין אַזעלכע געגענדען, וואו ס'איז נישטאָ קיין גרויסע אַלגעמיינע איינוואַנדערונג, קירעווען זי אין אַזעלכע געגענדען, וואו די יודישע בעפֿעלקערונג זאָל נישט האָבען אַרום זיך אַ גרויסע מעהרהייט פֿון נישט-יודען, ספּעציעל נאָך קירעווען זי אין אַ פּוסטע אָדער כמעט-פּוסטע מדינה, איז פּונקט אַזאַ אַוואַנטורע, ווי וועלען אומקירעווען דעם שטראָם פֿון אַ טייך פֿון די נידעריג-ליגענדע געגענדען צו העכער-געלעגענע, ווי וועלען אומקירעווען די ריכטונג פֿונ'ם דניעפּר פֿון דרום צו צפֿון אָדער דעם ווייכסעל פֿון צפֿון צו דרום.

## קאַפּ. III.—די געוועהלטע קאָלאָניזאַציע אַלס ענטפער אויף די עמיגראַציאָנס־פראַגע.

די אונמעגליכקייט אינגאַנצען צו ענדערען די ריכטונג פֿון דעם יודישען וואַנדערער־שטראָם און אַוועקצופֿיהרען איהם אין אַ פּוסטע מדינה איז איבערגענס דורך דער פּראַקטיק גופא שוין אַזוי קלאָר געוואָרען, דאָס די בעוואוסטזיניגערע טעריטאָריאַליסטען טראַכטען שוין אַליין איך ווייניג וועגען דעם. דערפֿאַר אָבער האַלטען זיי פֿאַר מעגליך צו בעשאַפֿען אַ יודישע טעריטאָריע, ענדערענדיג די ריכטונג נישט פֿונ'ם גאַנצען וואַנדערער־שטראָם, נור פֿון אַ בעשטימטען קליינעם טייל פֿון דער וואַנדערענדער מאַסע. לויט זייער מיינונג, דאַרף מען שטרעבען אָבצורייסען פֿון דעם עמיגראַציאָנס־שטראָם אַ געוויסען פּאַסענדען עלעמענט, אַ קליינעם טייל, זעהען איהם צו בעזעצען אין אַ נייעם לאַנד, אויף אַ ווייניג־בעוואוינטער טעריטאָריע, דורך איהם קאָלאָניזירען דאָס לאַנד און אויף אַזאַנאַרט פֿערוואַנדלען עס אין אַ יודישע מדינה.

פֿון פֿאָראויס קען מען אין דעם קיין אונמעגליכע זאַך נישט איינזעהען. ווי מיר האָבען אויבען געזעהען, האָבען אין פֿערלויף פֿון די לעצטע 12 יאָהר איינגעוואַנדערט אין די פֿעראייניגטע שטאַאַטען 12.468 יודישע ערד־אַרבייטער. געוויס בילדעט דער לאַנדווירטשאַפֿטליכער עלעמענט אַ גאַנץ קליינטשקען טייל פֿון דער גאַנצער יודישער אימיגראַציע: בסך הכל פֿאַר די 12 יאָהר בלויז צוויי פּראָצענט פֿון אַלע עקאָנאָמיש־אַקטיווע יודישע אימיגראַנטען. אָבער די דאָזיגע 12½ טויזענד ערד־אַרבייטער האָבען גאָר נישט געמוזט אונבעדינגט אימיגרירען דוקא אין די פֿעראייניגטע שטאַאַטען; זיי וואָלטען טאַקי געקענט זיך בעזעצען אויך אין אַזעלכע געגענדען, וואו קיין בעפֿעלקערונג איז נאָך כמעט נישטאָ און וואו פֿרייע ערד איז נאָך פֿאַראַן לרוב.

בכלל קען מען אַלזאָ האַלטען פֿאַר מעגליך אָבצוציהען אַ קליינעם טייל עמיגראַנטען פֿון דעם אַלגעמיינעם גאַנג פֿון דער מאַסען־עמיגראַציע און צו בעזעצען איהם ערגעץ אַנדערש וואו. די יודישע דערפֿער, אָדער „קאָלאָניעס“, אין פּאַלעסטינא, אַרגענטינא און קאַנאַדא זענען אויך אַ פֿאַקט, וואָס ווייזט אונז, דאָס אויב עס איז אונמעגליך צו ענדערען דעם גאַנג פֿון דעם עמיגראַציאָנס־שטראָם אין זיין גאַנצער גרויס, איז פֿאָרט מעגליך אָבצורייסען פֿון איהם אַ געוויסען קליינעם עלעמענט און אָבפֿיהרען עס ערגעץ אָן אַ זייט.

נור, ווי יעדערער פֿערשטעהט, כדי עס דורכצופֿיהרען אין לעבען, אויף צו־צוציהען די עמיגראַנטען אין אַ פּוסט לאַנד, אויף צו שאַפֿען זיי גענוג ערד, בהמות, אינסטרומענטען, זאַט, דירות און לעבענסמיטעל, ביז זיי הויבען עטוואָס אָן צו בעקומען פֿון זייער ערד, — צו

צוליעב דעם פֿאָדערען זיך קאָלאָסאַלע, אונגעהויער־גרויסע געלד־מיטלען. אין די לענדער, וואָס פֿאַרנעהמען זיך מיט קאָלאָניאַל־פּאָליטיק, קען די מ ל ו כ ה אַסיגנירען די נויטיגע צעהנדליגע און הונדערטע מיליאָנען, און די מלוכה קען אויך נעהמען אויף זיך אָנצופֿיהרען די קאָלאָניזאַציאָנס־טעטיגקייט. בײַ יודען אָבער קען אַזאַ מין קאָלאָניזאַציע געפֿיהרט ווערען נור אויף צוויי אופֿנים: אויף פ י ל אַ נ ט ר אָ פּ י ש ע אָדער אויף ק אַ פּ י ט אַ ל י ס ט י ש ע יסודות. אין דעם ערשטען פֿאַל, ווערען די נויטיגע געלד־מיטלען געשאָנקען דורך רײַכע פּערזאָנען, וואָס זוכען אין דער קאָלאָניזאַציע קײן דירעקטען רווח נישט. אין צווייטען פֿאַל, ווערען געשאַפֿען די נויטיגע מיליאָנען דורך פּערזאָנען, וועלכע שטרעבען צו קאָלאָניזירען אַ געוויסע געגענד אויף אַזאַן אַרט, זיי זאָלען פֿון דעם בעקומען רווח.

נור אַזוי אָדער אַזוי, צי די קאָלאָניזאַציע ווערט געפֿיהרט אויף פֿילאַנטראָפּישע אָדער אויף קאַפּיטאַליסטישע יסודות, אויף איין זאַך מיז באַלד ווערען אויפֿמערקזאַם געמאַכט. דורך דיזער טעטיגקייט ווערט רעגולירט נישט די וואַנדערונג פֿון דער ברייטער עמיגרירענדער מאַסע, נור פֿון אַן אויסערסט־קליינעם טייל איהרען, וואָס מען רײַסט אָב פֿונ׳ם אַלגעמיינעם עמיגראַציאָנס־שטראָם. די בעוועגונג פֿון דעם גאַנצען עמיגראַציאָנעם שטראָם, פֿון דער אונגעהויערער עמיגרירענדער מאַסע, ווערט דורך אַזאַ מין רעגולירען די עמיגראַציע לחלוטין גאָרנישט רעגולירט. — דאָס איז איינס.

צווייטענס, לאָזענדיג אָן אַזײַט די קאַפּיטאַליסטישע קאָלאָניזאַציע, וועלכע האָט בײַ הײַנטיגען טאָג בײַ אונז נישט קײן אַקטועלע בעדײַטונג *), מוז מען נאָך בעמערקען, דאָס די פֿילאַנטראָפּישע קאָלאָניזאַציע ליעגט בכלל אויסער דער ספֿערע פֿון די מאַסען־אָרגאַניזאַציעס און פֿון דער מאַסען־טעטיגקייט, בעזונדער אויסער דער אָרגאַניזאַציע און דער טעטיגקייט פֿון דעם אַרבײַטער־קלאַס. אויב אַ קאַפּיטאַליסט גיעט אַ נדבה, פֿרעגט ער דערבײַ, פֿערשטעהט זיך, קיינעם קײן דעות נישט, און דער אַרבײַטער־קלאַס קען איהם אויך קײן דעות נישט זאָגען; ווייל דער מיליאָנער, פֿערקעהרט, קײן נדבה נישט געבען, קען מען איהם אויך נישט צווינגען, צו ווערען אַ פֿילאַנטראָפּ, און אויף וואָס פֿאַר אַן אופֿן אָנצו־ווענדען זײַן פֿילאַנטראָפּיע. מיר מעגען קריטיקירען די פֿילאַנטראָפּיע, איהר אָנווענדונג א. ד. גל., מיר קענען זי לויבען אָדער טאַדלען. קריטיקירענדיג די פֿילאַנטראָפּישע טעטיגקייט פֿון די מיליאָנערען, מאַכט דער אַרבײַטער נור קלאָר פֿאַר זיך אַליין, פֿאַר דער ברייטער מאַסע, דעם ווערטה פֿון דיזער טעטיגקייט; אָבער אויף זיי, אויף די מיליאָנערען, האָבען מיר אין אַלל־

*) װעגען קאַפּיטאַליסטישע קאָלאָניזאַציע זעה: ל י ב מ אַ ן, ציטירטער אַר־טיקעל זז. 72—75.

כע פֿאַלען קײן שום מיטעל נישט צו װירקען. נישט מיר גיבען די מיליאָנען, און נישט מיר האָבען איבער זײ צו שאַפֿען; און נור האַלב־רויהע מותות האָבען זיך געקענט דערערדען ביז צו אַזעלכע „טעאָריעס", װי פֿיהרען אַ קלאַסען־קאַמף געגען דער פֿילאַנטראָפּיע. די רעגולירונג פֿון דער יודישער עמיגראַציע דורך פֿילאַנטראָפּישע קאָלאָניזאַציע ליעגט אַלזאָ בכלל אויסער אונזער רשות.

און אויף אַזאַנאַרט, בעת בײַ אונז שטעהט די פֿראַגע װעגען רעגולירען די יודישע עמיגראַציע, בעת די אַרבײַטער־אָרגאַניזאַציעס פֿרעגען זיך, װאָס זײ האָבען צו טאָן, אין װאָס בעשטעהט זײער אויפֿגאַבע בנוגע צו דער עמיגרירענדער יודישער פּראָלעטאַרישער און האַלב־פּראָלעטאַרישער מאַסע, דאַן, פֿערשטעהט זיך, איז די פֿילאַנטראָפּישע קאָלאָניזאַציע סתם קײן ענטפֿער נישט אויף די פֿראַגע. — דאָס איז צװײ.

און דריטענס, װײַבאַלד, אַז מיר רעדען שוין יאָ װעגען די יודישע קאָלאָניזאַציע, שאַדט עס טאַקי נישט אָנצומערקען (פֿאַר אונז גופֿא, פֿערשטעהט זיך, און נישט כדי צו װירקען איף די מיליאָנערען), דאָס, אויך זי פֿיהרט בשום אופֿן נישט און קען נישט פֿיהרען צו דער שאַפֿונג פֿון אַ יודישער מדינה, און דאָס אויך די קאָנצענטרירטע יודישע קאָלאָניזאַציע האָט דעריבער נישט און קען נישט האָבען יענע גרויסע, אַלגעמײן־נאַציאָנאַלע בעדײַטונג, װאָס די טעריטאָריאַליסטען װילען איהר צושרײַבען. װאָרום װען מיר זאָלען שוין אַפֿילו אָננעהמען, דאָס עס װעט זיך ערגעץ יאָ אַרויסװײַזען פֿאַר מעגליך צו קאָנצענטרירען די יעניגע עלעמענטען פֿון דער יודישער עמיגראַציע, װאָס טויגען צו קאָלאָניזירען אַ פּוסטע מדינה, ד. ה., אויב עס װעלען געשאַפֿען װערען די אונגעהויערע פֿינאַנציעלע מיטלען, װאָס פֿאָדערען זיך צו דעם; אויב עס װעט געפֿונען װערען אַ געראַמע, פֿרוכטבאַרע, געזונטע און דערבײַ פּוסטע מדינה, װאו מ'זאָל קענען בעזעצען מאַסען יודישע קאָלאָניסטען אָהן שטערונגען פֿון דער אָרטיגער מלוכה, — דאַן דאַרף מען דאָך נישט פֿערגעסען, אַז נישט בלויז יודען װעלען אַהין פֿאָהרען, נור אַנדערע פֿעלקער אויך; װאָרום ניט בלויז יודען װאַנדערען דאָך בײַ היינטיגער צײַט, נור אויך פֿיעלע אַנדערע פֿעלקער; בײַ געװיסע פֿון זײ איז די צאָהל װאַנדערער נאָך גרעסער װי בײַ יודען; און בעזונדער װיכטיג דערבײַ איז דאָס, װאָס בײַ אַלע פֿון זײ איז שטענדיג אָהן אַנ'ערך גרעסער װי בײַ יודען דער טײל װאַנדערער, װעלכער טויג צו קאָלאָניזירען פּוסטע געגענדען: מ'דאַרף דאָך ניט פֿערגעסען, אַז די גרעסטע מעהרהײַט פֿון די ניט־יודישע װאַנדערער, אַ מעהרהײַט, װעלכע דערגרײכט בײַ די מזרח־ און דרום־אײראָפּעאישע פֿעלקער ביז פֿיער פֿינפֿטעל און אָפֿט־מאָל אַפֿילו ביז נײַן צעהנטעל פֿון די עמיגראַנטען, בעשטעהט פֿון דאָרפֿס־

לייט. צווישען די אייראפעאישע לאנדווירטשאפטליכע וואנדערער פון אונזער צייט קומט־אויס אונגעפעהר אויף 2 יודען 1.000 ניט־יודען. כדי דאס לאנד פון דער יודישער קאלאניזאציע זאל ביי אזעלכע בעדינגונגען ווערען א יודישע מדינה, וואלט מען אלזא געמוזט פערבאטען די איינוואנדערונג אהין פון אנדערע פעלקער. דאס וואלט אפשר די ארטיגע מלוכה געטאן, ווען זי וואלט געזעהען פאר זיך א געפאהר אין דער איינוואנדערונג פון פארשטעהער פון פערשידענע אומות, ווען דורך דיזע איינוואנדערונג וואלט, צ. ב. די הערשענדע ארטיגע בעפעלקערונג געקענט אנווערען איהר מאכט און איהר ווירקונג. אבער אז די ארטיגע מלוכה וועט ארויסגעבען ספעציעלע בעגרענצונגען פאר אלע אנדערע פעלקער, ארויסרופען קאנפליקטען מיט זיי, שטערען דעם וואוקס פון דער בעפעלקערונג און דורכדעם אויך דעם עקאנאמישען אויפשוואונג פון דער מדינה, כדי צו בעשאפען מיט איגענע הענד אויף איהר טעריטאריע א יודישלאנד, וואס זאל נאכדעם שטרעבען צו ווערען זעלבסטשטענדיג, דאס איז, פערשטעהט זיך, א פשוט'ער אבסורד.

נור אויב אזוי, אויב קיין „גרויסע אלגעמיין־נאציאנאלע בעדייטונג“ קען די יידישע קאלאניזאציע נישט האבען, בלייבט אלזא נישט מעהר ווי דאס. וואס א געוויסע צאהל, אין בעסטען פאל עטליכע צעהנדליג טויזענד, יודען וועלען דורך איהר ארויסגעצויגען ווערען פון נויט און פון דתקות. געוויס האט דאס אויך א בעשטימטען ווערטה. אבער מיט די פיעלע הונדערטער מיליאנען, וועלכע זענען נויטווענדיג אויף איינצוארדנען אלס קאלאניסטען אין א וויסטער מדינה עטליכע צעהנדליג טויזענד יודען, וואלט מען אויף אנדערע וועגען, צופאסענדיג זיך צו די בעדערפענישען פון דער יודישער בעפעלקערונג אויף די ערטער אדער צו איהר איגענעם וואנדערונגס־גאנג, געקענט פערשאפען אהן אנ'ערך מעהר נוצען דער פעראָרעמטער יודישער מאסע. אין איינצעל גענומען, קען מען, צ. ב. זאגען, דאס מיט די לעכערליך־קליינע געלד־מיטעל, וואס יק"א האט געקאסט דאס שטיצען די יודישע קרעדיט־פעראיינען אין רוסלאנד, אדער אפילו וואס קאסט איהר דאס אויסהאלטען די אינפארמאציאנס־ביורא'ס (וועלכע זענען נאך, ווי בעוואוסט, זעהר ווייט פון פאלקאמענהייט) האט זי אהן אנ'ערך מעהר נוצען געבראכט דער ארעמער יודישער בעפעלקערונג אינ'ם תחום, אהן אנ'ערך מעהר מיטגעווירקט צו רעגולירען די יודישע עמיגראציע און אויסבעסערען די עקאנאמישע לאגע פון די וואנדערער, ווי מיט אלע איהרע „קאלאניעס“.

## קאפ. IV.—די עמיגראציאנס־פראגע אנ'ארבייטער־פראגע.

אלזא נישט אבצוקירעווען אן א זייט דעם גאנצען עמיגראציאנס־שטראם, און נישט צו פערפיהרען אין א פוסטע מדינה אפילו נור א

קליינגעשקען טייל, אַנ'אויסגעקליבענעם עלעמענט פֿון דער וואַנדערענדער מאַסע, דאַרף שטרעבען די רעגולירונג פֿון דער יודישער עמיגראַציע, נור קעמפֿען געגען די בעדינגונגען, וואָס רופֿען־אַרויס אַזאַ בעזונדער־שטאַרקע אויסוואַנדערונג ביי יודען, פֿערלייכטערען דעם יודישען וואַנדערער צו געהען מיט יענעם וועג, וואו עס איז פֿאַראַן די גרעסטע נאָכפֿראַגע אויף זיין אַרבייט, און בכלל זעהען צו פֿערלייכטערען ווי ווייט מעגליך די לאַגע פֿונ'ם וואַנדערער, סיי אויף דער רייזע, סיי אין זיין נייעם היים; אַנדערש געזאָגט, פֿון איין זייט, קעמפֿען געגען די סבות, וואָס פֿערשטאַרקען די יודישע עמיגראַציע, און פֿון דער צווייטער, זעהען ווי ווייט מעגליך צו בעזייטיגען די שטערונגען, וועלכע פֿערשאַפֿען אומזיסטע פיין דעם, וואָס איז שוין געצוואונגען צו וואַנדערען, בעזייטיגען ווי ווייט מעגליך יענע שטערונגען, וואָס די עמיגראַציאָנס־בעוועגונג געפֿינט אויף איהר נאַטירליכען וועג.

דיזע שטערונגען זענען זעהר ערנסטע און פֿיעל־פֿאַכיגע. נעהמט דעם היינטיגען מאַסאָווען יודישען עמיגראַנט. ס'איז שווער צו געפֿינען אַ מענשען אין אַ מעהר הילפֿסלאָזער און שוצלאָזער לאַגע, ווי ער געפֿינט זיך. דעם וועג, דעם מאַרשרוט, מיט וועלכען ער האָט צו פֿאָהרען, קען ער זעהר ווייניג. די געזעצען, וואָס זענען פֿערבונדען מיט דער אויס־, איין־ און דורכוואַנדערונג, זענען איהם נאָך ווייניגער בעקאַנט. די פּרייזען, די הוצאות הדרך, וואָס קאָסט אַ בילעט, אַ שיפֿס־קאַרטע, אַנ'אַכסניא א. ד. גל. וויס ער ווידער זעהר נישט גענוי. וועגען דעם צושטאַנד פֿון דעם אַרבייטס־מאַרק אין דעם איינוואַנדערונגס־לאַנד האָט ער, פֿערשטעהט זיך, אויך נור אַ גאַנץ קנאַפּע ידיעה. ער פֿאָהרט טאַפּענדיג, אַזוי צו זאָגען, האַלטענדיג זיך פֿאַר דער פֿאָלע פֿון די פֿריהערדיגע וואַנדערער, נישט וויסענדיג גענוי נישט וואוהין, נישט ווי און נישט ווען איז פֿאַר איהם אַם בעסטען צו עמיגרירען. אַחוץ דעם, די שפּראַך פֿון די לענדער, דורך וועלכע עס קומט איהם אויס צו פֿאָהרען, קען ער אויך נישט; ער ווערט אויף אַזאַנ'אַרט מיט אַמאָל פֿערוואַנדעלט אין אַ שטומע בעשעפֿעניש. און דאָ ציהען אַרום איהם פֿונאַנדער זייערע פֿערברעכערישע נעצען אַ גאַנצע רייהע חברה־לייט, וואָס זוכען צו פֿאַנגען פֿיש אין מוטנעם וואַסער. אָט די דאָזיגע חברה־לייט, אָנהויבענדיג פֿון די גרויסע קאַפּיטאַליסטישע טראַנספּאָרט־געזעלשאַפֿטען און ענדיגענדיג מיט די גנבישע סוב־אַגענטען, צאַפּען־אויס פֿונ'ם עמיגראַנט נישט נור זיין לעצטען גראָשען, נור אויך זיין לעצט ביסעל געזונד און אַמאָל אַפֿילו בוכשטעבליך זיין לעצטען טראָפּען בלוט. און ביי אונז, אין רוסלאַנד, ביי דער ספּעציעל־רוסלענדער רעכטלאָזיגקייט פֿון די ברייטע מאַסען, איז, פֿערשטעהט זיך, די לאַגע פֿונ'ם עמיגראַנט נאָך בעזונדער שרעקליך.

און ווען סוף כל סוף, נאָך דעם גאַנצען גיהנום פֿון וועג, קומט

ער שוין אַראָב קײן אַמעריקאַ, נישט קענענדיג דערבײַ נישט די אָרטיגע שפּראַך, נישט די אָרטיגע אָרדנונגען, נישט די בעדינגונגען פֿון דער אָרטיגער אַרבײַטער-בעוועגונג און נישט דעם פּלאַץ, וואו ער וואָלט געקענט אַם שנעלסטען און אַם בעסטען געפֿינען אַרבײַט, — איז ער, פֿערשטעהט זיך, גרײט זיך צו נעהמען פֿאַר דאָס ערשטע שטיקעל אַרבײַט, וואָס פֿאַלט איהם נור אַרײַן אין די הענד, ווי נידעריג עס זאָל דערבײַ נישט זײַן דער לויהן זײַנער. בײַ אַזעלכע בעדינגונגען איז לײַכט געמאָלט, דאָס ער דריקט אָפּט אַראָב דעם לויהן פֿון די אָרטיגע אַרבײַטער, דאָס ער שטעלט זיך אַנדערסמאָל אויף זײער פּלאַץ, בעת זײ שטעהען אין שטרײַק. און אויף איהם, אויף דעם געכטיגען רעוואָלוציאָנער, קוקען די אַמעריקאַנישע פּראָלעטאַריער, ווי אויף אַן אַרבײַטער-עלעמענט, וואָס שטעלט צו לויהן-דריקער און שטרײַק-ברעכער, און זײ ווענדען זיך צו זײער אַמעריקאַנער בורזשואַזער רעגירונג מיט ביטעס זײ צו שיצען געגען די אויסלענדישע פּראָלעטאַריער.

און אין דער זעלבער צײַט אין די אויסוואַנדערונגס-לענדער, אָדער פּשוט געערדט בײַ אונז, נעהמען זיך פֿראַנק און פֿרײַ „רעגולירען" די עמיגראַציע, אויף זײער שטײגער אין לויט ז ײ ע ר ע אינטערעסען, די פֿאַרשטעהער פֿון די גרויסע רוסלענדער טראַנספּאָרט-געזעלשאַפֿטען אונטער דער פֿיהרונג פֿון אונזער איצטיגער רעגירונג: אויף די עמיגראַציע, אויף דעם טראַנספּאָרט פֿון וואַנדערער, קוקען זײ ווי אויף אַ שמאַלץ-גרוב, מיט וועלכער מ׳קען מאַכען גילדערנע געשעפֿטען, נור וועלכע ליגט געוועהנליך אין די הענד פֿון אויסלענדישע קאַפּיטאַליסטען; זײ שטרעבען דעריבער דורך פֿערשידענאַרטיגע געזעצען צו בעזײַטיגען די אויסלענדישע קאָנקורענץ און צו שאַפֿען פֿאַר זיך אַ מ אָ נ אָ פּ אָ ל, אַן אויסשליסליכעס רעכט, דיזע שמאַלץ-גרוב צו פֿרעגלען; אָדער מיט אַנדערע ווערטער, מיט דער הילף פֿון דער רעגירונג און דער געזעצגעבונג, זוכען זײ צו שטערען דעם עמיגראַנט פֿון צו פֿאָהרען מיט זײערע אויסלענדישע קאָנקורענטען, ווען אַפֿילו די אויסלענדישע טראַנספּאָרט-געזעלשאַפֿט עקספּלואַטירט דעם וואַנדערענדען פּראָלעטאַריער וועניגער ווי דאָס טוען די היימישע אונטערנעהמונגען.

דאָס זענען אַלץ אַלטע, צו-אַלטע מעשיות, און אייגענטליך וואָלט מען זײ גאָרנישט געדאַרפֿט דערמאָהנען, ווען אין געוויסע סאָציאַל-נאַציאָנאַליסטישע קרײַזען בײַ יודען וואָלט מען אין לויף פֿון יאָהרען נאָכאַנאַנד אין דער עמיגראַציע נישט געזעהען בלויז „גרויסע נאַציאָנאַלע פּערספּעקטיווען", אַ וועג, וואָס פֿיהרט צו קאָלאָניעס, טעריטאָריעס, פֿרײַ-לענדער א. ד. גל., און ווען די „גרויסע נאַציאָנאַלע פּערספּעקטיווען" וואָלטען אַזוי ווײַט נישט פֿערשטעלט דעם מ ע נ ש ע ן, וואָס עמיגרירט, די לײדען

זײַנע, װי שטאַרק ער װערט עקספּלואַטירט, און װאָס פֿאַר אַ באַציִהונגען עס שטעלען זיך אײַן צװישען איהם און דער אַרבײַטערשאַפֿט פֿון די אײַנװאַנדערונגס-לענדער.

די פֿערשידענאַרטיגע עקספּלואַטאַציע פֿון׳ם װאַנדערער און די רײַבונגען צװישען די אײַנגעװאַנדערטע און די אײַנגעבאָרענע אַרבײַטער זענען אָבער בשום אופֿן נישט קײַן ספּעציפֿיש-נאַציאָנאַלע ערשײַנונגען, װען אַפֿילו די װאַנדערונג, די עקספּלואַטאַציע פֿון די װאַנדערער און די דערמאָהנטע רײַבונגען זאָלען בײַ אײן פֿאָלק זײַן שטאַרקער און בײַ אַן׳אַנדער פֿאָלק שװאַכער. די רעגולירונג פֿון דער האַנדװערק-פּראָדוקציע אָדער פֿון דער לאַנדװירטשאַפֿט קען בײַ פֿערשידענע פֿעלקער האָבען אַ פֿערשידענע בעדײַטונג; בײַ יודען, צ. ב., האָט די ערשטע אַן׳אונגעהױער-גרויסע בעדײַטונג, צוליב דעם הערשענדען האַנדװערק-כאַראַקטער פֿון דער פּראָדוקציע בײַ יודען, און די צװײטע האָט פֿערקעהרט, זעהר אַ קלײנע דירעקטע בעדײַטונג צוליעב דער אויסערסט-קלײנער צאָהל פֿון די יודישע ערד-אַרבײַטער; בײַ רוסען, האָבען בײדע אַ גרויסע, הגם נישט קײַן גלײַכע, בעדײַטונג; בײַ די ענגלענדער האָבען בײדע אַ בעשרענקטע, הגם אויך נישט קײַן גלײַכע בעדײַטונג. אָבער נישט בײַ יודען, און נישט בײַ רוסען, און נישט בײַ ענגלענדער זענען די פֿראַגען װעגען רעגולירען דעם האַנדװערק אָדער די לאַנדװירטשאַפֿט קײַן ספּעציפֿיש-נאַציאָנאַלע פֿראַגען, װי, צ. ב., די פֿראַגען װעגען פּאָליטישער זעלבשטענדיגקײַט אָדער װעגען די רעכטען פֿון דער אָדער יענער שפּראַך. די פֿראַגען װעגען די זעלבשטענדיגקײַט פֿון פּױלען אָדער װעגען אַ יודישע טעריטאָריע, װעגען די אָבשאַפֿונג פֿון׳ם תחום אָדער װעגען די רעכטען פֿון יודיש, זענען לויט זײער אינהאַלט נאָך נאַציאָנאַלע פֿראַגען אויף׳ן פּאָליטישען געביט, װאָרום אין דיזע פֿראַגען האַנדעלט זיך װעגען רעגולירען די טעטיגקײַט, די רעכטען און די פֿליכטען פֿון געװיסע נאַציאָנען, בעת אין דער פֿראַגע װעגען האַנדװערק אָדער לאַנדװירטשאַפֿט האַנדעלט עס זיך צו רעגולירען די טעטיגקײַט, די רעכטען און די פֿליכטען פֿון אָנגעהעריגע צו אַ געװיסען פֿאַך אָדער צו אַ געװיסער פּראָדוקציאָנס-אַרט. װיבאַלד די עקספּלואַטאַציע פֿון דעם װאַנדערער און די רײַבונגען צװישען איהם און דעם אײַנגעבאָרענעם אַרבײַטער, װעלכע די עמיגראַציאָנס-רעגולירונג דאַרף זעהען װי װײַט מעגליך אָבצושװאַכען, זענען נישט קײַן ספּעציפֿיש-נאַציאָנאַלע ערשײַנונגען, דאַן מיזען מיר זאָגען, דאָס די רעגולירונג פֿון דער עמיגראַציע, װי װיכטיג זי זאָל נישט זײַן בײַ דעם אָדער יענעם פֿאָלק, נור אויב מיט איהר זענען קײן ספּעציעל-נאַציאָנאַלע פּערספּעקטיװען ניט פֿערבונדען, איז לויט איהר אינהאַלט נאָך נישט קײַן נאַציאָנאַלע פֿראַגע.

געוויס. קען מען זיך ספּעציעל פֿאַרנעמען מיט דער רעגולירונג פֿון דער עמיגראַציע ביי יודען, פּונקט ווי מ'קען זיך אָפּגעבען ספּעציעל מיט רעגולירען דעם האַנדווערק ביי יודען, און וועגען דעם וועט נאָך ביי אונז די רעד זיין עטוואָס שפּעטער; נור רעגולירענדיג די עמיגראַציע פֿון יודען, פּונקט ווי רעגולירענדיג דעם האַנדווערק ביי יודען, לעזען מיר בלויז אַנ'אַלגעמיינע פֿראַגע אין בעשטימטע נאַציאָנאַלע ראַהמען. מ'וואָלט געקענט לעזען די עמיגראַציע אויך אין אַנדערע ראַהמען, צ. ב., אין טעריטאָריאַלע אָדער פֿאַכאָווע; אַזוי, צ. ב., קען מען זיך בעשעפֿטיגען מיט רעגולירען די עמיגראַציע פֿון קעניגרייך פּוילען, פֿון וואָהלינער גובערניע אָדער פֿון דער שטאָדט מינסק; מ'קען רעגולירען די עמיגראַציע פֿון שניידער אָדער די עמיגראַציע פֿון ערד-אַרבייטער א. ז. וו.; אין אַלע דיזע פֿאַלען, פּונקט ווי אין פֿאַל, ווען מ'רעגולירט די עמיגראַציע פֿון יודען, פֿאַרנעהמט מען זיך מיט אַנ'אַלגעמיינער פֿראַגע, וועלכע מ'זוכט צוליב דער אָדער אַנ'אַנדער סבה צו לעזען אין געוויסע גרענעצען, אין געוויסע ראַהמען: אין די ראַהמען פֿון איין פֿאָלק, פֿון איין געגענד, פֿון איין פֿאַך, א. ד. גל.

די רעגולירונג פֿון דער עמיגראַציע איז נישט קיין נאַציאָנאַלע פֿראַגע; זי איז הויפּטזעכליך אַנ'אַרבייטער-פֿראַגע. זי איז אַנ'אַרבייטער-פֿראַגע דערמיט, וואָס זי זוכט צו בעזייטיגען, צו בעשרענקען אָדער נאָך צו פֿאַרשטאַרקען די עקספּלואַטאַציע פֿון דער וואַנדערענדער פּראָלעטאַרישער און האַלב-פּראָלעטאַרישער מאַסע דורך די פֿערשידענאַרטיגע גרויסע און קליינע קאַפּיטאַליסטישע טראַנספּאָרט-אונטערנעהמונגען; זי איז אַנ'אַרבייטער-פֿראַגע ווייטער דערמיט, וואָס זי זוכט צו בעאיינפֿלוסען די אַרבייטס-בעדינגונגען אין די איינוואַנדערונגס-לענדער און צו רעגולירען אויף אַזאַ אָדער אַנ'אַנדער אַרט די בעציהונגען צווישען דער אָרטיגער און איינגעוואַנדערטער אַרבייטערשאַפֿט: דאָס איז אַלזאָ קודם כל אַ פֿראַגע, פֿון איין זייט, וועגען די בעציהונגען פֿונ'ם קאַפּיטאַל צו דער פּראָלעטאַרישער און האַלב-פּראָלעטאַרישער מאַסע און, פֿון דער צווייטער זייט, וועגען די בעציהונגען פֿון אַרבייטער צווישען זיך.

פֿון דעם, וואָס איז געזאָגט געוואָרען, איז אויך קלאָהר, אין וואָס בעשטעהט אונזער אויפֿגאַבע אויף דעם געביט פֿון דער רעגולירונג פֿון דער יודישער עמיגראַציע: מיר דאַרפֿען נישט פּרובען ענדערען קינסטליכער-ווייזע די נאַטירליכע ריכטונג פֿון דער יודישער עמיגראַציע; און אַלס „קינסטליכע” מוז מען דערביי אָנערקענען אַלע פּראָבעס צו קירעווען די יודישע עמיגראַציע אַהין, וואו ס'איז נישט פֿאַראַן קיין שטענדיגע נאָכפֿראַגע אויף די פּראָדוקטען

פון די „יודישע" פראפעסיעס, ד. ה., אלע פראבעס צו קורעווען די יודישע עמיגראציע אהין, וואוהין עס געהט נישט קיין גרויסע און וואקסענדע נישט-יודישע אימיגראציע; אונזער צוועק אויף דיזען געביט דארף זיין, צו פערקלענערען ביז דעם מעגליכען מינימום די עקספלואטאציע און די פיין פונ'ם וואנדערער און ביז צו דעם מעגליכען מינימום פערקלענערען אויך די רייבונגען צווישען איהם און דער ארבייטערשאפט פון די איינוואנדערונגס-לענדער.

דאס איז אונזער אויפגאבע בדרך כלל, אין אלגעמיין. אין וואס זשע דארף זיך קאנקרעט אויסדריקען אונזער שטרעבונג אין דיזען זין צו רעגולירען די יודישע עמיגראציע?

## קאפ. V.—א פראגראם פון פראקטישער טעטיגקייט.

קודם כל מוזען מיר דא אינטערשטרייכען דאס, וואס איז געזאגט געווארען אינ'ם ערשטען קאפיטעל פון דיזער אבטיילונג. דער ראדיקאלסטער מיטעל, צו בעפרייען די וואנדערענדע מאסע פון עקספלואטאציע פון אלערליי מינים דורך די טראנספארט-אונטערנעהמער, און אויסצומיידען די רייבונגען צווישען דיזער מאסע אין דער אמעריקאנער ארבייטסשאפט, בעשטעהט אין אויסבעסערען די לאגע פון דער יודישער בעפעלקערונג אויף די ערטער, כדי זי זאל וועניגער זיין געצוואונגען צו עמיגרירען. מ'דארף אלזא מיטווירקען דער בירגערליכער און נאציאנאלער גלייכבערעכטיגונג און דעם עקאנאמישען פראגרעס פון דער יודישער בעפעלקערונג אין די לענדער, וואו זיי וואוינען איצטער, הויפטזעכליך אין רוסלענדער מלוכה און אין גאליציען; עס דארף פארטגעזעצט ווערען דער קאמפף פונ'ם יודישען און אלגעמיינעם ארבייטער-קלאס פאר בעסערע פאליטישע און עקאנאמישע לעבענסבעדינגונגען, דערהויפט אין רוסלענדער מלוכה; עס דארף געשטיצט ווערען די בעפרייאונגס-בעוועגונג בכלל אין ספעציעל דער קאמפף פאר א מעגליך-דעמאקראטישערע לעזונג פונ'ם אגראר-קריזיס.

מיט דיזער טעטיגקייט, בעזונדער מיט דער דעמאקראטיזירונג פון דער מלוכה, ווערט ניט נור פערקלענערט די עמיגראציע, נור עס ווערען אויך שטארק אבגעשוואכט די פיין, וועלכע עס קומט-אויס אויסצושטעהן אפילו יענעמען, וואס איז פארט געצוואונגען צו עמיגרירען, און עס ווערען-אן זייער שארפקייט די רייבונגען צווישען איהם אין דער ארבייטערשאפט פון דעם איינוואנדערינגס-לאנד. ווארום, ראשית, דיזע ריי-

בונגען בעקומען אַ שאַרפען כאַראַקטער בלויז דאַן, בעת די אײַנוואַנדערונג איז זעהר שטאַרק, און בעת די אָרטיגע אַרבײַטער רעכענען, דאָס זייערע ביטער־ערקעמפּטע אַרבײַטס־בעדינגונגען שטעהען אין געפאַהר פערערגערט צו ווערען דורך די קאָנקורענץ פון די אײַנגעוואַנדערטע מאַסען; פערקלענערט זיך אָבער די אײַנוואַנדערונג, הערט שוין דער אָרטיגער אַרבײַטער אויף צו קוקען מיט אַזאַ פײַנדשאַפט אויפ'ן אײַנגעוואַנדערטען, און די אײַנשטעלונג פון פרײַדליכע, אויב ניט חבר'שע בעציהונגען צווישען דעם היימישען און אײַנגעוואַנדערטען אַרבײַטער ווערט דורכדעם אָהן אַנ'ערך לײַכטער.

בײַ דער פערקלענערונג פון דער עמיגראַציע ווערען אויך פערקלענערט פיעל אַנדערע צרות, וואָס דער וואַנדערער האָט אויסצושטעהן: עס ווערט מענשליכער די בעהאַנדלונג פון די עמיגראַנטען דורך די רעגירונגס־אַמטען אין די דורכוואַנדערונגס־לענדער, אין די קאָנטראָל־סטאַנציעס, א. ד. גל.; עס ווערען נישט געשטעלט אַזעלכע שטרענגע פאָדערונגען צו די וואַנדערער אין די אײַנוואַנדערונגס־פּאָרטען, עס ווערט אַ קלענערער פּראָצענט צוריקגעשיקט אַהיים א. ז. וו. — און לסוף דאַרף מען נאָך אין זינען האָבען, דאָס בײַ אַ דעמאָקראַטישערער אָרדנונג, וואו די ברייטע מאַסע איז נישט אַזוי פערחשכ'ט, דערשלאָגען און רעכט־לאָז, קענען די פערשידענאַרטיגע שווינדלער, וואָס ספּעקולירען אויפ'ן טראַנספּאָרט פון עמיגראַנטען (אָנהויבענדיג פון די פערפיהרערישע רעקלאַמען פון שיפס־געזעלשאַפטען און אַנדערע גרויס־קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעהמונגען און ענדיגענדיג מיט די פּשוטע גנבים און גזלנים מיט'ן פּנים פון גרענעץ־אַגענטען) פיעל ווייניגער פּײַניגען און עקספּלואַטירען דעם וואַנדערער, ווי דאָס איז דער פאַל היינט צו טאָג. און נישט בלויז אַזעלכע וויכטיגע פונקטען פון דעם דעמאָקראַטישען פּראָגראַם, ווי בירגערליכע, פּאָליטישע און נאַציאָנאַלע גלײַכבערעכטיגונג, פרײַהייט פון וואָרט, פעראיינען א. ד. גל. דאַרפען בײַ זייער פערווירקליכונג האָבען אַ שטאַרקען אײַנפלוס אויף די גרויס פון דער יודישער עמיגראַציע און אויף די לאַגע פונים וואַנדערער, נור אַפילו אַ סך אַנדערע, ווייניגער וויכטיגע אַלגעמיין־דעמאָקראַטישע פאָדערונגען וועלען בײַ זייער פערווירקליכונג זײַן אַ גרויסער פאָרשריט אויף דעם וועג צו רעגולירען די עמיגראַציע. איך ברענג אַלס בײַשפּיל נור איינס: די פאָדערונג, די פּ ע ס ע ר זאָלען אָבגעשאַפט ווערען. וויפיעל זענען די יודישע עמיגראַנטען אויסגעשטאַנען, און וויפיעל שטעהען זיי נאָך איצט אויס דורך דעם פּעסער־סיסטעם? וויפיעל טרעהרען, וויפיעל בלוט (בוכשטעבליך) איז בײַ דער יודישער מאַסע פערגאָסען געוואָרען, וויפיעל איז זי עקספּלואַטירט געוואָרען דורך דעם, וואָס מען האָט אָפט קיין פּאַס נישט געקאָנט קריגען? און צו

וואָלט דען פֿאַר איהר נישט זיין אַ געוויסע הילף, ווען דער פּעסער-סיסטעם וואָלט אין גאַנצען אָבגעשאַפֿט ווערען?

קורץ, די אַלגעמיינע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע ערהערבינגען ווירקען אין דער וועלכער צייט אויך ביז אַ געוויסען גראַד אויף די רעגולירונג פֿון דער עמיגראַציע. נור די אַלגעמיינע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע פֿאָדערונגען קען מען בשום אופֿן נישט האַלטען פֿאַר גענוגענד, אום די עמיגראַציע צו רעגולירען. עס קענען און עס דאַרפֿען אָנגענומען ווערען נאָך אַ פֿולע ספּעציעלע מיטלען, וועלכע דאַרפֿען רעגולירען די עמיגראַציע אין דעם זין, וואָס מיר האָבען דאָ אָקאָרשט אָנגעמערקט.

אַלע ספּעציעלע מיטלען, וועלכע זיינען דירעקט געווענדעט אויף צו רעגולירען די עמיגראַציע קענען ווערען איינגעטיילט אין דריי גרופּען:

1) פֿאָדערונגען, וואָס ווערען אַרויסגעשטעלט דער מלוכה, און וואָס דאַרפֿען אַלזאָ אַריינגעשטעלט ווערען אין דעם פּאָליטישען פּראָגראַם; 2) פֿערהאַנדלונגען מיט די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿעראיינען און פּאַרטיי-אָרגאַניזאַציעס פֿון די אַרבייטער פֿון אַנדערע לענדער; 3) אָרגאַניזירונג פֿון דירעקטער הילף פֿאַר די עמיגראַנטען.

דער אינהאַלט, וואָס מיר דאַרפֿען אַריינלעגען אין יעטוועדער פֿון דיזע גרופּען באַזונדער, הענגט איינגענטליך אָב פֿון אַ גאַנצער ריי קאָנקרעטע היסטאָרישע בעדינגונגען און פֿריהער ווי אַלץ פֿון דעם, ווי ווייט די מלוכה ביי אונז איז דעמאָקראַטיזירט, ביי וואָס פֿאַר אַ פּאָליטיק עס האַלט זיך דאָס פּראָלעטאַריאַט פֿונ'ם איינוואַנדערונגס-לאַנד און וואָס פֿאַר אַ קראַפֿט מיר גופֿא פֿערמעגען. וואָרום ס'איז קלאָר, צ. ב., אַז דאָס, וואָס מען קען אָנגעטרויען אַ דעמאָקראַטישער רעגירונג, וועלכע איז אָבהענגיג פֿון די ברייטע מאַסען, קען מען בשום אופֿן נישט פֿערטרויען אַ רעגירונג, וועלכע איז פֿאַר קיינעם נישט פֿעראַנטוואָרטליך און אַז. וו.

פֿונדעסטוועגען וועל איך דאָ אין קורצען אָנמערקען עטליכע ווינשענסווערטע מיטלען, וועלכע הגם זיי קענען אַלע איצט בשום אופֿן נישט דורכגעפֿירט ווערען, דאַרפֿען אָבער יעדענפֿאַלס שוין איצט אַרויסגעשטעלט און פּאָפּולאַריזירט ווערען אין דער מאַסע אַלס אַזעלכעס, וואָס קען אין דער פֿיעל-ווייניג נאָהענטער צוקונפֿט דאָך פֿערווירקליכט ווערען, צום ווייניגסטען אין אַ געוויסער מאָס.

### A.—אויף דעם פּאָליטישען געביט.

אויף דעם פּאָליטישען געביט דאַרף מען אַרויסשטעלען די פֿאָלגענדע פֿאָדערונגען:

1) די שאַפֿונג פֿון אַ עמיגראַנטען-שוץ-געזעצגעבונג.

דיזע געזעצגעבונג דאַרף גאַראַנטירען היגיענישע באַדינגונגען אין דעם בוי און דער אויפֿהאַלטונג פֿון די שיפֿען, אײַזענבאַהנען און אַכסניות, וואו עס קומט-אויס דער עמיגרירענדער מאַסע צו פֿאַרברענגען אַ גרעסערע אָדער אַ קלענערע צײַט; דיזע געזעצגעבונג דאַרף גאַראַנטירען דער עמיגרירענדער מאַסע געזונדעס עסענוואַרג, ווירקליכע מעדיצינישע הילף און אָרענטליכע אַלגעמײַנע באַהאַנדלונג די גאַנצע צײַט פֿון דער רײַזע; זי דאַרף שיצען דעם עמיגראַנט געגען פֿערשידענאַרטיגע שווינדלערײַען און מיסברויכען פֿון די גרויסע און קלײַנע טראַנספּאָרט-אונטערנעהמער אָדער סתם שווינדלערס *). אין אײַנצעל גענומען דאַרף זי אָבשאַפֿען די אַגענטען, וואָס קריגען פֿון די טראַנספּאָרט-געזעלשאַפֿטען באַצאָהלט „פֿער קאָפּ", און אײַנפֿיהרען אָנשטאָט זיי פֿערטרעטער פֿון דיזע געזעלשאַפֿטען מיט באַשטימטען געהאַלט און מיט ציווילער פֿעראַנטוואָרטליכקײַט פֿון די געזעלשאַפֿטען פֿאַר די טעטיגקײַט פֿון זייערע פֿערטרעטער, א. אַז. וו.; דיזע געזעצגעבונג דאַרף ווײַטער פֿאַרזיכערען די עקזיסטענץ פֿון דעם עמיגראַנטס פֿאַמיליע בײַ אונגליקס-פֿאַלען אויף דער רײַזע; קורץ, עס דאַרף געשאַפֿען ווערען אַזאַ געזעצגעבינג, וואָס זאָל ווירקליך שיצען די עמיגרירענדע מאַסע און נישט שאַפֿען פּריווילעגיעס אין מאָנאָפּאָלען פֿאַר די „נאַציאָנאַלע" טראַנספּאָרט-אונטערנעהמונגען, ווי דאָס איז דער פֿאַל מיט דעם געזעץ-פּראָיעקט, וואָס איז אויסגעאַרבײַט געוואָרען דורך דער באַראַטונג בײַם רוסלענדער האַנדעלס-מיניסטעריום.

2) די שאַפֿונג פֿון אַן עמיגראַציאָנס-קאָמיסאַריאַט, וואָס זאָל דעם עמיגראַנטען-שוץ פֿערווירקליכען אין לעבען. דיזע אײַנריכטונג איז נויטיג דערפֿאַר, ווײַל, ווי דאָס לעבען האָט געוויזען אין פֿערשידענע לענדער און אויף פֿערשידענע געביטען, בלײַבען די בעסטע געזעצען פּוסטע ווערטער, אויב גלײַכצײַטיג מיט דיזע געזעצען ווערען נישט געשאַפֿען די אָרגאַנען, די אײַנריכטונגען, וואָס דאַרפֿען אַכטינג געבען און מיטהעלפֿען די געזעצען זאָלען ווערען דורכגעפֿיהרט אין לעבען. די שאַפֿונג פֿון אַזאַ אײַנריכטונג איז באַזונדער נויטווענדיג צוליעב דער פֿולער הילפֿסלאָזיגקײַט אין אונוויסענדקײַט פֿון דער עמיגרירענדער מאַסע, וועלכע איז מיט אײַגענע קרעפֿטען בשום אופֿן נישט בכח צו פֿערטיידיגען די רעכטען, וואָס דער געזעץ זאָל איהר שוין אַפֿילו יאָ געבען. די טעטיגקײַט פֿונ'ם עמיגראַציאָנס-קאָמיסאַריאַט דאַרף זײַן אַ צווײַפֿאַכיגע אין ער דאַרף דעריבער באַשטעהן פֿון צוויי אָבטיילונגען: ערשטענס, פֿון אַ עמיגראַציאָנס-אינספּעקציע און צווייטענס, פֿון אַ סטאַטיסטיש-אינפֿאָרמאַציאָנעס ביוראָ.

*) דאָ מוז אויך אין אכט גענומען ווערען דער פּרויען-האַנדעל, פֿון וועלכען בײַ יודען פֿאַלען גראָד מעהר קרבנות ווי בײַ אַנדערע פֿעלקער.

**אויף דער עמיגראַציאָנס־אינספּעקציע** דאַרף ליגען די אויפֿגאַבע אַכטונג צו געבען, ווי ווייט די טראַנספּאָרט־אונטערנעהמונגען היטען־אָב די עמיגראַנטען־שוץ־געזעצען, און בכלל צו רעגולירען די בעציהונגען צווישען די טראַנספּאָרט־אונטערנעהמער און די עמיגראַנטען. די עמיגראַציאָנס־אינספּעקטאָרען דאַרפֿען דעריבער האָבען דאָס רעכט און די אויפֿגאַבע צו קאָנטראָלירען די טעטיגקייט און די איינריכטונגען פֿון די טראַנספּאָרט־אונטערנעהמונגען; עמיגראַציאָנס־אינספּעקטאָרען דאַרפֿען בעגלייטען יעדע שיף, וואָס פֿיהרט עמיגראַנטען; אַן עמיגראַציאָנס־אינספּעקטאָר דאַרף זיצען אין יעדען ווילטיגערען איינוואַנדערונגס־פּאָרט, אין יעדער עמיגראַנט דאַרף זיך שטענדיג קענען ווענדען צום עמיגראַציאָנס־אינספּעקטאָר מיט אַן אָנקלאַגע אויף די אָרגאַנען פֿון די טראַנספּאָרט־אונטערנעהמונגען; די עמיגראַציאָנס־אינספּעקטאָרען דאַרפֿען האָבען דאָס רעכט איבערצוגעבען דיזע אונטערנעהמונגען צום געריכט יעדעס מאָל, ווען זיי וועלען בעמערקען אַ וועלכע עס איז נישט־רעגעלמעסיגקייט, שווינדעל אָדער פּשוט פֿערברעכען פֿון דער זייט פֿון דיזע אונטערנעהמונגען; דער עמיגראַציאָנס־אינספּעקציע דאַרף געהערען דאָס רעכט אַרויסצוגעבען די טראַנספּאָרט־אונטערנעהמונגען קאָנצעסיעס אויף איבערפֿיהרען עמיגראַנטען און דאָס רעכט בײַ יעדער צייט די קאָנצעסיע בײַ דער אָדער יענער אונטערנעהמונג צוריק אָבצונעהמען: די עמיגראַציאָנס־אינספּעקציע דאַרף האָבען דאָס רעכט צו רעגולירען אין אַ ברייטער מאָס די פּרייזען פֿון די שיפֿס־קאַרטען און באַהן־בילעטען פֿאַר עמיגראַנטען, די בעדינגונגען, וואָס מוזען אָבהיטען די בענק, וועלכע פֿערנעהמען זיך מיט איבערשיקען געלד פֿון עמיגראַנטען, א. ד. גל.

**דאָס סטאַטיסטיש־אינפֿאָרמאַציאָנס־ביוראָ** דאַרף אַרײַנטראָגען וואָס מעגליך מעהר בעוואוסטזיניגקייט אין׳ם גאַנג פֿון דער עמיגראַציע. צו דיזען צוועק דאַרף דאָס ביוראָ, פֿון איין זייט, פֿיהרען אַ מעגליכסט־גענויערע און אויספֿיהרליכע סטאַטיסטיק פֿון דער עמיגראַציע (און אַ גאַנץ בעזונדערע אויפֿמערקזאַמקייט דאַרף דערבײַ געלעגט ווערען, אַחוץ דעם עלטער, געשלעכט און בעשטימונגס־אָרט פֿון די וואַנדערער, אויך אויף די **פּראָפֿעסיעס** זייערע!) עס דאַרף ווייטער האָבען קאָרעספּאָנדענטען אין אַלע פֿיעל־ווייניג וויכטיגע איינוואַנדערונגס־פּונקטען, און דיזע קאָרעספּאָנדענטען דאַרפֿען רעגעלמעסיג, בײַצײַטענס, מעגליכסט גענויער און אויספֿיהרליכער צושטעלען ידיעות וועגען די לעבענס־בעדינגונגען אין יעדען פֿון דיזע פּונקטען, ספּעציעל וועגען די אָרטיגע אַרבייטס־בעדינגונגען און וועגען דער לאַגע, אין וועלכער עס געפֿינען זיך דאָרטען די איינגעוואַנדערטע. פֿון דער צווייטער זייט, דאַרף דאָס ביוראָ עפֿענען אינפֿאָרמאַציאָנס־אָבטיילונגען אין אַלע פֿיעל־ווייניג וויכטיגע אויסוואַנדערונגס־פּונקטען; דיזע אינפֿאָרמאַציאָנס־אָבטיילונגען דאַרפֿען געגעבען,

מונדליך אדער שריפטליך, יעדען איינציגען אומויסטע ידיעות איבער דעם ארבייטס=לויהן, איבער די אינדוסטריע, האנדעל און ערד=ארבייט, איבער דעם צייטווייליגען צושטאנד פון דעם מארק בכלל און ספעציעל פונ'ם ארבייטס=מארק אין די וויכטיגסטע איינוואנדערונגס=פונקטען; זיי דארפען אויך געגעבען צו וויסען דעם עולם די פערשידענע רייזע=בעדינגונגען, די נעהנטסטע און בעקוועמסטע מארשרוטען, די פאהר=פרייזען, די רעכטליכע און אנדערע פאדערונגען, וואס זיינען פערבונדען מיט דער עמיגראציע ביי אונז, ווי אויך אין די דורך= און איינוואנדערונגס=לענדער א. אז. וו. אחוץ דעם, דארף דאס סטאטיסטיש=אינפארמאציאנס=ביורא בעקאנט מאכען דעם ברייטען עולם מיט די מעהר וויכטיגע ערשיינונגען, וואס זיינען דירעקט פערבונדען מיט דער עמיגראציאנס=בעוועגונג, דורך געדרוקטע, פעריאדישע אין נישט=פעריאדישע, ספעציעלע אויסגאבען.

נור כדי דאס עמיגראציאנס=קאמיסאריאט, די עמיגראציאנס=אינספעקציע און דאס סטאטיסטיש אינפארמאציאנע ביורא, זאל באמת דינען די אינטערעסען פון דער עמיגרירענדער מאסע, איז נויטווענדיג זיי זאלען זיין ארגאניזירט אויף א ברייטען דעמאקראטישען אופן, וואס זאל מאכען זיין טעטיגקייט אונאבהענגיג ווי פון דער ביוראקראטיע אזוי אויך פונ'ם גרויסען קאפיטאל. עס איז דעריבער נויטווענדיג צוצוציהען צו דיזע איינריכטונגען די מיטווירקונג פון די פראפעסיאנעלע פעראיינען און אנדערע חברות, וועלכע פיהרען זייער טעטיגקייט צווישען דער ברייטער מאסע. ביי א דעמאקראטישער שטאדט= און געמיינדע=ארדנונג דארפען אויך פארשטעהער פון מוניציפאליטעטען און די דארפישע אדער נאציאנאלע (אויב אזעלכע זיינען פאראן) געמיינדען נעהמען א מערקבארען אנטייל אין דיזע איינריכטונגען צו רעגולירען די עמיגראציע *).

די הוצאות אויף אויסצוהאלטען דאס עמיגראציאנס=קאמיסאריאט דארפען געשאפען ווערען הויפטזעכליך פון א ספעציעלען שטייער אויף די אונטערנעהמונגען, וואס בעשעפטיגען זיך מיט טראנספארטירען עמיגראנטען. די איינקונפטען פון דיזען שטייער דארפען בילדען א בעזונדערען פאנד, וואס קען פערווענדט ווערען בלויז אויף די בעדערפענישען פון דעם עמיגראנטען=שוץ. איך האלט דערביי פאר לחלוטין נישט=צוועקמעסיג דאס איטאליענישע בעשטייערונגס=סיסטעם, וואו די שיפס=געזעלשאפטען צאהלען א געוויסע סומע (דריי רובל) פער קאפ פון די

*) די הויפט=שטריכען פון דיזען פראיעקט פון דער עמיגראנטען=שוץ=געזעצגעבונג און פונ'ם עמיגראציאנס=קאמיסאריאט זענען גענומען געווארען פון דער איטאליענישער געזעצגעבונג, ווי זי עקזיסטירט לויט דעם אויסוואנדערונגס=געזעץ פון 1901 און די נאכדעמדיגע פעראָרדנונגען. אויך אין די איטאליענישע, אפיציעלע, ארטיגע „אויסוואנדערונגס=קאמיטעטען" ווערען אריינגענומען פארשטעהער פון די ארטיגע פויערשע אדער ארבייטער=פעראיינען.

וואַנדערער: בײַ אַזאַ מין בעשטײַערען רעכענען די אונטערנעהמונגען די שטײַער־סומע דירעקט צו צום פּרײַז פֿון דער שיפֿסקאַרטע, און עס קומט אַלזאָ אויס, דאָס די הוצאות אויף דעם עמיגראַנטען־שוץ ווערען געשאַפֿען נישט דורך די קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעהמונגען, וואָס מאַכען פֿון דער מאַסען־עמיגראַציע אויסגעצײכענטע געשעפֿטען, נור דירך די אָרעמע וואַנדערער גופא. און הגם אין דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג קען דער גרויסער קאַפּיטאַליסט שטענדיג געפֿינען אַן אויסוועג ווי אַזוי צו וואַרפֿען דעם שטײַערן־לאַסט, ווײניגסטענס צום טייל, פֿון זיך אויף די ברייטע מאַסע, אויף׳ן אַרבײַטער, אָדער אויף׳ן קאָנסומענט, — נור פֿונדעסטוועגען בעשטײַערען איהם לכתחלה אַזוי, דאָס ער זאָל אַפֿילו אָהן שום אומוועגען קענען דירעקט דעם גאַנצען שטײַער אַראָבוואַרפֿען פֿון זיך אויף׳ן אָרעמען עמיגראַנט, איז מען געוויס נישט מחויב. די בעשטײַערונג פֿון די טראַנספּאָרט־אונטערנעהמונגען דאַרף אַלזאָ פֿאָרקומען, אָדער אין דער פֿאָרם פֿון אַ פֿעסטער יעהרליכער פּאַטענט־אָבצאָהלונג פֿאַר דאָס רעכט צו טראַנספּאָרטירען עמיגראַנטען, אָדער — און איך האַלט עס פֿאַר צוועקמעסיגער — אַלס אַ פּראָגרעסיווען הכנסה־שטײַער: אַ געוויסער פּראָצענט פֿון זייערע רוחים, וואָס שטייגט דערבײַ צוזאַמען מיט דער גרויס פֿון די רוחים, דאַרף פֿון די טראַנספּאָרט־אונטערנעהמונגען גענומען ווערען אויף דעם עמיגראַנטען־שוץ; דערבײַ דאַרף פֿונדעסטוועגען בעשטימט ווערען אַ געוויסע סומע מינימום, וואָס יעדע טראַנספּאָרט־אונטערנעהמונג דאַרף צאָהלען, אַלס פּאַטענט פֿאַר דאָס רעכט צו פֿיהרען עמיגראַנטען. — זעלבסטפֿערשטענדליך, דאָס יעדע טראַנספּאָרט־אונטערנעהמונג, וואָס וויל בעקומען אַ קאָנצעסיע אויף צו פֿיהרען עמיגראַנטען דאַרף אַרײַנטראָגען אַ רעכט־גרויסע סומע אַלס קויציע, אַלס ערבות, דאָס זי וועט אָבהיטען די פֿאָדערונגען פֿונ׳ם געזעץ.

3) אַזוי ווי די עמיגראַציע איז אָבער לויט איהר נאַטור נאָך אַ אינטערנאַציאָנאַלע ערשײנונג, דאַרפֿען די מיטלען צו שיצען די עמיגראַנטען זיך נישט בעשרענקען בלויז מיט אינלענדישע געזעצען און אײנריכטונגען: עס דאַרפֿען אויך פֿאָרגענומען ווערען אינטערנאַציאָנאַלע אָבמאַכען מיט פֿערשידענע מלוכות, מיט די רעגירונגען פֿון די אײנוואַנדערונגס־לענדער און מיט די רעגירונגען פֿון די דורכוואַנדערונגס־לענדער, מיט דעם צוועק צו שיצען די עמיגרירענדע מאַסע געגען פֿערשידענאַרטיגע אומזיסטיגע פֿערפֿאָלגונגען און עקספּלואַטירונגען.— נור אויב מיר דאַרפֿען רעדען קלאָר און דײַטליך און נישט מיעד ווערען רעדענדיג וועגען דעם, וואָס מיר פֿאָדערען דירעקט פֿון אונזער מלוכה, מײן איך אָבער, אַז רעדען וועגען דעם קאָנקרעטען אינהאַלט פֿון אַזעלכע אינטערנאַציאָנאַלע אָבמאַכען איז בײַ אונז איצט נאָך צו פֿריה. מיר לעבען געגענווערטיג בײַ אַזעלכע בעדינגונגען, דאָס אַלס פֿערטיגער

פון די הילענדער יורען, וואס האבען איינגעוואנדערט און זיך בעזעצט אין די פעראייניגטע שטאטען, טרעטען ארויס די פעראייניגטע שטאטען געגען רוסלאנד און נישט פערקעהרט; רעדען דעריבער וועגען דעם, וואס רוסלאנד האט צו פאדערען פון די פעראייניגטע שטאטען, וואלט בײַ איצטיגע פערהעלטניסען געוועזען נישט מעהר ווי א ביטערע איראניע.

B.—אויפ'ן געביט פון דער אינטערנאציאנאלער ארבייטער-בעוועגונג.

מיר האבען אבער די מעגליכקייט צו ווירקען אויף די אינטערנאציאנאלע וואנדערונגס-פאליטיק נישט בלויז דורך די פאדערונג פון דיפלאמאטישע אבמאכען צווישען פערשידענע מלוכות. אזוי לאנג ווי די ארבייטער-אינטערנאציאנאלע איז נישט קיין פוסט ווארט — און מ'קען זאגען, דאס מיט יעדען יאהר ווערט דער אינטערנאציאנאלער ארגאניזאציאנס-פערבאנד צווישען די פראלעטארישע פעראייניגונגען פון פערשידענע לענדער אלץ שטארקער און פיעל-זייטיגער — ליעגט אויף דעם ארגאניזירטען יודישען ארבייטער-קלאס א חוב צו ווירקען אויף די וואנדערונגס-פערהעלטניסען אויך אויף דעם וועג פון דער אינטערנאציאנאלער ארבייטער-בעוועגונג.

און דיזע ווירקונג דארף טראגען א דאפעלטען כאראקטער; ערשטענס, דארף זי בעשטעהן אין אלגעמיינע רעזאלוציעס אין דירעקטיווען, וואס ווערען אנגענומען און ארויסגעגעבען דורך די פעריאדישע אינטערנאציאנאלע ארבייטער-קאנגרעסען; צווייטענס, דארף זי זיך אויסדריקען אין דירעקטע און שטענדיגע פערהאנדלונגען מיט די ארבייטער-ארגאניזאציעס פון די איינוואנדערונגס-לענדער.

אויף די ארבייטער-קאנגרעסען דארף מען ווירקען אין דעם זין, דאס די דירעקטיווען, וואס ווערען געגעבען אין די קאנגרעס-רעזאלוציעס, זאלען, פון איין זייט שטרעבען אבצוהיטען די אינטערנאציאנאלע איינהייט און סאלידאריטעט פון דער ארבייטער-בעוועגונג, און פון דער צווייטער, זאלען זיי זעהען אבצוהיטען די בעסערע לעבענס-בעדינגונגען, וועלכע דער ארבייטער-קלאס האט זיך שוין דערווארבען אין געוויסע לענדער. — נישט דא איז, פערשטעהט זיך, דער ארט טעארעטיש צו בעטראכטען די פראגע, ווי ווייט דיזע ביידע שטרעבונגען (אבצוהיטען אי די פאדערונג פון פראלעטארישער סאלידאריטעט, אי דעם העכערען לעבענס-שטאנד פון די ארטיגע ארבייטער) זענען זיך איינע די אנדערע נישט סותר. איך מיין, דאס אויב די ארבייטער-מאסע פון די איינוואנדערונגס-לענדער איז פראפעסיאנעל ארגאניזירט, דאן דארף זי פאר די „גרינע" אימיגראנטען נאך ווייניגער מורא האבען, ווי צ. ב. די ארגאניזירטע ארבייטערשאפט פון יעדען קאפיטאליסטישען לאנד פאר די פריט-

אָנגעקומענע פֿון דאָרף; איז ווידער די אָרטיגע אַרבײַטערשאַפֿט נישט גענוג אָרגאַניזירט, דאַן דאַרף זי בכלל זיך זעהען וואָס גיכער און וואָס פֿעסטער צו אָרגאַניזירען, און אָהן דעם וועלען איהר קיין אויסנאַהמס־געזעצען געגען די אײַנוואַנדערונג נישט העלפֿען. איך מיין אַלזאָ — און אין אַנ׳אַנדער אָרט האָף איך עס צו דערווײַזען — דאָס די צוויי שטרעבונגען זענען זיך איינע די אַנדערע בײַ געוועהנליכע בעדינגונגען נישט סותר. יעדענפֿאַלס, מיט אַ עהנליכען גײַסט איז אויך דורכגעדרונגען די רעזאָלוציע פֿונ׳ם שטוטגאַרטער אינטערנאַציאָנאַלען קאָנגרעס, וועלכע איז אין איהרע הויפּט־שטריכען דעם לעזער געוויס בעקאַנט. אין דעם גײַסט פֿון דער שטוטגאַרטער רעזאָלוציע (געוויסע ענדערונגען און ערגענצונגען זענען דערבײַ נישט נור נישט אויסגעשלאָסען, נור כמעט אומפֿערמיידליך) דאַרף אויך ווײַטער געטאָן ווערען.

אמת, ווען די שטוטגאַרטער רעזאָלוציע קומט־אויס זעהר אָפֿט צו הערען, דאָס זי איז געבליבען בלויז אויפֿ׳ן פּאַפּיר, ווײַל די אַרבײַטער פֿון די אײַנוואַנדערונגס־לענדער — און גראַד צו יענע אַרבײַטער איז דאָך די רעזאָלוציע הויפּטזעכליך געווענדעט — זענען מיט איהר נישט אײַנשטימיג. ביז אַ געוויסען גראַד איז דאָס ריכטיג, אָבער בלויז ביז אַ געוויסען גראַד. ריכטיג איז, דאָס נאָך דעם שטוטגאַרטער קאָנגרעס האָבען זיך די אַמעריקאַנער אַרבײַטער פֿאָרט מיט אַמאָל נישט פֿערוואַנדעלט פֿון אײַנוואַנדערונגס־געגנער אין אײַנוואַנדערונגס־פֿרײַנד (און דאָס האָט אייגענטליך די רעזאָלוציע פֿון קאָנגרעס גאָר נישט געפֿאָדערט פֿון זיי), דאָס זיי פֿערהאַלטען זיך נאָך הײַנט אויך געגנעריש צו דער אימיגראַציע; אָבער פֿון די אַנטי־אימיגראַציאָנס־אַגיטאַציע פֿון די אַמעריקאַנער אַרבײַטער, וועלכע איז שוין געווען אַזוי שטאַרק פֿאַר דעם שטוטגאַרטער קאָנגרעס, און וועלכע וואָלט זיך בײַ דער אומאויפֿהערליכער אײַנוואַנדערונג נאָך געוויס פֿערשטאַרקט, איז לא די וואָס זי איז נישט שטאַרקער געוואָרען, נור זי איז זײַט דאַן, יעדענפֿאַלס אין פֿערלויף פֿון אַ געוויסער צײַט, בעדײַטענד געפֿאַלען. אויב נישט קיין פּאָזיטיווע, דאַן לפּחות אַ געוויסע נעגאַטיווע, צוריקהאַלטענדע ווירקונג אויף די אַנטי־אימיגראַציאָנס־פּאָליטיק פֿון די אַמעריקאַנער אַרבײַטער האָט אַלזאָ די שטוטגאַרטער רעזאָלוציע יאָ געהאַט.

איבעריגענס, אויב דיזע רעזאָלוציע האָט נישט געהאַט קיין מערקבאַרע, פּאָזיטיווע רעזולטאַטען, ליגט אַ געוויסער טייל פֿון דער שולד דערפֿאַר אויף דעם, וואָס נאָכ׳ן קאָנגרעס זענען זיך אַלע פֿונאַנדערגעפֿאָהרען, יעדער צו זײַן פֿעראיין, יעדער צו זײַן פּאַרטיי און זײַן לאַנד, צו זײַן טאָג־טעגליכען קאַמפּף, און דורכפֿיהרען די רעזאָלוציע אין לעבען האָט מען כמעט אין גאַנצען איבערגעלאָזען די אַרבײַטער פֿון די אײַנוואַנדערונגס־לענדער. דאָס איז נישט קיין ריכטיגער גאַנג. מיט אויס־

ארבייטען די רעוואלוציע ווערט נאך ווייט נישט אויסגעשעפט די אויפגאבע אין דיזער הינזיכט; די רעוואלוציע איז נישט מעהר ווי א פלאן פון א געוויסער ארבייט; די ארבייט גופא האט מען פערנאכלעסיגט, פערגעסען, איבערהויפט ביי אונז, אין די אויסוואנדערונגס-לענדער. מען האט געדארפט און מ'דארף נאך דער רעוואלוציע און אין דעם זין פון דער רעוואלוציע, פיהרען אונטערהאנדלונגען מיט די ארבייטער-פעראיינען אין אמעריקא. מ'דארף מיט זיי פערבינדען יענע מיטגליעדער פון די ארבייטער-ארגאניזאציעס ביי אונז, וואס עמיגרירען קיין אמעריקא, און מ'דארף זארגען פאר דעם, זיי זאלען באלד קענען אריינטרעטען אין די ארגאניזירטע ארבייטער-בעוועגונג אין זייער נייעם וואוינונגס-ארט. מען דארף, ווי ווייט מעגליך, ווירקען אויף די יודישע עמיגראנטען, זיי זאלען נישט ווערען קיין לויהן-דריקערס און קיין שטרייק-ברעכערס, און אויך אין דיזער הינזיכט וועט געלינגען צו דערגרייכען בעמערקבארע רעזולטאטען הויפטזעכליך דאן, אויב די ארבייטער-ארגאניזאציעס ביי אונז וועלען אנהויבען זיך בכלל צו פערהאלטען אקטיוו צו דער רעגולירונג פון דער עמיגראציע. נור דא שטויסען מיר זיך שוין אן אן דעם דריטען טייל פון אונזער ארבייט אויף דיזען געביט, אן די ארגאניזירונג פון דירעקטע הילף פאר די עמיגרירענדע מאסע.

## C.—דירעקטע הילף פאר די וואנדערער.

די דירעקטע הילף, וואס מיר דארפען ארגאניזירען פאר די עמיגרירענדע מאסע קען, פערשטעהט זיך, נישט שטעלען זיך קיין אנדערע אויפגאבען, ווי די רעגולירונג פון דער עמיגראציע אין אלגעמיין; זי דארף אלזא אויך שטרעבען צו בעשרענקען ווי ווייט מעגליך די עקספלואטאציע פונ'ם עמיגראנט דורך די טראנספארט-געזעלשאפטען און די טראנספארט-פערמיטלער, צו פערקלענערען די צרות הדרך, אבצושוואכען די רייבונגען צווישען איהם און די ארטיגע ארבייטער אין זיין נייעם וואוינונגס-ארט. דער קאנקרעטער אינהאלט אבער פון אונזער דירעקטער הילף דער עמיגרירענדער מאסע הענגט פריהער ווי אלץ אב פון דעם, וואס ווערט דורך דער מלוכה געטאן, אדער ריכטיגער, וואס ווערט דורך איהר נישט געטאן, אום צו שיצען און שטיצען דעם עמיגראנט. און וואס ווייניגער די מלוכה פערנעהמט זיך מיט ערנסטען עמיגראנטען-שיץ, אלץ מעהר אייגענטליך בלייבט פאר אונז דירעקטע ארבייט אויף דיזען געביט. שיצט די מלוכה נישט גענוג דעם עמיגראנט געגען די פערשידענארטיגע שווינדלער, וואס דרעהען זיך ארום איהם, דאן דארף מען מיט אלע מעגליכקייטען, מינדליך, דורך פלוג-בלעטער א. ד. ג., ווארענען די מאסע געגען דיזע שונאים איהרע. שיצט די מלוכה נישט דעם עמיגראנט געגען די שלעכטע בעהאנדלונגען, שענדליכע אויפענטהאלטס-בע-

דינגונגען אָדער אויפֿגעבלאָזענע פּרייזען אויף דער רייזע א. אז. וו., דאַן דאַרפֿען מיר ברייט בעקאַנט מאַכען אין דער בעפֿעלקערונג די נעמען פֿון די שיפֿען און פֿון די געזעלשאַפֿטען, וואו עס הערשען אַזעלכע בעדינגונגען, וואָרענען דעם עולם מיט דיזע שיפֿען נישט צו פֿאָהרען און אויף אַזאַנאַרט קעמפּפֿען פֿאַר בעסערע און ביליגערע טראַנספּאָרט-בעדינגונגען. אינפֿאָרמירט די מלוכה נישט דעם עולם וועגען דעם עקאָנאָמישען צושטאַנד אין די פֿערשיעדענע געגענדען, וואוהין עס געהט געוועהנליך די עמיגראַציע, דאַן דאַרף מען עס טהון דורך מינדליכע ערקלערונגען, דורך דער פּרעססע א. אז. וו. — און אַפֿילו דאַן בעת די רעגירונג בעשעפֿטיגט זיך יאָ מיט אַזעלכע אינפֿאָרמאַציעס, דאַרף מען אויך שטעהן אין שטענדיגע בעציהונגען מיט די אַרבייטער-פֿעראיינען פֿון די איינוואַנדערונגס-לענדער און מזהיר זיין די עמיגראַנטען נישט צו פֿאָהרען אַהין, וואו זיי קענען געפֿינען בעשעפֿטיגונג נור אַלס שטרייק-ברעכער. מיט איין וואָרט, אינפֿאָרמירען די יודישע מאַססע וועגען אַלץ, וואָס איז וויכטיג פֿאַר דעם אויסוואַנדערער, — דאָס איז די ערשטע און וויכטיגסטע אויפֿגאַבע אינזערע אויף דעם געביט פֿון דירעקטע הילף דער עמיגרירענדער מאַססע.

יודישע הילף איז אויך איינע פֿון די וויכטיגסטע זאַכען, אין וועלכע עס נויטיגט זיך דער עמיגראַנט, הויפּטזעכליך, דאַן בעת די מלוכה האָט נישט געשאַפֿען קיין גענוג גרויסע צאָהל עמיגראַציאָנס-אינספּעקטאָרען, וואָס זאָלען זיך פֿערנעהמען מיט שיצען די רעכטען פֿון די וואַנדערער. אויך מעדיצינישע הילף דאַרף אָפֿט געגעבען ווערען דעם עמיגראַנט, געוועהנליך אין די פֿאַלען, ווען ער ליידט פֿון אַזאַ קראַנקהייט, צוליב וועלכער מ'וועט נישט אַריינגעלאָזען אין דאָס איינוואַנדערונגס-לאַנד, און וועלכע קען מיט פֿיעל-וועניג מיה אויסגעהיילט ווערען.

צו דער דירעקטער הילף פֿאַר די עמיגרירענדע מאַססע געהערט געווים אויך דאָס עפֿענען פֿאַר יעדען אויסגעוואַנדערטען פּראָלעטאַריער דעם צוטריט צו די אַמעריקאַנער פּראָפֿעסיאָנעלע פֿעראיינען, וואָס דאַרף ביי אונז אַזוי וויכטיג זיין מכמה טעמים. און בכלל דאַרפֿען מיר איינגאַנצען נישט פֿערלאָזען דעם אויסגעוואַנדערטען אַרבייטער אויך אין זיין נייער היים, אין די ערשטע צייט פֿון זיין אָנקומען אַהין. עס דאַרף איהם ווערען פֿערלייכטערט דאָס קומען צו די יודישע פּראָלעטאַרישע קרייזען, וואָס געפֿינען זיך דאָרט און מיט וועלכע עס ווערען אונטערגעהאַלטען פֿערבינדונגען: דיזע קרייזען, אין וועלכע ער קען געפֿינען אַ היימישע סביבה, דאַרפֿען איהם צונעהמען ווי אַ חבר, געפֿינען פֿאַר איהם אַרבייט, אַריינפֿיהרען איהם אין די אָרטיגע אַרבייטער-בעוועגונג א. ד. גל.; נישט וועניג פּיין וואָלט דער עמיגראַנט דורך דעם פֿערשפּאָרען און נישט וועניג רייבונגען צווישען איהם און דער אַמעריקאַנער אַרבייטערשאַפֿט וואָלט דורך דעם אויסגעמידען ווערען.

## קאַפּ. VI.—די אײנריכטונגען, וואָס אין ווײער רשות דאַרף שטעהן דער עמיגראַנטען-שוץ.

עס שטעלט זיך אָבער אַ פֿראַגע: ווער איז דאָס „מיר“, וואָס דאַרף אָרגאַניזירען די דירעקטע הילף פֿאַר דער עמיגרירענדער מאַסע? וועלכע אָרגאַניזירטע געזעלשאַפֿטליכע קראַפֿט דאַרף זיך דערמיט פֿערנעהמען?

און בכלל, דעם גאַנצען פּראָגראַם פֿון עמיגראַנטען-שוץ, ווער דאַרף עס זעהען צו פֿערווירקליכען אין לעבען? אין וועמעס רשות דאַרף שטעהן דער עמיגראַנטען-שוץ: צי דאַרף דאָס זײַן די אויפֿגאַבע פֿון די אַלגעמײנע מלוכה-אײנריכטונגען, פֿון די צענטראַלע מלוכה-אָרגאַנען און פֿון די אָרטיגע (פּראָווינציעלע, שטעדטישע, דאָרפֿישע) זעלבסט-פֿערוואַלטונגען, — אָדער די רעגולירונג פֿון דער עמיגראַציע דאַרף געהערען צו דער קאָמפּעטענץ פֿון די באַזונדערע נאַציאָנאַל-אויטאָנאָמע אײנריכטונגען פֿון יעדען פֿאָלק, וואָס וואוינט אין דער מלוכה?

### A.—נאַציאָנאַל-אויטאָנאָמע און אַלגעמײנע מלוכה-אײנריכטונגען.

אַז די נאַציאָנאַל-אויטאָנאָמע אײנריכטונגען דאַרפֿען זיך פֿערנעהמען מיט רעגולירען די עמיגראַציע, איז בײַ פֿיעלע יודישע פּובליציסטען שוין געוואָרען אַ מין אַקסיאָם, אַ זאַך וואָס מ'נעהמט-אָן אָהן שום באַווײַזען: ניט נור די טעריטאָריאַליסטען, וועלכע פֿערבינדען מיט דיזער רעגולירונג באַשטימטע נאַציאָנאַלע פּערספּעקטיווען, נור אַפֿילו ליטוואַק און מעדעם, וועלכע האָבען צום טעריטאָריאַליזם קײן שום שײַכות ניט, מײנען פֿונדעסטוועגען אויך, דאָס די צוקונפֿטיגע נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע דאַרף צווישען אַנדערע איהרע פֿונקציעס אַרײַננעהמען אויך די רעגולירונג פֿון דער עמיגראַציע. ליטוואַק גיעט פֿונדעסטוועגען צו, דאָס „זען די עמיגראַציע וועט אינ'ם יודישען לעבען שפּילען אַזאַ קלײנע ראָלע ווי בײַ אַנדערע נאַציאָנען, וואָס וואוינען אין רוסלאַנד, ווען די באַדינגונגען דאָ און אין די אימיגראַציאָנס-לענדער וועלען זײַן אײנע און די זעלבע פֿאַר יודישע עמיגראַנטען ווי פֿאַר ניט-יודישע און נור די שפּראַך וועט זיי צוטײלען, דאַן וועט די אָרטיגע זעלבסטפֿערוואַלטונג קענען גרינדען עמיגראַנטען-ביוראָ'ס פֿאַר דער גאַנצער באַפֿעלקערונג, נור די באַאַמטע פֿון די ביוראָ'ס וועלען מוזען באַזיצען די אַלע שפּראַכען, וואָס זענען אין דעם געגענד גאַנגבאַר“ *). ווי עס שײַנט, איז אויך מעדעם אײַנפֿערשטאַנען, דאָס די רעגולירונג פֿון דער עמיגראַציע דאַרף אַרײַנגעהן אין די פֿונקציעס פֿון די נאַציאָנאַל-אויטאָנאָמע אײנריכטונגען נור אַזוי לאַנג, ווילאַנג די

* צײַט-פֿראַגען, III באַנד, ז. 56.

עמיגראציע טראגט ביי אונז אזא שארפען כאראקטער ווי געגענווערטיג.

איך האלט דיזע מיינונג פאר נישט ריכטיג. נור קודם כל מוז אנגעמערקט ווערען, דאס זי איז זעהר נעבעלהאפט און לחלוטין נישט קלאר. שוין לאזענדיג אפילו אן א צייט ליטוואקס תנאי וועגען דעם, אז די יודישע און נישט-יודישע עמיגראנטען זאלען זיך געפינען אין איינע און די זעלבע בעדינגונגען און נור די שפראך זאל זיין צוטיילען, א תנאי וואס קען קיין שום בעשטימטען זין נישט האבען, ווארום ס'איז, פערשטעדט זיך, אונמעגליך, דאס צוויי פעלקער זאלען זיך נישט אינטערשיידען אין קיין שום הינזיכט אחוץ זייער שפראך (א בעזונדערע שפראך איז שוין אליין פון איין זייט אגענוגענדער סימן, דאס צווישען דיזע פעלקער איז פאראן בכלל פיעלע פערשידענהייטען, און פון דער צווייטער זייט, אגענוגענדע סבה, וואס בעשאפט אויך פערשידענהייטען צווישען די פעלקער), שוין נישט רעדענדיג וועגען דעם, בלייבט פונדעסטוועגען אונקלאר, וואס ווילען אייגענטליך מעדעם און ליטוואק איבערגעבען דער נאציאנאלער אויטאנאמיע: דארף יעדע נאציאן זיין זעלבשטענדיג אין רעגולירען אידר עמיגראציע, ווי, צ. ב. אין איינארדנען שולען און טעאטרען, אדער ניין? ווי עס ווייזט אויס, האלטען זיי זיך ביי דער צווייטער מיינונג, ד. ה., אז די אויבערהאנד איבער די רעגולירונג פון דער עמיגראציע דארף האבען די מלוכה. יעדענפאלס מעדעם האט נישט איינמאל פערטיידיגט דעם פאליטישען פראגראם אויפ'ן געביט פון רעגולירען די עמיגראציע *), דעם פראגראם, וואס איז אינגאנצען געבויט אויף דער אריינמישונג פון דער מלוכה, דעם זעלבען פראגראם (אחוץ קליינע איינצעלהייטען), וואס ליבמאן האט ענטוויקעלט אינ'ם צווייטען זאמעלבוך צייט-פראגען און וואס מיר האבען דא גופא געזעהען מיט עטליכע זייטען פריהער. די נאציאנאלע אויטאנאמיע איז אלזא בנוגע צו רעגולירען די עמיגראציע נישט זעלבשטענדיג, זי קען ארבייטען בלויז אין די ראהמען פון דער אלגעמיין-מלוכה'שער עמיגראנטען-שיץ-געזעצגעבונג. וואס ליעגט אלזא אין דער קאמפעטענץ, אין די רעכטען און די פליכטען, פון דער נאציאנאלער אויטאנאמיע? אפשר די געזעצגעבונג שאפט טאקי די מלוכה, נור דאס דורכפיהרען זיי אין לעבען, די אויספיהרענדע ארגאנען, ספעציעל דאס עמיגראציאנס-קאמיסאריאט שאפט יעדע נאציאן פאר זיך? מעדעם זאגט אבער בפירוש: „מיט דער הילף פון ספעציעלע ארגאנען דארף די מלוכה שטרענג נאכקוקען אויב דיזע (בעשטימטע דורכ'ן געזעץ — ל. ה.) בעדינגונגען ווערען אבגעהיט, און גיבען די עמיגראנטען א שטענדיגע הילף“; אלס ביישפיל ווערט דערביי ציטירט דאס איטאליענישע קאמיסאריאט,

* יעווריסקאיע אבאזרעניע, 1910, № 11, און אויך אנדערשוואו.

וועלכעס בעקוקט די שיפען, גיעט אַרויס שיפס־פּאַטענטען, בעשטימט רייזע־פּרייזען א. אז. וו. — וואָס בלייבט אַלזאָ איבער דער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע? אָדער אפשר טהוען די נאַציאָנאַל־אויטאָנאָמע איינריכ־ גען דאָסזעלבע, וואָס די אַלגעמיין־מלוכה'שע איינריכטונגען? אָדער אפשר האָט דאָ מעדעם גערעדט וועגען דער מלוכה, און ער האָט דערביי אין זינען געהאַט בלויז אַ עפּענטליך־רעכטליכע רעגולירונג, נישט וועלענדיג גאָר בעריהרען די פראַגע, צי דאַרף זיך דערמיט פערנעהמען אַן אַלגעמיין־מלוכה'שע איינריכטונג אָדער אַ ספּעציעל־נאַציאָנאַלע? — ס'איז אוממעגליך צו דיסקוטירען יעדע פון דיזע השערות בעזונדער, ווארום השערות קענען זיין אָהן אַ ברעג.

איך האַלט אָבער יעדענפאַלס פאַר נישט ריכטיג די מיינונג, דאָס די רעגולירונג פון דער עמיגראַציע דאַרף אַריינגעהן אין די קאָמפּעטענץ פון די נאַציאָנאַל־אויטאָנאָמישע איינריכטונגען בלויז אַ געוויסע צייט, ביז די עמיגראַציע וועט ביי יודען אָנוועריען איהר בעזונדערע שאַרפקייט. איך לאָז שוין אָן אַ זייט דאָס, וואָס אַזאַ פּאָזיציע איז פאַר אַ פּאַרטיי־פּראָגראַם (און וועגען וואָס איז דען די רעדע, אויב נישט וועגען אַ פּראָגראַם?) פּאָליטיש נישט אויסגעהאַלטען; איך לאָז אָן אַ זייט אויך דאָס, וואָס מיר האָבען דאָ ווידער צו טאָן מיט זעהר נישט קיין קלאָרען פּראָיעקט (ווארום, ביז וועלכער גרויס פון דער עמיגראַציע דאַרפען זיך מיט איהר פערנעהמען די נאַציאָנאַל־אויטאָנאָמע איינריכטונגען?) *), — איך

* ליטוואַק זאָגט: ביז זי וועט ביי יודען נישט שפּילען אַזאַ קליינע ראָלע, ווי ביי אַנדערע נאַציאָנען פון רוסלענדער מלוכה. נור ראַשית, ווי ביי וועלכע נאַציאָנען? ביי די פּאָלאַקען, ליטווישע, רוסען, אַרמענער א. אז. וו. שפּילט זי גאַנץ פערשידענע ראָלעס. און אַגב מוז אָנגעמערקט ווערען, דאָס ביי אַנדערע נאַציאָנען, וואָס וואוינען אין רוסלאַנד, שפּילט זי לגמרי נישט אַזאַ „קליינע ראָלע", ווי ליטוואַק מיינט. מיר האָבען צום טייל שוין געהאַט די מעגליכקייט עס צו זעהען בנוגע צו די פּאָלאַקען און די ליטווישע, איך וויל דאָ בלויז צוגעבען, דאָס אויב צווישען די שטעדטישע אַרבייטער פערנעהמט ביי זיי די עמיגראַציע אַ בעשרענקטען פּלאַץ, שפּילט זי אָבער זעהר אַ גרוי־ סע ראָלע אין דאָרף. און נאָך מעהר, אפילו די נאַציאָנאַל־אויטאָפּיסטישע חלומות, מיט וועלכע געוויסע קרייזען פערבינדען ביי אונז די עמיגראַציע, זענען אויך נישט אינ־ גאַנצען פרעמד אין פּוילען. אויך דאָרטען חלומ'ט מען וועגען „אָבקירעווען" די עמי־ גראַציע פון די פעראייניגטע שטאַאַטען און פון קאָנצענטרירען אויף אַ ספּעציעלע טעריטאָ־ ריע; אויך דאָרטען בייזערט מען זיך, פּראָוואָס די „פּוילישע עמיגראַציאָנס־געזעלשאַפט", וועלכע פערנעהמט זיך, ווי ביי אונז להבדיל, מיט פּראַקטישער אַרבייט און קען דעריי־ בער נישט „קאָנצענטרירען", האָט נישט אין זיגען די „נאַציאָנאַלע אינטערעסען"; מ'מוז נור צוגעבען, דאָס די פּאָלאַקען, וואָס זייערע וואַנדערער זענען הויפּטזעכליך דאָרפס־לייט, האָבען שוין זייער „טעריטאָריע", דאָס „נייע פּוילען", געפונען: זי געפינט זיך אינ'ם שטאַאַט פּאַראַנאַ, אין דרום בראַזיליען; הגם די צוקונפט פון פּוילען ליגט, פערשטעהט זיך, נישט אויף די ברעגעס פון טייך פּאַראַנע, נור אויף די ברעגעס פון ווייכסעל, פונדעסטוועגען מוז צוגעגעבען ווערען, דאָס די פּוילישע קאָלאָניזאַציע אין פּאַראַנע איז

היל בלויז אויפֿמערקזאַם מאַכען, דאָס די עמיגראַציע איז כלל נישט שטענדיג אַזאַ קרענק, וואָס מ'לײַדט פֿון איהר אַ געוויסע לאַנגע צײַט און גאָלדעם ווערט מען פֿון איהר פּטור אויף אײביג; פֿאַרקעהרט, די געשיכטע פֿון דער עמיגראַציע ווײַזט אונז, דאָס דיזע „קרענק" קען זיך אָבּרופֿען אַפֿילו נאָך אַ רעכט לאַנגע צײַט צורוה־לאָזען. אַזוי, צ. ב., איז פֿון דײַטשלאַנד געגאַנגען זעהר אַ שטאַרקע עמיגראַציע אין פֿערלויף פֿון די 40־ער און 50־ער יאָהרען פֿון 19־טען יאָהרהונדערט; אין אַ משך פֿון אונגעפֿעהר צוויי יאָהרצענדליגען, ד. ה., אין די 60־ער און 70־ער יאָהרען, האָט זי זיך כמעט אינגאַנצען אָבגעשטעלט; אָבער צוזאַמען מיט דעם אָנקונפֿט פֿון די 80־ער יאָהרען ביז אין אָנהויב נײַנציגער איז זי ווידער געוואָרען זעהר גרויס, און זײַט דעם מיטען פֿון די 90־ער יאָהרען ביז הײַנט איז זי פֿון דאָס נײַ זעהר געפֿאַלען, אַזוי אַז בײַ הײַנטיגען טאָג קען מען זאָגען, דאָס דײַטשלאַנד עמיגרירט כמעט אינגאַנצען נישט. בײַ אַזעלכע בעדינגונגען איז קלאָר, דאָס פֿאָדערען פֿון די נאַציאָנאַל־אויטאָנאָמע אײַנריכטונגען, זיי זאָלען זיך בעשעפֿטיגען מיט דער רעגולירונג פֿון דער עמיגראַציע אַזוי לאַנג, ווי די עמיגראַציע איז גרויס, און זאָלען איבערגעבען עס די אַלגעמײַנע מלוכה'שע אײַנריכטונגען, ווען זי ווערט קלײן, — וואָלט אין דער ווירקליכקײַט געקענט ברענגען צו אַזאַ מין קאַדריל, וואָס קיין ערנסטע פּאַרטײַ, ווי אָפּאָרטוניסטיש זי זאָל נישט זײַן, קען דערין זיך נישט לאָזען אַרײַנציהען.

נײן, בײַ אַזאַ פּאָזיציע קען מען זיך נישט האַלטען; מען מוז זאָגען ענטוועדער — אָדער: אָדער די רעגולירונג פֿון דער עמיגראַציע דאַרף צוזאַמען מיט פֿראַגען פֿון נאַציאָנאַלער קולטור אויסגעטײלט ווערען פֿון די אַלגעמײַנע מלוכה־אָרגאַנען און איבערגעגעבען ווערען די נאַציאָנאַל־אויטאָנאָמע אײַנריכטונגען, און דאַן דאַרף מען עס איבערלאָזען אין זייער רשות און אויך זיי געבען אַ ברײַטע אויטאָנאָמיע אין דער הינזיכט, ווי אין אַלע איבעריגע הינזיכטען, — אָדער לאָזען עס אין דער רשות פֿון די אַלגעמײַן־מלוכה'שע (דערונטער אויך פּראָווינציעלע, שטעדטישע, דאָרפֿישע א. ד. גל.) אײַנריכטונגען, וועלכע דאַרפֿען זיך דערמיט פֿאַרנעהמען, ווי מיט יעטוועדער אַנדער מין סאָציאַל־פּאָליטיק; אַ פּראָגראַם קען אַנדערש נישט רעדען.

שטעלט מען די פֿראַגע אין איהר אַלגעמײַנער פֿאָרמע: צי דאַרף

פיעל בעדייטענדער ווי די גאַנצע יודישע קאָלאָניזאַציע אין פּאַלעסטינאַ, אַרגענטינאַ אר קאַנאַדאַ צוזאַמען.—אַפֿילו ביי די רוסען שפּילט די אויסוואַנדערונג אויך נישט „אַזאַ קליינע ראָלע", ווי ליטוואַק מיינט: מ'דאַרף גור נישט פֿערגעסען דאָס אין פֿערלויף פֿון די 4 יאָהר 1907—1910 האָבען קיין סיביר אויסגעוואַנדערט צוויי מיט אַ פֿערטעל מיליאָן פּויערים, דערביי זיינען פּולע אָנדערהאַלבען מיליאָן פֿון זיי אויסגעוואַנדערט בלויז פֿון די „שוואַרץ־ערדישע" גובערניעס.

בכלל די רעגולירונג פֿון דער עמיגראַציע אויסגעטיילט ווערען פֿון די אַלגעמיינע מלוכה־אָרגאַנען און איבערגעגעבען ווערען (אויף רעכט־ברייטע אויטאָנאָמיע יסודות) צו די אײַנריכטונגען פֿון דער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע? — דאַן, מיין איך, דאַרף קלאָר און דײַטליך געענטפֿערט ווערען: ניין.

ניין, מכמה טעמים; ניין, צוליעב פּראַקטישע אורזאַכען, און ניין — פּרינציפּיעל.

ערשטענס, די פּראַקטישע טעמים. שטעלט איך פֿאָר, וואָס פֿאַר אַ מיש־מאַש עס וואָלט אַרויסקומען, נישט נור ווען יעדע נאַציאָן אינ׳ם לאַנד וואָלט געהאַט איהרע בעזונדערע עמיגראַנטען־שוץ־געזעצען, און די שיפֿס־געזעלשאַפֿטען וואָלטען אין רוסלאַנד, צ. ב., געהאַט צו טאָן מיט אַ פּאָר צעהנדליג פֿערשיעדענע געזעצגעבונגען, נור ווען די געזעצגעבונג וואָלט אַפילו געווען אַנ׳אַלגעמיין־מלוכה׳שע, און יעדע נאַציאָן וואָלט געהאַט בלויז איהר אייגענעם קאָמיסאַריאַט דיזע געזעצגעבונג צו פֿערווירקליכען! דיזעלבע שיף וואָלט געדאַרפֿט בעקוקט ווערען דורך צעהנדליגער אינספּעקטאָרען; בעקומען צעהנדליגער ערלויבנישען (פּאַטענטען) אויף פֿריי צו פֿיהרען עמיגראַנטען פֿון די פֿערשיעדענע רוסלענדער פֿעלקער; אַ צעהנדליג אינספּעקטאָרען וואָלט געמוזט בעגלייטען כמעט יעדע שיף; און אַזוי ווי יעדע נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע וואָלט מסתמא געוואָלט זעהען אויפ׳ן שיף „אַנ׳אייגענעם" פּערסאָנאַל (בעדינטע, קוכערס, דאָקטוירים און אפשר נאָך גײַסטליכע א. ד. גל.), דאַן וואָלטען די שיפֿען שוין געקענט פּשוט בעגעהען זיך אָהן עמיגראַנטען אויך, וואָרום זיי וואָלטען געהאַט גענוג פּאַסאַזשירען אַחוץ די עמיגראַנטען. דער אײנציגער אויסוועג פֿון אַזאַ לאַגע וואָלט געקענט זײַן נור דער, דאָס אויך די שיפֿען זאָלען זײַן נאַציאָנאַלע, ד. ה., דאָס עס זאָלען זײַן בעזונדערע שיפֿען פֿאַר יודישע עמיגראַנטען, בעזונדערע פֿאַר פּוילישע, בעזונדערע פֿאַר רוסישע און אַז. וו. און אַז. וו. — דאָס נאַציאָנאַליסטישע אינסטינקט קען פֿון אַזאַ פֿאָדערונג, פֿערשטעהט זיך, קלויבען בלויז נחת: אויב נישט אויף דער יבשה, איז לפּחות אויפ׳ן ים זײַן צום סוף בײַ זיך, „הונדערט פּראָצענט פֿון זיך אַליין", enfin seuls. איך לאָז דעריבער דיזע פֿאָדערונג איבער פֿאַר די נאַציאָנאַליסטען; בײַ אונז אָבער האַלט איך פֿאַר איבעריג אַפילו זיך נעהנטער אויף איהר אָבצושטעלען. און פֿונדעסטוועגען די, וואָס האַלטען זיך בײַ דער מיינונג, דאָס די רעגולירונג פֿון דער עמיגראַציע דאַרף איבערגעגעבען ווערען דער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע, מוזען נויטווענדיגער־ווייזע קומען צו דער פּראַקטישער פֿאָדערונג: וואַנדערער פֿון פֿערשיעדענע נאַציאָנען, פֿאָהרט נישט צוזאַמען, פֿאָדערט פֿאַר זיך בעזונדערע שיפֿען.

הײַנט שטעלט זיך פֿאָר, וואָס אַזאַ רעגולירונג וואָלט געדאַרפֿט

אָבקאָסטען, ווען אפילו דורך די „נאַציאָנאַליזירונג" פון די שיפען וואָלט מען אויף יעדען שיף ניט געדאַרפט האַלטען דיזעלבע בעאַמטע און בעדינטע אין צעהנגעריליי פערשידענע נאַציאָנאַלע עקזעמפּליאַרען: אַ צעהנדליג אָדער אַ פּאָר צעהנדליג קאָמיסאַריאַטען, פון וועלכע יעדעס זאָל האָבען זיינע פאָרשטעהער אין די איינוואַנדערונגס-האַפענס; אַ צעהנדליג אָדער אַ פּאָר צעהנדליג צענטראַלע סטאַטיסטיש-אינפאָרמאַציאָנע ביוראָ'ס, אָנשטאָט איינס פאַר די גאַנצע מלוכה; אויף די ערטער — אַ צעהנדליג אָדער אַ פּאָר צעהנדליג קאָרעספּאָנדענטען אין יעדען איינוואַנדערינגס-פּונקט, וואו איינער, אָדער עטליכע וואָלטען געקלעקט; פּאַראַלעלע נאַציאָנאַלע אינפאָרמאַציאָנס-אָבטיילונגען אין יעדער שטאָדט אויף די ערטער, וואו איין אינפאָרמאַציאָנס-אָבטיילונג וואָלט גענוג געווען א. אז. וו. א. אז. וו. — אַזוי ווי סוף כל סוף וועניגסטענס אַ טייל פון די הוצאות אויף דעם עמיגראַנטען-שוץ פאַלט אויף די עמיגראַנטען גופא, דאַרף מען זיך שטעלען די פראַגע, אויב ביי אַזעלכע אויסערגעוועהנליך-גרויסע אויסגאַבען וואָלט דער עמיגראַנט נישט געזאָגט זיין, זאָגענדיג: „לא מעוקצך ולא מדובשך, איך בין אייך מוחל אייער „שוץ" און צאַפּט ביי מיר נישט אויס מיינע לעצטע פאַר גראָשען. ער וואָלט דערביי געקענט געפינען אַ בעזונדערע בערעכטיגונג נאָך אין דעם, וואָס ביי אַזא צושפּליטערען די איינריכטונגען פון דעם עמיגראַנטען-שוץ, קען מען נישט האָבען קיין נויטיגע ספּעציאַליסטען און קיין נויטיגע ספּעציאַליזירונג פון דער אַרבייט: אַזוי, צ. ב., אויב אַן אַלגעמיין-מלוכה'שע סטאַטיסטיש-אינפאָרמאַציאָנע ביוראָ וואָלט אין געוויסע מעהר-וויכטיגע פּונקטען קענען האַלטען עטליכע קאָרעספּאָנדענטען, פון וועלכע יעדער זאָל זיך פערנעהמען מיט אַ ספּעציעלער בראַנזש, קען אַזא ספּעציאַליזירונג נישט דורכגעפיהרט ווערען ביים סיסטעם פון נאַציאָנאַלע ביוראָ'ס, ביי וועלכען מ'איז שוין אַזוי אויך געצוואונגען צו האַלטען צעהנדליגע קאָרעספּאָנדענטען צו ערפיהלען די אַרבייט, צו וועלכער אַן אַלגעמיין-מלוכה'שע ביוראָ בעדאַרף נור איין איינציגען. ביי דער נאַציאָנאַלער רעגולירונג פון דער עמיגראַציע מוז אַלזאָ די אינפאָרמירונג זיין אויבערפלעכליכער, וועניגער ספּעציאַליזירט און וועניגער גענוי ווי ביי דער רעגולירונג דורך דער מלוכה — און דאָס קען אין אַ גרעסערער אָדער קלענערער מאָס געזאָגט ווערען נישט בלויז וועגען די אינפאָרמירונג, נור אויך וועגען אַנדערע זייטען פון דער רעגולירונגס-טעטיגקייט; ווי, צ. ב., וועגען די מעדיצינישע הילף, יורידישע הילף, די איינאָרדנונג פון אכסניות פאַר עמיגראַנטען אין די פּאָרט-שטעדט א. אז. וו. — קורץ, די נאַציאָנאַלע רעגולירונג פון דער עמיגראַציע, אַחוץ דעם, וואָס זי וואָלט אין דער ווירקליכקייט די רעגולירונגס-טעטיגקייט שטאַרק פערפלאָנטערט, איז זי נאָך פערבונדען מיט פיעל גרעסערע הוצאות און ערפיעלט

איהר אויפֿגאַבע פֿיל ערגער, ווי די רעגולירונג דורך דער מלוכה.

נור דיזע און נאָך אַנדערע פּראַקטישע אונבעקוועמליכקייטען, וואָס זענען פֿערבונדען מיט'ן איבערגעבען די רעגולירונג פֿון דער עמיגראַציע אין דעם רשות פֿון די נאַציאָנאַל־אויטאָנאָמע איינריכטונגען, שטאַמען אַלע פֿון דעם, וואָס אַזאַ פֿאָדערונג קען פּרינציפּיעל נישט פֿערטיידיגט ווערען. נישט דאָ איז דער אָרט פֿאַר אַנ'אויספֿיהרליכען אַנאַליז און אַנ'אויספֿיהרליכע בעגרינדונג פֿון דעם, וואָס דאַרף אַריינגעהן אין די קאָמפּעטענץ, אין די רעכטען און פֿליכטען, פֿון דער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע; מ'דאַרף אָבער דאָ דערמאָהנען דעם גרונד־פּרינציפּ, אויף וועלכען אונזער פֿאָדערונג פֿון קולטור־נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע איז געבויט: אין נאַציאָנאַלע ראַהמען דאַרפֿען געלעזט ווערען יענע פֿראַגען, וועלכע זענען לויט זייער אינהאַלט נאַציאָנאַל; אַלגעמיינע פֿראַגען ווערען געלעזט אין אַלגעמיינע מליכה־ראַהמען. אַזוי, צ. ב., די פֿאָלקס־בילדונג איז לויט איהר אינהאַלט נאָך נאַציאָנאַל; און נישט נור דאַן איז זי נאַציאָנאַל, ווען סיי דער לעהרער, סיי די שילער געהערען צו איין בעשטימטער נאַציאָן, נישט צוליב די נאַציאָנאַלע ראַהמען, אין וועלכע איהר שטעלט אַוועק די שוהל, נור טאַקי צוליב דעם אינהאַלט גופֿא פֿון דער בילדונג; וואָרום מ'לערנט אין אַ שוהל נישט אַנ'אַבסטראַקטעס לעזען און שרייבען, נור לעזען און שרייבען יודיש, אָדער רוסיש אָדער פּויליש אָדער דייטש א. ז. וו.; דאָס, וואָס מ'לערנט, דאָס, וואָס מ'טהוט אין דער שוהל (און נישט נור דער, וואָס לערנט) איז נאַציאָנאַל און קען נישט זיין נישט־נאַציאָנאַל; און כּדי די נאַציאָן, וואָס בילדעט די מעהרהייט אין דער מלוכה (אָדער אין דער פּראָווינץ) זאָל נישט קענען אַרויפֿלעגען איהר נאַציאָנאַלען שטעמפּעל אויף די שוהלען פֿון די נאַציאָנען, וואָס בילדען דאָרטען די מינדערהייט, כּדי די צאָהל־מעסיג הערשענדע נאַציאָן זאָל אויף אַזאַנ'אָרט נישט קענען דורך דער מלוכה פֿערוואַנדלען דעם בילדונגס־ און ענטוויקלונגס־אינסטרומענט אין אַ מיטעל מיט געוואַלד צו אַסימילירען די נאַציאָנאַלע מינדערהייטען, פֿאָדערען מיר דעריבער, דאָס די פֿאָלקס־בילדונג זאָל אויסגעטיילט ווערען פֿון די אַלגעמיינע מלוכה'שע איינריכטונגען און איבערגעגעבען ווערען אין דעם אויטאָנאָמען רשות פֿון יעדער נאַציאָן, וואָס וואוינט אינ'ם לאַנד. דאָסזעלבע אויך וועגען אַנדערע ענינים פֿון דער גייסטיגער נאַציאָנאַלער קולטור, ווי צ. ב., ענינים פֿון ליטעראַטור, קונסט, געשיכטע א. ד. גל.; אַ טעאַטער איז נאַציאָנאַל, און אויך נישט צוליב דעם, ווייל די שוישפּילער אָדער די צושויער געהערען צו אַ געוויסער נאַציאָן, נור ווייל דאָס, וואָס ווערט געשפּילט, מוז נישט נור געשפּילט ווערען אויף יודיש, אָדער אויף רוסיש, אָדער

אויף פּויליש א. ז. וו., נור מוז אויך פֿאָרשטעלען קאָנקרעטע בילדער פֿון אַ געוויסער נאַציאָנאַלער סבֿיבֿה (יודישע, פּוילישע, רוסישע אָדער אַנאַנדערע), געוויסע נאַציאָנאַלע טיפּען, סצענען, א. אַז. וו., מיט איין וואָרט, אַ געוויסע זייט פֿונ'ם לעבען פֿון אַ געוויסען פֿאָלק; איך רעד שוין נישט פֿון די אָדער יענע נאַציאָנאַלע אידעען, וואָס קענען דורכדרינגען די טעאַטער-פּיעסען; און ווידער די זעלבע זאַך: כּדי דער טעאַטער זאָל נישט פֿערוואַנדעלט ווערען אין אַ אינסטרומענט פֿון אַסימילאַציע דורך די נאַציאָן, וועלכע איז אין דער מלוכה די צאָהל-מעסיג הערשענדע, פֿאָדערען מיר, יעדע נאַציאָן זאָל קענען אויטאָנאָם שאַפֿען איבער איהר טעאַטער. ווען די הערשענדע נאַציאָן האָט אָבער דאָס רעכט צו פֿערצוימען פֿאַר אַנדערע, קלענערע נאַציאָנען זייער נאַציאָנאַלע קולטור און צווינגען זיי פֿערקעהרט אָנצונעהמען איהר נאַציאָנאַלע קולטור, דאַן איז דער אַרבייטער-קלאַס פֿון דער אונטערדריקטער נאַציאָן געצוואונגען צוזאַמען מיט זיין בורזשואַזיע צו קעמפֿען געגען די שטרעבונגען פֿון דער הערשענדער נאַציאָן: אָנשטאָט אַ קלאַסען-קאַמף איבער די ריכטונג פֿון די קולטור-איינריכטונגען, בעשאַפֿט זיך אַ נאַציאָנאַלער קאַמף און אַ קלאַסען-צוזאַמענאַרבייטונג. פֿערקעהרט, אויסטיילענדיג די קולטור-אָנגעלעגענהייטען פֿון די אַלגעמיינע פֿונקציעס פֿון דער מלוכה און איבערלאָזענדיג יעדער נאַציאָן דאָס רעכט אויטאָנאָם צו שאַפֿען איבער איהר גייסטיגע קולטור, בעזייטיגענדיג אויף אַזאַ אַרט דעם נאַציאָנאַלען דרוק און דעם נאַציאָנאַליטעטען-קאַמף אין ענינים, וואָס זענען לויט זייער אינהאַלט נאַציאָנאַל, עפֿענען מיר דערמיט גופֿא אַ פֿרייען אין קלאָרען וועג פֿאַר דעם קלאַסען-קאַמף אַרום די זעלבע ענינים: דאָרטען, וואו דער טעאַטער אָדער די שוהל א. ד. גל. שטעהען נישט אין דער געפֿאַהר צו ווערען רוסיפֿיצירט אָדער פּאָלאָניזירט, קען קלאָר און אָפֿען געפֿיהרט ווערען דער קאַמף פֿאַר אַ פּראָלעטאַרישער שוהל, געגען אַ בורזשואַזע, פֿאַר אַ פּראָלעטאַרישען טעאַטער געגען אַ בורזשואַזען, בכלל פֿאַר אַ פּראָלעטאַרישע קולטור געגען אַ בורזשואַזער.

נישט נור די צוועקמעסיגקייט פֿון דעם ענין גופֿא, נור אויך די אינטערעסען פֿונ'ם אויסגעהאַלטענעם פּראָלעטאַרישען קלאַסען-קאַמף (און די ביידע זאַכען, ווי מיר זעהען אויף די געבראַכטע ביישפּילען, געהען זיך נישט און קענען זיך נישט פֿאַנאַנדער-געהן) פֿאָדערען אַלזאָ, דאָס אין ענינים, וואָס זענען לויט זייער אינהאַלט נאַציאָנאַל, דאַרף יעדע נאַציאָן זיין אויטאָנאָם, ד. ה. אַזעלכע ענינים דאַרפֿען אויסגעטיילט ווערען פֿון דעם רשות פֿון דער מלוכה און איבערגעגעבען ווערען אין דעם רשות פֿון נאַציאָנאַל-אויטאָנאָמע איינ-

ריכטונגען, אָדער ווי מיר זאָגען, דאַרפֿען רעגולירט ווערען אין נאַציאָנאַלע ראַהמען *).

ווען איז דאָס אָבער אַלץ גערעדט, ווען דער אינהאַלט פֿון דיזע ענינים איז אַ נאַציאָנאַלער. איז אָבער דער אינהאַלט זייער נישט קיין נאַציאָנאַלער, דאַן איז דאָ ממילא נישט שייך אַ נאַציאָנאַליזירענדע אָדער אַנ'אַסימילירענדע פּאָליטיק פֿון דער מלוכה, און ממילא איז שוין דאָ נישט שייך אויך דער פּחד, דאָס איין נאַציאָן וועט וועלען אויף דיזען געביט אָבנעהמען דעם נאַציאָנאַלען כאַראַקטער, אַסימילירען, אַנ'אַנדער נאַציאָן. דאָס הייסט, פֿערשטעהט זיך, נישט, אַז אויף אַזעלכע נישט-נאַציאָנאַלע געביטען וועט איין נאַציאָן נישט זוכען צו אונטערדריקען די אַנדערע; פּונקט פֿערקעהרט: אין דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנינג, וואָס איז געבויט אויף קאָנקורענץ, אויף קאָנקירענץ צווישען יחידים, צווישען גרופּען, צווישען פֿעלקער, צווישען לענדער און מלוכות, וועלען שטענדיג פֿערשידענע נאַציאָנען זוכען איינע די אַנדערע צו בּעקעמפֿען און צו אונטערדריקען, הויפּטזעכליך טאַקי אויפ'ן עקאָנאָמישען בּאָדען; רוח מאַכען, פֿערדינען, בּעקומען געהאַלט, בּעשטעלונגען, א. אַז. וו. זענען לויט זייער אינהאַלט נאָך נישט קיין נאַציאָנאַלע ענינים, און פֿינדעסטוועגען איז אויף דיזע געביטען נישט נור מעגליך, נור כמעט אונפֿערמיידליך אַ נאַציאָנאַלע אונטערדריקינג מיט דער הילף פֿון דער מלוכה: די מלוכה קען פֿאַר געוויסע נאַציאָנען שאַפֿען בּעגרענצונגען אין זייער עקאָנאָמישער טעטיגקייט, פֿאַר געוויסע אַנדערע נאַציאָנען אָדער פֿאַר איין געוויסער נאַציאָן שאַפֿען פֿערקעהרט פּריווילעגיעס; זי קען צ. בּ. פֿערבּאָטען יודען צו קויפֿען ערד, צו פֿערנעהמען מלוכה-אַמטען, צו וואוינען אויסער'ן תחום, זי קען אָבגעבען איהרע בּעשטעלונגען עכטע רוסען א. ז. וו., א. ז. וו.; מיר זעהן אַלזאָ, דאָס אויך אין אַלגעמיינע, נישט ספּעציעל-נאַציאָנאַלע ענינים קען די מלוכה פֿיהרען אַ פּאָליטיק פֿון נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג.

אויף וואָס פֿאַר אַנ'אופֿן אָבער פֿערווירקליכט די מלוכה אַ נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג אין אַלגעמיינע, נישט-נאַציאָנאַלע ענינים? — דורכדעם, וואָס זי רעגולירט זיי אין נאַציאָנאַלע ראַהמען, פֿאַר יעדע נאַציאָן בּעזונדער, און נישט געבּענדיג דערבּיי אַלע נאַציאָנען די זעלבּע רעכטען. דאָס פֿערנעהמען אַ רעגירונגס-שטעל, אָדער דאָס שטיצען דעם האַנדווערק, אָדער דעם תּבֿואה-האַנדעל, צ. בּ., ווערט רעגולירט בּעזונדער און דערבּיי אַנדערש פֿאַר די רוסען, ווי פֿאַר די פּאָליאַקען און ווי פֿאַר די יודען; דאָס זעלבּע אויך וועגען פֿערנעהמען זיך

*) בּרייטער וועגען דעם זעה ביי וו. מעדעם: „די נאַציאָנאַלע פראגע און די סאָציאַלדעמאָקראַטיע". ווילנא, פערלאג „די וועלט". 1905.

מיט אַנדערע פּראָפּעסיעס, וועגען וואוינרעכט א. ד. גל., — אויב די נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג דורך דער מלוכה אויף אַזעלכע אַלגעמיינע, נישט-נאַציאָנאַלע, געביטען צו בעזייטיגען, איז גענוג אָבצושאַפען די נאַציאָנאַלע ראַהמען צווישען די מלוכה-בירגער פון פערשידענע נאַציאָנען, אַנדערש געזאָגט, ס'איז גענוג די גרונדגעזעצליך-גאַראַנטירטע פּאָליטישע און בירגערליכע גלייכבערעכטיגונג פון דער בעפעלקערונג אָהן אונטערשייד פון נאַציאָן; וואָרום דערמיט פערשווינדען אי די פּריווילעגיעס פאַר איינע אי די בעשרענקונגען פאַר אַנדערע.

ביי דער רעגולירונג פון אַלגעמיינע, נישט-נאַציאָנאַלע ענינים זענען אַלזאָ די נאַציאָנאַלע ראַהמען אין גאַנצען איבעריג. ווייבאַלד אַזוי, איז קלאָר, דאָס דער אַרבייטער-קלאַס פון יעדער נאַציאָן, וועלכער איז שטענדיג פעראינטערעסירט צו קעמפּפען מעגליכסט צוזאַמען מיט דעם אַרבייטער-קלאַס פון אַלע איבעריגע נאַציאָנען פון דער מלוכה, קען נישט און טאָר נישט פאָדערען, עס זאָלען ביי דער רעגולירונג פון אַזעלכע ענינים איינגעפיהרט ווערען נאַציאָנאַלע ראַהמען; פערקעהרט, ווייבאַלד צו בעזייטיגען די נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג דורך דער מלוכה זענען דיזע ראַהמען צווישען נאַציאָנען איבעריג, דאַרף ער פאָדערען, דאָס אַזעלכע ראַהמען זאָלען בשום אופן קינסטליכער-ווייזע נישט איינגעפיהרט ווערען. — איבעריגענס, דאָרטען וואו עטליכע פעלקער וואוינען אין איין געגענד, זענען זיי אין זייער אַלגעמיינער, נישט-נאַציאָנאַלער טעטיגקייט, הויפּטזעכליך אין זייער עקאָנאָמישער טעטיגקייט, אַזוי דורכגעפלאָכטען צווישען זיך, אַז אויסטיילען די טעטיגקייט פון יעדער נאַציאָן בעזונדער און איבערגעבען עס אין דעם רשות פון בעזונדערע אויטאָנאָמע איינריכטונגען איז פשוט אונמעגליך.

און אפילו אין די ווייניגע אַלגעמיינע געביטען, וואו מ'וואָלט אפשר געקענט אויסטיילען יעדער נאַציאָן בעזונדער (ווי צ. ב. אין ענינים פון שפּיטאָלען), זענען די נאַציאָנאַלע ראַהמען ניט נור איבעריג, זיי זענען אויך שעדליך: זיי פאָדערען אומזיסטע הוצאות, צעברעקלען די כחות און מאַכען אונמעגליך יענע טעכנישע ספּעציאַליזירונג פון די איינריכטונגען, וואָס מ'וואָלט געקענט דורכפיהרען בלויז מיט פעראייניגטע קרעפטען פון דער גאַנצער אָרטיגער בעפעלקערונג.

נור בעזונדער וויכטיג איז דערביי נאָך אַן אַנדער זאַך נאָך: די נאַציאָנאַלע ראַהמען אין אַזעלכע אַלגעמיינע ענינים, אין וועלכע עס איז פאַראַן אַ נאַציאָנאַלער קאַמפּף, קענען סתם נישט בעזייטיגען דיזען נאַציאָנאַלען קאַמפּף. שטעלט אייך פאָר, עס געהט אַ שאַרפער קאַמפּף פאַר ערד צווישען רוסישע, פּוילישע אין

ליטווישע ערד־אייגענטימער, עס הערשט א פֿערביטערטע קאַמף צווישען יודישע, פּוילישע, ליטווישע און רוסישע בעלי־מלאכות א. ז. וו.; און לאָמיר רעכענען, עס ווערט פֿאָרגעלעגט, אז יעדע נאַציאָן זאָל האָבען דאָס רעכט אויטאָנאָם צו רעגולירען דאָס ערד־אייגענטום, דעם האַנדווערק פֿון איהרע מיטגלידער. וואָס וואָלט פֿון דעם אַרויסגעקומען? זוכענדיג צו שטיצען, צו הויבען, צו פֿערברייטען דאָס רוסישע ערד־אייגענטום, וואָלט די רוסישע נאַציאָנאַל־אויטאָנאָמע איינריכטונג געמוזט קאָנקורירען און קעמפֿען געגען דער פּוילישער און דער ליטווישער, פֿון וועלכע יעדע שטרעבט צו שטיצען, צו הויבען, צו פֿערברייטען דאָס ערד־אייגענטום פֿון איהרע מיטגלידער; דאָס זעלבע וואָלט די פּוילישע נאַציאָנאַל־אויטאָנאָמע איינריכטונג געמוזט קאָנקורירען און קעמפֿען מיט די פֿערשידענסטע מיטלען געגען דער רוסישער און דער ליטווישער, די ליטווישע — געגען דער רוסישער און דער פּוילישער. זוכענדיג צו שטיצען און צו הויבען די יודישע מלאכה, צו געפֿינען פֿאַר איהר קונים, צו ערוועקען פֿאַר איהר נייע אָבזאַץ־מערק, וואָלט די יודישע נאַציאָנאַל־אויטאָנאָמע איינריכטונג געמוזט קעמפֿען אויף דיזען געביט געגען דער פּוילישער, רוסישער און ליטווישער, פֿון וועלכע יעדע שטרעבט דאָס זעלבע צו פֿערשאַפֿען פֿאַר איהרע מיטגלידער; דאָסגלייכען די פּוילישע — געגען דער יודישער, רוסישער און ליטווישער א. אַ. וו. — קורץ די נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיעס וואָלטען אַליין פֿערוואַנדעלט געוואָרען אין שטאַרקערע און שוואַכערע אָרגאַניזאַציעס פֿון נאַציאָנאַלען קאַמפֿ.

און דאָס וואָלט ניט נור ניט בעזייטיגט דעם נאַציאָנאַלען קאַמפֿ אויף דיזע אַלגעמיינע געביטען, נור דאָס וואָלט דאָך אָבגענומען דעם וויכטיגסטען ווערטה פֿון דער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע אויך אויפֿן געביט פֿון גייסטיגער קולטור; וויבאַלד די נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע האָט אַלס איינע פֿון איהרע וויכטיגסטע אויפֿגאַבען צו קעמפֿען געגען די אַנטאַגאָניזירטע אַנטקעגען איהר אַנדערע נאַציאָנען, דאַן איז קלאָר, דאָס ביי די וואַהלען צום נאַציאָנאַלען סיים און צו די איבעריגע אָנפֿירענדע נאַציאָנאַל־אויטאָנאָמע איינריכטונגען וועלען מוזען אין אַכט גענומען ווערען ניט נור די קלאַסען־געגענזאַצען אין דעם פֿאָלק גופֿא, נור אויך דער אַלגעמיין־נאַציאָנאַלער געפֿאַהר פֿון דרויסען, פֿון דער זייט פֿון אַנדערע פֿעלקער: אַנשטאָט דעם קלאָרען קלאַסען־קאַמפֿ, וועלען מיר אין די נאַציאָנאַל־אויטאָנאָמע איינריכטונגען גופֿא האָבען אַ קלאַסען־מיטאַרבייטונג מיט'ן צוועק צו קעמפֿען געגען אַנדערע פֿעלקער. די הויפּט־אויפֿגאַבע און בעדייטונג פֿון דער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע, צו עפֿענען אַ פֿרייען וועג פֿאַר דעם קלאַסען־קאַמפֿ אַרום די פֿראַגען פֿון גייסטיגער קולטור, געהט אַלזאָ פֿערלאָרען.

דער תּמצית פֿון אַלעם דעם איז פֿאָלגענדער: אין לענדער מיט פֿערשידענע נאַציאָנען קען ענטשטעהן און ענטשטעהט אויפֿן פּאָליטישען געבּיט אַ נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג און אַ נאַציאָנאַלע פֿראַגע דאַן, אויבּ אַ נאַציאָן איז נישט זעלבּשטענדיג אין אַזעלכע ענינים, וואָס זענען לויט זייער אינהאַלט נאַציאָנאַל, אָדער אויבּ זי איז אויסגעזונדערט אין אַלגעמיינע, נישט ספּעציפֿיש־נאַציאָנאַלע ענינים. כּדי צו שיצען די נאַציאָן אין איהרע ספּעציפֿישע אָנגעלעגענהייטען, זענען נאַציאָנאַלע ראַהמען פּונקט אַזוי נויטווענדיג, ווי זיי זענען שעדליך בּעת זיי טאַכען פֿאַר איהר אויסזונדערונגען אין אַלגעמיינע ענינים. דעריבּער איז אונזער פֿאָדערונג: נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע אין ספּעציפֿיש־נאַציאָנאַלע ענינים, פּאָליטישע און בּירגערליכע גלייכבּערעכטיגונג אין אַלע איבּעריגע אָנגעלעגענהייטען.

די עמיגראַציע און איהר רעגולירונג אויף וויפֿיעל מיר פֿערבּינדען מיט איהר נישט קיין ספּעציעל־יודישע נאַציאָנאַלע פּערספּעקטיווען, איז אָבּער, ווי מיר האָבּען עס שוין אויבּען בּעמערקט (קאַפּ. IV), אַנ׳אַלגעמיינער ענין, וואָס איז, לויט זיין אינהאַלט נאָך, נישט נאַציאָנאַל. זוכען אַרבּייט, זוכען פּרנסה, קויפֿען בּאַהן־בּילעטען, שיפֿס־קאַרטען, אַרויסנעהמען פּעסער, וואַנדערען, יורידישע הילף, מעדיצינישע הילף, אינפֿאָרמירען וועגען אַרבּייטס־מאַרק, אַריינטרעטען אין פּראָפֿעסיאָנעלע פֿעראיינען א. ד. גל. — דאָס זענען אַלץ נישט ספּעציפֿיש־נאַציאָנאַלע זאַכען. היינט וויבּאַלד די עמיגראַציע און איהר רעגולירונג זענען לויט זייער אינהאַלט נישט קיין נאַציאָנאַלע ענינים, דאַרפֿען זיי, לויט אונזער אַלגעמיינעם פּרינציפּ בּנוגע צו דער קאָמפּעטענץ פֿון דער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע, געלעזט ווערען נישט אין נאַציאָנאַלע, נור אין אַלגעמיין־מלוכה׳שע ראַהמען, ד. ה. פֿערנעהמען זיך דערמיט דאַרף נישט די נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע פֿון יעדען פֿאָלק בּעזונדער, נור אַנ׳אַלגעמיין־שטאַאַטליכע (מלוכה׳שע) געזעצגעבּונג און אַנ׳אַלגעמיין־שטאַאַטליכעס (מלוכה׳שעס) עמיגראַציאָנס־קאָמיסאַריאַט.

זאָלען די סיימיסטען פֿאָדערען, דאָס דער נאַציאָנאַל־אויטאָנאָמער סיים זאָל זיך בּעשעפֿטיגען אויך מיט רעגולירען די עמיגראַציע. פֿון זייער שטאַנדפּונקט דאַרפֿען זיי עס טאַקי פֿאָדערען. וואָרום, ערשטענס, פֿערבּינדען זיי מיט דער רעגולירונג פֿון דער יודישער עמיגראַציע די שאַפֿונג פֿון אַ זעלבּשטענדיגער טעריטאָריע פֿאַר׳ן יודישען פֿאָלק; די רעגולירונג פֿון דער עמיגראַציע בּעקומט דורך דעם בּיי זיי אַ ספּעציפֿיש־נאַציאָנאַלען אינהאַלט. און צווייטענס, ווען צוליבּ דעם קאַמפּף אום צו

ערווערבען דאס ערד-אייגענטום אין א געוויסען געגענד, אין אום צו באַזעצען דיזען געגענד מיט יודען, וועט דער יודישער נאציאָנאַלער סיים אויפהערען צו זיין א פּלאץ פון ריינעם קלאסען-קאמפף און וועט פערוואנדעלט ווערען אין א קאמפפס-אָרגאניזאציע געגען די נאציאָנאלע סיימען פון אנדערע פעלקער, וועלכע וועלען מסתמא אויך וועלען באַזעצען זייערע וואנדערער אין דעם גינסטיגען געגענד, וואס דער יודישער סיים וועט וועלען פערוואנדלען אין א יודישע טעריטאָריע, — האבען די סיימיסטען געגען דעם אויך זעהר ווייניג, ווייל דער קלאסען-אינטערעס פונ'ם פּראָלעטאריאט איז בײַ זיי בכלל נישט דער איינציג-וויכטיגער פּרינציפּ און אפילו נישט דער וויכטיגסטער פּרינציפּ, וואָרום דער נאציאָנאַלער אינטערעס איז אין זייערע אויגען אויך אזוי וויכטיג ווי דער קלאסען-אינטערעס.

בײַ אונז אָבער, ווייבאַלד מיר האבען געזעהען, דאס אלע נאציאָנאַל-טעריטאָריאליסטישע פּערספּעקטיווען, וואס מ'וויל פערבינדען מיט דער יודישער עמיגראציע, זענען בלויז פוסטע חלומות, וועלכע שטאַמען פון דער פולער אונוויסענקייט אין דעם ענין פון דער יודישער און אלגעמיינער עמיגראציע; ווייבאַלד, פון דער אנדער זייט, מיר פאָדערען די נאציאָנאלע אויטאָנאָמיע נור דערפאר און אויף אזוי פיעל, אויף וויפיעל דאס ליעגט אין די אינטערעסען פונ'ם ארבייטער-קלאס, — דארף אלזא קלאָר זיין, דאס די רעגולירונג פון דער עמיגראציע, בײַ א דעמאָקראטישער אָרדנונג אין דער מלוכה און אין דער אָרטיגער זעלבסטפערוואלטונג, דארף איבערגעגעבען ווערען נישט צו די אויטאָנאָמע איינריכטונגען פון יעדער נאציאָן, נור צו די אלגעמיינע איינריכטונגען פון דער מלוכה (וועלכע בעשטימט פון איהר זייט, וואס פאר א פונקציעס זי קען דערבײַ אריבערלעגען אויף די אָרטיגע זעלבסטפערוואלטונגען).

### B.—אַנדערע איינריכטונגען.

נור וויפיעל די מלוכה זאל זיך נישט פערנעהמען מיט רעגולירען די עמיגראציע, קען בײַ דער איצטיגער סאָציאלער אָרדנונג איהר טעטיגקייט בשום אופן נישט זיין אזוי מושלם, אזוי פילקאם, דאס די פרייע געזעלשאפטליכע איניציאטיווע זאל זיין אינגאנצען איבעריג. פרייע געזעלשאפטליכע איינריכטונגען מיט דעם צוועק צו שיצען דעם עמיגראנט זענען אלזא שטענדיג נוצליך און ענטשטעהען אויך ווירקליך אומעטום, וואו די עמיגראציע האט אנגענומען א מאסען-כאראַקטער. לאָזענדיג אָן א זייט יענע געזעלשאפטליכע איינריכטונגען, וואס פערשטעלען זיך בלויז מיט'ן שירם פון עמיגראנטען-שוץ, און וואס באמת שטרעבען זיי נור אויסצונוצען די מאסען-עמיגראציע אויף פערשידענע קאפּיטאַליסטישע ספּעקולאציעס (צו בויען באהנען אין ווילדע געגענדען, אויפצוהויבען די פרייזען אויף פריהער איינגעקויפטע ערד אין אזעלכע געגענדען א. ד. גל.), מוזען מיר זאָגען, דאס די פרייע געזעלשאפטליכע

אָרגאַניזאַציעס, וועלכע פֿערנעהמען זיך באמת מיט עמיגראַנטען-שוץ, זענען כמעט שטענדיג פֿילאַנטראָפּישע איינריכטונגען. ווי אַנדערע פֿילאַנטראָפּישע איינריכטונגען, ווערען זיי אויך אָפט געשטיצט דורך דער מלוכה און די געמיינדעס, זיי קענען צוציהען צו זייער טעטיגקייט ברייטערע שיכטען פֿון דער בעפֿעלקערונג, און זיי קענען אַנטייל-נעהמען פֿאָרשטעהער פֿון פֿערשידענע דעמאָקראַטישע חברות און פֿעראיינען, ווי דאָס איז דער פֿאַל צ. ב. אין איטאַליען; זיי ווערען אָבער דורך דעם נישט קיין איינריכטונגען פֿון געגענזייטיגער הילף, וואָרום דער שוץ, וואָס זיי גיבען דעם וואַנדערער, הענגט לחלוטין נישט אָב פֿון דעם, צי ער איז פֿריהער געווען אַ מיטגליעד פֿון דער געזעלשאַפֿט אָדער נישט: יעדער עמיגראַנט קען זיך מיט זיי בענוצען אין אַ גלייכער מאָס. זיי בלייבען אַלזאָ פֿילאַנטראָפּישע איינריכטונגען, הגם זייער נאָהענטקייט צו דער בעפֿעלקערונג און צו דער וואַנדערענדער מאַסע גיעט זיי צו אַ מעהר דעמאָקראַטישען און ווייניגער ביוראָקראַטישען כאַראַקטער.

ווייניגער ווי אַלע איבעריגע שיכטען פֿון דער בעפֿעלקערונג, קען דער אַרבייטער-קלאַס זיך בענוגענען מיט דעם, וואָס די מלוכה טהוט צו שיצען דעם עמיגראַנט. וואָרום ווי דעמאָקראַטיש די מלוכה זאָל נישט זיין, קען זי דאָך אין דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג נישט שטעהן אויפֿ'ן שטאַנדפּונקט פֿונ'ם אַרבייטער-קלאַס, און ביים בעסטען עמיגראַנטען-שוץ וועט זי אַלזאָ קיינמאָל נישט קענען ווי געהעריג אין אַכט נעהמען די ספּעציעל-פּראָלעטאַרישע זייט פֿון די עמיגראַציאָנס-פֿראַגען. צוליעב דעם זעלבען טעם אָבער, צוליעב זיינע ספּעציעלע קלאַסען-אינטערעסען, וואָס זענען פֿערבונדען מיט דער רעגולירונג פֿון דער עמיגראַציע, קען דער אַרבייטער-קלאַס אויך נישט איבערלאָזען די אָרגאַניזירונג פֿון דירעקטער הילף פֿאַר וואַנדערענדע — אין גאַנצען אין די הענד פֿון פֿילאַנטראָפּישע, ד. ה. בורזשואַזע און יעדענפֿאַלס נישט פּראָלעטאַרישע איינריכטונגען. דער אַרבייטער-קלאַס דאַרף אַלזאָ זיך אַליין פֿערנעהמען מיט רעגולירען די וואַנדערונג פֿון פּראָלעטאַריער. און וואָס ווייניגער די מלוכה (און די אָרטיגע זעלבסטפֿערוואַלטונג) איז דעמאָקראַטיזירט, וואָס ווייניגער דער אַרבייטער-קלאַס קען דורך דער מלוכה ווירקען אויפֿ'ן עמיגראַנטען-שוץ, וואָס ווייניגער די מלוכה שיצט בכלל דעם וואַנדערער, אַלץ דרינגליכער נויטיגט זיך דער אַרבייטער אין דעם, דאָס מיט דער רעגולירונג פֿון דער עמיגראַציע זאָל זיך פֿערנעהמען זיינע אייגענע, זעלבשטענדיגע קלאַסען-אָרגאַניזאַציע. דאָס איז בעזונדער וויכטיג ביי יודען, וואו אונגעפֿעהר צוויי דריטעל פֿון אַלע וואַנדערער זענען פֿאַכאָווע אַרבייטער און זייערע פֿאַמיליען-מיטגליעדער.

איבעריגענס, דער אַרבייטער-קלאַס האָט אייגענטליך [illegible] דעם מין אָרגאַניזאַציע, וואָס דאַרף, און ביי אַ געוויסער ענטוויקלונג קען

אויך מיט א בעדייטענדען ערפאלג, זיך פערנעהמען מיט שאפען די עקטע הילף דעם וואנדערענדען פראלעטאריער: איך מיין די פראפעסיאנעלע פעראיינען.

די פראפעסיאנעלע פעראיינען ערטיילען סיי ווי סיי יורידישע, אין אפטמאל אויך מעדיצינישע, הילף זייערע מיטגלידער; ווייטער, די אלערליי אינפארמירונגען אין די פערשידענארטיגע פערבינדונגען מיט די ארבייטער־פעראיינען אין אמעריקא, וואס מען דארף געבען דעם עמיגראנט און וועגען וועלכע מיר האבען שוין פריהער גערעדט, זענען אינגאנצען נישט קיין אנדער זאך, נור — ארבייטס־נאכווייז, ארבייטס־נאכווייז אין א גרויסען מאסשטאב, אין אן אינטערנאציאנאלען מאסשטאב, און דעריבער אין א מעהר קאמפליצירטער פארמע, אבער דאך ארבייטס־נאכווייז. און דאס איז דאך א דירעקטע אויפגאבע פון די פראפעסיאנעלע פעראיינען.

## קאפ. VII.—פראגען פון געגענווארטיגען מאמענט.

דאס איז דער פרינציפיעלער ענטפער אויף די פראגע, וועלכע איינריכטונגען דארפען זיך פערנעהמען מיט דער רעגולירונג פון דער עמיגראציע. ס'איז אבער קלאר פאר יעדען איינציגען, דאס וועגען פערווירקליכען עס ביי היינטיגער צייט קען גאר קיין שום רייד נישט זיין. דערצו וואלט ביי אונז געדארפט זיין א גאנצער מלוכה־ארדנונג, עס וואלט געדארפט זיין א ברייטע און דעמאקראטישע ארטיגע זעלבסטפערוואלטונג, עס וואלטען געדארפט זיין גרויסע און פעראייניגטע פראפעסיאנעלע פעראיינען. דער וכוח וועגען דעם, צו די נאציאנאל־אויטאנאמע איינריכטונגען דארפען זיך פערנעהמען מיט רעגולירען די עמיגראציע אדער נישט, האט ביי איצטיגע בעדינגונגען נאך א פיעל קלענערע פראקטישע בעדייטונג, ווארום נישט בלויז די נאציאנאלע אויטאנאמיע, נור אפילו אויך די ברייטע אנערקענונג פון איהר נויטווענדיגקייט אפילו נור אין די קולטור־ענינים, געהערט נאך אויך צו די צוקונפטיגע צייטען.

פאקטיש, אויף וויפיעל אונזער מלוכה טראכט וועגען רעגולירען די עמיגראציע, טראכט זי נור ווי בעסער „צו ענטוויקלען די נאציאנאלע שיפס־געזעלשאפטען", ד. ה., ווי קינסטליכער־ווייזע אריינצופאקען די רוסלענדער עמיגראנטען אויף רוסישע און נישט אויסלענדישע שיפען. פאקטיש, ווייטער, זענען די קליינע און שוואכע פראפעסיאנעלע פעראיינען, וועלכע מיר האבען אין רוסלענדער מלוכה, בשום אופן נישט אימשטאנד אויף זיך ארויפצונעהמען און מיט א וועלכען נישט איז ערפאלג דורכצופיהרען די רעגולירונג פון דער עמיגראציע. בכלל דער ארבייטער־קלאס אין רוסלאנד, און בעזונדער גענומען דער

יודישער ארבייטער-קלאס, וועלכער הויבט ערשט אן צו קומען צו זיך נאך דעם לאנגען פעריאָדע פון דער פינסטערער רעאקציע, וואס די מאָדערנע געשיכטע האָט נור ווען עס איז איבערגעלעבט, קען ביי איצטיגע בעדינגונגען בשום אופן נישט נעהמען זיך זעלבשטענדיג צו רעגולירען די אויסוואנדערונג. וויכטיגערע און נעהענטערע אויפגאבען שטעהען איצט ביי איהם אויף דעם טאגעסאָרדנונג, אויפגאבען פון פערפעסטיגען זיין אבגעשוואכטע עקאָנאָמישע און פאָליטישע פאָזיציע אויף די ערטער — און דאָס איז ער איצט נאך אויך נישט אימשטאנד צו דערגרייכען אין א פולער מאָס. פאקטיש פערנעהמען זיך ביי יודען מיט אָרגאניזירען דירעקטע הילף פאר עמיגראנטען בלויז א פאָר גרויסע פילאנטראָפישע געזעלשאפטען, וועלכע שטעהען באמת אין א קליינער בעריהרונג מיט די ברייטע מאסען. די לעצטע צייטען ווערט אויך גערעדט וועגען גרינדען א ברייטע, דעמאָקראטישע געזעלשאפט צו רעגולירען די יודישע עמיגראציע. אפשר וועט פון דעם ארויסקומען אויך עטוואס פראקטישעס; בכלל פאר אן אונמעגליכע זאך האלט איך אזא געזעלשאפט אדער אפילו עטליכע אזעלכע געזעלשאפטען בשום אופן נישט. עהנליכע געזעלשאפטען עקזיסטירען אנדערשוואו, און זיי וואלטען געקענט עקזיסטירען אויך ביי אונז. דערצו נאך קען מען דאך נישט לייקענען, דאָס דער ענין פון עמיגראציע, איז פאָפולער ביי דער יודישער בעפעלקערונג, און צוציהען צו איהם א פיעל-וועניג אקטיווע אויפמערקזאמקייט פון דיזער בעפעלקערונג איז געווים נישט אונמעגליך, — אחוץ דעם, וואלטען די יודישע קהלות אויך געקענט פיעל מיטהעלפען צו רעגולירען די עמיגראציע ביי יודען, הגם ביז היינט האָבען זיי אין דער הינזיכט א האר נישט געטאָן. פראקטיש שטעלט זיך אלזאָ ביי היינטיגען טאָג די פראגע פארן יודישען ארבייטער-קלאס אין אזא פאָרם: צי דארף ער זעהן צו ווירקען אויף די קהלות, זיי זאָלען זיך פערנעהמען מיט דער רעגולירונג פון דער עמיגראציע? צי דארף ער זעהן צו ווירקען אויף די טעטיגקייט פון די עקזיסטירענדע געזעלשאפטען, און פון די, וואס וועלען זיך נאך גרינדען, כדי זייער טעטיגקייט זאָל אם בעסטען בעשיצען די אינטערעסען פון די וואנדערער בכלל און פון די וואנדערענדע פראָלעטאריער בפרט? אדער ער דארף אפשר זיך האלטען אין גאנצען אָן א זייט פונ'ם אָרגאניזירען דירעקטע הילף פאר דער עמיגרירענדער מאסע, און זיך בעגנוגענען מיט דער ווירקונג אויף די ארבייטער-אינטערנאציאנאלע — וואס קען ביי די איצטיגע בעדינגונגען קיין גרויסע רעזולטאטען נישט געבען — און מיט די פאָליטישע פאָדערונגען בנוגע צו דער רעגולירונג פון דער עמיגראציע, וואס קענען ביי היינטיגער צייט אויך האָבען בלויז אן אגיטאציאָנס-בעדייטונג, אבער נישט קיין פראקטישען ווערטה?

## A.—די קהלות און די רעגולירונג פון דער עמיגראַציע.

עס איז זעלבסטפערשטענדליך, דאָס אויב די קהלה וואָלט זיך אין געוויסע ערטער יאָ פערנעהמען מיט דער רעגולירונג פון דער יודישער געדאַרפט ווירקען אויף איהר, אַז איהר טעטיגקייט זאָל „ענטשפּרעכען די אינטערעסען פונ'ם פּראָלעטאַריאַט און די ברייטע פאָלקס-מאַסען בכלל". מיר וואָלטען דאַן געהאַט פאַר זיך אַ פאַקט, אַ ווינשענסווערטען אָדער נישט, אָבער יעדענפאַלס אַ פאַקט, דאָס [illegible], וואָס „איהרע בעשטימונגען זענען פאַקטיש אָבליגאַטאָריש", און וואָס בעלאַסטעט די מאַסען, דערהויפּט די אָרעמערע מאַסע, מיט שווערע שטייערן, פערנעהמט זיך מיט „אַ פונקציע, וועלכע איז זעהר וויכטיג פאַר די לעבענס-אינטערעסען פון די ברייטע מאַסען". בלייבען גלייכגילטיג צו דעם, ווי דיזע איינריכטונג ערפילט אַזאַ פונקציע, וואָלט דער בעוואוסטזיניגער אַרבייטער-קלאַס, פערשטעהט זיך, נישט געדאַרפט און נישט געקענט. רעכענדיג זיך מיט די פאַקטישע פערהעלטנישען, וואָלט ער אַלזאָ געמוזט אַקטיוו זיך אַריינמישען אין די טעטיגקייט פון דער קהלה אויפ'ן געביט פון רעגולירען די עמיגראַציע, קאָנטראָלירען דיזע טעטיגקייט און ווירקען אויף איהר, זי זאָל באמת און מעגליכסט פולקאָמער שאַפען אַ שוץ פאַר עמיגראַנטען און נישט פאַר עמיגראַציאָנס-ספּעקולאַנטען.

די פראַגע איז אָבער: איצטער, בעת פאַקטיש פערנעהמען זיך די קהלות נישט מיט רעגולירען די עמיגראַציע, צי דאַרף דער אַרבייטער-קלאַס פאָדערען, אַז די קהלה זאָל עס אַריינגעהמען אין איהר טעטיגקייטס-קרייז?

מעדעם און ליטוואַק ענטפערען ביידע אויף דיזע פראַגע: יאָ; מ'דאַרף פאָדערען, די קהלה זאָל זיך פערנעהמען מיט רעגולירען די עמיגראַציע. יעדער פון זיי בעגרינדעט אָבער דיזע פאָדערונג אויף אַנ'אַנדער אופן. זיי זענען ביידע מסכים איינער מיט דעם אַנדערען (און מיט די סיימיסטען און די פּ"צ), דאָס פון די איצטיגע קהלות דאַרף עס מיט דער צייט אַרויסוואַקסען — דורך זייער דעמאָקראַטיזירונג, סעקולאַריזירונג און קאָנצענטרירונג — די צוקונפטיגע יודישע נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע *). פון דעם דרינגט ליטוואַק, דאָס מיר דאַרפען זעהן, די

*) ליטוואַק שרייבט: „מיר מוזען דערום בעוויסער-מאָסען קוקען אויף די קהלות, ווי אויף צעלען פון דער צוקונפטיגער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע. און בעת מיר בעשטימען די קאָמפּעטענץ פון דער קהלה, מוזען מיר זיך רעכענען מיט דער קאָמפּעטענץ פון דער צוקונפטיגער נאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע" (צייט-פראַגען, III באַנד, ז. 49).—מעדעם איז נאָך מעהר קאַטעגאָריש בנוגע צו דער בעדייטונג פון דער קהלה; „אויף די קהלה קוקען מיר, ווי אויף דאָס קערנדעל פון דער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע. קליין איז דאָס קערנדעל און שוואַך און אומפולקומען—נאָר מיט דער צייט, ווען מען וועט אַריינלעגען פיעל אָנגעשטרענגטע אַרבייט וועט פון איהם מוזען (מיין קורסיוו—ל. ה.) אויסוואַקסען אַ גאַנצע סיסטעם פון דעמאָקראַטישע איינריכטונגען"... „די

יודישע קהלה זאָל זיך ווי ווייט מעגליך פֿאַרנעהמען מיט אַלעם דעם (און נור מיט דעם), מיט וואָס עס וועט אויסקומען זיך צו פֿאַרנעהמען דער צוקונפֿטיגער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע. און אַזוי ווי די נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע דאַרף, לויט ליטוואַקס מיינונג, זיך פֿאַרנעהמען מיט רעגולירען די עמיגראַציע, קומט ממילא אויס, דאָס מיר דאַרפֿען זעהן צוציהען שוין איצט די קהלה צו דיזער רעגולירונג.

דיזע בעגרינדונג האַלט איך פֿאַר דאָפּעלט נישט־ריכטיג. ערשטענס, ווי איך האָב שוין אויבען אָנגעוויזען, דאַרף זיך די נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע בשום אופֿן נישט פֿאַרנעהמען מיט רעגולירען די עמיגראַציע. צווייטענס, האַלט איך פֿאַר אַ טיפֿען היסטאָרישען טעות די מיינונג, לויט וועלכער די קהלה איז עס דאָס קערנדעל, פֿון וועלכען עס מוז מיט דער צייט אויסוואַקסען די נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע. באמת, איז די קהלה נישט קיין קליין קערנדעל פֿון אַ גרויסער צוקונפֿט, נור אַ קליין, אָפּגעדאַרט צווייגעל פֿון אַ גרויסער פֿערגאַנגענהייט; דאָס איז אַ שריד הפּליטה, אַ חורבה פֿון דער אַמאָליגער גרויסער געביידע פֿון דער יודישער אויטאָנאָמיע אין די לענדער פֿון דער אַמאָליגער פּויליש־ליטווישער מלוכה — פֿון דער צייט, ווען די מלוכה איז בעשטאַנען פֿון עטליכע גאַנץ־אָבגעזונדערטע שטאַנדען, פֿון וועלכע יעדער שטאַנד האָט זיך געהאַט זיין פֿיעל־וועניג פֿרייע, פֿיעל־וועניג בעשרענקטע אויטאָנאָמיע. די יודען, וועלכע האָבען געהאַט געבילדעט אַ מין שטאַנד פֿאַר זיך (וואָס האָט זיך אונטערשיידעט פֿון די שטאַנדען פֿון די פּריצים, פֿון די גייסטליכע, פֿון די פּויערים און פֿון די שטעדטישע „מאַגדעבורגיען"), האָבען אויך געהאַט זייערע געמיינדען, געזעצען, געריכטען, שטייערען, סיימען א. אַ. וו., ד. ה. זייער אויטאָנאָמיע. צוזאַמען אָבער מיט די נייע פּראָדוקציאָנס־פֿאָרמען, פֿערשווינדען די שטאַנדען: דאָס גאַנצע געזעלשאַפֿט צעשפּאַלט זיך אויף קלאַסען אין דעם היינטיגען זין פֿון וואָרט; עס פֿערשווינדעט די שטאַנדען־אָרגאַניזאַציע פֿון דער מלוכה; די יודישע בעפֿעלקערונג האָט זיך אויך צעשפּאַלטען אויף בעזונדערע קלאַסען, און פֿון איהר אַמאָליגער אויטאָנאָמיע איז געבליבען די צרהדיגע איצטיגע קהלה, וועלכע האָט ביסלעכווייז אָנגעוואָרען איהרע וועלטליכע פֿונקציעס און איהרע ברייטע רעכטען, און וועלכע ווערט שוין איצט אָנערקענט דורך דער מלוכה אַלס אָבליגאַטאָרישע איינריכטונג פֿאַר יודען בלויז אויף אַזוי פֿיעל, אויף וויפֿיעל עס זענען נאָך ביי איהר גע־

וועלכע מיינען, אז פערווירקליכען קליינע אויפגאַבען פונ'ם היינטיגען טאָג אין די ראַהמען פון דער יודישער קהלה איז אַ צו־וואָכעדיגער און אַ צו־קליינליכער עסק,—די וואָלטען געדאַרפט ניט פערגעסען, אז דאָס איצט דער איינציגער (מעדעמ'ס קור־סיוו.—ל. ה.) וועג, אין וועלכען דאָס יודענטום קען געהען צו אויפבויען די נאַציאָ־נאַלע אויטאָנאָמיע" (צייט־פראַגען, II באַנד, ז. 25).

בליבען איהרע רעליגיעזע פֿונקציעס. צוזאַמען מיט דער דעמאָקראַ-
עמיגראַציע, דאַן וואָלט מען אין דער הינזיכט, ווי אין אַלע איבעריגע,
טיזירונג פֿון דער מלוכה, און דערהויפּט מיט דער אײנפֿיהרונג פֿון רע-
ליגיאָנס-פֿרײַהײַט (וועל רעדט נאָך, ווען די קירכע וועט אין גאַנצען אָנ-
געטײַלט ווערען פֿון דער מלוכה), וועט די איצטיגע יודישע קהלה
נאַטירליכער-ווײַזע פֿערוואַנדעלט אין אַ פּרײַוויליגען, פֿאַר קײנעם ניט
אָבליגאַטאָרישען רעליגיעזען פֿערבאַנד, אין אַ „קולטוס-געמײנדע",
ווי מיר געפֿינען עס אין מערב-אײראָפּע.

דער ענטוויקלונגס-פּראָצעס פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפֿט,
אויף ווי ווײַט מ'קען בכלל פֿאָראויסזעהן, פֿיהרט אַלזאָ די יודישע קהלות
צו אײן נאַטירליכען סוף — צו פֿרײַוויליגע קולטוס-געמײנ-
דען, און בשום אופֿן ניט צו דעמאָקראַטישע נאַציאָנאַלע אײנ-
ריכטונגען, וועלכע פֿערנעהמען זיך בלויז מיט וועלטליכע און ניט מיט
קײן רעליגיעזע ענינים, און וועלכע פֿערמעגען דערבײַ די צוואַנגס-
קראַפֿט פֿון עפֿענטליך-רעכטליכע מלוכה-אײנריכטונגען *).

ווי די זאַך איז, קען מען אַלענפֿאַלס שטאַרק מסופּק זײַן, אויב
גראָד פֿון דער קהלה וועט מוזען אויסוואַקסען די צוקונפֿטיגע נאַציאָנאַ-
לע אויטאָנאָמיע. און פֿאָדערען, דאָס די קהלה זאָל זיך פֿערנעהמען מיט
רעגולירען די עמיגראַציע אויף דעם כמך, וואָס די נאַציאָנאַלע אויטאָ-
נאָמיע וועט אויך האָבען דערמיט זיך צו פֿערנעהמען, און וואָס די קהלה
איז דאָס קערענדעל, פֿון וועלכען די נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע דאַרף אויס-
וואַקסען, — איז דעריבער אין צווייען ניט בעגרינדעט.

פֿיעל אײנפֿאַכער און מיט פֿיעל מעהר איבערצײַגונגס-קראַפֿט בע-

*) איך האַלט דעריבער דעם קוק אויף די קהלה ווי אויף אַ קערנדעל, פֿון וועלכען עס מוז אַרויסוואַקסען די נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע—פֿאַר פּונקט אַזאַ'ן אויטאָפּיע, ווי דעם קוק פֿון די רוסישע „נאַראָדניקעס" אויף די בויערשע געמײנדע („אָבשטשינאַ") אַלס אויף אַ קערנדעל פֿון דער צוקונפֿטיגער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפֿט. צווישען דיזע בײדע אוטאָפּיעס איז פֿאַראַן פֿיעל מעהר ווי אַן'אויסערליכע צוזאַמענ, ס'איז פֿאַראַן אײן און דערזעלבער פּעהלערהאַפֿטער היסטאָרישער בליק, וועלכער ברענגט צו אַ גאַנצער רײַהע עהנליכע פּעהלערהאַפֿטע אויספֿיהרונגען. נור ניט דאָ איז, פֿערשטעהט זיך, דער אָרט זיך ברײַטער אויף דעם אָבצושטעלען. אײן זאַך וועל איך נור אָנמערקען: ניט פֿון אײנריכטונגען, וואָס שטאַרבען אָב מיט דער ענטוויקלונג פֿונ'ם קאַפּיטאַליזם, וועט אויסוואַקסען די נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע, נור פֿון קולטורעלע אײנריכטונגען, וואָס זענען ענטשטאַנען און ענטוויקלען זיך צוזאַמען מיט איהם און מיט דער דעמאָקראַטיע; בײַ יודען, ווי בײַ אַנדערע פֿעלקער, וואָס וואוינען געמישט אויף אײן טעריטאָריע און וואָס זענען ניט בעגליקט געוואָרען מיט אַזעלכע קהלות, ווי מיר, וועט די נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע ענטשטעהען פֿון די פֿערשידענע קולטור-פֿעראײנען, בילדונגס-פֿעראײנען, ליטע-ראַרישע, דראַמאַטישע און קונסט-געזעלשאַפֿטען, פֿאָלקס-ביבליאָטעקען, פּרעסע אײנריכ-טונגען, וויסענשאַפֿטליכע אײנריכטונגען, שוהלען פֿאַר קינדער און דערוואַקסענע פֿון פֿערשידענע מינים א. ז. וו. א. ז. וו.

גרינדעט מעדעם די פאָדערונג, אַז די קהלה זאָל זיך פאַרנעמען מיט רעגולירען די עמיגראַציע. ער גייט אַרויס פון די רעאַלע בעדערנישען פון דער געגענוואַרט. די קאָמפּעטענץ פון דער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע איז היינט אונמעגליך גענוי צו בעשטימען; דיזע קאָמפּעטענץ גופא וועט מוזען דורך דער פּראַקטיק אויסגעאַרבייט ווערען און זיך בעווייזען אין דער ווירקליכקייט, נישט בלויז אין לאָגישע אויפשטעלונגען; געוויסע פונקציעס פון די נאַציאָנאַל-אויטאָנאָמע איינריכטונגען וועלען מיט דער צייט פון זיי אויסגעשלאָסען ווערען, אַנדערע וועלען ווערען אַריינגענומען. ביי אַזעלכע בעדינגונגען דאַרפען מיר זיך איצט נישט בינדען די הענד דורך די פאָרשטעלונגען וועגען דער צוקונפט. מיקען דעריבער צייטווייליג בריטער מאַכען די קאָמפּעטענץ פון דער קהלה. אין די פלענער וועגען דער צוקונפט „זאָלען די פונקציעס פון דער קהלה בעשרענקט מיט געוויסע ענגע ראַהמען, ווייל מיר רעכענען, אַז די איבעריגע אויפגאַבען וועלען ערפילט ווערען דורך די „אַלגעמיינע" אָרטיגע און פּראָווינציעלע דעמאָקראַטישע איינריכטונגען. איצט איז אָבער אַזוינע איינריכטונגען ניטאָ, און געוויסע אויפגאַבען (אַפילו ניט קיין ריין-נאַציאָנאַלע), אויב זיי וועלען ניט ערפילט ווערען דורך די יודישע איינריכטונגען, וועלען זיי גאָר אינגאַנצען בלייבען אונערפילט. איז במילא פאַרשטענדליך, אַז די קהלה מיז אויף זיך נעהמען אַזוינע אויפגאַבען. צו זיי רעכענען מיר צו אַזוינע ענינים, ווי צדקה, רעגולירען די עמיגראַציע און א. ז. וו."

אַלזאָ, צי די נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע וועט זיך פאַרנעמען מיט דער רעגולירונג פון דער עמיגראַציע אָדער נישט, אַלענפאַלס אָבער איצט איז פאַראַן אַ דרינגענדע בעדערפניש אין דיזער רעגולירינג, און אַזוי ווי די „אַלגעמיינע" איינריכטונגען פאַרנעמען זיך דערמיט נישט, דאַרפען די קהלות זיך דערמיט פאַרנעמען.

דאָס איז אַ שטאַנדפּונקט אַ ריין-פּראַקטישער, און בנוגע צו דער קהלה, מיין איך, דער איינציג ריכטיגער. געוויס, קען די צוקונפט אונז נישט בינדען די הענד אין דער געגענוואַרט, וואָרום די קהלה, וועלכער עס שטעהט פאָר פאַרוואַנדעלט צו ווערען אין אַ פרייוויליגען קולטוס-געמיינדע, האָט בכלל פאַר אונז קיין שום צוקונפט נישט *). מ'דאַרף דעריבער אויסנוצען די אַלע לייסטונגען, וואָס די קהלה קען שאַפען אין דער געגענוואַרט, און מ'דאַרף זיך גאָר נישט קימערען, צי וועט דאָס אין דער צוקונפט נישט שטערען פאַרוואַנדלען זי אין די נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע, צו וועלכער מיר שטרעבען. נור טאַקי ווייל מיר דאַרפען

*) פונדעסטוועגען מעדעם, וועלכער קוקט אויף די קהלה ווי אויף דעם איינציגען וועג צו דער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע, דאַרף זיך יאָ פיהלען „געבונדען" אין דער געגענוואַרט דורך די צוקונפטיגע ראָלע פון דער קהלה.

זיך אין דיזער פֿראַגע שטעלען אויף אַ ריין־פּראַקטישען שטאַנדפּונקט, דאַרף דער ענטפֿער אויף איהר אויך זיין אַ ריין־פּראַקטישער. מיר דאַרפֿען זיך דעריבער אַ פֿרעג־טאָן: צי איז די איצטיגע קהלה אימשטאַנד זיך צו פֿערנעהמען מיט דער רעגולירונג פֿון דער עמיגראַציע אַזוי, דאָס זי זאָל באמת שאַפֿען אין אַ געוויסער מאָס פֿאַר די עמיגרירענדע מאַסען יענעם שוץ, וואָס זיי קענען איצט נישט געפֿינען ביי די אַלגעמיינע מלוכה־איינריכטונגען? איז עס נוצליך צו פֿאָדערען פֿון די איצטיגע קהלות, זיי זאָלען זיך פֿערנעהמען מיט דער רעגולירונג פֿון דער עמיגראַציע.

איך ענטפֿער אויף דיזע פֿראַגע: ניין. די איצטיגע קהלות זענען ריין־אָליגאַרכישע איינריכטונגען, וואָס ליגען אין די הענד פֿון עטליכע „פּני", וועלכע ווערען פּאַקטיש דורך קיינעם נישט אויסגעוועהלט און וועלכע זענען פֿאַר קיינעם נישט פֿעראַנטוואָרטליך. שוין צוליעב דעם אַליין קען מען נישט האַלטען פֿאַר ווינשעסווערטה, אַז דיזע „פּני" זאָלען פֿערשפּרייטען זייער „טעטיגקייט" און זייער דעה אויך אויף די עמיגראַנטען־אַנגעלעגענהייטען; אין אַ גאַנצער ריהע שטעדט און שטעדטלעך וואָלט דאָס געקענט האָבען זעהר שעדליכע רעזולטאַטען. וואָרום די „פּני" קענען נישט די עמיגרירענדע מאַסע; זיי פֿעראַכטען זי פֿון פֿילען האַרצען, ווי זיי פֿעראַכטען בכלל די „קבצנים". אויסער דעם, זענען זיי, הויפּטזעכליך אין די קלענערע שטעדט און שטעדטלעך, סתם גראָבע יונגען, וואָס האָבען קיין שום ידיעה נישט, נישט אין געזעצען, נישט אין די עקאָנאָמישע פֿערהעלטנישען פֿון די איינוואַנדערונגס־לענדער און ספּעציעל נאָך אין די פֿערהעלטנישען פֿונ'ם אַרבייטס־מאַרק און פֿון די אַרבייטער־אָרגאַניזאַציעס. ווייבאַלד פּאַקטיש איז אָבער זיי קיין קאָנטראָל נישטאָ און זיי זענען פֿאַר קיינעם נישט פֿעראַנטוואָרטליך, וואָלטען זיי זעהר אָפֿט מאַכען די רעגולירונג פֿון דער עמיגראַציע פֿאַר אַ פּשוט'ען געשעפֿט: זיי וואָלטען ווערען (נישט אָפֿיציעל, פֿערשטעהט זיך), אַגענטען פֿון געוויסע שיפֿס־געזעלשאַפֿטען, וואָס וועלען זיי גאַנץ גוט באַצאָהלען, כדי צו צורעדען דעם עולם צו עמיגרירען ביי גוטע ווי ביי שלעכטע אומשטאַנדען אין דעם איינוואַנדערונגס־לאַנד, און וואָס וועלען דיזע „כלל־טוער'ס" געבען אַ געוויסען פּראָצענט „קאָמיסיאָנע" פֿון יעדען צוגעשטעלטען עמיגראַנט, כדי זיי זאָלען די עמיגראַנטען איינרעדען צו פֿאָהרען דווקא מיט די און נישט מיט אַנדערע שיפֿס־געזעלשאַפֿטען. די מאַסע וועט אויף אַזאַ אַרט דורך די „פּני" באַזונדער עקספּלואַטירט ווערען, און אונזער אויפֿגאַבע זאָל ביי אַזעלכע באַדינגונגען נאָך זיין צו פֿאָדערען, דאָס די קהלות, קאָנקרעט הייסט עס די „פּני", זאָלען אין זייער רשות אַריינגעהמען די רעגולירונג פֿון דער עמיגראַציע?

איך מיין דעריבער, אַז אַרויסשטעלען אַנאַלגעמיינע פֿאָדערונג פֿון די איצטיגע קהלות, זיי זאָלען זיך פֿערנעהמען מיט רעגולירען

די עמיגראַציע, וועט אין גרעסטען טייל פאַלען ברענגען נישט נוצען, נור שאַדען, אי דער עמיגרירענדער מאַסע, אי דעם בעוואוסטזיין פון די נידעריגערע שיכטען בכלל, אי די יעניגע אָרגאַניזאַציעס, וואָס וועלען אַ אַ פאָדערונג אַרויסשטעלען און אונטערהאַלטען.

די איינציגע זאַך, וואָס מ׳וואָלט יאָ קענען פאָדערן פון דער איצטיגער קהלה אין דיזער הינזיכט, איז דאָס, אַז זי זאָל מיט געלד־מיטלען שטיצען די געזעלשאַפטליכע איינריכטונגען, וועלכע בעשעפטיגען זיך מיט דער רעגולירונג פון דער עמיגראַציע. מיר שטויסען זיך אַלזאָ אָן אָן די פראַגע, צי דאַרף דער אַרבייטער־קלאַס אַקטיוו שטיצען דיזע געזעלשאַפטליכע איינריכטונגען.

### B.—עקזיסטירענדע און פּראָיעקטירטע געזעלשאַפטען צו רעגולירען די עמיגראַציע.

וועגען דעם, אַז דער יודישער אַרבייטער־קלאַס זאָל ביי איצטיגער צייט נעהמען אויף זיך די איניציאַטיוו פון גרינדען ספּעציעלע געזעלשאַפטען צו רעגולירען די עמיגראַציע, קען ווי געזאָגט, גאָר קיין רעדע נישט זיין. די פראַגע איז נור, צי דאַרף דער אַרבייטער־קלאַס דורך זיינע אָרגאַניזירטע פאָרשטעהער אַקטיוו אַנטייל נעהמען אין די איינריכטונגען און געזעלשאַפטען, וועלכע בעשעפטיגען זיך שוין פּראַקטיש מיט ברענגען הילף די עמיגראַנטען און וועלכע וועלען יאָך געגרינדעט ווערען צו דיזען צוועק.

נור איידער צו געבען אַן ענטפער אויף דיזע פראַגע וויל איך אָנמערקען, דאָס גלייכגילטיג זיך פערהאַלטען צו דיזע געזעלשאַפטען קען דער בעוואוסטזיניגער אַרבייטער־קלאַס נישט. ער קען בכלל זיך נישט פערהאַלטען גלייכגילטיג צו קיין ברייטער געזעלשאַפטליכער טעטיגקייט, וואָס ווערט געפיהרט צווישען די מאַסען און אינ׳ם נאָמען פון די אינטערעסען פון דיזע מאַסען; נאָך ווייניגער קען ער זיך פערהאַלטען גלייכגילטיג צו אַ ברייטער געזעלשאַפטליכער טעטיגקייט, וואָס ווערט געפיהרט אין אַ גרויסער מאָס צווישער דער אַרבייטער־מאַסע, וואָס ווערט געפיהרט הויפּטזעכליך צווישען דער אַרבייטער־מאַסע.

שוין צוליעב דעם אַליין איז אונמעגליך צו בלייבען נייטראַל צו דער טעטיגקייט פון די געזעלשאַפטען, וואָס בערנעהמען זיך מיט רעגולירען אַזאַ ווילטיגע ערשיינונג אינ׳ם לעבען פון דער יודישער מאַסע בכלל און פון דער יודישער אַרבייטער־מאַסע בפרט, ווי די עמיגראַציע. מ׳דאַרף אָבער נישט פערגעסען אויך דאָס, אַז פונ׳ם דירעקטען רעגולירען די עמיגראַציע האָבען ביי אונז אויפגעבויט זייער גאַנצען געגענוואַרטס־פּראָגראַם פערשידענע סאָציאַל־אוטאָפּיסטען, וועלכע זיכען אויף אַזאַן אַרט צו געווינען די סימפּאַטיעס פון דער ברייטער יודישער מאַסע פאַר זייערע אוטאָ־

פּיסטישע אַוואַנטורעס. מיר דאַרפֿען דעריבער בעשליסען: צי זאָגען מיר פֿאַר די געזעלשאַפֿטען צו רעגולירען די עמיגראַציע אָדער קעגען זיי? אויב פֿאַר, דאַרף מען אויף זיי זעהען צו ווירקען דורך אונזער מעגליכען אַנטייל אין זייער אַרבייט; אויב קעגען, דאַן דאַרפֿען מיר אָפֿען און ענטשלאָסען אויפֿדעקען פֿאַר דער מאַסע, דער הויפּט פֿאַר דער אַרבייטער־מאַסע, דעם שעדליכען אינהאַלט פֿון דער טעטיגקייט, וואָס דיזע געזעלשאַפֿטען פֿיהרען.

און ווי וויכטיג ס'איז נישט ביי מיר אין די אויגען די רעגולירונג פֿון דער יודישער עמיגראַציע, וואָלט איך פֿונדעסטוועגען אַרויסגעזאָגט זיך, דאָס מען דאַרף זיך ענטזאָגען פֿון אָרגאַניזירען די דירעקטע הילף און זיך בעשרענקען נור מיט די פּאָליטישע פֿאָדערונגען בנוגע צו דער רעגולירונג פֿון דער עמיגראַציע און מיט דער ווירקונג פֿון דער יודישער אַרבייטערשאַפֿט אויף די אַרבייטער־אינטערנאַציאָנאַלע. איך וואָלט מיך אַזוי אַרויסגעזאָגט ביי איין בעדינגונג: ווען אַלע עקזיסטירענדע געזעלשאַפֿטען וואָלטען געשטרעבט צו רעגולירען די יודישע עמיגראַציע אויפֿן אוטאָפּיסטישען און פֿאַר דער מאַסע שעדליכען וועג, ווען אַלע עקזיסטירענדע געזעלשאַפֿטען וואָלטען מיט געוואַלד געוואָלט צו קאָנצענטרירען די יודישע וואַנדערער־מאַסע אויף אַ יודישער טעריטאָריע, און ווען מ'וואָלט גאָרנישט געקענט האָפֿען, אַז אין דער צוקונפֿט זאָלען ווערען בעשאַפֿען אַנדערע מינים געזעלשאַפֿטען. אין אַזעלכע געזעלשאַפֿטען, וואָס אַנשטאָט צו בעזייטיגען די שטערונגען און פּיין פֿון דער עמיגרירענדער מאַסע, גיבען זיך אָב מיט אַוואַנטוריסטישע פּלענער, וועלכע קענען נאָך מעהר פֿערשטאַרקען די צרות און פּיין פֿון דער וואַנדערענדער אָרימער און וועלכע רעגולירען בשום אופֿן נישט די בעוועגונג פֿונ'ם גרויסען עמיגראַציאָנס־שטראָם, — האָבען מיר, פֿערשטעהט זיך, נישט וואָס צו טאָן. אונזער אָרט איז אויסער זיי — און קעגען זיי.

די מעשה איז אָבער, דאָס אויף וויפֿיעל די עקזיסטירענדע געזעלשאַפֿטען ווילען ווירקליך העלפֿען די מענגע עמיגראַנטען, וואָס נויטיגען זיך אין פֿערשידענאַרטיגע הילף, — אויף אַזוי פֿיעל מוזען זיי, ווילענדיג אָדער נישט, געהען מיט דעם נאַטירליכען שטראָם און נישט קעגען איהם. אויף וויפֿיעל זיי ווילען געהן מיט דער מאַסע, און נישט די מאַסע זאָל געהן פֿאַרביי זיי, זענען זיי געצוואונגען אָנווייזען דער מאַסע די וועגען, מיט וועלכע זי קען געהן, אויף וועלכע זי קען אַם בעסטען געפֿינען גינסטיגע עקאָנאָמישע בעדינגונגען, ה. ה. די וועגען, וואוהין עס פֿיהרט זי דער נאַטירליכער עקאָנאָמישער פּראָצעס. אין פּראַקטיש זעהען מיר, דאָס אַנשטאָט צו קאָנצענטרירען די יודישע וואַנדערער, העלפֿען זיי אַליין זיי צו צערשפּרייטען; אַנשטאָט צו פֿיהרען זיי אין

ווײַטע געגענדען, שיקען זיי זיי אין אַמעריקאַ, כּמעט אויסשליסליך אין די פֿאַראייניגטע שטאַאַטען.

בײַ אַזעלכע בעדינגונגען קומט־אויס, דאָס פּראַקטיש טוען דיזע געזעלשאַפֿטען, בכלל גענומען, דאָס וואָס איז נוצליך און נויטווענדיג, הגם ווײַט ניט אַלץ, וואָס איז נויטווענדיג, און ווי עס וואָלט געווען אַם ניצליכסטען; פּראַקטיש, הייסט עס, טוען זיי די אַרבײַט, וואָס אין אַ געוויסער מאָס וואָלטען מיר אַליין אויך געטאָן. און אויב דיזע געזעלשאַפֿטען טראָגען דערבײַ נישט קיין פּאָליטישען פּאַרטיי־כאַראַקטער, וואָס זאָל זײַן געגען אונזערע איבערצײַגונגען, אויב דאָס זענען בכלל נישט קיין פּאָליטישע איינריכטונגען, דאַן בלײַבט פּראַקטיש קיין גרונד נישט, אַהין נישט אַרײַנצוטרעטען און אין זייער אַרבײַט נישט קיין אָנטייל צו נעהמען. אונזער אָרט איז נישט אויסער זיי, נור אין זיי.

מדאַרף אויף אַזאַנאַרט אַרײַנטרעטען אין יענע געזעלשאַפֿטען, וואָס בעשעפֿטיגען זיך מיט ברענגען הילף דער עמיגרירענדער מאַסע, וואָס טראָגען דערבײַ נישט קיין פּאָליטישען כאַראַקטער און וועלכע שטעלען זיך פּראַקטיש נישט קיין אוטאָפּיסטישע אויפגאַבען.

געוויס, אין די געזעלשאַפֿטען וועט אויסקומען צו בעגעגענען זיך מיט טעריטאָריאַליסטען מכל המינים און שאַטירונגען. נור דאָס איז אפֿשר גראָד קיין חסרון נישט. וואָרום, ערשטענס, וועט מען האָבען די פֿולע מעגליכקייט צו קאָנטראָלירען זייער טעטיגקייט און ציהען די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון דער מאַסע אויף יעדען פֿאַל, ווען זיי וועלען פֿערבויגען די אינטערעסען פֿון דער לעבענדיגער מאַסע אין דעם נאָמען פֿון זייערע אוטאָפּיסטישע צוועקען; דען ווען אַ טעריטאָריאַליסט בעשעפֿטיגט זיך מיט העלפֿען דעם עמיגראַנט, האָט ער פֿונדעסטוועגען שטענדיג אין זיננען: דינען דער עמיגראַציע, כּדי זי צו בעהערשען, ד. ה. ער האָט שטענדיג דעם בעהאַלטענעם וואונש צו פֿיהרען די עמיגרירענדע מאַסען נישט אַהין, וואו עס ציהען זי די קאָנקרעטע עקאָנאָמישע בעדינגונגען, נור ערגעץ אָן אַ זײַט, וואו עס וואַרט אויף איהר פּראַקטיש נור צרות און פּיין. און צווייטענס, וועלען מיר מיט אונזער טעטיגקייט און מיט אונזער אָפֿענער קריטיק שטופּען די טעריטאָריאַליסטען גופא צו זעלבסטבעשטימונג: פֿאַר אוטאָפּיסטישע שטרעבונגען און דאַן זיך אָבזאָגען פֿון העלפֿען דער גרויסער, לײַדענדער און עקספּלואַטירטער עמיגרירענדער מאַסע, — אָדער העלפֿען דער וואַנדערענדער מאַסע און דאַן לאָזען אינגאַנצען, ערנסטליך, אָן אַ זײַט די אוטאָפּיסטישע חלומות; קורץ: פֿאַרן טעריטאָריאַליזם און געגען דער רעגולירונג פֿון דער עמיגראַציע, אָדער פֿאַר רעגולירען די עמיגראַציע און דאַן — אויס טעריטאָריאַליזם.

הערמיט איז אייגענטליך שוין געגעבען אַן ענטפֿער אויף דעם, ווי

מידאַרף זיך פֿערהאַלטען צו יענע איינריכטונגען אויף רעגולירען די עמיגראַציע, וועגען וועלכע די יודישע פּרעסע האָט פֿיעל געשריען אין פֿערלויף פֿון די לעצטע עטליכע יאָהר. איך מיין: אַ ברייטע דעמאָקראַטישע געזעלשאַפֿט צו רעגולירען די עמיגראַציע, אַ עמיגראַציאָנס־באַנק און פֿערשידענע מינים עמיגראַציאָנס־צוזאַמענפֿאָהרען. הגם צוליעב די נישט ריכטיגע וועגען, מיט וועלכע עס זענען געגאַנגען די איניציאַטאָרען פֿון דיזע אַלע פּראָיעקטירטע איינריכטונגען, און אין אַ גרויסער מאָס אויך צוליעב די אוטאָפּיסטישע פּלענער, וואָס די איניציאַטאָרען האָבען פֿון פֿאָראויס געוועלט פֿערבינדען מיט דיזע איינריכטונגען, איז די פֿערווירקליכונג פֿון דיזע אַלע פּראָיעקטען היינט אויף אַ האָר נישט נעהענטער ווי מיט עטליכע יאָהר צוריק, — מיין איך פֿונדעסטוועגען, דאָס ביי געוויסע בעדינגונגען קענען דיזע פּראָיעקטען מאַמש פֿערווירקליכט ווערען, און פֿריהער אָדער שפּעטער וועלען זיי אפֿשר טאַקי פֿערווירקליכט ווערען. איך האָב עס שוין אויבען אָנגעמערקט בנוגע צו אַ ברייטער דעמאָקראַטישער עמיגראַציאָנס־געזעלשאַפֿט; דאָס זעלבע קען געזאָגט ווערען אויך בנוגע צו אַ עמיגראַציאָנס־באַנק. אַזאַ באַנק קען געוויס איהר [illegible] אויך אָהן דער שטיצע פֿון פֿערשידענע רייכע מימעס: פֿערמיטלונג ביים איבערשיקען געלד פֿון די איינוואַנדערונגס־לענדער, ביים בייטען געלד פֿון איין מלוכה אויף געלד פֿון אַנאַנדער מלוכה, ביים קויפֿען שיפֿס־קאַרטען א. ד. גל. פֿון דעם אַלעם מאַכען געוויסע קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעהמונגען און אויך אַ מאַסע קליינע פֿערמיטלער גאַנץ גוטע געשעפֿטען (פֿערשטעהט זיך, אויף דעם עמיגראַנטס חשבון); נישט יאָגענדיג זיך נאָך רוח, וואָלט דעריבער אַ גוט־אָרגאַניזירטע געזעלשאַפֿטליכע עמיגראַציאָנס־באַנק געקענט מיט בעדייטענדען ערפֿאָלג קאָנקורירען געגען די עהנליכע קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעהמונגען און פֿערשידענע פֿערמיטלערס. שווער איז געוויס די גרינדונג פֿון אַזאַ באַנק, די אויפֿזאַמלונג פֿון די ערשטע סומען וואָס זענען נויטיג די באַנק אַוועקצושטעלען אויף די פֿיס, כדי זי זאָל קענען אָנהויבען איהר טעטיגקייט. פֿונדעסטוועגען האַלט איך דאָס אויך נישט פֿאַר אַן אוממעגליכקייט. קיין מיליאָנען פֿאָדערען זיך נישט צו דעם, און עטליכע צעהנדליג טויזענד רובעל וואָלט מען געקענט אויפֿזאַמלען אַרויסלאָזענדיג אַ געוויסע צאָהל גאַנץ קליינע אַקציעס, צו 10 רובעל, צ. ב., ווי דאָס האָט געטאָן די ציוניסטישע קאָלאָניאַל־באַנק. געפֿינען ערווערבער אויף אַ פּאָר טויזענד אַזעלכע אַקציעס איז געוויס נישט קיין אוממעגליכקייט: די יודישע קהלות, פֿערשידענע דעמאָקראַטישע געזעלשאַפֿטען און אויך פּריוואַט־מענשען, וואָלטען אָהן בעזונדערע שוועריגקייטען געקענט אין זעהר אַ קורצע צייט אויסקויפֿען אַזאַ צאָהל קליינע אַקציעס.

אין אַזאַ עמיגראַציאָנס־געזעלשאַפֿט מיט אַזאַ עמיגראַציאָנס באַנק,

ווען זייער טעטיגקייט וואָלט דורך זייערע תּקנות גופֿא זײַן פֿערוואָרעט געגען
אומאַנטוריכטישע אונטערנעהמונגען, ווען זיי וואָלטען זײַן געבויט אויף
אמת־דעמאָקראַטישע יסודות, דאַרפֿען די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿעראיי־
נען נעהמען אַן אַקטיווען אָנטייל. פֿאַר אַזאַ דעמאָקראַטישע עמיגראַציאָנס־
געזעלשאַפֿט וואָלט דער אָנטייל אַפּילו פֿון די איצטיגע פּראָפֿעסיאָנעלע
פֿעראיינען אויך צוניץ געקומען: זיי וואָלטען געקענט פֿערבינדען די גע־
זעלשאַפֿט מיט דער אַרבייטער־מאַסע, אַזוי דאָס צ. ב. די מעלדונגען, וואָ־
נונגען, אָדער אַנדערע ידיעות, וואָס די געזעלשאַפֿט וועט אַרויסגעבען פֿאַר
די וואַנדערער, זאָלען באמת אָנקומען צו יענע, פֿאַר וועמען זיי זענען בע־
שטימט; זיי וואָלטען געקענט אין אַ פֿילע פֿאַלען שאַפֿען די עמיגראַנטען
פֿערבינדונגען מיט די אַרבייטער־פֿעראיינען, ספּעציעל מיט די יידישע
אַרבייטער־קרייזען, אין אַמעריקאַ; און אַפּילו די אַקציע, וואָס יעדער
פּראָפֿעסיאָנעלער פֿעראיין וואָלט געקויפֿט, וואָלט אויך געהאַט אַ געוויסע
מאַטעריעלע בעדייטונג פֿאַר אַזאַ דעמאָקראַטישער עמיגראַציאָנס־אַנ־
ריכטונג.

און טאַקי דערפֿאַר, ווײַל די עמיגראַציאָנס־געזעלשאַפֿט וואָלט פֿון די
פּראָפֿעסיאָנעלע פֿעראיינען געהאַט בעשטימטע נוצען, וואָלט זי זיך גע־
מוזט רעכענען מיט זיי אין איהר טעטיגקייט. אין אויף אַזאַ עמיגראַציאָנס־
געזעלשאַפֿט וואָלטען די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿעראיינען בעשטימט געהאַט ניט
קיין קליינע ווירקונג. אויך אַרבייטענדיג אין די אינפֿאָרמאַציאָנס־
ביוראָס און ענליכע איינריכטונגען, וואָס זענען געגרינדעט געוואָרען
דורך די פֿילאַנטראָפּישע „רייכע מומעס", קען מען האָבען אַ געוויסע ווירק־
קונג אויף דעם גאַנג פֿון זייער אַרבייט. נאָך מעהר אָבער קען מען
ווירקען אויף די אַרבייט פֿון אַ דעמאָקראַטיש־געבויטער עמיגראַציאָנס־
געזעלשאַפֿט: די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿעראיינען קענען דאָ זאָגען אַ דעה
אַלס גלייכבערעכטיגטע מיטגלידער, וואָס העלפֿען אַליין מיט צו טראָ־
גען די מאַטעריעלע און אָרגאַניזאַציאָנע לאַסטען פֿון דער געזעלשאַפֿט.
דער דעמאָקראַטישער בוי פֿון דער געזעלשאַפֿט און דאָס, וואָס זייערע
הכנסות וועלען צום גרעסטען טייל שטאַמען פֿון קהלשע קוועלען (פֿון
אַקציעס פֿון די קהלות, פֿון אַקציעס פֿון פֿערשידענע חברות און פֿעראיי־
נען, פֿון פֿערמיטלונג ביי דער עמיגראַציע גופֿא, ביים איבערשיקען געל־
דער א. ד. גל.) וועט זיי פֿאַקטיש און מאָראַליש שטעלען אונטער דעם
קאָנטראָל און דער שטענדיגער ווירקונג פֿון ברייטערע שיכטען, אויף
וועלכע די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿעראיינען, אַלס אָרגאַניזירטער, דיסציפּלינירטער
און בעוואוסטזיניגער עלעמענט, וועט געוויס האָבען אַ גרויסען
איינפֿלוס.

## C.--עמיגראַציאָנס־צוזאַמענפֿאָהרען.

אַ פּאָר ווערטער נאָך וועגען די פֿערשידענאַרטיגע פּראָיעקטען פֿון עמיגראַציאָנס־צוזאַמענפֿאָהרען, וואָס שווימען־אַרויף פֿון צייט צו צייט אין דער יודישער פּרעסע — און איך ענדיג.

לאַנג האָט מען זיך אַרומגעטראָגען מיט דעם געדאַנק פֿון אַ גרויסען, אַלוועלטליכען עמיגראַציאָנס־קאָנגרעס, וואו דאָס יודענטום אַלס גאַנצעס זאָל זוכען נייע און פֿרייע וועגען פֿאַר די רעגולירונג פֿון דער גרויסער נאַציאָנאַלער ערשיינונג — פֿון דער עמיגראַציע. פֿון איין זייט, האָט מען זיך פֿאָרגעשטעלט, וועלען קומען אויפֿ'ן קאָנגרעס די פֿאָרשטעהער פֿון קאַפּיטאַל און ערפֿאַהרונג אויפֿ'ן געביט פֿון רעגולירען די עמיגראַציע, ד. ה. די פֿאָרשטעהער פֿון די גרויסע פֿילאַנטראָפּישע איינריכטונגען, ווי יק"א, אַליאַנס און הילפֿס־פֿעראיין; פֿון דער אַנדערער זייט, די פֿאָרשטעהער פֿון „בעגייסטערונג" פֿאַר גרויסע נאַציאָנאַלע אַרבייט, ד. ה. סתם גוטע הערצער אָדער בעל־מחברים פֿון פֿערשידענע חלומישע פּלענער וועגען בעהערשען די עמיגראַציע כדי אויפֿצובויען אַ יודישע מלוכה. זעלבסטפֿערשטענדליך אָבער, אַז די וואָס האָבען אי די נויטיגע קאַפּיטאַלען, אי אַ לאַנגע פּראַקטיק, וועלען קיינמאָל נישט געהן פֿרעגען קיין עצות ביי יענע, וואָס האָבען נישט קיין קאַפּיטאַלען, און נישט קיין ערפֿאַהרונג, נור וואָס זענען דערפֿאַר רייך אין „בעגייסטערונג", און פּלענער אויסגעקוועטשטע פֿון הוילען שטערן. אַזאַ קאָנגרעס איז דעריבער אַליין נישט מעהר ווי איינער פֿון דיזע פֿילצעהליגע „בעגייסטערטע" פּלענער.

ס'איז גאַנץ מעגליך, דאָס די גרויסע פֿילאַנטראָפּישע געזעלשאַפֿטען וועלען זעהען בעסער צו קאָאָרדינירען זייער טעטיגקייט; נור אַזוי ווי אין גאַנצען קען מען דיזע געזעלשאַפֿטען איבערצעהלען אויף די פֿינגערס, בעדאַרפֿען זיי צו דעם נישט קיין קאַקענדיגע קאָנגרעסען מיט „בעגייסטערטע" רעדעס; זייערע פֿאָרשטעהער קענען זיך פּשוט צוזאַמענקומען אויף אַ „פֿייוו־אָ־קלאָק" און דאָרטען אָהן שום רעש און געפּילדער אַרומרעדען זייערע ענינים, וועלכע קענען ביי זיי קיין גרויסע וכוחים נישט אַרויסרופֿען. אַזאַ בעראַטונג אָדער אַזעלכע בעראַטונגען זענען פֿאַר דיזע געזעלשאַפֿטען די והותר.

אַ צוזאַמענפֿאָהר, אין וועלכען עס זאָלען ציגלייך אָנטייל־נעהמען די פֿאָרשטעהער פֿון די גרויסע פֿילאַנטראָפּישע געזעלשאַפֿטען און פֿון דער ברייטער דעמאָקראַטישער מאַסע איז מעגליך בלויז ביי איין בעדינגונג: ווען דיזע דעמאָקראַטישע עלעמענטען וועלען האָבען פּראַקטיש געאַרבייט אין דער רעגולירונג פֿון דער יודישער עמיגראַציע. ווען אַ דעמאָקראַטישע עמיגראַציאָנס־געזעלשאַפֿט, וועגען וועלכער איך האָב אויבען גערעדט, וואָלט געגרינדעט געוואָרען און האָט

אויף דער פּראַקטיק דערווייזען איהר לעבּענס־פֿעהיגקייט, דאַן וואָלט מעגליך געווען צוזאַמענצורופֿען די פֿאָרשטעהער פֿון דיזער געזעלשאַפֿט און פֿון די „רייכע מוהמעס", כּדי געגענזייטיג זיך בּעקאַנט צו מאַכען מיט די ערוואָרבּענע ערפֿאַהרונגען, מיט די געבּרויכטע אין יעדער געזעלשאַפֿט רעגולירונגס־מעטאָדען, מיט די רעזולטאַטען, צו וועלכע דיזע מעטאָדען האָבּען געבּראַכט, און צו קאָאָרדינירען די טעטיגקייט פֿון אַלע געזעלשאַפֿטען, אַז זיי זאָלען נישט קאָנקורירען איינע מיט די אַנדערע, נור זיי זאָלען איינע די אַנדערע דערגענצען. נור אויך אין דיזען פֿאַל וועט עס נישט קענען קומען צו אַ קאָנגרעס, וואו עס ווערען אָנגענומען געוויסע רעזאָלוציעס מיט אַ מעהרהייט פֿון שטימען, נור צו אַ קאָנפֿערענץ אָדער אַ בּעראַטונג, בּיי וועלכער יעדע פֿון די פֿאַרגעשטעלטע עמיגראַציאָנס־אָרגאַניזאַציעס וועט בּעהאַלטען איהר זעלבּשטשטענדיגקייט, איהר רעכט צו פֿאָלגען אָדער נישט די וואונשען פֿון דער פֿערזאַמלונג. וואָרום נישט די „רייכע מומעס" וועלען זיך אָבּזאָגען פֿון זייער זעלבּשטשטענדיגקייט, און נישט אַ דעמאָקראַטישע געזעלשאַפֿט, וועלכע שטעהט אין דירעקטער פֿערבּינדונג מיט דער וואַנדערענדער מאַסע, און וועלכע איז פֿיעל בּעסער בּעקאַנט מיט איהרע נויטען און בּעדערפֿנישען, וועט קענען נעמען אויף זיך אַ התחיבות צו פֿאָלגען אַלץ, וואָס וועלען הייסען די „רייכע מומעס", ווען זי וועט מיט זייערע פֿאָדערונגען נישט איינשטימען.

איך מיין דעריבּער, דאָס מ ע ד ע ם איז געווען פֿ ו ל ק ו ם גערעכט, ווען ער האָט געזאָגט („יעווריייסקאַיאַ אָבּאָזרעניע" נומ. 11), דאָס דער צוזאַמענפֿאָהר מיט'ן צוועק אַריינצוטראָגען מעהר איינהייט אין די רעגולירונג פֿון דער יודישער עמיגראַציע, דאַרף זיין נישט קיין עמיגראַציאָנס־ק אָ נ ג ר ע ס, נור אַ עמיגראַציאָנס־ק אָ נ פֿ ע ר ע נ ץ. צו דעם וויל איך אָבּער נאָך צוגעבּען: דיזע קאָנפֿערענץ קען אויפֿגערופֿען ווערען נ י ש ט א י צ ט ע ר, נ ו ר ד אַ ן, ווען עס וועט עקזיסטירען אין אַרבּייטען אַ ד ע מ אָ ק ר אַ ט י ש ע ע מ י ג ר אַ צ י אָ נ ס־ג ע ז ע ל ש אַ פֿ ט.

נור כּדי צו גרינדען די דעמאָקראַטישע עמיגראַציאָנס־געזעלשאַפֿט, וועט מען אויך מוזען מאַכען אַ צוזאַמענפֿאָהר: אַן איינפֿאַכען, אַ היימישען, אַ „דעמאָקראַטישען". צו דאַרפֿען די אַרבּייטער־פֿעראיינען אָנטייל־נעהמען אין'ם גרינדונגס־צוזאַמענפֿאָהר פֿון אַזאַ געזעלשאַפֿט? אייגענטליך איז די זאַך קלאָר: ווי בּאַלד, אַז זיי זענען גרייט צו אַרבּייטען אין דער געזעלשאַפֿט, דאַן פֿאַרוואָס זאָלען זיי נישט אָנטייל־נעהמען אין'ם גרינדונגס־צוזאַמענפֿאָהר פֿון דיזער געזעלשאַפֿט? פֿערקעהרט, נעהמענדיג אין איהם אַן אָנטייל, וועלען זיי קענען בּיי־צייטענס ערוואַרבּען אַ גרעסערע ווירקונג אויף דעם כאַראַקטער און די טעטיגקייט פֿון דער געזעלשאַפֿט. די מעשה איז אָבּער, דאָס בּיינאַכט זענען אַלע קעץ גרוי;

און בעת דער צוזאַמענפֿאָהר ווערט צונויפֿגערופֿען, איז זעהר שווער צו וויסען, וואָס פֿאַר אַ גענויען צוועק ער שטעלט זיך אין אמת'ן. אונטער דער אָנציהענדער פֿירמע פֿון רעגולירען די יודישע עמיגראַציע קענען געוויסע סאָציאַל-אויטאָפּיכטישע שטרעמונגען זוכען צו מאַכען אַ גרויסע רעקלאַמע פֿאַר זייער אייגען קרעמעל. מ'וועט מיר זאָגען (ווי דאָס זאָגט צ. ב. אין אַ געוויסען אָרט וו. מ.) דאָס מקען שטענדיג פֿערלאָזען דעם צוזאַמענפֿאָהר, ווי עס וועט זיך נור אַרויסווייזען, דאָס זיין צוועק איז נישט די רעגולירונג פֿון דער עמיגראַציע אָדער נישט דאָס אַליין. געוויס, איז ביי אַזעלכע בעדינגונגען גלייכער צו פֿערלאָזען דעם צוזאַמענפֿאָהר איידער פֿערבלייבען אויף איהם; אָבער נאָך אַ סך גלייכער איז אויף אַזאַ מין רעקלאַמען-צוזאַמענפֿאָהר לכתחלה נישט צו געהן; וואָרום אונזער הסכמה אָנטייל-צונעהמען אין איהם וועט געוויס דעם צוזאַמענפֿאָהר שאַפֿען בריימע סימפּאַטיעס, צוציהען די מיטאַרבייטונג פֿון פֿערשידענע נייטראַלע קרייזען, וואָס איינמאָל צוגעצויגענע צו איהם, וועלען זיי איהם שוין נישט פֿערלאָזען צוזאַמען מיט אונז. אונזער הסכמה גופא וועט אויסגענוצט ווערען אַלס רעקלאַמע אויף אַלע פֿאָר-וואַהל-און פֿאַרבערייטונגס-פֿערזאַמלונגען צום צוזאַמענפֿאָהר, און פֿאַר אונזערע סאָציאַל-אויטאָפּיכטען מכל המינים איז דאָס אַליין אויך גענוג וויכטיג.

א י י ד ע ר דער צוזאַמענפֿאָהר וועט זיך צונויפֿקומען, וועט אַלזאָ אויסקומען גענוי נאָכצופֿאָרשען, וואָס זעהען זיינע אמת'ע צוועקען, פֿון וועלכע עלעמענטען וועט ער וואַהרשיינליך בעשטעהן, און איינגעפֿעהר וואָס פֿאַר אַ פֿיזיאָנאָמיע וועט ער אויף זיך טראָגען, — און לויט די רעזולטאַטען פֿון דיזע נאָכפֿאָרשונגען בעשטימען, אויב מיר האָבען דאָ צו טאָן מיט אַן עמיגראַציאָנס-צוזאַמענפֿאָהר אָהן שום זייטיגע פּניות, אָדער מיט עפּעס אַן אַנדער זאַך; פֿון דעם ווידער דאַרף אָבהענגען אונזער אַקטיווע האַלטונג פֿאַר אָדער געגען דעם צוזאַמענפֿאָהר.

נור דאָס איז שוין די אויפֿגאַבע פֿון די פּראַקטישע טוער אויף די ערטער צו בעשטימען דעם קאָנקרעטען כאַראַקטער פֿון די פֿערשידענע קאָנקרעטע, עקזיסטירענדע אָדער פּראָעקטירטע, איינריכטונגען. זיי געהערט איצט דאָס וואָרט — און די טהאַט.

דיאַגראַם №1



די צאָהל אויסגעוואַנדערטע יודען
אויף יעדע 100 אויסגעוואַנדערטע פּאָלאַקען (———)
און אויף יעדע 100 אויסגעוואַנדערטע רוטענען (-----)
(אין עסטרייך-אונגאַרן)
1901 1902 1903 1904 1905 1906 1907 1908 1909 1910
0 10 20 30 40 50 60 70 80 90 100 110 120 130 140 150 160 170 180 190 200 210 220 230 240 250

# דיאַגראַם № 2.



די אויסוואַנדערונגס=שטופֿע
(פֿון יעדע 10.000 איינוואוינער)
ביי יידען (———)
" פּאָליאַקען (- - - - -)
" ליטווער (..........)
" רוטענער (+++++++)
פֿון עסטרייך=אונגארן
פֿון רוסלאַנד

# דיאַגראַמע № 3.



1910 1909 1908 1907 1906 1905 1904 1903 1902 1901 1900 1899
76 74 72 70 68 66 64 62 60 58 56 54 52 50 48 46 44 42 40
אאַנסלייט (———),
געוואַקסענע יונגע (++++++)
און עקאָנאָמיש=אַקטיווע (------)
צווישן יעדע 100 יידישע וואַנדערער.

№4 דיאַגראַמע




די יידישע וואַנדערער פון „קוואַליפיצירטע" פּראָפעסיעס
לויט די פאַך־צווייג גרופּן.

# דיאַגראַמע № 5.


1910 1909 1908 1907 1906 1905 1904 1903 1902 1901 1900 1899
610 600 590 580 570 560 550 540 530 520 510 500 490 480 470 460 450 440 430 420 410 400 390 380 370
בעשעפֿטיגטע
אין בעקלײדונג=אינדוסטריע (———)
און מעבעל מיט שנײדערײ (- - - -)
צווישן יעדע 1000 „קוואַליפֿיצירטע"
וואַנדערער.

דיאַגראַם № 6



יודען אויף יעדע 100 ניט-יודען
בעשעפטיגטע אין דערװערבער פּראָפעסיע.
א = אַקטיװע (בכלל)
ב = " אין אינדוסטריע.
ג = " " " פון בעקלײדונג
ד = " " האַנדעל.
ה = " " " מיט לאַנדװירטש. פּראָדוקטען.
1218
777
425
351
333
298
270
268
234
120
114
106
92
87
86
57
46
39
30
21
16
16
15
14
7
בכלל אין
תחום
צפון
דרום-מערב
פּױלען
דרום-מזרח

דיאַגראַם №7.


שוואַנקונגען פֿון די
קאָרן-געראַטענישן אין רוסלאַנד
(-------, אין פּראָצענטן פֿון דער דורכשניטלעכער געראַטעניש)
און די
אימיגראַציע פֿון רוסלענדער יידען
אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן
(———, אין טויזענדער וואַנדערער)
1910-11
1909-1910
1908-09
1907-08
1906-07
1905-06
1904-05
1903-04
1902-03
1901-02
1900-01
1899-1900
1898-99
1897-98
1896-97
1895-96
1894-95
1893-94
1892-93
1891-92
1890-91
1889-1890
1888-89
1887-88
0
5
10
15
20
25
30
35
40
45
50
55
60
65
70
75
80
85
90
95
100
105
110
115
120
125
130

# אינהאלט:


זייט

א פאָר װערטער צו דער יודישער אויסגאבע . . . . . .

אײנלײטונג . . . . . . . . . 1

## ערשטער טייל.

### ערשטע אָבטײלונג: די גרויס פון דער יודישער עמיגראַציע

קאפיטעל I: אבסאָלוטע צאָהלען . . . . . . . . 5

„ II: פערהעלטניסמעסיגע גרויס פון דער יודישער עמיגראַציע . . 8

„ III: די אויסװאנדערונגס-שטופע . . . . . 14

„ IV: צײטװײליגע און ענדגילטיגע אויסװאנדערונג . . . . 21

### צװייטע אָבטײלונג: די יודישע עמיגראַנטען . . . . . 25

קאפ. I: דאָס געשלעכט פון די יודישע װאנדערער . . . . . 26

„ II: זייער עלטער . . . . . . . . 29

„ III: זייער פאמיליען-צושטאנד . . . . . 33

„ IV: זייער בילדונגס-צושטאנד . . . . . 36

### דריטע אָבטײלונג: די פּראָפעסיעס פון די יודישע עמיגראַנטען . 42

קאפ. I: עקאָנאָמיש-אקטיװע און פאסיװע עמיגראַנטען . . . . . 43

„ II: אינטעליגענטען צװישען די װאנדערער . . . . . 47

„ III: „פערשידענע" נישט-קװאַליפיצירטע פּראָפעסיעס . . . . 52

„ IV: בעשעפטיגטע מיט האנדעל . . . . . . 57

„ V: „קװאַליפיצירטע" אינדוסטריעלע פּראָפעסיעס . . . . . 60

„ VI: די װיכטיגערע פאכאָװע גרופּעס (דורכשניטליכער רעזולטאט) . 65

„ VII: די װיכטיגערע פאכאָװע גרופּעס (ענטװיקלונגס-טענדענצען) . 69

„ VIII: פאכען מיט א יודישער מעהרהייט . . . . . . 73

א קורצער סך הכל . . . . . . . . 77

## צװײטער טייל.

### ערשטע אָבטײלונג: די סבות פון דער יודישער עמיגראַציע . . 79

קאפ. I: די עקזיסטירענדע ערקלעהרונגען און זייער קריטיק . . . . 81

זייט

קאַפּ. II: דער פּראָפעסיאָנעל'ער בעשטאַנד פון דער יודישער בעפעלקערונג . . 92

„ III: דער תּחום אַלס אָבזאַץ-פּלאַץ פאַר'ן האַנדעל און פאַר די אינדוסטריע
פון די יודען . . . . . . . . . . 105

„ IV: און אַמאָל? . . . . . . . . . 111

„ V: דער אַגראַר-קריזיס און די יודישע עמיגראַציע . . . . 114

„ VI: די לויפּעניש אין די שטעדט און די יודישע אויסוואַנדערונג . . 122

„ VII: די פּראָדוקציאָנס-אַרט און די יודישע עמיגראַציע . . . 126

„ VIII: אינערליכע און אויסערליכע וואַנדערונגען . . . . 130

„ IX: פון וואַנען נעמט זיך דער איינענאַרטיגער כאַראַקטער פון דער
יודישער עמיגראַציע? . . . . . . . . 133

A) דער פּראָפעסיאָנעלער בעשטאַנד. . . . . . . „

B) די ריכטונג. . . . . . . . . 134

C) ענדגילטיגע און צייטווייליגע עמיגראַציע . . . . 138

D) עלטער, געשלעכט און פאַמיליען-צושטאַנד . . . . 140

E) פערהעלטניסמעסיגער צוריקגאַנג. . . . . . 141

קורצע רעזיומירונג . . . . . . . . . . 144

## צווייטע אָבטיילונג: די בעדייטונג פון דער יודישער עמיגראַציע.

קאַפּ. I: סאָציאַל-עקאָנאָמישע און קולטורעלע פאָלגען . . . . . 145

„ II: די עמיגראַציע און די לעזונג פון דער יודישער נאַציאָנאַלער פראַגע . 153

„ III: די עמיגראַציע און די גרויס פון דער יודישער בעפעלקערונג. . 161

A) די רעלאַטיווע צאָהלען פון דער יודישער בעפעלקערונג אין רוסלאַנד
און עסטרייך-אונגאַרן . . . . . . . . „

B) איינצעלנע וואוינונגס-ראַיאָנען . . . . . . 163

C) די שטעדטלעך און די שטעדט . . . . . . 165

„ IV: אַנדערע פאָלגען פון דער יודישער עמיגראַציע . . . . 166

## דריטע אָבטיילונג: די רעגולירונג פון דער יודישער עמיגראַציע. 171

קאַפּ. I: די ראַדיקאַלע לעזונג פון דער עמיגראַציאָנס-פראַגע . . . 172

„ II: צי איז מעגליך צו ענדערען די ריכטונג פון דער יודישער עמיגראַציע 176

„ III: די געוועהלטע קאָלאָניזאַציע אַלס ענטפער אויף די עמיגראַציאָנס-פראַגע 183

„ IV: די עמיגראַציאָנס-פראַגע אַן אַרבייטער-פראַגע . . . . 186

„ V: אַ פּראָגראַם פון פּראַקטישער טעטיגקייט . . . . . 191

1) אויף דעם פּאָליטישען געביט . . . . . . . 193

2) אויפ'ן געביט פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבייטער-בעוועגונג . 198

3) דירעקטע הילף פאַר די וואַנדערער . . . . . 200

„ VI: די איינריכטונגען וואָס אין זייער רשות דאַרף שטעהן דער עמי-
גראַנטען-שוץ . . . . . . . . . . 202

זייט

קאפ. VII: פראגען פון געגענווערטיגען מאמענט . . . . . . 216
1) די קהלות און די רעגולירונג פון דער עמיגראציע . . 218
2) עקזיסטירענדע און פראיעקטירטע עמיגראציאנס-געזעלשאפטען . 223
3) עמיגראציאנס-צוזאמענפאהרען . . . . . . . 228

---

## טאבעלען-ליסטע.

### A.—אינטערנאציאנאלע פערגלייכענדע טאבעלען:

טאבעלע I: יודישע און אלגעמיינע איינוואנדערונג אין די פעראיינ. שטאאטען . 5
" II: יודישע, פוילישע און רוטענישע איינוואנדערונג אין די פעראיינ. שטאאטען . . . . . . . . . . 10
" III: יודישע, פוילישע, ליטווישע און רוטענישע עמיגראציע פון רוסלענדער מלוכה און פון עסטרייך-אונגארן אין די פעראיינ. שטאאטען . 12
" V: אויסוואנדערונגס-שטופע ביי יודען, פאליאקען, ליטויער און רוטענער פון רוסלענדער מלוכה און פון עסטרייך-אונגארן . . . . 17
" VI: די אויסוואנדערונגס-שטופע ביי פערשידענע פעלקער פון עסטרייך און פון אונגארן . . . . . . . . . 20
" VII: איינוואנדערונג און צוריקוואנדערונג פון די פעראייניגטע שטאאטען מצד די פערשידענע אייראפעאישע פעלקער . . . . . 22
" VIII: די איינוואנדערונג פון די פערשידענע אייראפעאישע פעלקער אין די פעראייניגטע שטאאטען לויט דעם געשלעכט פון די וואנדערער . 27
" X: דאסזעלבע לויט דעם עלטער פון די וואנדערער. . . . 30
" XII: פאמיליען-צושטאנד פון די וואנדערער (ביי יודען און אין אלגעמיין) . 34
" XIII: אנאלפאבעטיזם צווישען די וואנדערער פון פערשידענע אייראפעאישע פעלקער . . . . . . . . . 37
" XV: עקאנאמיש-אקטיווע און פאסיווע צווישען די וואנדערער פון די אייראפעאישע פעלקער . . . . . . . . 44
" XVII: אינטעליגענטען, פאכאווע ארבייטער און מענשען פון „פערשידענע" אנדערע פראפעסיעס צווישען די וואנדערער פון די אייראפעאישע פעלקער . . . . . . . 48
" XXI: יודישע און ניט-יודישע וואנדערער פון די וויכטיגערע פאכען אין 1905 און 1906 . . . . . . . 63
" XXIII: פראפעסיאנעלער בעשטאנד פון די יודישע און ניט-יודישע וואנדערער 68
" XXVI: יודישע און אלגעמיינע איינוואנדערונג פון די פאכען מיט א יודישער רעלאטיווער מעהרהייט . . . . . . 74
" XXVII: יודישע און אלגעמיינע איינוואנדערונג פון די פאכען מיט א יודישער אבסאלוטער מעהרהייט (אין 1904 און אין 1910) . 76
" XXVIII: די וויכטיגסטע פראפעסיאנעלע גרופען ביי דער בעפעלקערונג פון דייטשלאנד, עסטרייך, רוסלאנד און ביי די פאליאקען און די יודען . . . . . . . . . 94

זייט

טאַבעלע XXIX: דער אײנטײל פון די פּראָפעסיעס אין רוסלענדער מלוכה בײ יודען און בײ ניט־יודען . . . . . . 95

„ XXX: בעשעפטיגטע אין בעקלײדונגס־אינדוסטריע אין דײטשלאַנד, עסטרײך, רוסלאַנד און בײ יודען אין רוסלאַנד און גאַליציען . 96

„ XXXI: פּראָפעסיאָנעלער בעשטאַנד פון דער יודישער און ניט יודישער בעפעלקערונג אין גאַליציען . . . . . 98

„ XXXII: פּראָפעסיאָנעלער בעשטאַנד פון דער יודישער און ניט־יודישער בעפעלקערונג אינ'ם תחום . . . . . . 100

## B. —אויסשליסליך יודישע טאַבעלען.

טאַבעלע IV: אויסוואַנדערונגס־שטופע בײ יודען אין רוסלאַנד און אין עסטרײך־אונגאַרן (יעהרליכע שוואַנקונגען) . . . . . . 15

„ IX: געשלעכט פון די יודישע וואַנדערער . . . . . 28

„ XI: עלטער פון די יודישע וואַנדערער . . . . . 31

„ XIV: אַנאַלפאַבעטיזם פון די יודישע וואַנדערער . . . . 38

„ XVI: אַקטיווע און פּאַסיווע יודישע וואַנדערער . . . . 46

„ XVIII: אינטעליגענטען צווישען די יודישע עמיגראַנטען . . . 50

„ XIX: האַנדעלס־לײט . . . . . . . . 58

„ XX: פאַכאַווע אַרבײטער . . . . . . . 61

„ XXII: זײער אײנטײל צווישען די פערשידענע פאַכאַווע גרופּען . . 66

„ XXIV: די וויכטיגערע פאַכאַווע גרופּען נאָך בעקלײדונגס־בראַנזש. . 70

„ XXV: בעשעפטיגטע אין בעקלײדונגס־בראַנזש . . . . . 71

„ XXXIII: פּראָפעסיעס פון דער יודישער בעפעלקערונג אין פערשידענע ראַיאָנען פונ'ם תחום. . . . . . . . 103

„ XXXIV: גערעטעגישען אויף קאָרן אין רוסלאַנד און די יודישע עמיגראַציע . . . . . . . . . 119

„ XXXV: פּראָפעסיאָנעלער בעשטאַנד פון דער יודישער בעפעלקערונג אין תחום און פון דער וואַנדערענדער מאַסע . . . . . 127

„ XXXVI: די יודישע בעפעלקערונג פון עסטרײך און ספּעציעל פון גאַליציען 1890־1910 . . . . . . . . 155

„ XXXVII: בעשעפטיגטע מיט לאַנדווירטשאַפט צווישען די יודישע אימיגראַנטען אין די פעראײניגטע שטאַאַטען. . . . . 160

V

## דיאַגראַמען־ליסטע.

№ 1.—די צאָהל יודען אויסגעוואַנדערטע פון עסטרייך־אונגאַרן אין פערגלייך מיט די פּאָלאַקען און רוטענער, וואָס זענען פון דאָרטען אויסגעוואַנדערט.

№ 2.—די אויסוואַנדערונגס־שטופע ביי יודען, פּאָלאַקען, ליטוייער און רוטענער פון רוסלענדער מלוכה און עסטרייך־אונגאַרן.

№ 3.—מאַנסלייט, דערוואַקסענע יונגע און עקאָנאָמיש־אַקטיווע צווישען יעדע 100 יודישע וואַנדערער.

№ 4.—די „פאַכאָווע" וואַנדערער לויט די פאַכאָווע גרופען ביי יודען.

№ 5.—בעשעפטיגטע אין בעקליידונגס־אינדוסטריע (און ספּעציעל מיט שניידעריי) צווישען יעדע 100 „פאַכאָווע" יודישע וואַנדערער.

№ 6.—צום פּראָפעסיאָנעלען בעשטאַנד פון דער יודישער בעפעלקערונג אין פערשידענע ראַיאָנען פון תחום.

№ 7.—קאָרן־בערעטעניש און יודישע עמיגראַציע פון רוסלאַנד.

I.

# בעמערקטע דרוק־פעהלערן.

## אין די טאַבעלען.

| № | שפאַלט | שורה | שטעהט: | דארף שטעהן: |
|---|---|---|---|---|
| I | 2 | אונטערשטע | 765,529 | 765,531 |
| „ | 6 | „ | 9,554,673 | 9,555,673 |
| „ | „ | 7 פון אונטען | 1,062,499 | 1,026,499 |
| III | 5 | 4 „ „ | 19 | 190 |
| XIV | 3 | 5 „ „ | 31,585 | 31,885 |
| XVI | 3 | 2 „ „ | 15,813 | 45,813 |
| XVII | — | אונטערשטע | עמיגראַציע | אימיגראַציע |
| XXI | 2 | 8 פון אונטען | 8,849 | 2,849 |
| XXIII | 5 | 4 „ אויבען | 184,778 | 184,754 |
| „ | „ | „ „ | 203,614 | 121,720 |

## אין טעקסט.

| זייט | שורה | שטעהט : | דארף שטעהן: |
|---|---|---|---|
| 6 | 2 פון אויבען | 74 טויזענד מאַן | 74 טויזענד |
| 9 | 5 „ „ | אונזערע טאַבעלען ווייזען | אונזער טאַבעלע ווייזט |
| „ | 10 „ „ | אויפשוואַנונג | אויפשוואונג |
| 15 | 10 פון אויבען | שטופע. ביי | שטופע ביי |
| 19 | 10 „ „ | ידען, | יודען. |
| „ | 13 „ „ | יאָהר. | יאָהר, |
| 24 | 2 „ אונטען | ענטג,לטיגע | ענדגילטיגע |
| 26 | 12 „ „ | איינען | וואוינען |
| 34 | 2 „ „ | 62 | 61 |
| 36 | 11 פון אויבען | יעדער | אז יעדעד |
| 39 | 3 „ „ | לעגענדען | לעגענדע |
| 40 | 7 „ אונטען | עכסט־קריטישער | העכסט־קריטישער |
| 57 | 2 „ „ | פערצייכענונגס־אָרט | פערצייכנונגס־ארט |
| 60 | 6 „ „ | איז בעזונדער שטאַרק | און זעהר שטאַרק |
| 61 | 5 „ אויבען | 10 מאָל גרויס | 10 מאָל אזוי גרויס |

II.

| זייט | שורה | שטעהט: | דארף שטעהן; |
|---|---|---|---|
| 69 | 19 פון אויבען | ענמוויקלונגס־ | ענטוויקלונגס־ |
| 78 | 2 „ אונטען | און שניידעריי הערט | און הערט |
| „ | אונטערשטע | נעהמען אנדערע | נעהמען אין אנדערע |
| 79 | 3 פון אונטען | סבות, די סבות | סבות—די סבות |
| 84 | 23 „ אויבען | צי יענע ערטער | צו יענע ערטער |
| 85 | 18 „ אונטען | אויסערן־מיניסטעריום | אינערן־מיניסטעריום |
| 87 | אונטערשטע | פייזען ווילען | בייזען ווילען |
| 104 | 9 און 10 פון אויבען | ——— | (שורה 9 דארף שטעהן נאך שורה 10) |
| 111 | 13 פון אויבען | אר אמאל | און אמאל? |
| 124 | אונטערשטע | קאפּיטאליזם | קאפּיטאליסט |
| 144 | 9 פון אונטען | אויפנאהמס־ | אויסנאהמס־ |
| 147 | 22 „ אויבען | ראדיקאליסטער | ראדיקאלסטער |
| 148 | 1 „ „ | אבער קולטורעלע | אדער קולטורעלע |
| „ | 15 „ אונטען | פאנטאזיי, | פאנטאזיע |
| 181 | 18־19 „ „ | פון ניו־יאהר | פון ניו־יארק |
| 188 | 2־1 „ אויבען | די ארטיגע שפראך | די ארטיגע שפּראך |
| 196 | 15 „ „ | נויטוועגדיג זיי זאלען | נויטוועגדיג עס זאל |
| 199 | 16 „ אונטען | פון די אנטי־ | די אנטי־ |
| „ | 19 „ „ | און איינוואנדערונגס־ | אין איינוואנדערונגס־ |
| 202 | 1 „ אויבען | שטעה | שטעהען |
| 203 | 4 „ „ | אן א צייט | אן א זייט |
| 219 | 3 „ אונטען | דאס איצט | דאס איז איצט |
| 220 | 2 „ אויבען | ——— | (איבעריגע שורה; די גאנצע שורה דארף שטעהען אויף ז. 218 נאך שורה 3) |
| 222 | 8 „ אויבען | פון דער עמיגראציע. | פון דער עמיגראציע? |
| 227 | 2 „ אונטען | וועט געוויס | וועלען געוויס |
| „ | 14 „ „ | אויך אויף דעם | אויף דעם |